STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02350

ALE VERK

Samuel Leib Zitron

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ש. ל. ציטראָן

שְׁתַדְּלָנִים

אינטערעסאַנטע יידישע
::: טיפּן :::
פון נאָענטן עבר

פאַרלאַג :: „אחיספר" :: ווארשע

Printed in Poland

Druk B-cia Lewin-Epsztein i S-ka. Warszawa, Pawia 3[illegible].

אינהאַלט:

הקדמה	4
ר׳ לייב מייטעס	7
בהומקע לין	15
ר׳ יהושע צייטלין	28
פון שתדלנים—משומדים	53
ר׳ נתן נאָטקין	68
זונדל זאָנענבערג	90
אליעזר דילאָן	125
וואָס יידן דערציילן וועגן אַלעקסאַנדער דעם 1־טן	138
ר׳ יום־טוב ליפּמאַן זעלצער	156
ר׳ איטשעלע מאָנאַסטירשצינער	166
ליפּמאַן פייגין	196
ר׳ משה מאָנטיפיאָרע ביי ניקאָלאַי דעם 1־טן	218
ר׳ דוד לוריא (ר׳ דוד׳ל ביכאָווער)	233
יעקב יצחק אַלטאַרעס	267
יוסף (יאָסיף איזראַעליוויטש) הײלפּערין	280
ר׳ יענקעלע קאָוונער	312
באַראָן יוזיל גינצבורג	334
האָראַץ גינצבורג	340

הקדמה.

דער צוויי-טויזנט-יעריקער גלות האָט געשאַפֿן אין דעם לעבן פֿונם יידישן פֿאָלק אַ מין אייגנאַרטיק'ע אינסטיטוציע, וואָס מען זעט נישט איר גלייכן בײַ קיין שום אומה ולשון. דאָס איז די אינסטיטוציע פֿון די אַזוי-גערופֿענע „שתדלנים". פֿאַרלעבעדיק צעזייט און צעשפּרייט איבער דער וועלט אין פֿאַרשיידענע לענדער אונטער דעם יאָך פֿון פֿרעמדע מושלים, אָפּהענגיק פֿון זייער ווילן, און גאַנץ אָפֿט פֿון זייערע ווילדעסטע קאַפּריזן, כמעט תּמיד אומבאַשיצט נישט בלויז אין די בירגערלעכע, נאָר אַפֿילו אין זייערע מענטשלעכע רעכט, – איז בײַ יידן ענטשטאַנען דאָס באַדערפֿעניש צו האָבן שטענדיק מוכן ומזומן פֿון זייער צד געוויסע פּערזאָנען, וואָס זאָלן צו יעדער צייט פֿאַרטיידיקן זייערע אינטערעסן, ווּ און ווען מען באַדאַרף און פֿאַר וועמען מען באַדאַרף. תּחלת זענען דידאָזיקע פּערזאָנען אויסגענוצט געוואָרן אין מאָמענטן פֿון עלילת-דמען, פֿון שלעכטע גזרות, פֿון גירושים, פֿון אָפּנעמען געוויס'ע פּרנסות, פֿון ארויפֿלייגן הויכע, דריקענדע שטייערן וכדומה. אין אַזעלכע פֿאַלן איז די פֿאַרטיידיקונג באַשטאַנען אָדער אין בעטן רחמים בײַ די שררות, אָדער אין אונטערקויפֿן זיי אַליין, און אַמאָל אויך זייערע ווײַבער און קעפּס-ווײַבער, און זאָגאַר די משרתים, מיט

אַלערליי מינים פון שוחד. שפּעטער האָט די שתדלנות אָנגעהויבן אָנצונעמען אַן אַנדער פאָרם – די פאָרם פון אויפקלערונג. די שתדלנים פלעגן אָפּגעבן די געהעריקע מלוכה-אָרגאַנען פאַרשיידענע דערקלערונגען וועגן דעם מאַטעריעלן און דעם גייסטיקן מצב פון דער יידישער באַפעלקערונג דאָ און דאָרטן; פלעגן פאַר זיי באַלייכטן די און יענע פראַגע פונם יידישן לעבן אויפן גרונד פון צוזאַמענגעקליבענע און גוט-באַאַרבעטע מאַטעריאַלן ווי סטאַטיסטישע טאַבעלן אין דאָסגלייכן; פלעגן זיי דערלאַנגען בקשות, מעמאָראַנדומס און דעקלאַראַציעס אינם נאָמען פון יידישן פאָלק. נישט תמיד האָט די שתדלנות געבראַכט פאַר יידן די געוואונטשענע רעזולטאַטן; אָפט פלעגט זי בלייבן ליגן אומבאַמערקט אונטער דעם גרינעם טישטוך פון די דעפּאַרטאַמענטן; ס'האָט אַפילו אויך פּאַסירט, דאָס, נאָך דער שתדלנות איז די יידישע לאַגע פיל פאַרשאַרפטער געוואָרן. אָבער נישט געקוקט אויף דעם, האָט אין משך פון פיל דורות, און נאָך ביז דער לעצטער צייט, די שתדלנות כלפי חוץ געשפּילט אין יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן אַ גרויסע ראָלע און איז באַטראַכט געוואָרן פונם יידישן פאָלק אַלס העכסט נויטיקער פּאָליטישער אינסטיטוט.

די שתדלנים פלעגן געקליבן ווערן דורך די קהלות, ביי די וואַלן איז נישט געלייגט געוואָרן קיין אַכט אויף עשירות אין נישט אויף יחוס-אָבות. געוועלט האָט מען נאָר יראים ושלמים, גאָטספאָרכטיקע מיט דעם ריין יידישן ברען פון אמונה און בטחון און מיט דער אמת-יידישער התלהבותדיקער מסירת-נפש פאַר די אינטערעסן פונם פאָלק. דערצו האָבן זיי געדאַרפט זיין גרויסע פּקחים, מיט אָפענע מחות, כדי צו פאַלן ווען מען באַדאַרף, אויף אַלערליי המצאות; מענטשן מיט צינגער, וואָס שטייענדיק פאַר די גרעסטע שררות, זאָלן זיי זיך נישט פאַרלירן אין קיין סיטואַציע און באַלד אויפן אָרט ווּיסן וואָס אָפּצוענטפערן און ווי אַזוי אָפּצוענטפערן.

צווישן די שתדלנים, וועלכע האָבן געשפּילט אַ באַזונדערס באַדייטנדע ראָלע אין דעם לעבן פונם רוסיש-פּוילישן יידנטום

פאַר דער צייט פון יעקאַטערינע דער צווייטער, ביז צו דעם פאַלן פון דעם צאַרישן רעזשים, זענען געווען איניקע אַזעלכע, וואָס האָבן, אַ דאַנק זייערע אויסערגעוויינלעכע פעאיקייטן, פאַרבונדן מיט אַן אייזערנער ענערגיע, מיט גרויס פּקחות און מיט אַ היבשער מאָס אידעאַליזם, אַרויסגעראַטעוועט פון די גרעסטע סכּנות און אומגליקן נישט בלויז איינצעלנע פּערזאָנען, נאָר אויך גאַנצע קהלות. דידאָזיקע מענטשן האָבן מפקיר געווען לטובת דעם יידישן פאָלק זייער צייט און זייערע בעסטע כּחות, האָבן זיך פיל מאָל געשטעלט אין די שרעקלעכסטע געפאַרן, זייענדיק גרייט צו שטאַרבן על קידוש-השם. עס זענען געווען אַזוינע שתדלנים, וואָס בעת זיי איז אויסגעקומען צו שטעלן זיך פאַר אַ שררה, וועלכער האָט געהאַט אַ שם פון אַ בייזן און קאַפּריזנעם מענטש, האָבן זיי אָנגעטון אונטער די שבתדיקע מלבושים זייערע תכריכים. וועלכע זענען ביי זיי געלעגן תמיד אָנגעגרייט, כּדי טאָמער ווערט דער שררה דערצאָרנט און הייסט זיי טויטן, ווי ס'האָט וויפל מאָל פּאַסירט, זאָלן זיי דאָרט אויפן אָרט מקבר ווערן לויט דעם יידישן דין און אין קיטל...

צווישן די ברייטע פאָלקס-מאַסן זענען אַזוינע שתדלנים געפייערט געוואָרן ווי פאָלקס-העלדן, און די פאָלקס-פאַנטאַזיע האָט זייערע נעמען אַרומגעשפּינען מיט פאַרשיידענע מעשהלעך און לעגענדעס, וואָס ווערן נאָך עד-היום איבערדערציילט אין די פאַרוואָרפנסטע ווינקעלעך פון ליטע, פוילן און ווייס-רוסלאַנד פון באָבעס צו איניקלעך אין די שבתדיקע מעלאַנכאָליש-זיסע בין-השמשותן.

אין די קומענדע קאַפּיטלעך וועל איך דורכפירן פאַרן לעזער אַ גאַנצע ריי פון די אינטערעסאַנטסטע טיפּן שתדלנים, וואָס יעדער איינציקער פון זיי האָט מיט זיך און מיט זיין טעטיקייט געבילדעט אַ באַזונדער טרויעריקן פּרק אין דער געשיכטע פון די רוסיש-פּוילישע יידן פאַר די לעצטע הונדערט מיט פופציק יאָר.

I

ר׳ לייב מייטעס

א

אין די לעצטע יאָרן פאַר דער דריטער צעטיילונג פון פוילן, האָבן די יידן אין ליטע און ווייס־רוסלאַנד איבערגעלעבט זייער שווערע און פינסטערע טעג. באַזונדערס שלעכט איז געווען די לאַגע פון די ליטווישע יידן אין די גרעסערע שטעט. אין ווילנע, למשל, האָבן יידן געמעגט וואוינען נאָר אין באַשטימטע גאַסן, די איבעריקע שטאָט־טיילן זענען געווען פאַר זיי פאַרשלאָסן. פון צייט צו צייט האָט די מאַכט אַרויסגעגעבן אויף יידן נייע גזרות, וועלכע האָבן באַגרענעצט זייערע רעכט אין האַנדל און וואַנדל. מיט דער אַנטיסעמיטישער שטימונג פון דער מאַכט האָבן זיך באַנוצט אַלערליי שונאי־ישראל און געשאָטן אויף יידן מיט די גיפטיקסטע מסירות.

געבראָכענע לײדן זענען דאַן די ליטווישע יידן אויסגעשטאַנען מצד די אָרומיקע קאַראַאימער, וועלכע האָבן נישט געקאָנט רואיק אַריבערטראָגן יעדעס מאָל, ווען די יידן האָבן זיך משתדל געווען, מ׳זאָל פאַרברייטערן זייערע רעכט. די קאַראַאימער האָבן זיך תמיד געזוכט אויכצופיינערן פאַר דער רעגירונג און אויפווייזן, אַז נאָר זיי זענען עס די אמתע יידן און בכן דאַרפן נאָר זיי אַליין געניסן פון אַלע פריווילעגיעס.

אין אַ געוויסן טאָג – דאָס איז געווען אין יאָר 1784 – האָבן זיך די ווילנער יידן דערוואוסט, אַז די קאַראַאימער האָבן אויסגעריכט שלוחים קיין וואַרשע צום קעניג סטאַניסלאַוו פּאָניאַטאָווסקי מיט אַן אויספירלעכן מעמאָראַנדום, אין וועלכן זיי דערקלערן, אַז דיווירקלעכע יידן זענען זיי, אַז זיי האָבן עס באַקומען די תורה פון באַרג סיני, אַז זיי באַזיצן די עכטע יידישע מאָראַל, אַז ביי זיי איז פאַרבליבן בירושה די יידישע עטיק, און די יידן זענען אַ מין ערב־רב, עפּעס אַ מישמאַש פון פאַרשיידענע עלעמענטן, וואָס מאַכט זיי פאַר אַ שעדלעך פאָלק, פון וועלכן דאָס לאַנד דאַרף פּטור ווערן. פאַרענדיקט האָט זיך דער מעמאָראַנדום מיטן פאָרשלאַג אָפּצונעמען ביי די יידן דאָס לעצטע ביסל זכיות און פאַרשפּאַרן זיי נאָך אין אַן ענגערן געטאָ.

דידאָזיקע ידיעה האָט אָנגעוואָרפן אויף דער יידישער באַפעלקערונג אין ליטע גרויס שרעק. דער ווילנער גאון האָט דאַן צונויפגערופן צו זיך אַן אסיפה פון די גרעסטע יידישע פּערזענלעכקייטן פון דער גאַנצער געגנט, און מ'האָט באַקלערט די פראַגע, ווי אַזוי צו באַקעמפן די קאַראַאימער. די אסיפה האָט באַשלאָסן אָפּצוואַרטן ביז וואַנען עס וועט באַקאַנט ווערן דער רעזולטאַט פון דעם מעמאָראַנדום, און דאַן וועט מען זען וואָס מ'האָט צו טון.

וועגן די רעזולטאַטן פון דערדאָזיקער קאַראַאימער מסירה ווערן נאָך עד היום דערציילט אין ליטע פאָלגנדיקע אינטערעסאַנטע פּרטים, וועלכע קלינגען העכסט לעגענדאַריש:

נאָך אומגעריכט האָט ווילנער קהל באַקומען אַן אַרויספאָדערונג פון וואַרשע צו שיקן אַהין אויסגעקליבענע מענטשן, וועלכע זאָלן פאַרן קעניג אין די אויגן האָבן אַ ויכוח מיט די קאַראַאימער און אויפווייזן ווער ס'איז פריער געווען: די קאַראַאימער אָדער די יידן.

דאַן האָט דער ווילנער קהל מיט דעם גאונס הסכם באַשלאָסן צו שיקן קיין וואַרשע ר' לייב מייטעס פון פּינסק, וועל-

בער איז דעמאָלט געווען ווייט און ברייט באַרימט אונטערן נאָמען ר׳ לייב שתדלן.

דערדאָזיקער ר׳ לייב שתדלן איז געווען אַ גרויסער למדן און אַ ירא־שמים, און האָט געשמט אַלס דער איינציקער יידי־שער פויליש־קענער אין גאַנץ ל טע. פונוואַנען ס׳האָט זיך צו אים גענומען אַזויפיל קענטעניש אין פויליש, בשעת ער איז כל ימיו אָפגעזעסן נאָר על התורה ועל עבודה, — דאָס האָט קיינער נישט געוואוסט. מ׳האָט נאָר געוואוסט, אַז אויסער זיין גרויסער לומדות און גאָטספאָרכטיקייט איז ער נאָך אַ פקח אין וועלטלעכע זאַכן און פאַרשטייט זיך גוט פאַנאַנדערצוקלויבן אין דעם פאַרפּלאָנטערטסטן ענין, און דער עיקר איז, וואָס ער קאָן זיך צונויפרעדן מיט די גרעסטע שררות. דעריבער איז ווען מ׳האָט נאָר געדאַרפט אויסטענהן זיך מיט דער מאַכט, האָט מען דערצו אויסגעוויילט ר׳ לייב מייטעס, און יעדעס מאָל פלעגט ער האָבן גרויס ערפאָלג. לויט דעם גאונס פאָרשלאָג האָט דער ווילנער קהל אויסגעקליבן ר׳ לייבן פאַר איר שטענדיקן שתדלן.

ב.

מיט דעם גאונס ברכה אויפן וועג איז ר׳ לייב שתדלן אָפגעפאָרן קיין וואַרשע.

אין דעם טאָג, אויף וועלכן עס איז באַשטימט געוואָרן דער ויכוח, האָט זיך ר׳ לייב טובל געווען, תהלים געזאָגט און געפאַסט. בלאַס ווי די וואַנט, איז ער אין גרויס פחד אַריין אין קעניגלעכן שלאָס, און האָט גאַנץ ערשטוינט אָנגעקוקט די פּראַכט פונם פאַלאַץ. ער איז דורכגעגאַנגען אַלע זאַלן, וואָס האָבן געשימערט פון גאָלד און זילבער, און האָט זיך אָפּגע־שטעלט אין דעם פאָדערשטן צימער פאַרן קעניגס קאַבינעט, דערוואַרטנדיק אומגעדולדיק דעם מאָמענט, ווען ער וועט אַרויסגערופן ווערן צום ויכוח.

מיט ר׳ לייבן אין צימער האָבן זיך געפונען אויך די שלוחים פון די קאַראַאימער. דער צערעמאָניע-מייסטער האָט זיי געזאָגט, אַז די מאָדע איז אַריינצוגיין אין דעם קעניגס קאַבינעט נאָר אין זאָקן, און דעריבער האָט ער זיי געהייסן אויסטון די שיך.

אַלע האָבן אויסגעטון די שיך. די קאַראַאימער האָבן אין דער לעצטער מינוט באַקומען גרויס פּחד, ווייסנדיק ביי זיך גאַנץ גוט, אַז געדעכט זענען די יידן. ר׳ לייב איז אָבער פון רגע צו רגע רואיקער געוואָרן. צום סוף איז אים איינגעפאַלן אָפּצוטון די קאַראַאימער אַ שפּיצל.

אַז מ׳האָט זיי געמאָלדן, אַז דער קעניג נעמט זיי באַלד אָן, און עס האָט זיך געעפנט די טיר פון זיין קאַבינעט, איז ר׳ לייב אַריין צום ערשטן, אָבער בעת די קאַראַאימער זענען געגאַנגען אין זאָקן, האָט ער זיינע שיך געטראָגן אין האַנט.

זיי זענען אַריין אין זאַל און האָבן זיך פאַרנויגט צום קעניג.

די קאַראַאימער האָבן תיכף אויסגענוצט ר׳ לייבס פאַרלעגנהייט אַלס מאַטעריאַל צו אַ נייער מסירה, און דער עלטסטער פון זיי האָט זיך אָנגערופן:

— דו זעסט, אַדוני קעניג, ווי דער ייד באַציט זיך צו דיר? ער וויל דיר אַפילו קיין כבוד נישט אָפּגעבן. נאָכמער: ער שפּעט פון דיר; ער האַלט די שיך אין האַנט, עפּעס אַזוי ווי ער וואָלט נישט געגלויבט דיינע דינער און איז זיי חושד, אַז זיי וועלן צוגנבענען זיינע שיך.

דער קעניג איז שטאַרק אויפגעבראַכט געוואָרן און מיט גרויס צאָרן האָט ער געפאָדערט ביי ר׳ לייבן אַן ערקלערונג.

— גנעדיקער קעניג! — האָט אויסגערופן ר׳ לייב, פאַלנדיק אויף די קני — וואָלט איך אַליין געקומען צו דיין מאַיעסטעט, וואָלט איך געוויס די שיך אין קאָרידאָר געלאָזט. איך האָב אָבער אין פאָדערשטן צימער געלאָזט די קאַראַאימער, און דעריבער האָב איך די שיך געמוזט נעמען מיט זיך.

— פאַרוואָס?

גנעדיקער קעניג! — האָט געענטפערט ר׳ לייב — מיר, יידן, האָבן אַזאַ מסורה: בעת גאָט האָט זיך באַוויזן צו משה רבינו פון סנה און האָט צו אים געזאָגט: „של נעליך מעל רגליך“, — האָט ער די שיך אויסגעטון און ער איז געגאַנגען מקבל פנים זיין די שכינה. אַז ער איז געקומען צוריק, האָט ער שוין די שיך נישט געפונען, ווייל די קאַראַאימער האָבן זיי צוגענומען. פון דעמאָלט אָן היטן מיר די שיך פאַר די קאַראַאימער.

די קאַראַאימער זענען אָנגעצונדן געוואָרן פון גרויס כעס און שרעק.

— זייט איר גאָר היסטאָרישע שיך-גנבים? — האָט דער קעניג געפרעגט די קאַראַאימער.

— גנעדיקער קעניג! — האָט אויסגערופן איינער פון די קאַראַאימער שלוחים, — דער ייד טראַכט אויף אונדז אויס אַ בלבול. אַלץ, וואָס ער דערציילט דיר, איז שקר וכזב.

— האָט איר אַ ראַיה, אַז דער ייד זאָגט ליגן? — האָט געפרעגט דער קעניג.

— געוויס, געוויס האָבן מיר אַ ראיה — האָט אַ קאַראַאים שטאָלץ געענטפערט. ווי איז עס געמאָלט, אַז די קאַראַאימער האָבן געגנבעט די שיך ביי משה רבינו, בעת דעמאָלט זענען נאָך גאָר קיין קאַראַאימער נישט געווען.

— גענוג! — האָט אויסגערופן דער קעניג, און זיך צע-לאַכט פון ר׳ לייבס איינפאַל. — איר פאַרשפּאָרט שוין דעם ויכוח. איר האָט אייער משפט פאַרשפּילט, און די יידן האָבן רעכט.

רעדנדיק האָט דער קעניג דערלאַנגט ר׳ לייבן די האַנט און אים הייס באַדאַנקט פאַר זיין איינפאַל. ער האָט אים דער-לאַנגט אַ פּאַפּיר אונטערצושרייבן, אַז ער זאָגט עדות, אַז די יידן זענען געווען אַ סך פריער פאַר די קאַראַאימער, כדי עס אָפיציעל צו באַשטעטיקן.

ג.

דאָס איז פאָרגעקומען שבת. ר׳ לייב האָט אָבער פיל נישט געטראַכט, האָט צוליב פקוח-נפש פון דעם יידישן פאָלק מחלל שבת געווען, און אונטערגעשריבן דאָס פאַפיר.

אַז ר׳ לייב איז געקומען צוריק קיין ווילנע, איז געוואָרן אין שטאָט שמחה וששון. דער ויכוח מיט די קאַראַאימער האָט זייער באַאומרואיקט די יידישע באַפעלקערונג אין ליטע און ר׳ לייבס נצחון האָט געגעבן האָפנונג, אַז נישט בלויז קיין נייע גזירות וועלן נישט זיין, נאָר די אַלטע וועלן אויך בטל ווערן.

גלייך אַהיימקומענדיק, איז ר׳ לייב אַריין צום גאון. דער ווילנער גאון, וועלכער האָט שוין געוואוסט פון דעם וואַרשעווער ויכוח, איז ר׳ לייבן אַרויסגעפאַלן אויפן האַלדז און האָט אים געקושט.

ר׳ לייב האָט אָבער געוויינט ווי אַ קליין קינד.

— וואָס וויינסטו, מיין קינד? — האָט אים געפרעגט דער גאון — דו דאַרפסט זיך פרייען, פאַרקערט, וואָס מיט דיין זכות האָסטו געראַטעוועט דעם כלל-ישראל פון אַן אומגליק.

— רבי! — האָט זיך אָפּגערופן ר׳ לייב טרויעריק, — איך האָב ביים קעניג מחלל שבת געווען.

און ר׳ לייב האָט דערציילט דעם גאון די גאַנצע געשיכטע.

נאָכדעם, ווי דער גאון האָט אויסגעהערט די דערציילונג, איז ער צו אים צוגעגאַנגען, האָט אים געדריקט די האַנט און געזאָגט:

— ווייסטו וואָס, לייבל, נעם קליב זיך אויס פון מיינע שבתים, וועלכן שבת דו ווילסט, און גיב מיר אָוועק דעם שבת, וואָס דו האָסט מחלל געווען, און לאָמיר זיך בייטן:

ערשט דאַן האָט זיך ר׳ לייב באַרואיקט.

ד.

ביז היינטיקן טאָג איז שווער צו דערגיין אויף ווי ווייט די אויבן־איבערגעגעבענע פאַקטן שטימען מיט דערווירקלעכ־קייט. אַ פאַקט איז אָבער, אַז די ליטווישע קאַראַאימער זענען תמיד געווען דם שונאים זייערע יידישע שכנים און האָבן נישט אויפגעהערט זיי צו פאַרפאָלגן דורך כּל המיני מסירות און בלבולים, און אַז דער ווילנער קהל האָט שטענדיק געדאַרפט שטיין אויף דער וואַך און אָפּהיטן די יידישע באַפעלקערונג פון די קאַראַאימעשע אינסינואַציעס. ריכטיק איז אויך, אַז צוליב די קאַראַאימעשע רדיפות האָט די ווילנער יידישע קהלה געהאַלטן אַ שטענדיקן שתדלן, וועלכער האָט געדאַרפט יעדעס מאָל אָפּוואַרפן די טענות פון די קאַראַאימער און אויפווייזן זייערע פאַלשקייטן. דערדאָזיקער שתדלן איז געווען ר׳ לייב מייטעס, און די שכירות, וואָס ער האָט גענומען האָט אָנגע־טראָפן פינף גילדן אַ וואָך. וואו נאָר אַ סכסוך מיט דער מאַכט, וואו נאָר אַ גזירה און ביי יעדער עת צרה בכלל, האָט ווילנער קהל אויסגעריכט פון זיין צד ר׳ לייב מייטעס, און ער האָט כּמעט איטלעכס מאָל פאַרטיידיקט די יידישע אינטערעסן מיט גרויס גליק. ער האָט כּסדר געלויערט נאָך די קאַראַאימער און באַצייטנס אָנגענומען די געהעריקע מיטלען קעגן זייערע יידנ־פיינטלעכע פלענער.

מיט דעם זעלבן ר׳ לייב מייטעס, האָט זיך די ווילנער יידישע קהלה באַנוצט אויך נאָך דער לעצטער צעטיילונג פון פּוילן, בעת ליטע איז אַריבער אין רשות פון רוסלאַנד. ר׳ לייב מייטעס האָט געהאַט אַ היבשע ידיעה אויך אין דער רוסישער שפּראַך, און בעת עס איז אַרויס דער ערשטער באַפעל פון יעקאַטערינע דער צווייטער, וועגן נעמען באַזונדערע אָפּצאָלן פון יידן, האָט מען ר׳ לייב מייטעס געשיקט קיין פּעטערבורג אויסצופּועלן, מ׳זאָל דעם גזר־דין פאַרלייכטערן. אין פּעטערבורג האָט זיך ר׳ לייב דערשלאָגן צום פירשט פּאָטיאָמקין, מיט

וועלכן ער זאָל האָבן געהאַט אַ גרויסן ויכוח וועגן יידן און יידישקייט.

ר׳ לייב מייטעס איז געשטאָרבן נאָך פאַרן גאונס לעבן. מען דערציילט, אַז דער גאון, וועלכער האָט קיינמאָל קיינעם נישט מספּיד געווען, איז דערוויסנדיק זיך וועגן ר׳ לייבס טויט אַרויף אין זיין קלויז אויף דער בימה און האָט אויסגערופן: „שר וגדול נפל היום בישראל״. דערביי האָט ער זיך פאַנאַנ־דערגעכליפּעט ווי אַ קליין קינד...

II.

נחומקע לץ.

א.

נאָך דער דריטער צעטיילונג פון פוילן פאַר יעקאַטערינע דער צווייטער אין יאָר 1793 זענען אונטער אַנדערע, אויך די גרויסע און געדיכטע יידישע באַפעלקערונגען פון ליטא און ווייס־רוסלאַנד, אַריבער אין דעם רשות פון די רוסן. תחלת האָט אויסגעוויזן, אַז די רוסישע רעגירונג האָט כלל נישט בדעה צו פאַרשמעלערן דורך באַזונדערע געזעצן די רעכט, וואָס דידאָזיקע יידן האָבן ביז דאַן גענאָסן ביי די פוילישע מושלים; זי האָט נישט געטשעפּעט דעם „קהל“, האָט נישט אָנגערירט דעם בית־דין, האָט זיך נישט אַריינגעמישט אין די יידישע רעליגיעזע און קולטורעלע אינטערעסן, און געלאָזן זיי ביי די אַלטע אויטאָנאָמישע פּריווילעגיעס. ס'איז אָבער אַריבער אַ געוויסע צייט, און דער מצב האָט זיך אָנגעהויבן ענדערן צום שלעכטן. דאָ און דאָרטן האָט מען גענומען באַגרענעצן ביסלעכווייז די יידישע רעכט אויף דעם און אויף יענעם געביט און באַרויבן זיי זייערע זכיות איינע נאָך דער אַנדערער.

צום ערשטן האָבן דאָס דערפילט די יידן פון דער שטאָט שקלאָוו, וועלכע האָבן זיך אין יענער צייט, צוליב איר ווייט און ברייט פאַרשפּרייטן האַנדל, גערעכנט פאַר דער ווייס-רוסישער רעזידענץ. פאַר איר מאַטעריעלער אויפבלי האָט שקלאָוו געהאַט צו פאַרדאַנקען אויסשליסלעך איר יידישער באַפעלקערונג, וועלכע האָט געפירט קאָלאָסאַלע געשעפטן נישט בלויז מיט רוסלאַנד, נאָר אויך מיט די גרעסטע אויסלענדישע פירמעס. צוליב דעם, וואָס די שקלאָווער יידן פלעגן גאַנץ אָפט באַזוכן די באַדייטנדסטע האַנדלס צענטערן אין די פאַרשיידענע מערב-לענדער, זענען זיי געווען צוטריטלעכער פאַר וועלטלעכער בילדונג, האָבן געקענט פרעמדע שפּראַכן און געפירט אַ מאָדערניזירטערן לעבנס-שטייגער אין פאַרגלייך צו די אָפּגעשטאַנענע יידן פון די אַנדערע שטעט און שטעטלעך. שקלאָווער יידן האָבן געשפּילט די ראָלע פון די אַריסטאָקראַטיע אין דעם יידישן תחום, צו זייערע ווערטער האָט מען זיך צוגעהערט און מיט זייער מיינונג האָט מען זיך גערעכנט.

אין אַ קורצער צייט אַרום, נאָכדעם ווי שקלאָוו איז איבערגעגאַנגען צו רוסלאַנד, האָט יעקאַטערינע די צווייטע אָפּ-געגעבן די שטאָט אַלס מתנה צו איינעם פון אירע פאַוואָריטן, דעם אויסגעדינטן גענעראַל זאָריטש. דערדאָזיקער זאָריטש איז געווען פון דער נאַטור אַ מענטש מיט דעספּאָטישע ניי-גונגען, געלט-גיריג, אַ הולטיי, און דערצו אויך אַ גרויסער שונא-ישראל. תיכף ווי שקלאָוו איז דורך אַ באַזונדער באַפעל פון דער קייזערין אָנערקענט געוואָרן אַלס זיין אייגנטום, האָט ער די ערשטע זאַך אָפּגענומען ביי די דאָרטיקע יידן אַלע זייערע אַמאָליקע רעכט און אָנגעהויבן צו דריקן זיי מיט גרויסע אכזריות. ער האָט אויך זיי צוזיפגעלייגט אומגעהויער שווערע שטייערן. האָט אָנגעקערט ביי זיי זייער האָב און גוטס, האָט זיי פאַרשפּאַרט אין תפיסה און דאָרט זיי געשמיסן און מערדערלעך געפייניקט. וויפל קרעפטן און מיטלען די שקלאָווער יידישע פאַרשטייער האָבן אָנגעווענדעט דורכצוקומען מיט זאָ-רישן מיט גוטן, וויפל מ'האָט זיך געסטאַרעט אים מפייס צו-

זיין מיט דאָס און מיט יענץ, — קיין זאַך האָט נישט געהאָלפן. אומזיסט זענען געווען אויך די שריפטלעכע השתדלותן וועגן דער פאַרבעסערונג פון זייער מצב, וואָס די שקלאָווער יידן האָבן געשיקט קיין פּעטערבורג. מ'האָט זיי אפילו נישט גע־ענטפערט. זאָריטש האָט זיך דערפון דערוואוסט, און דאָס האָט אים נאָך מער צערייצט, פון דעמאָלט אָן איז זיין באַציאונג צו די שקלאָווער יידן געוואָרן נאָך פיל מער אומברחמנותדיקער. ס'איז געקומען דערצו, אַז פיל פון זיי זענען דורך אים פאַר־בליבן אָן חיונה און האָבן פאַרלוירן זייער לעצטן ביסן ברויט.

איינמאָל, — דאָס איז געווען אין אַ זומערדיקן פרימאָרגן אין יאָר 1794, — האָט פאַר די שקלאָווער יידן אַ שיין געטאָן אַ פונק פון האָפענונג. זיי זענען דערגאַנגען, אַז גאָר אינגיכן דאַרף אַראָפּקומען קיין שקלאָוו דער פירשט פּאָטיאָמקין, וועלכער איז געווען די „צווייטע האַנט" פון יעקאַטערינען, איר גאַנצער בעל־יועץ, און דער גרעסטער „דעה זאָגער" אין אַלע מלוכה-אונגעלעגנהייטן. זיי האָבן דעריבער באַשלאָסן אויס־צונוצן פאַר זיך, אויף וועלכן ס'איז אופן דידאָזיקע געלעגנהייט, ווי שווער דאָס זאָל זיי נישט אָנקומען.

גענעראַל זאָריטש, וועלכער האָט גראָד מיט עטלעכע טעג צוריק באַקומען פון דער קייזערין דעם טיטול „גראַף", האָט געמאַכט די גרעסטע הכנות צום קבלת-פּנים פונם פירשט פּאָ־טיאָמקין. ער האָט געלאָזן באַפּוצן און דעקאָרירן די שטאָט מיט פענער, אַרויסשטעלן אין די פענסטער, אונטער גירלאַנדן, פּאָטיאָמקינס בילד אין זיין גאַנצער גרויס און אין דער פירשט־לעכער אוניפאָרם. ער האָט קאָנפיסקירט ביי די יידישע קרעמער די שענסטע דיוואַנען אויסצופּוצן זיי אין די צימערן פון זיין שלאָס, וועלכע ער האָט באַשטימט פאַר דעם הויכן גאַסט. ער האָט געהייסן צוזאַמענרופן קיין שקלאָוו די גרעסטע שררות און פּריצים פון דער גאַנצער געגנט, כדי אָנטיילצונעמען אין דעם פּאַראַד פון דער באַגעגעניש. ער האָט אויך מודיע געווען דורך באַזונדערע פּלאַקאַטן אין די גאַסן פון שטאָט, אַז ווער עס האָט צום פירשט אַ וועלכע עס איז בקשה, קען קומען און

וועט אויסגעהערט ווערן. די יידן, האָט ער, געוויינלעך, אויס־געמיטן, און פון זיי האָט ער צו דער פייערלעכקייט קיינעם נישט איינגעלאַדן.

מיט אַן אָוונט פריער האָבן זיך די שקלאָווער יידישע כלל־טוער צוזאַמענגעקליבן אין קהל־שטיבל, אין עק שול־הויף, און זיך מישב צו זיין, ווי אַזוי צוצוקומען צום פירשט פאָ־טיאָמקין און צו דערלאַנגען אים אַ בקשה, אַז ער זאָל זען ווירקן אויף זאָריטשן ער זאָל רחמנות האָבן אויף דער יידישער באַפעלקערונג, ער זאָל נישט רואינירן און חרוב מאַכן איר עקזיסטענץ. וויסנדיק אָבער גאַנץ גוט, אַז זאָריטש וועט זיי אויף קיין פאַל נישט וועלן צולאָזן מיט אַ בקשה צום פירשט, איז ביי זיי געבליבן צו פאַרלייקענען פון אים דעם אמת און האָבן אָוועקגעשיקט איינעם פון זיי צו זאָגן אים דורך זיין אַדיוטאַנט, אַז די יידישע פאַרשטייער בעטן אים אונטערטעניגסט, ער זאָל זיי דערלויבן צו באַטייליקן זיך מאָרגן צווישן די, וואָס וועלן מקבל פנים זיין דעם פירשט פאָטיאָמקין.

אין אַ האַלבע שעה אַרום איז דער שליח צוריקגעקומען זייער אומעטיק און נידערגעשלאָגן. ער האָט דערציילט, אַז ווי נאָר דער גראַף האָט דערהערט פון זיין אַדיוטאַנט, וואָס די יידן באַגערן, איז ער געוואָרן העכסט אויפגעבראַכט און האָט אָפּ־געגעבן אַ באַפעל, מ'זאָל זיי מאָרגן נישט אַריבערלאָזן איבערן שוועל פון טויער, און אויב זיי וועלן זיך טראַץ דעם וואַגן צו קומען, זאָל מען תיכף ומיד אַראָפּלאָזן פון די קייטן אַלע הויף־הינט און אָנרייצן זיי אויף די ווידערשפעניגסטע זשידעס.

ב.

הערנדיק דידאָזיקע טרויעריקע תשובה זענען די קהלס־לייט ווי מבולבל געוואָרן. זיי האָט באַהערשט אַ שטאַרקער יאוש, און זיי האָבן נישט געוואוסט וואָס אָנצוהויבן צו טון.

פלוצלונג איז אויפגעשפּאַנען דער ראש־הקהל און האָט זיך אָפּגערופן:

— רבותי! די מינוט איז מיר איינגעפאלן א שטיקל עצה; ס'איז מעגלעך, אז מיר זאלן נאך מיט גאטס הילף עפעס אויפטון. רופט מיר אבער גלייך אהער נ ח ו מ ק ע ן.

נחומקע איז געווען אין שקלאוו א „שם דבר“; ס'האבן אים געקענט „קינד און קייט“. אזוי האט געהייסן דער שטאטישער בדחן, וועלכער האט משמח געווען דעם שקלאווער עולם נישט בלויז אויף חתונות, נאר אויך אויף סתם יידישע „שמחות“. אויסער דעם איז ער באקאנט געווען פאר א גרויסן וויצלינג און ליצנות-טרייבער, וועלכער איז מסוגל אפצוטון וועמען מען באדארף גרעטסטע שפיצלעך, וועגן וועלכע עס זענען ארומגעגאנגען אין שטאט גאנצע פעק מיט וואונדערלעכע מעשיות. באזונדערס פאפולער איז ער געווען אין שקלאוו אונטערן נאמען: „נחומקע לץ“.

די אנוועזנדע האבן אנגעקוקט דעם ראש-הקהל שטארק פארוואונדערט. זיי האבן בשום אופן נישט געקענט פארשטיין, וואס פאר א שייכות דער בדחן קען האבן צו דער זאך. ווי ביטרע נחומקע זאל נישט זיין, וועט ער דען קענען ברעכן דאס שטיינערנע הארץ פון דעם אכזרישן גראף? וועט ער, אפשר, דורך זיינע ליצנות ווירקן אויף די הויף-הינט, אז זיי זאלן נישט בייסן?

אין א קליינער ווילע ארום האט שוין דער שטאט-שמש אראפגעבראכט אין קהל-שטיבל נחומקע דעם בדחן.

— הער נאר, נחום! — האט צו אים א זאג געטון דער ראש-הקהל — דא האסטו אן אנקלאגע אויף אונדזער צורה, וועלכע מ'דארף איבערגעבן דעם פירשט פאטיאמקין. ס'איז אבער נישטא קיינער, וואס זאל זיך דאס וואגן צו טון. דער אכזר האט באפוילן זיינע משרתים נישט צוצולאזן קיין יידן צו דער פייערלעכקייט, און טאמער וועט זיך באווייזן א ייד, זאל מען אויף אים היכף אנרייצן די הויף-הינט. דיר, נחום, קענען מיר פאר זייער ביטרע און געשיקט, קלער עפעס אויס א וועלכע ס'איז המצאה ווי איבערצוגעבן דעם פירשט אונזער בקשה. איך וויל נישט וויסן ווי אזוי דו וועסט עס מאכן און וואס דו וועסט

טון. דאָס איז שוין דיין זאַך. איך באַפעל דיר נאָר, אין נאָמען פון דעם גאַנצן שקלאָווער קהל איבערצוגעבן דעם פירשט אונזער בקשה.

נחום איז געבליבן שטיין אויף זיין אָרט ווי אַ צעמישטער. ערשט אין אַ פּאָר מינוטן אַרום האָט ער געענטפערט:

— אַ צו שווערע משא לייגט איר אַרויף אויף מיינע שוואַכע פּלייצעס. אָבער פאַרפאַלן. איך בין אַ ייד, און זאָג מיך נישט אָפּ. אפשר באמת וועט מיר דער אויבערשטער אַריינגעבן אין מח אַ שטיקל געדאַנק ווי אויסצופירן מיין שליחות, און דורך מיר וועלן געהאָלפן ווערן הונדערטער עלנטע יידישע פאַמיליעס. איך בין דאָך אָבער אַליין אויך אַ ייד אַן אביון, און דעריבער בעט איך אייך, אַז טאָמער בין איך נישט מצליח און פאַל אַריין, זאָלט איר געדענקען, אַז איך לאָז איבער אַ ווייב מיט פיצלעך קינדער, וועלכע וועלן אָן מיר אויסגיין פון הונגער; בכן זאָלט איר אויף זיי רחמנות האָבן. און נאָך עפּעס...

נחומקע האָט זיך מיטאַמאָל אָפּגעהאַקט. אים איז, קענטיק, שווער געווען אַרויסצורעדן דאָס וואָס ער וויל זאָגן.

— שעם דיך נישט, נחום! — האָט זיך אָפּגערופן דער ראש-הקהל — און זאָג וואָס ביי דיר איז אויפן צונג. דו ביסט אונזער שליח-צבור, און מיר מוזן דיר אויסהערן.

— ווי איר זעט, רבותי, — האָט זיך נחומקע געמאַכט מוט געפונען איך זיך איצטער אין דעמזעלבן מצב, וואָס אַמאָל אסתר המלכה. איך גיי אויך אין אַ געפערלעכער שליחות פאַרן כלל ישראל. ווער ווייסט, צי מיר וועט באַשערט זיין צו קומען אַ לעבעדיקער צוריק. דערצו דאַרף מען האָבן גרויס רחמים. בכן האָלט איך, אַז דערווייל וואָס ווען דאַרפט איר פאַר מיר גאָט בעטן, פּונקט אַזוי ווי יידן האָבן געטון אין אסתרס צייטן.

— ריכטיק! — האָבן זיך געלאָזט הערן שטימען פון עולם.

ס'האָט זיך געפונען איינער, וואָס האָט פאָרגעלייגט, אַז מ'זאָל מאָרגן גוזר תענית זיין, לייענען אין די שולן „ויחל" און זאָגן סליחות.

דער פאָרשלאַג איז בהסכם כלם אָנגענומען געוואָרן.

ג.

נאך אין דערזעלביקער נאכט איז געקומען פאטיאמקין קיין שקלאוו. אויף מארגן, זייגער ניין אינדערפרי, איז שוין דער גאנצער פלאץ ארום זאריטשעס שלאס געווען באלאגערט פון מאסן יומטובדיק-געקליידעטע מענטשן. פון ביידע זייטן זענען געווען אויסגעשטעלט שפאליערן פון סאלדאטן פון די ארומיקע גארניזאנען, באוואפנטע פון קאפ ביז די פיס, מיט זייערע עלטסטע בראש. דער שקלאווער פאליצמייסטער אן דער שפיץ פון א גרויסער קאמאנדע פאליציאנטן און זשאנדארמען האט אפגעהיט די ארדנונג, ער איז אליין ארומגעגאנגען צווישן עולם און געבעטן, מ'זאל שטיין רואיק אויף די ערטער און נישט עטויסן זיך. באלד זענען אנגעפארן רייך-פארפוצטע קארעטן און עקיפאזשן, פון וועלכע עס זענען ארויס צום ערשט דער מאלעווער גובערנאטאר מיט זיין סוויטע, די מארשאלקעס פון אלע נאענטע פאוויאטן, אלע אנגעטון אין זייערע מיט גאלד פארצירטע מונדירן. אין וועסטיביל איז געווען באשטימט א באזונדער ארט פאר די, וואס האבן געהאט צו דערלאנגען פאטיאמקינען פארשיידענע בקשות.

צווישן די לעצטע האט זיך געפונען אויך א פויער אין א גראבער סערמיגע מיט אלטע, שוין האלב צעריסענע ליאפטשעס אויף די פיס; אויף די פלייצעס האט ער געטראגן א זעקל, אין וועלכן עס זענען געלעגן א פאר שפאגל-נייע ליאפטשעס. דערדאזיקער פויער איז אויך געקומען איבערצוגעבן דעם פירשט א בקשה. ער האט אבער נישט געהאט די העזה אוועקצושטעלן זיך לעבן אלע איבעריקע, וואס זענען געקומען מיט בקשות, און האט זיך פאררוקט אין א באזונדער ווינקל ביים אויוון. דארטן האט ער ארפגעצויגן פון די פיס די אלטע, פארבלאטיקטע שיך און האט אנגעטון די נייע, וואס ער האט מיט זיך געבראכט. דערנאך איז ער זיך אזוי געבליבן זיצן אין ווינקל מיט א נאריש-תמעוואטער מינע, מעשה פויער.

פונקט זייגער צוועלף איז אַרויס צום עולם פון די אינעווייניקסטע אַפּאַרטאַמענטן דער פירשט פּאָטיאָמקין, געשטיצט אויפן אָרעם פונם גראַף זאַוויטש. דער פירשט איז געווען אָנגעטון אין זיין גענעראַלישן מיט פינקלדיקן גאָלד אַרומגענייטן אוניפאָרם; פון זיין ברוסט זענען אַראָפּגעהאָנגען פיל טייערע בריליאַנטן־איינגעפאַסטע אָרדנס — אויסצייכנונגס־מתנות פון דער רוסישער קייזערין און אויך פון אייראָפּעאישע קיסרים.

באַלד האָט זיך אָנגעהויבן דער פּאַראַד, וועלכער איז אַריבער זייער גראַנדיעז. נאָכדעם, ווי עס האָבן זיך פאַרענדיקט די באַגריסונגען מצד די פאַרשיידענע דעפּוטאַציעס און איינצלנע הויכגעשטעלטע פּערזאָנען, האָבן זיך גענומען פאָרשטעלן פּאָטיאָמקינען איינציקווייז די מענטשן, וועלכע האָבן אים געהאַט איבערצוגעבן שריפטלעכע בקשות. דער פירשט האָט איטלעכן פון זיי גאַנץ אויפמערקזאַם אויסגעהערט, פאַרנאָטירט ביי זיך אין אַ ביכעלע זייערע טענות און וואונטשן. אַנדערע בקשות האָט ער דערפילט גלייך אויפן אָרט, און וועגן אַנדערע האָט ער מבטיח געווען צו געבן אין קורצן אַ תשובה פון פּעטערבורג.

דער עולם איז זיך ביסלעכווייז צעגאַנגען. ס'איז פאַרבליבן מער נישט ווי דער פויער.

— וואָס פאַרלאַנגסטו? — האָט אים געפרעגט פּאָטיאָמקין.

— איך האָב געבראַכט דעם פירשט אַ בקשה, — האָט געענטפערט דער פויער.

— גיב אַהער!

דער פויער האָט אַרויסגענומען פון אונטערן בוזים אַ פאַרחתמעטן קאָנווערט און האָט אים דערלאַנגט דעם פירשט.

פּאָטיאָמקין האָט געעפנט דעם קאָנווערט און איז געבליבן גאַנץ ערשטוינט.

— ס'איז דאָך גאָר אַ שטיק גלאַטע פּאַפּיר, אָן איין איינציק וואָרט! — האָט דער פירשט פאַרוואונדערט אויסגערופן.

דער פויער האָט באַטראַכט דאָס ליידיקע פּאַפּיר און האָט זיך פאַנאַנדערגעשריגן ווי נישט אויף זיין קול:

— אוי ווי איז מיר! איך זע באַשיינפּערלעך, אַז ווען דער לוביטשיקער פירשט האָט געעפנט דעם בריוו, האָבן זיך די אותיות צעשאָטן אויף דער ערד; לאָז דער פירשט וואַרטן אַן אויגנבליק, אָט די מינוט קלייב איך אויף די אותיות צוריק פון דער ערד...

ביי די ווערטער האָט זיך דער פויער אָוועקגעשטעלט אויף די קני און האָט גענומען קלויבן מיט די הענט דעם שטויב פון דער פּאָדלאָגע. עטלעכע מינוט נאָכאַנאַנד האָט ער אַזוי געריבן די פּאָדלאָגע, און האָט גאָרנישט געמאַכט. דערזעענדיק, אַז זיין טרחה איז גאַנץ אומזיסט, האָט ער זיך פאַנאַנדערגע־וויינט ווי אַ קליין קינד: אוי, ווי אומגליקלעך איך בין! איך פאַרשטיי, אַז די אותיות זענען דורך די שפּאַלטן פון דער פּאָדלאָגע אַריין טיף אין דער ערד. און וואָס מאַך איך איצטער? איך בין פאַרלוירן.

דער פירשט האָט אויסגעגלאָצט אויפן פויער אַ פּאָר אויגן. דער פויער האָט זיך אויפגעהויבן פון דער ערד און גע־בליבן שטיין שטום ווי די וואַנט. פון גרויס אויפרעגונג האָט אים ווי אָפּגענומען דאָס לשון.

— קום מיט מיר! — האָט אַ זאָג געטון פּאָטיאָמקין צום פויער, נאָך אַ קליינער פּויזע.

פּאָטיאָמקין האָט איבערגעלאָזן זאָריטשן אַליין און האָט אַריינגעפירט דעם פויער צו זיך אין קאַבינעט.

— איך זע, — האָט זיך פּאָטיאָמקין אָפּגערופן צום פויער, — אַז דו האָסט אַ סוד און ווילסט, אַז קיינער זאָל דערפון נישט וויסן. אַ יאָ?

— לאַנג לעבן זאָל דער דורכלויכטיקער פירשט! ס'איז טאַקע אַזוי.

— זאָג, וואָס האָט דיר אַהער געבראַכט?

— איך וועל זאָגן דעם דורכלויכטיקן פירשט דעם ריינעם אמת. איך בין אַ ייד. אָט האָט איר אַ צייכן — דערביי האָט ער אים באַוויזן זיין טלית קטן, — איך בין געשיקט צו אייך פונם יידישן קהל. שוין אַ לאַנגע צייט אַז מיר, שקלאָווער יידן,

שטייען אויס פון גראַף זאַריטש די געברענטסטע ליידן; פון גרויס ווייטאָג שרייען מיר, אָבער אונדזער געשריי ווערט נישט געהערט. איצטער האָבן מיר געוואָלט אויסגיסן אונדזער ביטער האַרץ פאַר דיר, דורכלויכטיקער פירשט, אָבער גראַף זאַריטש האָט פאַר אונדז פאַרצוימט דעם וועג צו דיר. דאָס האָט אונדז געצוואונגען צו קומען צו דיר נישט מיטן גלייכן וועג. דו, דורכלויכטיקער פירשט, ביסט קלוג ווי אַ מלאך פון גאָט און ביסט גלייך געפאַלן אויף אונדזער המצאה. אָט האָב איך דיר דאָ געבראַכט אונדזער בקשה; האָב רחמנות אויף די אומשולדיקע געדריקטע יידן און זיי מוחל אויך מיר, נחומקע דיין קנעכט, וואָס האָט זיך געוואַגט אויף אַזאַ פאַלשן טריט.

און נחומקע האָט דערלאַנגט פּאָטיאָמקינען אַ גאַנצע מגלה, אין וועלכער דער שקלאָווער קהל האָט פאַרגעלייגט אויספירלעך אַלע טענות, וועלכע יידן האָבן צום גראַף זאַריטש פאַר די גרויסע עוולות און אומגערעכטיקייטן, וואָס ער טוט מיט זיי.

פּאָטיאָמקין האָט צוגענומען ביי נחומקען דאָס העפט, האָט דערביי האַרציק געלאַכט און געזאָגט:

— דו האָסט קלוג געטון; דו געפעלסט מיר, און איך וועל אייער בקשה דערפילן. הער זיך אָבער איין: איך וועל ממלא זיין דעם פאַרלאַנג פון די יידן נאָר מיט אַ תנאי. — — —

— זאָל רעדן דער דורכלויכטיקער פירשט; וואָס עס ווענדט זיך נאָר אין אונדז, יידן, וועט תיכף, מיט גאָטס הילף, דערפילט ווערן.

— דאָס וועגדט זיך בלויז אין דיר, — האָט אים דער פירשט געענטפערט לאַכנדיק — ווילסט דו, אַז איך זאָל טון דאָס, וואָס די יידן בעטן מיר, מוזט דו מיר אָפּריהער אָפּנאַרן נאָך אַ צווייטן מאָל... ביז יענער צייט זאָלסט דו האַלטן מויל און שווייגן, און קיינער זאָל פון דיר נישט דערגיין דאָס, וואָס דו האָסט דאָ געטון.

— מיט גאָטס-הילף, מיט גאָטס-הילף! — האָט נחומקע געזאָגט, האָט זיך פאַרבויגט ביז צו דער ערד און איז אַוועק-געגאַנגען.

ד

דעמזעלבן טאָג פאַרנאַכט איז פּאָטיאָמקין אַרויס מיט איינעם פון זיינע אַדיוטאַנטן שפּאַצירן הינטערן שטאָט, צום דניעפּר. בעת זיי זענען זיך אַזוי געגאַנגען און געשמועסט, איז זיי פּלוצלונג אַנגעקומען אַנטקעגן אַ זעלנער, וועלכער איז נאָר-וואָס אַרויס פון אַ שיינקל אַ טויט שכורער, און האָט זיך קוים געהאַלטן אויף די פיס.

פירשט פּאָטיאָמקין איז געווען באַקאַנט אַלס זייער שטרענגער גענעראַל, וועלכער האָט תמיד די זעלנער אומברחמנותדיק באַשטראָפט פאַר דעם קלענסטן פאַרברעכן קעגן דער מיליטערישער דיסציפּלין, און באַזונדערס פאַר שכרות.

— דו ביסט באַטרונקען! — האָט פּאָטיאָמקין העכסט אויפגעבראַכט אַ געשריי געטון אויפן זעלנער — גיי נאָך מיר!

ווי שכור דער זעלנער איז געווען, האָט ער זיך פונדעסטוועגן זייער דערשראָקן פאַר דעם גרויסן גענעראַל. ער האָט זיך תיכף אָפּגעשטעלט און אָפּגעגעבן דעם פירשט דעם געהעריקן מיליטערישן כבוד. ער האָט אָנגעווענדעט אַלע קרעפטן נישט אומצופאַלן און האָט זיך געמאַטערט נאָכצוגיין טריט ביי טריט נאָך פּאָטיאָמקינען, וועלכער האָט פאָרטגעזעצט דעם שפּאַציר, שמועסנדיק מיט זיין אַדיוטאַנט.

האַרט ביים דניעפּר האָט זיך פּאָטיאָמקין מיטאַמאָל אַ קער געטון הינטער זיך און האָט דערזען, אַז דער זעלנער, וועלכן ער האָט באַפוילן נאָכצוגיין נאָך אים, איז נעלם געוואָרן.

דאָ איז זיי אָנגעקומען פון דער זייט נחומקע לץ, וועלכער האָט זיך פאַרן פירשט טיף פאַרנייגט.

— ייד! — האָט אים פּאָטיאָמקין געפרעגט — אפשר האָסטו דאָ געזען דעם שכורן זעלנער וואָס איז ערשט נאָר-וואָס באַגעגאַנגען?

— יאָ, דורכלויכטיקער פירשט, איך האָב אים געזען.

— וואו איז ער?

— דאָס בין איך אַליין! איך, נחומקע דער שקלאָווער בדחן.

דער פירשט איז געבליבן שטיין פאַרוואונדערט. אים האָט גאָר בשום אופן נישט געקאָנט איינפאַלן, אַז דאָס האָט זיך נחומקע לץ פאַרשטעלט פאַר דעם שכורן זעלנער, און בעת ער האָט אים באַפוילן נאָכצוגיין נאָך אים, און האָט זיך אָפגעקערט צו זיין אַדיוטאַנט, האָט ער, נחומקע, געכאַפּט און גיך אַראָפּגעוואָרפן פון זיך איינציקווייז די מיליטערישע בגדים, און אַ פּאָר „חברה-לייט", מיט וועלכע ער האָט שוין פון פריער געהאַט אָפּגערעדט, אַז זיי זאָלן דאָרט ליגן ערגיץ-וואו באַהאַלטן, זענען שנעל אַרויסגעשפּרונגען פון זייערע לעכער און צוזאַמענגעקליבן די בגדים פון דער ערד און זענען פאַרשוואונדן געוואָרן.

— אָט האָב איך היינט געהאַט דעם גרויסן כבוד, — האָט זיך נחומקע אָפּגערופן, — אָפּצונאַרן אייך, דורכלויכטיקער פירשט, אַ צווייטן מאָל. א י ך, נחומקע, אייער קנעכט, האָב מיין וואָרט געהאַלטן, און האָף, אַז אויך א י ר וועט ממלא זיין א י ע ר הבטחה.

— „מאָלאָדיעץ"! — האָט געזאָגט פּאָטיאָמקין, און האָט אַ לייכטן קלאַפּ געטון נחומקען אין פּלייצע, — מאָרגן אינדערפריה וועל איך צו מיר איינלאַדן די פאָרשטייער פון אייער קהל און וועל מיט זיי אַרומרעדן דעם ענין. מסתמא וועט גוט זיין. און דו, קלוגער ייד, האָסט ביי מיר דערווייל אַ באַלוינונג פאַר דיין טרחה.

דערביי האָט פּאָטיאָמקין דערלאַנגט נחומקען דריי גאָלדענע רענדלעך.

*

אויף מאָרגן האָט זיך פאַר פּאָטיאָמקינען אין זאָריטשעס שלאָס פאָרגעשטעלט אַ דעפּוטאַציע פון שקלאָווער ראשי-הקהל,

בראש מיט דעם שפּעטער אַזוי באַרימט געוואָרענעם גאון און מעצענאַט ר׳ י ה ו ש ע צ ײ ט ל י ן, צו וועלכן מיר וועלן זיך נאָך צוריקקערן אין איינעם פון די ווייטערדיקע קאַפּיטלעך.

די דעפּוטאַציע האָט דערלאַנגט פּאָטיאָמקינען אַן אויספירלעכן מעמאָראַנדום וועגן זייער מצב. פּאָטיאָמקין האָט מיט די דעפּוטאַטן פאַרפירט אַ לאַנגן געשמועס וועגן פאַרשיידענע ענינים, און האָט זיי מבטיח געווען צו באַטראַכטן דעם מעמאָראַנדום תיכף, ווי ער וועט זיך צוריקקערן קיין פּעטערבורג.

אין אַ וואָכן פינף אַרום, איז גראַף זאָריטש דורך אַן עקסטרער דעפּעשע אַרויסגערופן געוואָרן קיין פּעטערבורג. מיט קלאַפּנדיקע הערצער האָבן שקלאָווער יידן אָפּגעוואַרט די רעזולטאַטן פון זאָריטשעס רייזע. עס זענען געווען צווישן זיי אַזעלכע פּעסימיסטן, וועלכע האָבן זיך געשראָקן, אַז ער וועט קומען פון דער הויפּט-שטאָט נאָך מער דערצאָרנט און פאַרביסן, און די יידישע לאַגע וועט נאָך ווערן פיל ערגער ווי געווען.

צום גליק, איז אָבער אַזוי נישט געווען. אין די פּעטערבורגער מלוכה-ספערן האָט מען זאָריטשען פאָרגעוואָרפן פאַר זיין שלעכטער באַציאונג צו יידן, און צוריקקערנדיק זיך פון פּעטערבורג האָט ער באַלד אומגעביטן זיין טאַקטיק, און דער יידישער מצב אין שקלאָוו איז פון יענער צייט אָן פיל בעסער געוואָרן.

III

ר׳ יהושע צייטלין

א

צווישן די דעפוטאַטן פונם שקלאָווער יידישן קהל, וואָס האָבן זיך פאַרגעטעלט פאָטיאָמקינען אין יאָר 1786, האָט זיך געפונען איינער, מיט וועלכן דער פירשט האָט זיך דעמאָלט באַזונדערס פאַראינטערעסירט. דאָס איז געווען דער, וועלכער איז שפעטער געוואָרן געקרוינט ביי יידן מיטן נאָמען „השר הגדול" און האָט געשפּילט זייער אַ באַדייטנדע ראָלע אינם לעבן פון דעם ווייס־רוסישן יידנטום — ר׳ יהושע צייטלין.

ר׳ יהושע צייטלין, געבוירן 1742 אין שקלאָוו, האָט אין דער יוגנט געלערנט אין דער מינסקער ישיבה פונם באַרימטן גאון, דער מחבר פון „שאגת־אריה" און האָט זיך גערעכנט פאַר איינעם פון זיינע תלמידים מובהקים. אָנקומענדיק פאַר אַן איידעם אין אַ סוחריש הויז, האָט ער זיך אַליין נאָך דער חתונה אויך גענומען צו מכחר, אין וועלכן ער האָט געהאַט גרויס דערפאָלג. זיינע געשעפטן האָבן אים גאַנץ אָפט געבראַכט קיין בערלין, וואו ער פלעגט יעדעס מאָל פאַרברענגען אַ צוויי, דריי חדשים. אין יענער צייט האָבן זיך דאָרט אויפגעהאַלטן עטלעכע געוועזענע גאונים, מופלגי־תורה, געבוירטיקע פון ליטע

און פוילן, פאַר וועלכע די ישיבות מיט די בתי־מדרשים זענען צו־ענג געוואָרן און האָבן זיך געריסן אין דער ווייטער וועלט אַריין. אָנגעקומען קיין בערלין, אין דעם דעמאָלטיקן גייסטיקן צענטער, האָבן זיי זיך דאָרט גרופּירט אַרום דעם גרויסן פילאָזאָף משה מענדלסאָן. אַ צוויי, דריי פון זיי זענען געווען צייטלינס יוגנט־חברים, אויך געוועזענע תּלמידים פון „שאגת־אריה״. באַגעגנדיק זיך מיט אים אין בערלין, האָבן זיי אים אַריינגעפירט צו מענדלסאָנען. ווי עס ווייזט אויס, האָט דידאָזיקע באַקאַנטשאַפט מיט מענדלסאָנען געהאַט אויף צייטלינען אַ גרויסע ווירקונג אין דעם זין, אַז ער איז צוגעשטאַנען צו די גאָר דעמאָלט אין ליטע און פוילן געציילטע פּערזאָנען, וועלכע האָבן אנערקענט, אַז מען דאַרף, און עס איז גאַנץ מעגלעך, צו פאַראייניקן אמונה מיט השכלה. דאָס האָט זיך אַרויסגעוויזן פון זיין גאַנצן לעבנס־שטייגער. פרום אויפן העכסטן גראַד, זיצנדיק וואו נאָר אַ פרייע מינוט איבער דער גמרא און פּוסקים, קאָרעספּאָנדירנדיק מיט די גרעסטע וועלט־גאונים, און צווישן זיי אויך מיט דעם ווילנער גאון, וועגן חדושי־תורה, האָט ער אין דערזעלבער צייט געעפנט זיין הויז אויך פאַר דער וועלטלעכער בילדונג. ער האָט אַליין געלערנט אייראָפּעישע שפּראַכן און וויסנשאַפטן און געלאָזט אויך בילדן די קינדער.

אין שקלאָווער יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן האָט צייטלין פאַרנומען אַ באַזונדער אָרט. אָפּזאָגנדיק זיך פון גרויס עניות צו זיין דער ראש־הקהל, האָט ער דאָך געהאַט די גרעסטע דעה אין אַלע קהלישע ענינים, און אָן אים איז נישט געטון געוואָרן דאָס מינדעסטע.

אין דער דעפּוטאַציע, וועלכע איז דורך דעם איינפאַל פון נחומקע לך צוגעקומען צו פּאָטיאָמקינען, איז צייטלין געווען דער ראש־המדברים, און איז באַלד די ערשטע מינוט דעם פירשט אויפגעפאַלנד געוואָרן דורך זיין קלאָרער רוסישער אויסשפּראַך, דורך זיינע אייראָפּעישע מאַניערן, דורך דער לאָגישער זאַכלעכקייט פון זיין רעדן און דורך זיין גרויסער ערודיציע אין קאָמערציעלע און פינאַנציעלע ענינים.

די געשפּרעכן, וועלכע פּאָטיאָמקין האָט נאָכדעם געהאַט מיט צייטלינען ביחידות אינם משך פון די פּאָר טעג, וואָס ער האָט פאַרבראַכט אין שקלאָוו, האָבן אים איבערצייגט, אַז די רוסישע מלוכה קאָן פון אַזאַ מאַן פיל נוצן האָבן. פון דעמאָלט אָן האָט פּאָטיאָמקין אָנגעקניפּט מיט צייטלינען בריפלעכע באַציאונגען און האָט אים צום סוף אַראָפּגעבראַכט קיין פּעטערבורג, און דאָרט האָט ער אים באַשטימט אַלס הויפּט-פּראָוויאַנט-צושטעלער פון דער רוסישער אַרמיי. צייטלין האָט זיך אויף דעמדאָזיקן געביט זייער אויסגעצייכנט, און איז אַזוי-אַרום געוואָרן אַ געוויסער מקורב צו פּאָטיאָמקינען. דורך זיין השתדלות האָט די רעגירונג אָפּגעגעבן צייטלינען אין פּאַדריאַד צו בויען שאָסייען און פאַרשיידענע מלוכה-בנינים אינם דרום-קאַנט, וועלכער איז דאַן נאָר-וואָס איבערגעגאַנגען צו רוסלאַנד. אין יאָר 1787, בשעת ס'האָט אויסגעבראָכן דער רוסיש-טערקישער קריג, איז צייטלין געווען דער הויפּט-ליפעראַנט פאַרן גאַנצן רוסישן פראָנט. ווען ס'האָט זיך פאַרענדיקט די מלחמה, האָט די קייזערין, יעקאַטערינע די צווייטע, לויט פּאָטיאָמקינס פאָרשלאַג, באַשאָנקען צייטלינען „פאַר זיינע גרויסע פאַרדינסטן לטובת דער מדינה" מיט גרויסע מתנות און צוגלייך אויך מיט דעם טיטול „הויף-ראַט". ער האָט אויך באַקומען פון דער קייזערין אַ שיינעם אוניפאָרם, באַזוימט מיט גאָלד און מיט בלישטשענדיקע קנעפּ, און דערצו אַ שווערד. דעמדאָזיקן אוניפאָרם פלעגט צייטלין אָנטון בשעת ער האָט באַגלייט פּאָטיאָמקינען אויף זיינע נסיעות אין דרום-רוסלאַנד. ער פלעגט דאַן רייטן אויף אַ פערד לעבן פּאָטיאָמקינען, און בעת פּאָטיאָמקין פלעגט זיך אָפּשטעלן פאַרנדיק, אָנצונעמען בקשות פון באַאַמטע און פון פאָלק, פלעגט צייטלין אָננעמען „שאלות" פון די גרעסטע רבנים און וואויללערנער, וועגן „איסור והיתר", אָדער, וועגן „תקנות עגונות". דאַן פלעגט ער אַראָפּ פון פערד און אויף די קני אָנשרייבן די נויטיקע „תשובות" און פאָרן ווייטער...

פּאָטיאָמקין ווידער פון זיין זייט, האָט דאַן אוועקגעשאָנקען צייטלינען אַ גרויסן גוט אין מאָהילעווער גובערניע, אוסטיע

האָט עס געהייסן, מיט 910 פויערים-פאַמיליעס אַלס לייב-אייגענע. אין יאָר 1791 איז פּאָטיאָמקין געשטאָרבן. דאַן האָט זיך צייטלין צוריקגעצויגן פון אַלע זיינע געשעפטן, האָט פאַרלאָזט שקלאָוו און זיך באַזעצט אין זיין גוט.

ב

אין אוסטיע האָט צייטלין אויסגעבויט פאַר זיך אַ פּרעכטיקן שלאָס מיט אַ גרויסן און שיינעם בית-המדרש און מיט אַ ביבליאָטעק פון אַלטע און נייע ספרים, יידישע און וועלטלעכע, אין אַלערליי שפּראַכן, און אַ סך זעלטענע כּתב-ידן.

מיט דער צייט איז צייטלינס שלאָס געוואָרן דער צענטער פון דער יידישער גייסטיקער און פינאַנציעלער אַריסטאָקראַטיע אין ווייס-רוסלאַנד און ליטע. שטענדיק האָט דאָרט געררוישט און געקאָכט פון אורחים, די אַריין, די אַרויס. תּמיד האָט מען דאָרט געקאָנט זען רבנים און גאונים, שריפטשטעלער און געלערטע, מעסיגע משכּילים פון מענדלסאָנס חדר, וועלכע פלעגן זיך אַהין צוזאַמענקומען צוליב פאַרשיידענע צוועקן. רבנים און משכּילים פלעגן דאָרט שרייבן זייערע חבורים. אַזוי, למשל, האָט דאָרט דער אין יענער צייט באַרימטער גאון ר׳ נחום משקלאָוו פאַרענדיקט זיין פּירוש אויף תוספתא אונטערן נאָמען „תוספות בכּורים", און דער באַוואוסטער געלערנטער און דענקער, מענדלסאָנס תּלמיד, מענדל לעפין, האָט דאָרט פאַרפאַסט זיין באַקאַנטן פילאָסאָפישן ספר „חשבון הנפש".

אַ געוויסע צייט האָט פאַרבראַכט אין צייטלינס שלאָס ד״ר שיק (ר׳ ברוך שקלאָווער), וועלכער האָט דאָרט לויט דעם ווילנער גאונס אויפטראָג איבערזעצט „אָקלידעס" אין העברעיש; אַ שטענדיקער תּושב ביי צייטלינען איז געווען אויך דער דאָקטאָר ר׳ בנימין ריבעלעס, וועלכער האָט איינגעאָרדנט אין הויף אַ כעמישע לאַבאָראַטאָריום מיט אַ באָטאַנישן מוזעאום פאַר וויסנשאַפטלעכע עקספּערימענטן. פיל באַוואוסטע פאַר-

זעלבעכקייטן פלעגן אָראָפּפאָרן לכתחלה פון דער פּראָווינץ קיין אוסטיע און אָפּזיצן ביי ציילינען און אָרום זיין טיש גאַנצע וואָכן און חדשים נאָר כּדי צו האָבן די געלעגנהייט צו שמועסן מיט אים אין דברי תורה וחכמה אָדער אין וועלטלעכע זאַכן.

גאַנץ אָפט זענען זיך קיין אוסטיע צונויפגעפאָרן געזעלשאַפטלעכע טוער פון ליטע און ווייס־רוסלאַנד, אום אָפּצוהאַלטן מיט ציילינען באַראַטונגען וועגן כּלל־ענינים. אין ציילינס שלאָס זענען זיך צונויפגעלאָפן די פעדים, וואָס האָבן פאַראייניקט צווישן זיך אַלע קהלות. פון דאָרט האָבן די קהלות באַקומען די נויטיקע אָנווייזונגען און דירעקציון בנוגע דער איינאָרדנונג פון זייער אינערלעכן לעבן אויף די פאַרשיידענע געביטן. איז אַרויס אַ גזרה אויף אַ וועלכער ס'איז קהלה, אָדער אַ בלבול, איז עס תיכף אָנגעזאָגט געוואָרן דורך אַ שליח מיוחד צו ציילינען אין שלאָס, און דאָרט האָט מען זיך באַלד באַראַטן וועגן די מיטלען, וואָס דאַרפן קעגן דעם אָנגענומען ווערן, און שוין אויכן אָרט אויך באַשטימט די פּאַסיקע פּערזאָנען, וועלכע האָבן די אָנגענומענע באַשלוסן צו פאַרווירקלעכן דורך זיינע פאַרבינדונגען מיט די גרעסטע פּעטערבורגער שררות. האָט ציילין תמיד געוואוסט, וועלכע ווינטן עס בלאָזן אין די „ספערן" בנוגע דער יידן־פראַגע, און דאָס האָט אים געגעבן די מעגלעכקייט צו שטיין אויף דער וואַך פון די יידישע אינטערעסן.

גאַנץ אָפט האָט ער זיך באַצייטנס דערוואוסט וועגן באַדריקונגען און רעפּרעסיעס, וואָס די העכערע מאַכט האָט בדעה אָנצואווענדן קעגן יידן, און דאַן פלעגט ער אַליין פאָרן קיין פּעטערבורג, אָדער שיקן אַהין מיט פולמאַכטן איינעם פון זיינע פאַרטרויטע, און עס פלעגן שוין געפונען ווערן די נויטיקע דרכים, דורך וועלכע די זאַך אָפּצוהאַלטן. נאָכדעם איז שוין קיין וואונדער נישט, ווען די אויגן פונם רוסישן יידנטום זענען תמיד געווען געווענדעט קיין אוסטיע און צו איר באַזיצער ר' יהושע ציילין.

ג

אין יאָר 1796 איז געשטאָרבן יעקאַטערינע די צווייטע, און אויפן רוסישן טראָן איז אַרויף פּאַוול דער ערשטער. דורך זיינע פּעטערבורגער פריינט האָט צייטלין שוין לאַנג געוואוסט, אַז פּאַוול גייט זיך פונאַנדער מיט דער מוטער אין זיינע מיי־נונגען וועגן יידן, און אַז ער באַציט זיך צו זיי פיל בעסער און גערעכטער. אויף דעם סמך איז מען אין צייטלינס קרייזן געווען בטוח, אַז ווי פּאַוול וועט נאָר ווערן קייזער, וועלן באַלד אין מצב פון די רוסישע יידן פאָרקומען אייניקע פאַר־בעסערונגען און עס וועלן פאַר זיי אָנשטיין פיל ליכטיקערע טעג.

נאָך יעקאַטערינעס טויט, בעת ס'האָט געהאַלטן ביי פּאַוולס קרוינונג, האָבן זיך די יידישע געזעלשאַפטלעכע עסקנים, לויט צייטלינס איניציאַטיווע, אָנגעהויבן גרייטן צו זיין אויסצו־ריכטן קיין פּעטערבורג אַ יידישע דעפּוטאַציע צו באַגריסן דעם נייעם רוסישן קייזער, און אונטערטראָגן אים אַ געשאַנק. באַלד האָט מען אויף דעם צוועק גענומען קלייבן אין די יידישע שטעט און שטעטלעך די נויטיקע געלט־סומע. אָבער פּלוצלונג, גאָר אומגעריכטערהייט איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַ קייזערלעכער באַפעל צו אַלע פרעמדע פעלקער, וואָס וואוינען אין רוסלאַנד, אַז קיינער פון זיי זאָל נישט וואַגן שיקן קיין פּעטערבורג וועלכע עס איז באַגריסונגס־דעפּוטאַציע צו דער פייערלעכער קרוינונג.

כמעט אַלע פרעמדע פעלקער, ווי די פּאָליאַקן, טאָטערן און אַנדערע, האָבן דעמדאָזיקן קייזערלעכן באַפעל לייכט אָראָפּ־געשלונגען. אויף די יידישע פאָרשטייער האָט עס אָבער געמאַכט אַן ערשיטערנדן איינדרוק, ווייל זיי האָבן אויף דער דעפּוטאַציע געלייגט גרויסע האָפענונגען, און אויך ווייל מ'האָט זיך געלאָזט קאָסטן אומזיסט אַ קאָלאָסאַלע געלט־סומע אויף דער מתנה, וואָס מ'האָט באַשטעלט אין אויסלאַנד. טאָמער איז דאָס נאָך

זוייניק, האָבן אָנגעהויבן טאָג-טעגלעך אָנצוקומען צו צייטליכע ידיעות פון פאַרשיידענע שטעט, אַז די אָרטיקע מאַכט האָט אַרעסטירט פיל חשובע יידן פאַר באַטייליקן זיך אין אַן אומדערלויבטער געלט-זאַמלונג, און אַז אויך אַנדערע פון זיי זענען געמאַכט געוואָרן בלבולים, אַז זיי האָבן געקליבן נדבות אויף פאַרבאָרגענע צוועקן.

אַזאַ בלבול איז דעמאָלט געמאַכט געוואָרן אויך אויף די שקלאָווער יידן מצד דער דאָרטיקער מאַכט, וועלכע האָט זיך געפונען אינגאַנצן אונטער גראַף זאָריטשעס השפּעה.

די לעצטע עטלעכע יאָר, זינט פּאָטיאָמקין האָט באַזוכט שקלאָוו, האָט זאָריטש אַפילו אומגעביטן צו גוטן זיינע באַציאונגען צו די יידן, ער האָט זיי שוין מער נישט געדרוקט, און האָט זאָגאַר אָפט אַרויסגעוויזן זיי גרויס התקרבות, האָט איבערגעגעבן יידן צו פירן זיינע געשעפטן, האָט זיי געגעבן זיינע גיטער אין אַרענדע א. אַז. וו. דאָך האָט ער זיי נישט געקאָנט פאַרגעסן און מוחל זיין זייער באַקלאָגן זיך אויף אים פאַר פּאָטיאָמקינען און די פאָרוואורפן, וואָס ער האָט צוליב זיי געהאַט פון פּעטערבורג. אין געוויסע מינוטן, באַזונדערס ווען ער פלעגט זיך איינשכּורן, וואָס דאָס האָט ביי אים פּאַסירט נישט זעלטן, פלעגט זיך ביי אים אַרויסרייסן פון מויל, אַז ער וועט זיך נאָך אַמאָל נוקם זיין אָן די יידן.

די שקלאָווער יידישע עסקנים האָבן ביי זיך גאַנץ גוט געוואוסט, אַז זאָריטש איז זיי פאַרבליבן דערזעלבער דם-שונא וואָס געווען, און אַז ביי דער ערשטער, בעסטער געלעגנהייט וועט ער זיי געבן „שמעקן פעפער". און איצט, בעת זיי זענען אָנגעקלאָגט געוואָרן פון דער מאַכט, אַז זיי האָבן געזאַמלט געלט אויף פאַרדעכטיקע צוועקן, האָבן זיי באַלד פאַרשטאַנען, אַז עס שטעקט אין דעם זאָריטשעס האַנט.

ד

די דאזיקע געשעענישן האבן ארויסגערופן אין ציטלינס שלאס א גרויסע צערודערונג. אין אנהויב האט מען זיך געפרואווט טרייסטן דערמיט, וואס כצוול האט זיך אפגעזאגט אנצונעמען אפילו א דעפוטאציע פון זיין אייגענעם סענאט. מ'האט זיך אבער שטארק באאומרואיקט וועגן די גרעסטן פון די אומשולדיקע יידן, און נאך מער וועגן דעם בלבול, אז דאס געלט איז געקליבן געווארן אויף „פארשווערערישע צוועקן". גראד האבן אין יענער צייט געוויסע דייטשע בלעטער ארויסגעלאזט קלאנגען, אז די רוסישע יידן „קלייבן זיך עפעס אפצוטון". מ'האט זיך אזוי נישט געשראקן פאר דעם בלבול פון דער נידעריקער עקלאווער אדמיניסטראציע, צו וועלכער מ'וואלט זיך נאך אפשר געקאנט לייכט אן עצה געבן, ווי פאר די ידיעות וואס האבן זיך דערהאלטן פון א פיל ווייטערער געגנט, — פון דעם דרום-מערב-קאנט. פון דארט איז מען דערגאנגען, אז דער גענעראל-גובערנאטאר פון וואלינער, פאדאליער און קיעווער גובערניעס, גראף גודאוויטש, האט געמאלדן דעם איבער-פראקוראר אין פעטערבורג, אז צווישן די יידן פון זיין ראיאן ווערט פארשפרייט א געדרוקטער העברעאישער אויפרוף, אונטערגעשריבן פון די גרעסטע גאונים און רבנים, וועלכע זענען גוזר אויף יעדן איינציקן ייד אריינצוטראגן אין קהל-שטיבל א זילבערנעם גילדן, וואס עס דארף פארוועגדט ווערן אויף א געוויסן צוועק. דערביי האט גודאוויטש געבעטן דעם פראקוראר, ער זאל אנטרעגן ביים קייזער, וואס ער באפעלט צו טון מיט דער קאנפיסקירטער סומע.

וואכדעם ווי ציטלין מיט זיינע מקורבים האבן גוט באטראכט דעם ענין, האבן זיי באשלאסן צו שיקן א שליח מיוחד קיין פעטערבורג מיט געוויסע פולמאכטן און אינסטרוקציעס, מיט וועמען צו זען זיך און ווי צו האנדלען אין דער זאך.

ה

אין פעטערבורג האָט דעמאָלט געוואוינט אַ געוויסער אברהם פערעץ. געבוירן ביי אַ טאַטן אַ רב, אין דעם גאַליציאַנער שטעטל לעווערטאָוו, האָט זיך פּערעץ אין דער יוגנט דערצויגן אין פאַרשיידענע ישיבות, וואו ער האָט געשמט פאַר אַן עילוי. שפּעטער איז ער אַוועק קיין בערלין צו זיין קרוב ר׳ הירש לייבל, וועלכער איז דאָרט דאַן געווען רב. ביי אים אין הויז האָט ער זיך אַמאָל באַקענט מיט ר׳ יהושע צייטלינען, וועלכן ער איז באַלד פון דער ערשטער מינוט אָן זייער געפעלן געוואָרן און האָט אים צראָפּגעבראַכט צו זיך קיין שקלאָוו אַלס חבר פאַר זיין בן־יחיד משהלען. פאַר דער צייט, וואָס פערעץ איז געזעסן אין בערלין, האָט ער באַוויזן צו דערווערבן פאַרשיידענע וועלטלעכע קענטעניש און אַ צוויי, דריי אייראָפּעאישע שפּראַכן. אין אַ קורצער צייט אַרום האָט צייטלין פאַרקנסט פאַר פערעצן זיין איינציקע טאָכטער.

נאָך דער חתונה האָט צייטלין גענומען זיך באַנוצן מיט פערעצן צו זיינע פיל פאַרצווייגטע געשעפטן, אין וועלכע ער האָט אַרויסגעוויזן באַזונדערע גרויסע פעאיקייטן. צוליב דעם שווערס עסקים פלעגט פערעץ פאָרן גאַנץ אָפט קיין פעטערבורג. בשעת איינער פון זיינע נסיעות האָט ער זיך פאָרגעשטעלט פּאָטיאָמקינען מיט אַ רעקאָמענדאַציע פון צייטלי- נען. דורך זיין אינטעליגענץ האָט פערעץ ביי פּאָטיאָמקינען שטאַרק אויסגענומען, און איז געוואָרן ביי אים אַן „אייגענער מענטש". קומענדיק צהיים, פלעגט פערעץ אין זיינע פריי שעהן זיצן און לערנען מיטן שווער און העלפן אים שרייבן זיינע חבורים. מען דערציילט, אַז נאָך צייטלינס טויט האָט מען געפונען צווישן זיינע כתבים די „אַרבעה טורים", אַרומגעשריבן פון אַלע זייטן מיט פערעצעס הערות.

דער גלאַנץ פונם פעטערבורגער לעבן האָט יעדעס מאָל געמאַכט אויף פערעצן אַ שטאַרקן איינדרוק. יונג און שיין ווי-

ער איז געווען, האָט אים אָנגעהויבן צו ציען צום פרייליכן, רוישנדיקן גרויסשטעטישן לעבן ווי אַ מאַגנאַטישע קראַפט. פון טאָג צו טאָג האָט ער זיך געפילט אין שקלאָוו אַלץ מער אומבאַקוועמער, אַלץ מער איינזאַמער. ער האָט אַמאָל געפּרוווט אַרויסזאָגן פאַרן שווער, אַז ער האָט שטאַרק חשק צו באַזעצן זיך אין פעטערבורג, האָט אים יענער דערפון אָפּגעשלאָגן. צייטלין האָט ביי זיך נישט געקענט פועלן אָפּצעלאָזן אין דער פרעמד, און נאָך אין אַזאַ נישט־יידישע שטאָט, זיין איידעם, וועלכן ער האָט אַזוי געליבט. פערעץ האָט דורך דעם איינערלעך געליטן, אין זיינע שטילע ליידן האָט ער געהאַט אַן איינפלוס אויף זיין פאַמיליען־לעבן, וואָס האָט אים אָנגעהויבן ביסלעכווייז אונערטרעגלעך צו ווערן.

אַזוי האָט זיך פערעץ געקוועלט ביז וואַנען ער האָט, זייענדיק צמאָל אין פעטערבורג, אויסגעגאָסן זיין האַרץ אין אַ געשפּרעך מיט פּאָטיאָמקינען. דער רעזולטאַט פונם דאָזיקן געשפּרעך איז געווען, אַז פּאָטיאָמקין האָט איינגיכן אָריינגעשריבן אַ בריוו צו צייטלינען, אין וועלכן ער האָט אים אויפגעוויזן, אַז די טובה פון זיינע געשעפטן, אַלס אַרמיי־ליפעראַנט, פאָדערן ער זאָל האָבן אין פעטערבורג אַ שטענדיקן אונטערהענדלער מיט דער רעגירונג, און דערדאָזיקער אונטערהענדלער קאָן קיין אַנדערער נישט זיין ווי נאָר פערעץ. איצט האָט שוין צייטלין געמוזט נאָכגעבן, און פערעץ איז אָפּגעפאָרן און האָט זיך באַזעצט אין פעטערבורג, דערווייל אַליין, און די פאַמיליע האָט געדאַרפט נאָכקומען שפּעטער.

דאָס איז געווען אין די לעצטע יאָרן פון יעקאַטערינע דער צווייטער. דאַן האָבן שוין יידן אין פעטערבורג נישט געטאָרט וואוינען, און פערעץ, כאָטש אַ גרויסער מקורב צו פּאָטיאָמקינען און אַן איידעם פון אַ פּערזאָן, וואָס רעכנט זיך פאַר איינעם פון די גרעסטע רעגירונגס־ליפעראַנטן אין רוסלאַנד, האָט זיך אויך נישט געקאָנט באַזעצן עפנטלעך אין דער רוסישער הויפּט־שטאָט, און האָט דאָרט די ערשטע צייט געמוזט לעבן אומלעגאַל.

העכסט כאַראַקטעריסטיש איז דער פאַקט, אַז פּערעץ האָט אין פּעטערבורג קיין אַנדער אָרט נישט געפונען צו וואוינען, ווי נאָר ביי יעקאַטערינעס הויף־גלח, וועלכער איז געווען אַ גרויסער כאַבאַרניק, און פאַר געלט האָבן זיך ביי אים אין שטוב אויפגעהאַלטן עטלעכע יידן. מערקווירדיק איז, אַז יעקאַטערינע האָט דערפון גאַנץ גוט געוואוסט. דאָס זעט מען אַרויס פון די פאָלגנדיקע ווערטער, וואָס זי האָט געשריבן צו אַן איסלענדער, וועלכער האָט זיך ביי איר נאָכגעפרעגט וועגן דעם מצב פון דער יידן־פראַגע אין רוסלאַנד: „ס'זענען דאָ דריי אָדער פיר יידן אין פּעטערבורג פון אַ לענגערער צייט, איך האָב אַ הויף־פּאַפּ, ביי וועלכן זיי וואוינען. מען דולדעט זיי, טראָץ דעם געזעץ. מען מאַכט נאָר אַן אָנשטעל, אַזוי ווי מען באַמערקט זיי נישט".

פּערעץ האָט זיך אָבער דורכגעבראָכן אַ וועג אין פּעטערבורג. זיינע גלענצנדע פעאיקייטן האָבן פאַר אים אויפגעעפנט די טירן פון די גרעסטע שרהרישע הייזער. אין אַ צייט אַרום איז ער באַשטימט געוואָרן אַלס פּאָדראַטשיק פון שיף־בוי, און האָט זיך אויף דעם געביט באַלד קונה־שם געווען. אינגיכן איז ער גאַנץ רייך געוואָרן און האָט אָנגעהויבן שפּילן אין פּעטערבורג אַ גרויסע ראָלע.

נאָך יעקאַטערינעס טויט, בעת אויפן טראָן איז אַרויף פּאַוול דער ערשטער, איז פּערעץ געווען פון די וויניקע, וועלכע האָבן געהאַט די זכיה באַשאָנקען צו ווערן פון קייזער מיט אַן ערן־מעדאַל. דאָס האָט אים געמאַכט נאָענט צו דער העכסטער פּעטערבורגער אַריסטאָקראַטיע, און האָט אים אַפילו געבראַכט אין באַריהרונג מיט די הויף־ספערן.

בעת זיין שווער ר' יהושע ציייטלין האָט זיך נאָך פּאָטיאָמקינס טויט באַזעצט אין זיין אוסטיער שלאָס, פלעגט פּערעץ אַהין גאַנץ אָפט אַראָפּפאָרן פון פּעטערבורג און פאַרברענגען דאָרט אַ געוויסע צייט ביי זיין פרוי און קינד. ביי דיזאָזיקע געלעגנהייטן פלעגט פּערעץ יעדעס מאָל צוגעצויגן ווערן פון זיין שווער אָנטייל צו נעמען אין די באַראַטונגען, וואָס ער

פלעגט אָפּהאַלטן מיט געזעלשאַפטלעכע טוער, וועגן פאַרשיידענע כלל-ענינים. צו דידאָזיקע באַראַטונגען האָט פּערעץ תמיד אַרויסגעוויזן גרויס אינטערעס, דערביי אויך אַ וואַרים יידיש האַרץ מיט אַ גרייטקייט צו באַטייליקן זיך אין יעדער אַקציע, וואָס וועט אונטערגענומען ווערן לטובת יידן און יידישקייט אין רוסלאַנד.

און צו דעם פּערעצן האָט מען דאָס פּונם אויסטיער שלאָס אויסגעריכט דעם שליח מיוחד, וועלכער האָט אים געהאַט איבערגעגעבן די ידיעות וועגן די אַרעסטן פון די יידישע פאָרשטייער אין ליטע, ווייס-רוסלאַנד און דרום-מערב-קאַנט אין צוזאַמענהאַנג מיט דער יידישער איניציאַטיוו צו שיקן קיין פּעטערבורג אַ באַגריסונגס-דעפּוטאַציע צום נייעם רוסישן קייזער פּאַוול דעם ערשטן.

ו

פּערעץ האָט זיך די זאַך גענומען צום האַרצן. ער האָט גלייך אָנגעהויבן באַקלערן די מיטלען, וואָס קענען דורך אים אָנגעווענדט ווערן, אום צו פּועלן ביי וועמען מען דאַרף, מ'זאָל די אַרעסטירטע יידן באַפרייען און דעם גאַנצן ענין וועגן דער געהיימער געלט-זאַמלונג צערייבן. נישט וועלנדיק אָננעמען אַ וועלכן-עס-איז באַשלוס אויף זיין אייגענער אחריות, איז ער זיך אַריין מישב זיין וועגן דער זאַך מיט זיינעם אַ גוטן פריינט—לייב געוואַכאָוויץ האָט ער געהייסן.

———

דערדאָזיקער געוואַכאָוויץ, וועגן וועלכן אונדז וועט נאָך אויסקומען צו דערציילן אין די וייטערדיקע קאַפּיטלעך, איז געווען אַ געבוירענער פון לעטיטשעוו, פּאָדאָלער גובערניע. נאָך קינדוויז האָט ער זיך אַרויסגעוויזן פאַר זייער אַ פּעאיקן

אין לערנען. גאַנץ פרי האָט ער שוין אָנגעהויבן אַרומוואַנדערן פון ישובה צו ישובה, ביז ער האָט זיך פאַרשלעפּט קיין שקלאָוו. דאָס איז געווען אין דער צייט, ווען ר׳ יהושע צייטלין האָט נאָך געוואוינט אין שקלאָוו און האָט נאָר־וואָס אַראָפּגעבראַכט צו זיך פּערעצן. אַלס צענטער פון די שקלאָווער וואויללערנער, האָט ר׳ יהושע צייטלינס הויז צוגעצויגן צו זיך אויך דעם יונגן געוואַכאָוויצן, וועלכער האָט זיך באַלד דערוואָרבן אין שטאָט דעם נאָמען פון למדן מופלג.

אונטער דעם איינפלוס פון צייטלינס הויז האָט זיך גע־וואַכאָוויץ גענומען אויך צו וועלטלעכע בילדונג. צוקוקנדיק זיך ווי יידן קומט אויס שטאַרק צו ליידן אין זייער טעגלעכן לעבן פון דעם, וואָס זיי באַהערשן נישט די לאַנד־שפּראַך, האָט ער זיך באַזונדערס פיל אָפּגעגעבן מיט רוסיש, און וועלכער ער האָט אין אַ קורצער צייט בערך, געמאַכט זייער אַ גרויסן פאָר־שריט. ער האָט אין דעם אַזוי ווייט געבראַכט, אַז ער האָט געגאָלטן פאַר דעם גרעסטן רוסיש־קענער פונם גאַנצן קאַנט. דערצו האָט זיך אין אים באַמערקט אויך אַ שטאַרקער ליטע־ראַרישער טאַלענט. צייטלין האָט אים צוגענומען אַלס לערער פאַר זיין בן־יחיד, און שפּעטער אויך פאַר פּערעצן, וועלכער האָט ביז דאַן געהאַט אין רוסיש אַ גאַנץ קנאַפּע ידיעה.

פּערעץ האָט זיך באַלד צו געוואַכאָוויצן זייער שטאַרק צוגעבונדן, און דער לערער מיטן תלמיד זענען ווי חברים גע־וואָרן. בעת פּערעץ איז אַרויסגעפאָרן קיין פּעטערבורג, האָט ער מיט זיך גענומען זיין לערער און פריינט געוואַכאָוויצן, וועלכער האָט זיך מיט אים צוגלייך אויך אויסגעהאַלטן די ערשטע צייט ביי יעקאַטערינעס הויף־גלח. פּערעץ איז גלייך אַריין אין דער געשעפטס־וועלט, און וועלכער ער האָט געשטיגן פון טאָג צו טאָג, און געוואַכאָוויצן האָט געצויגן נאָר צו ביל־דונג, הויפּטזעכלעך צו דער ליטעראַטור.

בשעת פּערעץ האָט שוין באַוויזן צו ווערן איינער פון די גרעסטע פּעטערבורגער סוחרים, איז געוואַכאָוויץ נאָך אַלץ פאַר־בליבן דער אָרעמער רוסישער ליטעראַט, וועלכער איז געווען

אָפּגעגעבן איינגאַנצן נאָר דער פּעדער. פּערעץ האָט אָבער זיין געוועזענעם לערער גוט איינגעאָרדנט אין פּעטערבורג און אים אויסגעהאַלטן מיט אַלע הוצאות. די צוגעבונדנקייט צווישן זיי איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז ס'איז נישט אַריבער כמעט קיין טאָג, אין וועלכן זיי האָבן זיך ביידע נישט געזען. ווי פאַרשלונגען פּערעץ איז תמיד געווען אין זיינע געשעפטן, פלעגט ער זיך דאָך אָפּרייסן אויף עטלעכע מינוטן, אום דורכצושמועסן זיך מיט גאָטלאָבער... זיך מיט געוואַכאָוויטשן. יעדעס מאָל, ווען פּערעץ פלעגט זיך צוריקקערן קיין פּעטערבורג פון זיין אוסטיער באַזוך מיט פּעק נייעס און ידיעות וועגן דעם שווערן מצב פון יידן אין ליטע און ווייס-רוסלאַנד, פלעגט ער דאָס אַלץ מיטטיילן געוואַכאָוויטשן און אריינציען אים אַזוי-אַרום אין דער ספערע פון די יידישע כלל-אינטערעסן.

פאַר דער צייט וואָס געוואַכאָוויטש האָט פאַרבראַכט ביי ציטלינען אין הויז, האָט ער זיך אָנגעזען גענוג יידישע טרערן און זיך אָנגעהערט גענוג יידישע זיפצן, און ציטלינס טיפע קרעכצן איבער דעם גורל פון יידן, האָבן אים תמיד געגנבעט דאָס האַרץ. אין פּעטערבורג, וואו ער איז געווען אַריינגעטאָן ווי אַ דערכאויס אין דער רוסישער ליטעראַטור, וועלכער ער האָט זייער געליבט און געשעצט, האָבן יידן און יידישקייט אָנגעהויבן צו פאַרלירן פאַר אים ביסלעכווייז זייער באַזונדער אינטערעס. ווי פּערעץ פלעגט נאָר קומען צו אים מיט זיינע אוסטיער נייעס, פלעגט דאָן ביי געוואַכאָוויטשן דער יידישער אינטערעס באַלד צוריק ווערן אויפגעלעבט. אין יענע מינוטן פלעגט געוואַכאָוויטש אַרויסווייזן זייער אַ סענטימענטאַלע איבערגעגעבנקייט צו יידן און צו יידישקייט. און אַזוי איז עס אויך געווען אין יענעם מאָמענט, בעת פּערעץ איז צו אים געקומען און האָט אים דערציילט וועגן דעם אוסטיער שליח מיוחד...

ז.

דער רעזולטאַט פון דערדאָזיקער באַראַטונג איז געווען, אז שוין אויף מאָרגן האָט פּערעץ געזוכט און געפונען די גע־לעגנהייט צו זען זיך מיט איינעם פון זיינע מקורבים, וואָס ער האָט געהאַט אין קייזערלעכן הויף. דאָס איז געווען אַ געוויסער קוטייסאָוו, וועלכער האָט געשטאַמט פון אַ טערק, וואָס איז אַריינגעפאַלן אין דער רוסישער געפאַנגנשאַפט, און איז שפּעטער געוואָרן אַ גרויסער תּקיף ביי יעקאַטערינען. די קינדער פון דעמדאָזיקן טערק האָבן פאַרנומען די פאַראַנטוואָרטלעכסטע מלוכה־שטעלעס, און קוטייסאָוו, וועגן וועלכן מיר ריידן דאָ, איז געווען פּאַוולס קאַמער־דינער, און גאַנץ פּעטערבורג האָט געוואוסט, אַז ער האָט אויפן קייזער אַ גרויסן איינפלוס. אין זיינע פּאַדריאַט־געשעפטן האָט זיך פּערעץ נישט איינמאָל באַנוצט מיט פאַרשיידענע טובות מצד דעמדאָזיקן קוטייסאָוון, און די דעמאָלטיקע אַנטיסעמיטן, ווי דער רוסישער דיכטער דער־זשאַווין און אַנדערע, האָבן געוואוסט צו דערציילן, אַז די טובות קאָסטן אים אָפּ אַ שיינעם גראָשן.

ספּעציעל פאַר יידישע אינטערעסן האָט נאָך אָבער פּערעץ ביז אַהער קוטייסאָוון קיינמאָל נישט אויסגענוצט, נישט האָג־דיק דערצו די געלעגנהייט. איצט איז געווען דאָס ערשטע מאָל, ווען פּערעץ האָט פאַרפירט מיט קוטייסאָוון אַ געשפּרעך, וועגן דער יידן־פראַגע און האָט אים דערביי איבערגעגעבן די ידיעות, וועלכע ער האָט באַקומען פון אוסטיע, און געפרעגט ביי אים אַן עצה, וואָס צו טון.

קוטייסאָוו האָט אויף דעם געענטפערט, אַז ער נעמט זיך אָן באַהילפיק צו זיין אין דער זאַך נאָר דאַן, ווען דער קייזער וועט פריער מיט דעם באַקאַנט ווערן דורך אַ מעמאָראַנדום, וואָס דאַרף אים צוגעשטעלט ווערן וועגן דעם ענין אין נאָמען פון די יידישע פאָרשטייער. דערביי האָט ער אויפערקזאַם געמאַכט פּערעצן, אַז נעמענדיק אין אַכט, אַז דער מעמאָראַנדום

דאַרף דאַרלאַנגט ווערן צום קייזער, נאָר דורכן סענאַט, וואו עס זיצן אַ סך ייִדן־פיינט, און באַזונדערס אַזאַ שונא־ישראל ווי דערזשאַווין, וועלכע וועלן געוויס זוכן שטערן דעם ענין, וועט ער זען אויסגעפונען אַ וועג, ווי אַזוי דער מעמאָראַנדום זאָל פאַרבייגיין דעם סענאַט און אָנקומען צום קייזער גלייך אָן אַ שום פאַרמיטלונג; דערצו איז נויטיק, מען זאָל אים, קאָטשיסאָוון צושטעלן אַ באַזונדער אָפּגעשריבענע קאָפּיע פון מעמאָראַנדום.

דעם מעמאָראַנדום האָט אָנגעשריבן נעוואַכאָוויטש, וועלכער האָט אין אים אַרייַנגעלייגט פיל טאַלענט און טעמפּעראַמענט. דאָס איז געווען אַ בילד פונם ייִדישן לעבן אין רוסלאַנד, פון זייערע ליידן און פריידן, פון זייערע וואונטשן און האָפנונגען, און פאַרענדיקט האָט עס זיך מיט אַ לויב־געזאַנג צום יונגן רוסישן מאָנאַרך, וועמעס איידלמוט און גוטהאַרציקייט איז ווייט און ברייט באַקאַנט. דער מעמאָראַנדום איז באַלד דורך פּערעצן איבערגעגעבן געוואָרן צום סענאַט, און אַ קאָפּיע פון אים האָט באַקומען קאָטשיסאָוו.

עס זענען אָבער אַוועק שיינע עטלעכע וואָכן און נישט פּערעץ און נישט נעוואַכאָוויטש זענען עפּעס דערגאַנגען וועגן דעם גורל פון דעם מעמאָראַנדום. אַנשטאָט דעם, האָבן זיי זיך דערוואוּסט, אַז פון סענאַט זענען פאַנאַנדערגעשיקט געוואָרן אין פאַרשיידענע ערטער, און באַזונדערס אין די ניי־צוגעקומענע געוועזענע פּוילישע פּראָווינצן, פראַגע־בויגנס וועגן דעם, ווי די ייִדישע באַפעלקערונג ווירקט אויף דער קריסטלעכער, און אַז פון אַמעטום קומען אָן טאָג־טעגלעך תשובות, וועלכע זענען פאַר ייִד, זייער נישט גינסטיק. פון אַלע ערטער שטעלט מען פאַר די ייִדן אַלס פּיאַווקעס, וואָס זויגן אויס דעם מאַרך פון דעם פּויער, עקספּלואַטירן יעדערן און ברענגען שאָדן דער מלוכה, און אַלע מיט איין קול פאָדערן, מען זאָל באַגרענעצן זייערע רעכט. באַקומענדיק אַזעלכע ידיעות, האָט שוין פּערעץ געהאַלטן דעם ענין פונם מעמאָראַנדום פאַר אַ פאַרשפּילטן און האָט זיך שוין פון אים כמעט ווי מיאש געווען.

ווי ס'האָט זיך אָבער דערנאָך אַרויסגעוויזן, האָט דער טעמפּעראַנדום יאָ געהאַט אַ ווירקונג, אָבער ערשט אין אַ לאַנגער צייט אַרום. אין סעפּטעמבער 1798 האָט דער דרום־מערבדיקער גענעראַל־גובערנאַטאָר, גראַגעראָוויטש, באַקומען אַן ענטפער פון פּעטערבורג, אַז דער קייזער האַלט דאָס פאַר קיין עולה נישט, וואָס יידן ווילן שיקן צו אים אַ דעפּוטאַציע. גלייכצייטיק דערמיט איז גוראָוויזשן געוואָרן באַפוילן אומצוקערן תיכף די יידן דאָס קאָנפיסקירטע געלט. מ'איז אויך דערגאַנגען, אַז די־דאָזיקע תשובה האָט געזאָלט אָפּגעשיקט ווערן תיכף, זי איז אָבער אויפגעהאַלטן געוואָרן אין סענאַט, און דערווייל האָבן די אַנטיסעמיטישע מיטגלידער אויסגעווירקט, עס זאָלן פאַנאַנדערגעשיקט ווערן די אויבנדערמאָנטע אַנקעטע־בויגנס, האָפנדיק, אַז אונטער דעם איינדרוק פון די תשובות, אין וועלכע ס'וועלן געווען זיכער, אַז זיי וועלן זיין נאָר צום שלעכטן, וועט דער קייזער ענדערן זיין באַשלוס און וועט קיין יידישע דעפּוטאַציע נישט אָננעמען. מ'האָט געשוואַרצט יידן פאַר פאַוולען מיט אַלע מיטלען און ווי ווייט מ'האָט נאָר געקאָנט; קוטייסאָווס השפעה האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן פאַר פיל שטאַרקער און איינדרוקספולער, און נישט קוקנדיק אויף אַלע אינטריגעס, איז דער קייזער פאַרבליבן ביי זיין באַשלוס, צו מאַכן פאַר יידן אַן אויסנאַם און אָנצונעמען פון זיי אַ דעפּוטאַציע.

וועגן דערדאָזיקער דעפּוטאַציע גייט אַרום אין ליטע פאָלגנדיקע לעגענדע: אַ גאַנץ זומער 1798 האָט זיך דער ווילנער גאון געשפּירט זייער נישט גוט. זיינע אַכט און זיבעציק יאָר, זיין אַסקעטישער לעבנס־שטייגער, זיינע אָפטע תעניתים און זיין אומגעהויערע התמדה אין לערנען, — דאָס אַלן האָט ביסלעכווייז אונטערגעגראָבן זיין געזונט. ערשט מיט אַ יאָר צוריק האָט מען אים קוים אָפּגעראַטעוועט פון אַ שווערער און געפערלעכער קרענק, און פון דעמאָלט אָן האָט ער נישט געקאָנט קומען צו זיך. ער האָט זיך אָבער נישט אונטערגעגעבן און זיך בשום אופן נישט געוואָלט לייגן אין בעט. זיינע מקורבים האָבן זיך צוגעקוקט מיט גרויס מורא, ווי ער גייט אויס ווי אַ ליכט

פון טאָג צו טאָג, און האָבן באַשלאָסן אים אויפמערקזאַם צו־מאַכן אויף זיין לאַגע. זיי האָבן געוואוסט, אַז דער גאון האַלט נישט פון דאָקטוירים; אָבער נאָכדעם, ווי ער האָט איין נאַכט באַזונדערס שלעכט פאַרבראַכט, האָבן זיי זיך געמאַכט מוט און אים געפרעגט, צי ער וואָלט צוגעלאָזט צו זיך דעם דאָקטאָר פראַנק פון קרעסלאַווקע*). אויף דעם האָט דער גאון געענטפערט דורך אַ האַנט־באַוועגונג, אַז ער פאַרלאַנגט עס נישט. אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער שטיל אַ זאָג געטון: — בעט קומען דעם דובנער מגיד; מאָרגן דאַרף אַהער אָראָפּפאָרן דער גרויסער ר׳ יהושע מיט גוטע בשורות פאַר יידן; פירט אים אַריין צו מיר, איך וויל אים אָפּגעבן זיין לעצטן ישר כח...

אויף מאָרגן אינדערפרי, — דאָס איז געווען חול־המועד סוכות — איז צייטלין טאַקע געקומען פון פעטערבורג קיין ווילנע. מ׳האָט אים גלייך אַריינגעפירט צום גאון. ר׳ יהושע האָט דערציילט און דערציילט, און דער גאון האָט זיך צוגעהערט און זיין פנים האָט געלויכטן: עס שטייען אָן ישועות פאַר יידן! שונאים וועלן פאַרשעמט ווערן. פלוצלונג האָט דער גאון קוים דערהערט געשעפּטשעט:

— ברענגט מיר דעם לולב מיט דעם אתרוג, איך וועל זאָגן „הלל!“...

אויפן צווייטן טאָג איז דער גאון געשטאָרבן, און צוליב דעם אַלגעמיינעם טרויער איז אָפּגעלייגט געוואָרן די פייער־לעכקייט, וואָס האָט געזאָלט פאַרקומען אין אַלע ליטווישע און ווייס־רוסישע יידישע קהלות לכבוד דער דעפּוטאַציע, וועלכע האָט געהאַט די זכיה אויפגענומען צו ווערן פון קייזער און אויסגווירקן ביי אים ישועות און נחמות פאַר יידן.

עד כאן די לעגענדע. אין דער ווירקלעכקייט האָט זיך באמת פאַרגעשטעלט פאַר פּאַולען אַ יידישע דעפּוטאַציע; ס׳איז אָבער פאַרבליבן אומבאַקאַנט, וועלכע פערזאָנען ס׳האָבן זיך

---

*) אַ דייטשער ייד פון מענדלסאָנס אנהענגער, וועלכער איז אין יענער צייט געווען פּאָפּולער ביי יידן און ביי קריסטן, אַלס דער בעסטער דאָקטאָר אין דער גאַנצער געגנט.

אין איר באַטייליקט. אַ פאַקט איז נאָר, אַז זי האָט געבראַכט צו אַזעלכע זייער גוטע רעזולטאַטן, וועלכע יידן אַליין האָבן נישט דערוואַרט, ווי עס וועט דערציילט ווערן אין דעם קומענדיקן קאַפּיטל.

ח

גראַף זאַוויטש, דער שקלאָוועל בעל־הבית, וועלכער האָט בעטראַגן אין האַרצן אַ שטאַרקע שנאה אויף יידן, האָט זיך געטרייסט מיט דער האָפנונג, אַז ווי פּאָטיאָמקין מאַכט נאָר צו מיט אַן אויג, וועט ער זיי באַלד אָנהויבן צו רודפן גאָר אויף דאָכניי. און כך הוה. קורץ נאָך פּאָטיאָמקינס טויט האָבן זיך די יידן פונם גאַנצן שקלאָווער קרייז ווידער דערפילט זייער בעדריקט דורך זאָריטשן. ס'האָבן זיך צוריק אָנגעהויבן די אַלטע מעשיות: ער האָט אַרויסגעטריבן פון שטאָט יידישע פאַמיליעס און צוגענומען בײ זיי די הייזער, ער האָט באַגעגנט יידן אין גאַס און זיי געפּאַטשט, אַנדערע האָט ער אַריינגעזעצט אין תפיסה, און האָט זיי בכלל, גערעכנט פאַר קנעכט, ווי פּויערים אין דאָרף.

באַכדעם ווי די יידישע דעפּוטאַציע איז אָפּגעפאָרן פון פּעטערבורג מיט גוטע האָפנונגען אויף דער צוקונפט, האָט קוטאַסאָוו אין אַ געשפּרעך מיטן קייזער אָנגערירט די מעשה־תעתועים פון זאָריטשן. דאָס האָט ער געטון לויט דער בקשה פון פּערעצן, וועלכער האָט געפּונען פאַר גלייכער, אַז די זאַך זאָל דערגיין צום קייזער נישט אַלס אַ מסירה מצד די יידן, נאָר דורך זיין ליבלונג קוטאַסאָוון.

אין אַ געוויסן טאָג האָט דער סענאַט באַקומען אַ באַפעל פון פּאַוולען, אַראָפּצושיקן איינעם פון זיינע מיטגלידער קיין שקלאָוו צו מאַכן אַ חקירה ודרישה וועגן די אומגערעכטע מעשים, וואָס זאָריטש טוט־אָפּ מיט יידן. דער סענאַט, וואָס דער גרעסטער רוב פון זיינע חברים האָבן זיך באַצויגן צו יידן

מיט ווייניק סימפּאַטיע, האָט איבערגעגעבן דידאָזיקע מיפּיע דעם דיכטער דערזשאַווין. ווי מיר האָבן שוין פריער דערמאָנט, איז דערזשאַווין געווען אַ שונא־ישראל. די סבה פון זיין שנאה צו יידן איז אויפגעקלערט געוואָרן נאָך זיין טויט דורך זיינע פּאַרעפנטלעכע „זאַפּיסקעס“. אין דידאָזיקע „זאַפּיסקעס“ באַקלאָגט ער זיך, אַז יעדעס מאָל, ווען ער פלעגט קומען צו פּאָטיאָמקינען אויף אַן אוידיענץ, פלעגט ער זיך מוזן אומדרייען עטלעכע שעה אין נעבן־צימער, ווייל ער פלעגט אים לאָזן וואַרטן און אויפנעמען פריער גאַנץ זייטיקע, נישט קיין פּראַוואָסלאַווינע פּערזאָנען. יענע, די „נישט קיין פּראַוואָסלאַוונע פּערזאָנען“ זענען געווען געוויס ר׳ יהושע צייטלין און זיין איידעם אברהם פּערעץ. מיט דעם לעצטן האָט זיך דערזשאַווין גוט געקענט און אים אָפט דערמאָנט אין זיינע „זאַפּיסקעס“, און תמיד נישט צום גוטן.

אין שקלאָוו איז דערזשאַווין אַראָפּגעפאָרן מיט פולמאַכטן פון קייזער, אַז אויב ער וועט געפונען זאָריטשן פאַר שולדיק, זאָל ער קאָנפיסקירן זיינע גיטער און איבערגעבן אים צום געריכט. דערזשאַווין איז אָבער פון דער ערשטער מינוט אָן געקומען מיט דער כוונה, זאָריטשן ריין־צו־וואַשן און מאַכן, אַז די יידישע אָנקלאָגערס זאָלן ווערן צו שפּאָט און צו שאַנד. לכתחלה האָט ער געזוכט פאַרפלאָנטערן דעם גאַנצן ענין און אריינגעשיקט אין פּעטערבורג צום גענעראַל־פּראָקוראָר אַן אויפקלערונג, אַז ווייבאַלד די יידן זענען זאָריטשעס אונטערטאַנען, האָבן זיי נישט דאָס רעכט זיך אויף אים צו באַקלאָגן. אויף דעם האָט ער אָבער באַלד באַקומען אַ שטרענגע תשובה אין קייזערס נאָמען, ער זאָל נישט פרעגן קיין קשיות און זאָל זיך האַלטן אין די גרענעצן פון זיין פולמאַכט און אויספאָרשן די יידישע אָנקלאַגעס אויף זאָריטשעס פאַרברעכערישער האַנדלונג קעגן זיי.

דערזשאַווין האָט שוין קיין אַנדער ברירה נישט געהאַט און זיך גענומען צו דער חקירה ודרישה. יידן האָבן דערוויזן דורך עדות, אַז זאָריטש האָט זיי באַרויבט זייער האָב־און־גוטס,

אַז ער האָט זיי עפנטלעך געשמיסן, אַז ער האָט ביי זיי פּאַר שטייערן אַראָפּגענומען דאָס לעצטע העמד פון לייב, א. אַז. וו. דערזשאַווין האָט אָבער דאָס אַלץ נישט גענומען אין אַכט און האָט געשריבן קיין פּעטערבורג, אַז „וויפל ער האָט זיך נישט געסטאַרעט", האָט ער נישט געפונען מצד זאָריטשן קיין שום פאַרברעכערישע מעשים, צוליב וועלכע מ'זאָל אים דאַרפן איבערגעבן צום געריכט און מכל־שכן אָפּנעמען ביי אים זיינע גיטער.

מורא־האָבנדיק, אַז מ'קאָן נאָך אפשר אַרויספאָדערן פון פּעטערבורג די פּראָטאָקאָלן פון דער אויספאָרשונג, איז ער געפאַלן אויף אַ כיטרן פּלאַן, ווי אַזוי צו ברענגען דערצו, אַז דער קייזער זאָל די רייד פון די יידישע עדות נישט וועלן נעמען אין אַכט. דערדאָזיקער פּלאַן איז באַשטאַנען אין פאָלגנדן:

אין יענער צייט איז אין וויטעבסקער געריכט פאָרגעקומען אַ פּראָצעס וועגן אַן עלילת־דם. דאָס איז געווען דער ערשטער בלוט־בלבול אין רוסלאַנד. די זאַך האָט אַזוי פּאַסירט: עטלעכע טעג פאַר פּסח האָט מען אין סיענער פּאָוויאַט (מאָהלעווער גובערניע) געפונען לעבן אַ יידישער קרעטשמע אָן אַ זייט פון וועג אַ טויטן קערפּער פון אַ פרוי. אַן עדות האָט געזאָגט, אַז מיט צוויי טעג פריער איז ער געווען אין יענעם אָרט און האָט דאָרט קיין טויטן קערפּער נישט געזען, פון וואָס מען דאַרף דרינגען, אַז מ'האָט דערהרגעט די פרוי ערגעץ־וואו אַנדערש און מ'האָט זי נאָכהער אַהין אונטערגעוואָרפן. אַ צווייטער עדות האָט דערציילט, אַז נישט לאַנג פאַר דעם, האָט ער געזען די פרוי אין קרעטשמע. דאָס איז געווען גענוג, אַז „אויף דעם סמך פון דעם קלאַנג, וואָס גייט אַרום אין פאָלק, אַז יידן געברויכן קריסטלעך בלוט", זאָל מען באַשולדיקן אין דעם מאָרד פיר יידן, וועלכע האָבן זיך געפונען אין קרעטשמע. ס'האָט זיך אָפּגעפונען אַ געשמדטער ייד, אַ געוויסער סטאַניסלאַוו קאָסטינסקי, וועלכער האָט פאַלסיפיצירט אייניקע ערטער פון „שולחן־ערוך" אַלס ראיה, אַז יידן קוילענען אויף פּסח קריסט-

לעכע קינדער, און די זאַך איז איבערגעגעבן געוואָרן אין דעפּאַרטאַמענט פאַר קרימינעלע ענינים.

די ידיעה וועגן דעמדאָזיקן בלוט־בלבול האָט אויפגע־רודערט דאָס גאַנצע ליטווישע און ווייס־רוסישע יידנטום. ווי געזאָגט, איז דאָס געווען דער ערשטער עלילת־דם־פּראָצעס אין רוסלאַנד; אָבער לויט די פיל דערפאַרונגען, וואָס יידן האָבן שוין אין דעם געהאַט, באַזונדערס אין פּוילן, וואו בלוט־בלבולים זענען פאַרגעקומען גאַנץ אָפט, האָט מען זיך שטאַרק געשראָקן, אַז דער סיענער משפּט זאָל נישט ברענגען צו קאַטאַסטראָפאַלע רעזולטאַטן פאַר אַלע רוסישע יידן. שטאַרק באַזאָרגט איז מען וועגן דעם געווען באַזונדערס ביי ר׳ יהושע צייטלינען אין שלאָס, וואו די יידישע צרות האָבן תמיד זייער ערשטן אָפּקלאַנג געפונען. מ׳האָט מורא געהאַט, אַז דער יונגער קייזער קאָן זיך נאָך לאָזן פאַרפירן פון שונא־ישראל.

אַז דערזשאַווין איז געקומען קיין שקלאָוו און האָט זיך דאָרט דערוואוסט וועגן דעם סיענער פּראָצעס, האָט ער באַשלאָסן צו באַנוצן זיך מיט אים, כדי אַרויסצוטרעטן זאָריטשן און שאַדן ברענגען די יידן. ער האָט אַריינגעשריבן גלייך דעם קייזער, אַז היות ווי אַלע יידן געפינען זיך אונטער אַ שווערער באַשולדיקונג, אַז זיי שעכטן קריסטלעכע קינדער צוליב זייערע רעליגיעזע צוועקן, קאָן ער דעריבער נישט נעמען „אויף זיין געוויסן״ צו שענקען צוטרויען די עדות פון יידן „כ״י־זמן דאָס יידישע פאָלק וועט זיך נישט ריינוואַשן פאַר דעם קייזער פון זיין גרויסן פאַרזינדיקן־זיך קעגן די קריסטן״. אויף דעם סמך האָט דערזשאַווין געבעטן פּאַוולען, ער זאָל אים דערלויבן מדחה צו זיין די יידישע עדות.

דערזשאַווינען האָט זיך אָבער זיין כיטרער פּלאַן נישט איינגעגעבן. פּאַוול האָט זיין פאָרשלאַג אָפּגעוואָרפן און אים צוגעשיקט אַ באַפעל, ער זאָל אויספירן ריכטיק זיין מיסיע און נישט אויפמישן מיט איר דעם סיענער פּראָצעס, וואָס דאַרף באַהאַנדלט ווערן אויפן געוויינלעכן געריכטלעכן וועג.

דערזשאַווין איז געווען געצוואונגען ווייטער צו פירן דעם משפט וועגן זאָריטש. זאָריטשעס לאַגע איז געוואָרן זייער קריטיש, און פון גרויס האַרצווייטאָג איז ער אינגיכן געשטאָרבן. נאָך זיין טויט האָבן שקלאָווער יידן פריי אָפּגעאָטעמט, זיי האָבן זיך דערפילט ווי דערלייזט פון אַ שווערן, דריקנדיקן קאָשמאַר. פיל אַרויסגעטריבענע יידן האָבן זיך צוריקגעקערט און דורכן געריכט אַרויסגעוואָרפן זאָריטשעס יורשים פון זייערע הייזער, פיל צעוואינירטע, בדיל־הדל געוואָרענע פאַמיליעס האָבן ווידער אויפגעבויט זייערע פריערדיקע עקזיסטענצן.

אין קורצן איז פאָרגעקומען דער סיענער פראָצעס. מ'האָט פאָרגעלייגט פאַר די ריכטער די געפעלשטע טעקסטן פון „שולחן ערוך", צו וועלכע דער משומד האָט נאָך צוגעגעבן אַרויסגענומענע פאַרגרייזטע ציטאַטן פון „שבט יהודה". מ'האָט זיך געגריבלט דאָ און דאָרט, און מ'האָט קיין ממשותדיקע ראיה אויף דער באַשולדיקונג נישט געקאָנט דערוויזן. צום סוף האָט דאָס געריכט אַרויסגעטראָגן זיין פסק־דין, אַז „אַזוי ווי די אויספאָרשונג האָט גאָרנישט אַנטפּלעקט, פאַלט די באַשולדיקונג אָפּ, און די פיר יידן ווערן פרייגעשפּראָכן".

דערדאָזיקער פסק־דין איז פאַר די דעמאָלטיקע שונאי־ישראל געווען, ממש, אַ טויט־קלאַפּ. אַ באַזונדער דערשיטערנדן איינדרוק האָט עס געמאַכט אויף דערזשאַווינען, וועלכער האָט עס פאַראיבל בשום־אופן נישט געקאָנט מוחל זיין. מיט אַ ביטערער איראָניע האָט ער דעמאָלט געשריבן: „פּאַוולען דעם ערשטן איז פאַרבליבן לדורות דער אַלגעמיינער שבח, אַז ער איז געווען דער ערשטער פון די רוסישע קיסרים, וואָס האָט מקיים געווען די גרויסע מצוה: „ליבט אייערע שונאים און טוט טובות מיט די, וואָס האַסן אייך"...

*

און אין די ליטווישע און ווייס־רוסישע קלויזן און בתי־מדרשים זענען געזעסן יידן מיט לייכטנדיקע פנימער און

שטראַלנדע אויגן פון גרויס פרייד, און דערציילט איינער דעם אַנ־דערן וואונדערלעכע מעשיות וועגן דעם, ווי דער גרויסער „שר", דער אוסטיער „פּריץ", יהושע צייטלין, האָט זיך אויף דער עלטער געלאָזט פאָרן אַזש קיין פּעטערבורג, וואו ער מיט זיין איידעם, דער מקורב למלכות אברהם פּ ע ר ע ץ, האָבן זיך פאָרגעשטעלט פאַר דעם געצאַכפּערטן קייזער פּאַוול, ביי וועמען זיי האָבן מיט זייערע קלוגע רייד געפונען גרויס גענאָד און לייטזעליקייט און האָבן ביי אים אויסגעפועלט ישועות ונחמות פאַר יידן, אויף צעפּיקעניש זייערע שונאים...

און אין דיזעלבע ליטווישע און ווייס־רוסישע קלויזן און בתי־מדרשים האָבן יידן מיט טרויעריקע, פינסטערע פּנימער אין אַ קורצע צייט אַרום באַוויינט און באַקלאָגט איינער פאַר דעם אַנדערן דעם טויט פונם אומגעקומענעם קייזער פּאַוול, דער גרויסער „מלך־חסד", וואָס האָט באַשיצט און באַשירעמט אונטער זיינע פליגלען דאָס פאָלק ישראל. פּאַוולס דערמאָרדונג איז באַטראַכט געוואָרן ביי יידן אַלס אַ גזרה מן־השמים, און מיט שטאַרק האַרץ־קלאַפּעניש האָבן זיי אַרויפגעקוקט צו זיין זון, דעם טראָן־פאָלגער אַלעקסאַנדער דער ערשטער.

מען האָט דאַן געשמועסט, אַז אויף מאָרגן, נאָך פּאַוולס טויט, בעת אַלעקסאַנדער איז אַריין אין זיין קאַבינעט, האָט ער געפונען אויפן פאָטערס טיש צווישן אַנדערע כתבים אויך אַ מעמאָראַנדום, אין וועלכן עס ווערט אויספירלעך דערוויזן די פאַלשקייט פון אַלע עלילת־דמן, וואָס זענען געמאַכט געוואָרן אויף יידן אין פאַרשיידענע צייטן פון מיטלאַלטער אָן. דער פאַרפאַסער פונם דאָזיקן מעמאָראַנדום איז געווען אַ יידישער דאָקטאָר פון שאַוול, ווילנער גובערניע, מיטן נאָמען אברהם ב ע ר נ ה אַ ר ד. דער דערמאָנטער מעמאָראַנדום זאָל דאָס האָבן געווירקט אויף פּאַוולען בשעת דעם סיענער פּראָצעס צו געבן דעם ענין אַ ריכטונג לטובת די יידן.

אין אַ געוויסער צייט אַרום, בעת דערזעלבער אברהם בערנהאַרד, דער מחבר פון מעמאָראַנדום, האָט זיך געשמדט האָט מען דעמאָלט ביי יידן געזאָגט:

— צוויי משומדים! איינער האָט באַשאַפן דעם עלילת־דם, און דער אַנדערער האָט אים צעשטערט...

מיט אַלעקסאַנדער דעם ערשטן הויבט זיך אָן אַ נייע תקופה אין דער שתדלנישער טעטיקייט פון ר׳ יהושע צייטלין מיט זיינע מקורבים.

IV

פֿון שתּדלנים — משומדים

א

אין יאָר 1801, בעת ס׳איז אַרויף אויפֿן טראָן אַלעקסאַנדער דער ערשטער, האָט אַ בלאָז געטון פֿאַר די רוסישע יידן ווי אַ פֿריי ווינטל. דער ליבעראַלער גייסט, וועלכער האָט דאַן אָנגעהויבן אַריינדרינגען אין די רעגירונגס־אינסטיטוציעס בכלל, האָט שוין ממילא געהאַט אַ ווירקונג אויף די באַציאונגען פֿון דער ביוראָקראַטיע צו יידן. דער ערשטער רעזולטאַט פֿון דער דאָזיקער ווירקונג האָט זיך אַרויסגעוויזן אין דעם אָנערקענטן שטאַנדפּונקט, אַז ביי דער לייזונג פֿון דער יידן־פֿראַגע דאַרף מען זיך נישט פֿאַרלאָזן אויף די מאַטעריאַלן, וואָס ווערן פֿון צייט צו צייט צוגעשטעלט אין סענאַט דורך פֿאַרשיידענע רעוויזאָרן, ווי ס׳איז געווען דער מנהג פֿאַר פֿאַהלען, נאָר גרינדן אַ באַזונדער קאָמיטעט, אין וועלכן ס׳זאָלן אַריינגיין, אויסער מיטגלידער פֿון דער רעגירונג, אויך יידישע פֿאָרשטייער פֿון די ערטער. אַזאַ אינסטיטוציע, וועלכע האָט געהייסן: „קאָמיטעט איינצואָרדנען יידן“, האָט זיך אויפֿן קייזערס באַפֿעל געגרינדעט אין פּעטערבורג אין נאָוועמבער 1802.

די ידיעה וועגן דעם ניי־געגרינדעטן קאָמיטעט האָט אָבער אַרויסגערופן ביי יידן גרויס פּאַרדרוס. זייענדיק אַפילו בכלל צופרידן פון דעם עצם קאָמיטעט, האָבן זיי זיך אָבער שטאַרק געשראָקן פאַר דעם, וואָס איינער פון זיינע באַשטימטע מיטגלידער מצד דער רעגירונג איז געווען דער באַוואוסטער שונא־ישראל, דערזשאַווין, וועלכער איז פאַר דער צייט געוואָרן יוסטיץ־מיניסטער און האָט באַקומען אַ נאָמען אַלס מומחה אין יידישע ענינים. דערזשאַווינס יידנפיינטלעכע באַציאונג, וועלכע האָט זיך באַזונדערס בולט אַרויסגעוויזן אין זיין צוגעשטעלטן פּראָיעקט וועגן די יידן אין צפון־מערב־קאַנט, איז געווען אַלעמען גאַנץ גוט באַקאַנט. אין מינסק איז וועגן דעם פּאָרגע־קומען אַן עקסטרע־אסיפה פון קהל, אויף וועלכער ס'איז באַ־שלאָסן געוואָרן צו פאָרן קיין פּעטערבורג און בעטן דעם קייזער, „אַז די פינף הויכע באַאַמטע, אין וועמעס הענט מ'האָט איבערגעגעבן די יידישע ענינים, זאָלן פאַר יידן נישט אויפטון קיין שום נייעס". מ'האָט דאָרט תּיכּף אויפן אָרט געמאַכט אַ רשימה פון אַלע בעלי־בתּים, וועלכע דאַרפן דעקן די הוצאות פון דער דעפּוטאַציע. מ'האָט אויסגערופן אַ תּענית אויף דריי טעג, און אין די שולן האָט מען געזאָגט סליחות, יידן זאָלן ניצל ווערן פון דער גזרה. אַזוי האָט מען געטון אויך אין אַנדערע ליטווישע און ווייס־רוסישע יידישע קהלות.

בעת עס זענען דערגאַנגען קיין פּעטערבורג די ערשטע ידיעות וועגן דעם שלעכטן רושם, וואָס דער „יידישער קאָמיטעט" האָט געמאַכט אויף יידן אין דער פּראָווינץ, האָט דער אינערן־מיניסטער קאָטשובעי צוגעשיקט די גובערנאַטאָרן אַ צירקולאַר, זיי זאָלן זען באַרויקן דעם עולם און מודיע זיין די פאָר־שטייער פון די קהלות, אַז „מיט גרינדן אַ קאָמיטעט צו באַ־האַנדלען די יידישע ענינים, איז מען פאַר קיין פאַל נישט אויסן געווען זיי ערגער צו מאַכן, נאָר, פאַרקערט, מען מיינט זיי פאַרשאַפן רו און פאַרבעסערן זייער מצב. דער צירקולאַר האָט אָבער געמאַכט אַ קנאַפּן איינדרוק, און יידן זענען נאָך אַלץ געווען אין איין שרעק.

יידן האָבן זיך ערשט צוגעהויבן צו באַרואיקן אָנהויב 1803, בעת דער „יידישער קאָמיטעט" האָט באַשלאָסן צונויפ-צורופן קיין פּעטערבורג דעפּוטאַטן פון יעדער גובערניע אום אויסצוהערן זייער מיינונג וועגן די דרכים און די מיטלען, וועלכע זיי געפינען פאַר ריכטיק, אום איינצואָרדנען ווי גע-העריק דאָס יידישע לעבן. באַלד האָט מען זיך אין אַלע קהלות גענומען מיט גרויס ענערגיע אויסצוקלייבן איטלעכע איר פאַר-שטייער, און נאָך אָנהויב פרילינג דעמזעלבן יאָר זענען זיך די יידישע דעפּוטאַטן צונויפגעפאָרן קיין פּעטערבורג.

ב

אין דער צייט, וואָס די יידישע עסקנים אויף דער פּראָ-ווינץ האָבן זיך פאַרהאַלטן צום קאָמיטעט מיט גרויסע ספקות, צי ער וועט עפּעס קאָנען אויפטון גוטס פאַר יידן כּל-זמן דערזשאַווין וועט זיך געפינען צווישן זיינע מיטגלידער, – אין דערזעלבער צייט האָבן די פּעטערבורגער שתדלנים, אברהם פּערעץ און לייב נעוואַכאָוויטש, באַטראַכט דעם קאָמיטעט אַלס גרויס גליק פאַר יידן. שטייענדיק נאָענט צו די רעגירונגס-ספערן, האָבן זיי געוואוסט מיט וועלכע מיטלען צו געווינען לטובת די יידישע אינטערעסן די עטלעכע היכע ביוראָקראַטן, וועלכע זענען באַשטימט געוואָרן פונם קייזער צו באַטייליקן זיך אין קאָמיטעט. לויט דערזשאַווינס „זאַפּיסקעס" ווייזט זיך אַרויס אַז פּערעץ זאָל אויך מיט אים האָבן געפירט אונטער-האַנדלונגען. „פּערעץ האָט זיך צו מיר געלעקט, – אַזוי דער-ציילט דערזשאַווין, – אָבער ס'האָט זיך אים נישט איינגעגעבן".. דערזשאַווין האָט, קענטיק, נישט געוואוסט, אַז בעת פּערעץ האָט זיך צו אים „געלעקט", איז שוין זיין גורל געחתמעט געוואָרן פונם קייזער צו ווערן אויס יוסטיץ-מיניסטער און אַרויסצוגיין ממילא אויך פונם „יידישן קאָמיטעט". אַז די יידישע דעפּוטאַטן זענען געקומען קיין פּעטערבורג און האָבן זיך דערוואוסט, אַז

מ׳איז פטור געוואָרן פון דערזשאַווינען, איז דאָס פאַר זיי געווען ממש אַ יום־טוב, וועגן וועלכן מ׳האָט באַלד געגעבן צו וויסן אין דער פּראָווינץ, און יידן האָבן אומעטום פרייער אָפּגעאָטעמט.

פאַרשיידענע לעגענדעס גייען אַרום אין ליטע און ווייס־רוסלאַנד וועגן דעם, ווי אַזוי ס׳איז געקומען דערצו, אַז דער גרעסטער אין יענער צייט לירישער דיכטער, מיט וועלכן רוסלאַנד האָט אַזוי שטאָלצירט, און וואָס איז נאָך פאַר יעקאַטערינען געווען אַזאַ גרויסער תקיף אין הויף, זאָל מיטאַמאָל דאַרפן דעמיסיאָנירן, און נאָך צוליב יידן. לויט אַ ווערסיע, וועלכע איז פאַרשפּרייט באַזונדערס צווישן חסידים, איז דערזשאַווינס אומגעריכטע מפּלה באַטראַכט געוואָרן אַלס שטראָף פון גאָט דערפאַר, וואָס דורכפאָרנדיק, בשעת זיין רעוויזיע אין ווייס־רוסלאַנד, ליאָזנע, וויטעבסקער גובערניע, האָט ער דאָרט גראָד באַליידיקט דעם „גוטן יידן" ר׳ שניאור זלמנען, דעם מחבר פון „תניא", און נישט באַנוגנדיק זיך נאָך מיט דעם, האָט ער שפּעטער מיטגעהאָלפן צו אַרעסטירן דעמזעלבן „רבין" און צו ברענגען אים אַ געשמידטן אין קייטן קיין פּעטערבורג, וואו מ׳האָט אים אַריינגעזעצט אין דער פּעטראָ־פּאַוולער פעסטונג. לויט אַן אַנדער ווערסיע האָט דאָס אים צוגעדינט דער פּוילישער מאַגנאַט אַדאַם טשאַרטאָריסקי, אַן אינטימער פריינט פון אַלעקסאַנדער דעם ערשטן און אַ שטענדיקער באַזוכער פון פּערעצעס סאַלאָן. דערמאָזיקן אַדאַם טשאַרטאָריסקי, — אַזוי דערציילט מען, — וועלכן אַלעקסאַנדער האָט באַשטימט אַלס איינעם פון די רעגירונגס־פאַרשטייער אין דעם „יידישן קאָמיטעט", האָט פּערעץ פאַרשטאַנען אויסצושפּילן קעגן דערזשאַווינען, צו וועלכן ער האָט געפילט תמיד אַן אַנטיפּאַטיע פאַר זיינע עקסט שאָוויניסטיש־פּאַנסלאַוויסטישע נייגונגען און טענדענצן.

פירשט אַדאַם טשאַרטאָריסקי, וועלכער איז געווען צו יידן גוט גענויגט און האָט זיך אין פאַרשיידענע צייטן אָפּגעגעבן מיט דער יידן־פראַגע, איז באַקאַנט געוואָרן מיט פּערעצן דורך דעם פאָלגנדיקן אינטערעסאַנטן צופאַל:

נאָכדעם, ווי פערעץ האָט אָפּגעוואוינט אַליין אַ פּאָר יאָר אין פּעטערבורג, האָט ער באַשלאָסן אַראָפּצוברענגען צו זיך זיין פאַמיליע. ר׳ יהושע צייטלין האָט אָבער זיין טאָכטער, וועלכע איז ביי אים געווען אַ בת יחידה, נישט געוואָלט אָפּלאָזן פון זיך, און פייגעלע גופא, אַזוי האָט זי געהייסן, האָט אויך, מורא האָבנדיק פאַר דער גרויסער אומבאַקאַנטער רוסישער הויפּט-שטאָט, אַרויסגעוויזן צו דעם אַ קנאַפּן חשק און זיך באַמיט ווירקן אויפן מאַן פּאַרקערט, אַז ער זאָל זיך צוריק באַזעצן אין אוסטיער שלאָס. דאַן האָט פערעץ געבעטן, מ׳זאָל אים כאָטש געבן זיין צען-יעריק ייִנגעלע הערשעלע, וועלכן ער וויל דער-ציען לעבן זיך.

אויף דעם איז צייטלין איינגעגאַנגען נאָר אויך דוקא מיט דעם תנאי, אַז ער זאָל פריער אויסשרייבן פאַר דעם ייִנגל אַ גוטן מלמד, וועלכער זאָל מיט אים מיטפאָרן קיין פּעטערבורג. לויט דער רעקאָמענדאַציע פון דעם באַוואוסטן ייִדיש-דייטשן געזעלשאַפטלעכן טוער אויפן השכלה און רעפאָרם-געביט, דוד פרידלענדער, האָט דעמאָלט פערעץ גענומען צו זיך אַלס מלמד פאַר זיין ייִנגל דעם גרויסן געלערנטן און דענקער מענדל לעפין, מענדלסאָנס אַ תלמיד מובהק, וועלכער איז ביי זיין גאַנצער פריידענקעריי אויסערלעך פאַרבליבן טריי די טראַדיציעס פון דער אַלטער ייִדישקייט.

אָט דער מענדל לעפין האָט זיך אַמאָל אין דער יוגנט, צוריקקערנדיק זיך פון בערלין, באַזעצט אין דעם קליינעם שטעטל מיקאָלייעוו, פּאָדאָלער גובערניע, וועלכעס האָט דאַן אָנגעהערט צו דעם פירשט אַדאַם טשאַרטאָריסקי, און האָט זיך מפרנס געווען פון אַ קליין געוועלבל מיט לייַמענע כלים, וואָס זיין פרוי האָט געהאַלטן.

פירשט טשאַרטאָריסקי, וועלכער האָט אַליין געוואוינט אין מעדזיבאָזש, פלעגט אָפט קומען באַזוכן זיינע גיטער, און אויך דאָס אָרימע ייִדישע שטעטל, וואו לעפין האָט זיך געפונען. איינמאָל איז טשאַרטאָריסקי אַריין אין לעפינס קרעמל און האָט באַמערקט אויפן טאָמבאַנק אַן אָפענעם ספר, און ווי פאַרוואונ-

דערט איז ער געוואָרן, ווען ער האָט דערזען, אַז דאָס איז גע־וועזן וואָלפס „מאַטעמאַטיק". די קרעמערקע האָט אים געזאָגט, אַז איר מאַן ליבט זייער דעם ספר, און ווען ער קומט איר אַמאָל העלפן אין געשעפט, לאָזט ער עס נישט אַרויס פון האַנט.

טשאַרטאָריסקי האָט זיך זייער געוואָלט באַקענען מיט דעם יידישן קרעמער, וואָס לייענט ביים טאָמבאַנק דאָס ווערק פונם באַרימטן פילאָזאָף און מאַטעמאַטיקער. נאָך גרעסער איז געווען זיין דערשטוינונג, ווען ער האָט אין אים געפונען אַן העכסט אייראָפּעאיש געבילדעטן מאַן, אַ פריינט פון משה מענדלסאָן, וועמעס ווערק עס זענען אויך אים אַביסל באַקאַנט געווען. פון דעמאָלט אָן איז לעפין געוואָרן אַ גרויסער מקורב צו דעם פוילישן מאַגנאַט, וועלכער האָט געטון פאַר אים טובות, געגעבן געלט, אויך אים באַשטימט אַ מאָנאַטלעכע פּענסיע, כדי דער יידישער קרעמער זאָל זיך קאָנען אָפּגעבן מיט וויסנשאַפט. לויט טשאַרטאָריסקיס פאָרשלאַג, האָט לעפין אָנגעהויבן אין פראַנצויזיש אַן אָפּהאַנדלונג וועגן קאַנטס שיטה אין פילאָזאָפיע און אויך אַ פּראָיעקט פון אַ רעפאָרם פאַר די פוילישע יידן. שפּעטער זענען זיי זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען: לעפין, וואָס זיין שטאַרקער וויסנשאַפטס־דראַנג האָט אים געשטויסן אין די גרויסע אייראָפּעאישע צענטרס, האָט אַרומגעוואַנדערט פון אָרט צו אָרט, און פירשט טשאַרטאָריסקי האָט זיך איבערגעקליבן קיין פעטערבורג, וואו אַלעקסאַנדער דער ערשטער האָט אים געגעבן אַ גרויסן פאָסטן אין אויסערן־מיניסטעריום. פון דעמאָלט אָן האָבן זיי ביידע, לעפין און טשאַרטאָריסקי, איינער פון דעם צווייטן נישט געהערט. איצט, ווען לעפין איז געקומען קיין פעטערבורג, וואו ער איז געוואָרן פערעצעס הויז־לערער, האָט ער זיך דאָרט ווידער באַגעגנט מיט זיין אַלטן פוילישן פריינט, וועלכער האָט אים אויך היינט צוריסגעוויזן די אַמאָליקע הייסע התקרבות.

לעפין איז באַלד געוואָרן ביי טשאַרטאָריסקין אַ גאַנצער „בן־בית", און דורך זיין פאַרמיטלונג האָט זיך דער פירשט באַקענט מיט פערעצן.

בעת פערעץ האָט זיך דערוואוסט, אַז טשאַרטאָריסקי איז באַשטימט געוואָרן פון דער רעגירונג פאַר אַ מיטגליד אין דעם „יידישן קאָמיטעט", האָט ער אויסגענוצט זיין באַקאַנטשאַפט צו ווירקן אויף אים לטובת די יידישע אינטערעסן.

אין קורצן האָט שוין טשאַרטאָריסקי אויסגעווירקט פון זיין זייט, אַז מענדל לעפין זאָל אויך אַריין אין דער צאָל פון די יידישע דעפוטאַטן, וועלכע נעמען אנטייל אין די אַרבעטן פון קאָמיטעט. לעפינס אַריינטריט אין קאָמיטעט איז געווען פאַר יידן אַ גרויסער געווינס.

ג

פערעץ, וועלכער האָט געלייגט אויפן קאָמיטעט זייער גרויסע האָפנונגען, האָט שוין גערעכנט זיין מיסיע פאַרענדיקט, און פון דעמאָלט אָן האָט ער זיך אָנגעהויבן ביסלעכווייז מרחיק צו זיין פון דער יידישער כלל-אַרבעט און זיך אָפּגעגעבן אינגאַנצן זיינע גראַנדיעזע פּראָוויאַנט-עסקים.

אין יענער צייט איז פאָרגעקומען אַ גרויסער איבערברוך אויך אין זיין אינטימען לעבן. פאַרברענגענדיק גאַנץ אַליין, און טראָגנדיק אין הארצן אַ שנאה אויף זיין יונגער פרוי, פאַרוואָס זי האָט מדחה געווען זיין פאַרלאַנג צו באַזעצן זיך מיט אים אין פעטערבורג, האָט דאָס געבראַכט דערצו, אַז ער האָט זיך פאַרליבט אין אַ בילד-שיינער פריילן, אַ דייטשקע, אַ שוועסטער פון אַ הויכגעשטעלטן אַדמיראַל, מיט וועלכן ער האָט געהאַט שטענדיקע געשעפטן אַלס פּאָדריאַטשיק פון שיפבוי. אינגיכן האָט ער מיט איר חתונה געהאַט, און זי האָט אים געבוירן צוויי קינדער. דאָס האָט שוין פערעצן אַריינגעצויגן ממילא אין אַ ריין-קריסטלעכע ספערע, און זיינע באַציאונגען צו יידן זענען געוואָרן אַלץ שוואַכער און זעלטענער. טאָמער פלעגט ער נאָך די ערשטע צייט געבן אַמאָל עצות די יידישע דעפוטאַטן, ווי אַזוי צו האַנדלען אין קאָמיטעט, האָט ער דאָס

שוין איצט אויך אויפגעהערט. גערעדט פיל וועגן אים האָט מען נאָר אין די קריסטלעכע קרייזן, וואו מען האָט גערימט זיינע גרויסע וואוילטעטיקע מעשים, זיינע צדקות פאַר פאַרשיידענע קריסטלעכע אַנשטאַלטן און אינסטיטוציעס.

ד

דערצו האָט גראָד געדאַרפט פּאַסירן, אַז פּערעץ האָט זיך פאַרפּלאָנטערט נישט אין קיין גוטע געשעפטן, פון וועלכע ער האָט זיך בשום אופן נישט געקאָנט אַרויסדרייען. ביסלעכווייז איז אים אַוועק שלעכט די צייט, ביז ער האָט ענדלעך באַנקראָטירט. נישט ויעלנדיק בלייבן קיין אָנזעצער, האָט ער פון זיך פאַרקויפט ביזן לעצטן שנירל, ער האָט זיך געשטעלט בריל־הדל, אַבי אויף וויפל ס'איז צו באַפרידיקן זיינע בעלי־חובות. ביי דער קריסטלעכער געזעלשאַפט האָט ער שוין אָבער פאַרלוירן זיין פּרעסטיזש, די גרויסע ביוראָקראַטן, די נאָך גאָר נישט־לאַנגעדיקע שטענדיקע באַזוכער פון זיין סאַלאָן, האָבן אים אויסגעמיטן; צו יידן האָט ער זיך אַליין פרעמד געמאַכט, נאָך אַ צייט פריער האָט ער איבערגעריסן מיט זיי יעדע באַציאונג. אַראָפּפאַלנדיק פון אַזאַ עשירות אין גרויס דלות, איז ממילא דורכדעם זיין שלום־בית אויך צעשטערט געוואָרן. מיט אַמאָל האָט ער זיך דערפילט עלנט און איינזאַם, און דאָס אַלץ האָט אים צום סוף געבראַכט צו זיין פאַלשן טריט: אין אַ „שיינעם פרימאָרגן" האָט ער גענומען און האָט זיך אָפּגעשמדט.

די ידיעה וועגן אברהם פּערעצעס שמדן זיך האָט אַרויסגערופן ביים רוסישן יידנטום גרויס צער און טרויער. אין אַ סך ערטער, באַזונדערס אין ווייס־רוסלאַנד, האָבן יידן אויף דעם „קריעה" געריסן און געזעסן „שבעה". די ערשטע צייט האָט מען זיך אָפּגעהיט וועגן דעם צו רעדן אָפן, מ'האָט עס איבערגעגעבן פון מויל צו אויער, עפּעס ווי איינער וואָלט זיך געשעמט פאַר דעם אַנדערן. מ'האָט עס באַטראַכט פאַר אַ פאָלקס־

חרפה. יידן צווישן זיך האָבן גערעדט, אַז דאָס האָט אויפגע־געסן ר׳ יהושע צייטלינען. אַ בייזע, פינסטערע עין־הרע. חסידים האָבן פאַרשפּרייט אַ ווערסיע, אַז פּערעץ איז געשטראָפט געוואָרן פאַר דעם, וואָס אַלס הייסער אָנהענגער פונם ווילנער גאון האָט ער זיך שלעכט פאַרהאַלטן צו ר׳ שניאור זלמן דעם לאַדיער און האָט אונטערשטיצט די, וועלכע האָבן קעגן אים אינטריגירט און האָבן גורם געווען צו זיין אַרעסט. דערביי האָט מען איבערגעגעבן דעם פאָלגנדיקן פאַקט: בעת ר׳ שניאור זלמן איז באַפרייט געוואָרן פון דער פּעטראָפּאַוולער פעסטונג, האָט ער געבעטן דעם זשאַנדאַר, וועלכער האָט אים באַגלייט, ער זאָל אים אַריינפירן אין דעם ערשטן יידישן הויז, וואָס זיי וועלן אָנטרעפן. ווי ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, האָט דער זשאַנדאַר אַריינגעפירט ר׳ שניאור זלמנען גראָד אין פּערעצעס וואוינונג. ווי באַר פּערעץ האָט דערזען דעם לאַדיער רבין אַ באַפרייטן, האָט ער געהייסן אָנשטעלן דעם סאַמאָוואַר און אַליין האָט ער זיך אָוועקגעשטעלט אויסוואַשן די גלעזער. בעת־מעשה האָט ער מיט אַ שטרענגן טאָן אָנגעהויבן רעדן צום רבין: „איר מיינט, אַז איר זענט שוין געראַטעוועט, זאָלט איר וויסן, אַז איר זענט נאָך נישט פריי. איר זענט איצט אַריינגעפאַלן אין מיינע הענט, און איך וועל אייך נישט אַרויסלאָזן, ביז איר וועט מסכים זיין אונטערצושרייבן, אַז איר זאָגט זיך אָפּ פון אייער נייער תורה און פון אַלע אייערע מנהגים, וואָס אונזערע אבות אבותינו האָבן זיי נישט געקענט״.

ר׳ שניאור זלמן איז געזעסן זייער פאַרטרויערט און האָט נישט געוואוסט וואָס אָנצוהייבן צו טון. די חסידים האָבן דעם גאַנצן טאָג געוואַרט, אַז אָט, אָט קומט ר׳ שניאור זלמן, האָבן אָבער וועגן אים קיין שום ידיעה נישט געהאַט. דאַן זענען זיי אים אַוועק זוכן ביי די מתנגדים, און איינער אַ חסיד, מרדכי ליעפּלער איז אַריין צו פּערעצן, און ווי ערשטוינט איז ער געוואָרן, בעת ער האָט דערזען, ווי דער רבי זיצט, און פּערעץ שטייט און באַליידיקט אים. אויפן וועג, בעת זיי זענען ביידע געגאַנגען פון פּערעצן, האָט זיך ר׳ שניאור זלמן אָפּ־

גערופן צום חסיד: „איר האָט מיך ממש מחיה געווען; גלויבט מיר, אַז די צייט, וואָס איך האָב פאַרבראַכט „דאָרט, האָב איך זיך געפילט פיל ערגער ווי אין דער געהיימער קאַנצעלאַריע".

צווישן די מאַטעריאַלן, מיט וועלכע איך האָב זיך באַנוצט, צוזאַמענשטעלנדיק דידאָזיקע מאָנאָגראַפיע, האָב איך נישט גע-פונען די קלענסטע אָנווייזונג וועגן דעם, ווי אַזוי פּערעצעס שמדן-זיך האָט זיך אָפּגערופן אויף זיין שווער, ר׳ יהושע ציטלין. מ׳קאָן זיך אָבער אַליין לייכט פאָרשטעלן, אַז דאָס-דאָזיקע געשעעניש האָט געמאַכט אינם אוסטיער שלאָס דעם דערשיטערנדסטן איינדרוק. זייער אַן אינטערעסאַנטן פאַקט גיט איבער בנוגע דעם, דער באַקאַנטער העברעאישער שריפטשטעלער ש״י איש הורוויץ אין זיינע זכרונות:

„מיין פאָטער האָט אַליין מיט זיינע אויגן געזען ר׳ יהושע ציטלינס צוואה, געשריבן העברעאיש, אויף בלאָען פּאַפּיר, אין וועלכער ס׳האָבן זיך געפונען די פאָלגנדע ווערטער: „אויב עס וועט אַרויס אַ גזרה פון קייזער, אַז יידן מוזן פאַרקויפן זייערע גיטער, פאַרלאַנג איך, אַז מיין גוט אוסטיע זאָל אָפּקויפן מיין איידעם פּערעץ". דידאָזיקע צוואה, — אַזוי באַמערקט אויף דעם ש״י איש הורוויץ, — קומט אויס זייער רעטזלהאַפט: אויב שרייבנדיק די צוואה האָט ר׳ יהושע ציטלין נישט געוואוסט, וואָס ס׳האָט דערווייל פּאַסירט מיט זיין איידעם אין פּעטערבורג, טאָ וואָרום האָט ער געמיינט, אַז פּערעץ וועט האָבן די דער-לויבעניש צו קויפן אומבאַוועגלעכע גיטער, בעת אַלע אַנדערע יידן וועלן דאָס נישט טאָרן, און אויב ער האָט יאָ געוואוסט, טאָ ווי האָט ער דאָס געקאָנט פאַרלאַנגען, אַז זיין גוט זאָל אָפּקויפן דוקא פּערעץ, און ווי קומט ער אים צו רופן „מיין איידעם"? היתכן, אַז ער האָט אים נישט אויפגעהערט צו ליבן אויך נאָך דער מעשה צוליב זיין גרויסקייט אין לערנען?".

עס דאַרף דאָ נאָך באַמערקט ווערן, אַז גראָד אין דער-זעלבער צייט האָט פּאַסירט אַזאַ אומגליק, ווי מיט פּערעצן, אויך אין דעם הויז פון ר׳ שניאור זלמן לאַדיער, און לויט האָבן דאַן געזאָגט, אַז גאָט האָט געטון איינס קעגן דאָס

אַנדערע, — צוליב דעם קריג און די מחלוקתן, וואָס האָבן אויסגעבראָכן ביי יידן צווישן מתנגדים און חסידים, האָט ער צוגענומען ביי ביידע קעמפנדיקע כתות „די שוואַרץ-אַפּלען פון זייערע אויגן״...

ה

אין יאָר 1825 האָט פּערעצן געטראָפן אַ גרויס אומגליק. זיין זון, גריגאָרי, וועלכער איז געווען זייער אַ פּעאיקער און האָט זיך שוין געהאַט דערדינט צו אַ גרויסן „טשין״, איז געוואָרן פאַרמישט אין דעם משפט פון די דעקאַבריסטן און מ׳האָט אים פאַרשיקט קיין סיביר.

איינער פון די דעקאַבריסטן, גלינקאַ, וועלכער האָט עדות געזאָגט פאַר דער אויספאָרשונגס-קאָמיסיע, וועגן זיין באַקאַנטשאַפט מיט גריגאָרי פּערעץ, האָט צווישן אַנדערן דערציילט פאָלגענדעס: אין אַ געוויסן פרימאָרגן האָט פּערעץ גערעדט וועגן דער נויטיקייט צו גרינדן אַ געזעלשאַפט, וועלכע זאָל באַפרייען די יידן, וואָס זענען צעשפּרייט אין רוסלאַנד, און אַפילו אין אייראָפּע, און צו באַזעצן זיי ערגיץ אין קרים, אָדער אין ארץ-ישראל אַלס באַזונדער פאָלק. דערביי האָט ער געזאָגט, אַז בעת זיין פאָטער איז נאָך געווען רייך, האָט ער זיך אַרומגעטראָגן מיטן געדאַנק, צונויפצוקלויבן אַלע יידן אין איין צענטער, און ער האָט אויסגערעכנט, אַז מען דאַרף דערצו האָבן זייער גרויסע קאַפּיטאַלן, די מיטהילף פון געלערנטע א. אַז. וו. ער האָט שוין אויך געהאַט אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן, ווי אַזוי צונויפצוזאַמלען די יידן, אונטער וועלכע טריאומפן זיי אַרויסצופירן א. אַז. וו.

דאָס באַווייזט, אויף וויפל די יידן-פראַגע האָט נאָך באַשעפטיקט פּערעצן אינערלעך, אַפילו אין דער צייט, ווען ער האָט שוין אָפיציעל איבערגעריסן מיט יידן. פּערעצעס אייניקלעך האָבן נאָך גאָר די לעצטע צייט פאַרנומען אין צאַריסטישן

רוסלאַנד די גרעסטע שטעלעס אין דער ביוראָקראַטיע און אין דער געלערטן-וועלט. אייביגער כּון זיי געניסט דעם רוף פון אַ באַרימטן זשורנאַליסט און געשיכטס-פאָרשער.

פערצעס סוף האָט געמאַכט אַ באַזונדער שווערן רושם אויף זיין שוואָגער, ר׳ יהושע צייטלינס בן-יחיד ר׳ משה, וועלכער האָט געהאַט אַ שם פאַר אַ גרויסן צדיק. ער האָט גע-האַלטן, אַז נאָר זיין טאַטנס אומגעהויערע עשירות און זיינע קאָלאָסאַלע עסקים האָבן פערעצן אַראָפּגעפירט פונעם רעכטן וועג ביז צום שמד. נעמענדיק דאָס אין אַכט, האָט זיך ר׳ משה אָפּגעשיידט אינגאַנצן פון דער וועלט און האָט זיך כּל ימיו אָפּגעגעבן נאָר מיט תּורה ועבודה.

נאָך ר׳ יהושע צייטלינס טויט, בעת זיין גאַנץ פאַרמעגן איז איבערגעגאַנגען צו זיין איינציקן יורש ר׳ משהן (זיין שוועסטער פייגעלע, פערעצעס ערשטע פרוי, איז נאָך פריער געשטאָרבן פון האַרץ-ווייטאָג), האָט ער נישט געוואָלט זיין אַ „פריץ״, ווי זיין טאַטע, און הנאה האָבן פון דער וועלט, און האָט דעריבער גענומען און פאַרקויפט דעם טאַטנס גוט מיט דעם שלאָס און מיט דער גאַנצערווירטשאַפט, וועלכע האָט אָנגעטראָפן אוצרות.

מען דערציילט, אַז אַלע כּלים, מיט וועלכע מ׳האָט זיך באַנוצט ביי ר׳ יהושע צייטלינען אין הויף, אפילו דאָס קווערטל צום וואַשן זיך, איז געווען פון ריינעם זילבער.

פאַר זיך האָט ר׳ משה איבערגעלאָזט בלויז די ספרים-אַלמערס מיט די פינף און צוואַנציק כּפרי-תורות, וועלכע ער האָט איבערגעפירט אין דער נאָענטסטער שטאָט טשעריקאָוו, וואו ער האָט זיך באַזעצט מיט זיין גאַנצער פאַמיליע. ר׳ משה האָט צעבראָכן אויף פיצלעך די גרויסע גלעזערנע שפּיגלען, וואָס זענען געשטאַנען ביי זיין טאַטער אין שלאָס, כּדי אָפּצו-היטן דעם דין פון „ולפני עור לא תתן מכשול״, ווייל די מאַנסבילן פלעגן זיך אַמאָל, פאַרבייגייענדיק, אין זיי איינקוקן און עובר זיין דורכדעם אויף „לא ילבש גבר שמלת אשה״...

ר׳ משה האָט אויך מנדב געווען דער טשעריקאָווער שול דעם באַגולדטן מונדיר, וואָס יעקאַטערינע די צווייטע האָט אַמאָל געשאָנקען זיין פאָטער. אַ לאַנגע צייט האָבן זיך יערלעך באַנוצט מיטן דאָזיקן מונדיר די שטעטלדיקע פורים־שפּילער, ביז ער איז איינגאַנצן צעריבן געוואָרן און עס זענען פון אים פאַרבליבן בלויז שמאַטעס...

ז

אין דעמזעלבן דרך איז צום סוף אַוועק אויך פּערעצעס געווענער לערער און פריינט ליב נעוואַכאָוויץ. בעת פּערעץ איז נאָך געווען אין פלאָר, האָט ער אויסגעווירקט ביי דער רעגירונג פאַר נעוואַכאָוויצן די שטעלע פון אַ געשוואָרענעם איבערזעצער. צווישן אַנדערן האָט נעוואַכאָוויץ איבערזעצט אין רוסיש אויך די העברעאישע דאָקומענטן, וועלכע זענען קאָנפיסקירט געוואָרן ביי ר׳ שניאור זלמן לאַדיער בשעת זיין אַרעסט. שפּעטער האָט נעוואַכאָוויץ באַקומען, אויך ווי עס ווייזט־אויס דורך פּערעצעס רעקאָמענדאַציע, אַרבעט ביים סענאַט. צווישן די אַבאָנענטן פון דעם העברעאישן זשורנאַל „מאסף" פאַר דאָס יאָר 1809, פיגורירט נעוואַכאָוויץ אַלס „סעקרעטאַר פון סענאַט".

די גרינדונג פונם „יידישן קאָמיטעט" האָט נעוואַכאָוויצן זייער באַגייסטערט. ער האָט געלייגט אויפן קאָמיטעט אַזעלכע גרויסע האָפנונגען, אַז ער האָט אים געהאַלטן פאַר דעם ערשטן טריט צו דער יידישער עמאַנסיפּאַציע אין רוסלאַנד. פון פיל התפעלות האָט ער דעמאָלט, אין יאָר 1803, פאַרעפנטלעכט אַ קליין רוסיש ביכל אונטערן נאָמען: „די קלאָג פון דער טאָכטער יהודה", וועלכעס ער האָט געווידמעט דעם אינערן־מיניסטער און מיטגליד פון קאָמיטעט, גראַף קאָטשובעי. דער צוועק פון נעוואַכאָוויצעס ביכל איז געווען, אַרויסצורופן אין דער רוסישער געזעלשאַפט הומאַניטאַרע געפילן צו יידן, דערמאָנען דעם לע־

זער וועגן דעם, אַז די יידן זענען באַרויבט אין זייערע בירגערלעכע רעכט. נעוואַכאָוויצעס הויפּט-צוועק איז אָבער געווען, צו ווירקן אויף די רוסן, זיי זאָלן קוקן אויף יידן, ווי אויף „מיט-ברידער". אפשר ווייל די יידישע דעפּוטאַטן האָבן שוין באַוויזן באַקאַנט צו מאַכן דער רעגירונג מיט דעם רעכטלעכן און עקאָנאָמישן מצב פונם יידישן פאָלק, האָט דעריבער נעוואַכאָוויץ באַשריבן אין זיין ווערק, נישט די פיזישע, נאָר די מאָראַלישע ליידן, וועלכע יידן לעבן-איבער דורכדעם, וואָס די קריסטלעכע באַפעלקערונג שטויסט זיי פון זיך אַרויס. אין הויכע מליצות שילדערט נעוואַכאָוויץ, ווי זיין האַרץ ווערט אין אים צעפלאַצט בעת ער זעט, מיט וועלכער פאַראַכטונג מען באַציט זיך צו אים בלויז דערפאַר, ווייל ער איז אַ ייד. „אָ, איר קריסטן! — שרייט-אויס נעוואַכאָוויץ. — איר זוכט אין דעם מענטשן דעם יידן; ניין, זוכט אין דעם יידן דעם מענטשן, און איר וועט אים, אָן אַ ספק, געפונען... איך שווער, אַז אַ ייד, וואָס היט אָפּ אין איר ריינקייט זיין אמונה, קאָן נישט זיין קיין שלעכטער מענטש און קיין שלעכטער בירגער!!!".
אין דעמזעלבן ספר, וועלכער איז געווען דאָס ערשטע ווערק אין רוסיש וועגן דער יידן-פראַגע, איז נאָך נעוואַכאָוויץ זייער שאַרף אַרויסגעטראָטן קעגן שמד. „ווען מיר וואָלטן זיך אָפּגעזאָגט פון אונזער אמונה, כדי צו באַקומען בירגער-רעכט, — פרעגט ער, — וואָלטן מיר שוין דורכדעם געוואָרן חשובערע מענטשן?". אויסערדעם, איז דאָס בוך אַ לויב-געזאַנג די רוסישע קיסרים, די גרויסע „מלכי-חסד", וואָס אונטער זייער הערשאַפט האָט זיך דאָס יידישע פאָלק פאַנאַנדערגעבליט.

אין אַ יאָר אַרום האָט נעוואַכאָוויץ דאָסזעלבע ווערק אַרויסגעגעבן אין זייער אַ שיינעם העברעאיש, געדרוקט אין שקלאָוו, אונטערן נאָמען „קול שועת בת יהודה", און געווידמעט איינעם פון די דעמאָלטיקע גרעסטע יידישע שתדלנים, וועגן וועלכן מיר וועלן נאָך רעדן אין אַ באַזונדער קאַפּיטל, ר' נתן נאָטקין.

ס האָט אָבער לאַנג נאָכדעם נישט געדויערט און נעוואַ-

באַוויץ האָט זיך געשמדט. די ריכטיקע סבה פון זיין שמדן זיך איז פאַרבליבן נישט אויפגעקלערט, און עס זענען וועגן דעם אַרויסגעזאָגט געוואָרן פאַרשיידענע השערות. אַנדערע נעמען־אָן, אַז ער האָט עס געטון פאַר גרויס יאוש, נאָכדעם, ווי ער האָט זיך אַרומגעזען, אַז פונם „יידישן קאָמיטעט" וועט נאָך אַזוי גיך נישט קומען די ישועה פאַר יידן; ס'איז דאָ אַ מיינונג, אַז ער האָט זיך פשוט געוואָלט אויסמישן מיט דעם רוסישן פאָלק, צו וועלכן ער האָט געהאַט זייער גרויסע סימפּאַטיעס. ווידער איז דאָ אַ סברה, אַז נאָכדעם, ווי פּערעץ איז געוואָרן אַן אָרימאַן און איז אַראָפּ פון זיין גדולה און האָט זיך געשמדט, האָט זיך גענומען וואַקלען נעוואַכאָוויצעס שטעל אין סענאַט, און דעריבער האָט ער געכאַפּט און זיך אויך אָפּגעשמדט.

פון דעמאָלט אָן האָט זיך נעוואַכאָוויץ דערווייטערט פון יידישע אינטערעסן לגמרי. ער האָט זיך מער אָפּגעגעבן מיט דער רוסישער ליטעראַטור, האָט פאַרפאַסט אייניקע דראַמעס, וועלכע זענען אויסגעפירט געוואָרן אין פּעטערבורגער קייזערלעכן טעאַטער. אין יאָר 1817 איז ער אַריבער וואוינען קיין וואַרשע, וואו ער האָט באַקומען אַ שטעלע אין פינאַנץ־מיניסטעריום פאַר פּוילן. אַ געוויסע צייט האָט ער געהאַלטן אין אַרענדע דעם טאַבאַק־מאָנאָפּאָל אין פּוילן. אין יאָר 1831 איז נעוואַכאָוויץ געשטאָרבן אין פּעטערבורג און איז מקבר געוואָרן אויפן לוטעראַנער בית־עלמין.

אין קעגנזאַץ צו פּערעצן האָט נעוואַכאָוויץ פאַרלייקנט פון זיינע קינדער זיין יידישער אָפּשטאַמונג. דאָ נישט לאַנג בעריך, האָט מען זיך ערשט דערוואוסט, אַז נעוואַכאָוויצעס טאָכטער איז די מוטער פונם באַרימטן וועלט־געלערנטן מעטשניקאָוו.

V

ר׳ נתן נאָטקין

א

דער גרעסטער שתּדלן אין דער צווייטער העלפט פונם אַכצעגטן יאָר־הונדערט, איז געווען פּאָפּולער ביים פאָלק אונטערן נאָמען ר׳ נאָטע שקלאָווער. געבוירן אין מאָהילעוו אין אַ פאַמיליע פון רייכע סוחרים, בני־תורה, האָט ער זיך נאָך דער חתונה אויך גענומען צום מסחר, האָט געפירט געשעפטן אין טיף־רוסלאַנד און זאָגאַר אין אויסלאַנד און האָט זיך דערוואָרבן אַ גרויסן קאַפּיטאַל. ביי אים אין שטוב האָבן תמיד פאַרקערט די גרעסטע פּוילישע מאַגנאַטן פון דער גאַנצער געגנט, וועלכע ער האָט אויסגעהאָלפן מיט הלוואות און געטון זיי אויך אַנדערע טובות. דערביי האָבן זיי אים דאַן צוגעדינט ביי דער מאַכט, — ווייס־רוסלאַנד האָט נאָך דעמאָלט געהערט צו פּוילן, — צו באַקומען דעם טיטול „פּוילישער הויף־ראַט", און אַזוי האָט ער זיך פון יענער צייט אָן געהתמעט אויף אַלע פּאַפּירן.

שוין זייענדיק זייער רייך, האָט נאָטקין פאַרלאָזט מאָהילעוו און זיך אַריבערגעטראָגן וואוינען אין שקלאָוו, — דער דעמאָלסדיקער גרעסטער האַנדלס־צענטר פון ווייס־רוסלאַנד, דאָס איז געווען קורץ נאָכדעם, ווי יעקאַטערינע די צווייטע האָט די געגנט פאַראייניקט מיט רוסלאַנד. ביי דער ערשטער נסיעה, וואָס

דער פעלד־מאַרשאַל פּאָטיאָמקין האָט דעמאָלט געמאַכט איבער ווייס־רוסלאַנד, האָט ער זיך אין שקלאָוו באַקענט מיט נאָטקינען, וועלכער האָט אויף אים פון דער ערשטער מינוט אָן געמאַכט אַ גוטן איינדרוק. אינגיכן האָט נאָטקין אָנגעהויבן באַקומען פון דער רוסישער רעגירונג גרויסע פּאָדראַדן פאַר דער אַרמיי. צוליב דעם פלעגט אים גאַנץ אָפט אויסקומען נאָכצופאָרן נאָך דעם מיליטער, באַזונדערס אין דער צייט פון מאַניעווערס, און פאַרברענגען לאַנג אין וועג. בשעת דעם ערשטן טערקישן קריג האָט זיך נאָטקין געפונען ביי פּאָטיאָמקינען אויפן פראָנט, און האָט זיך פון דאָרט צוריקגעקערט מיט די בעסטע אַטעסטאַציעס פון די העכסטע מיליטערישע אָנפירער. דורכדעם האָט ער געקראָגן אַ נאָמען און איז געוואָרן אַ גרויסער מפורסם.

נאָך וואוינענדיק אין מאָהילעוו, האָט נאָטקין תמיד אויסגענוצט זיין באַקאַנטשאַפט מיט די הויכע פּוילישע שררות לטובת יידן. דעמאָלט איז די עקזיסטענץ פון די דאָרפישע און קליינשטעטלדיקע יידן געווען כמעט אינגאַנצן אָפּהענגיק פון די פריצים, די פּאַקטישע בעלי־בתים פון די הויפן און פון די אַרומיקע ערד, נישט זעלטן האָבן זיך דאַן די פריצים לוסטיק געמאַכט איבער „זייערע" יידן, אָנגעטון זיי די גרעסטע נגישות, געשמיסן זיי עפנטלעך, אָנגערייצט אויף זיי וועלפישע הינט, און אַמאָל אויך צוליב פאַרשיידענע קאַפּריזן אַרויסגעוואָרפן זיי אין מיטן העלן טאָג פון זייערע איינגעזעסענע ערטער און געלאָזט זיי וואַלגערן זיך אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ און אָן חיונה. אין פיל אַזעלכע פאַלן, האָט זיך נאָטקין אָנגענומען די קשיוודע פון די באַעולטע יידן, האָט פאַר זיי גוט געזאָגט און אַזוי־אַרום געהאָלפן זיי אין דער נויט.

באַזעצנדיק זיך אין שקלאָוו, וואו ס'האָבן זיך שוין דעמאָלט געפונען געציילטע יידן, וועלכע האָבן געטראָגן אין האַרצן דעם אייביקן יידישן צער, און האָבן כסדר געהאַלטן אין איין טראַכטן וועגן דעם נידעריקן מצב פונם כלל ישראל, איז נאָטקין אויך באַלד צוגעשטאַנען צום דאָזיקן קרייז. זייענדיק פון דער נאַטור טעמפּעראַמענטפול און ענערגיש, האָט ער זיך

נישט באַנוגנט מיטן בלויזן טראַכטן. פון זיצן און דאגהן אַליין וועט גאָרנישט אַרויסקומען, — אַזוי איז געווען זיין לאָזונג. — כדי צו פאַרבעסערן דעם יידישן מצב, דאַרף מען עפעס טון, דאַרף מען עפעס אונטערנעמען אַזוינס, וואָס זאָל ווירקן אויף דער רעגירונג. נאָטקין איז געווען דער ערשטער ייד אין רוסלאַנד, וואָס האָט פאַרשטאַנען, אַז די יידישע הילף קאָן קומען נאָר פון דרויסן, ד. ה. מצד דער מאַכט, און בלויז דורך פולע בירגער-רעכט.

נאָטקין האָט זיך גענומען אַרומטראָגן מיט גרויסע פלענער. ער האָט אָפּגעריסן צייט פון זיינע פאַרצווייגטע עסקים און שטודירט די יידישע רעכטלעכע לאַגע אין פרייסן און אין עסטרייך, האָט אויסגעאַרבעט מעמאָראַנדומס און דעקלאַראַציעס וועגן דער יידן-פראַגע אויף די פאַרשיידענע געביטן, האָט צוזאַמענגעקליבן אַ מאַסע געשעפטלעכן מאַטעריאַל, אויף וועלכן ער זאָל זיך קאָנען שטיצן, און מיט דעם אַלץ איז ער אָפּגעפאָרן קיין פעטערבורג.

:

נאָטקין איז געווען דער איינציקער ייד, מיט וועלכן דער באַוואוסטער צורר-היהודים, גראַף זאָריטש, האָט זיך מורא געהאַט צו טשעפּען. די ערשטע צייט האָט זיך זאָריטש אין זיינע האַנדלס-אונטערנעמונגען באַנוצט מיט נאָטקינס טובות, און דערפאַר פלעגט ער אים אין געוויסע פאַלן אַנטקעגן קומען, און אַמאָל אויך אונטערחנפענען אים. בעת נאָטקין האָט זיך געקליבן פאָרן קיין פעטערבורג, האָט אים דאַן זאָריטש מיטגעגעבן צום גענעראַל-פּראָקוראָר פירשט קוראַקין די פאָלגנדע, זייער אינטערעסאַנטע רעקאָמענדאַציע:

„מיין גנעדיקער הער, פירשט אַלעקסיי באָריסאָוויטש! דער איבערברענגער פונם בריוו, דער שקלאָווער איינוואוינער נאָטע האַאימאָוויטש, האָט מיר דערלאַנגט אַ בריוו, אין וועלכן

ער דערקלערט: אַז זייענדיק אַרויסגערופן אין דער אַרמיי, האָט ער פֿונם יאָר 1788 אָן געדינט דעם פֿאָטערלאַנד מיט גרויס פֿלייס, מ'האָט אים אויסגעוויילט אַלס מיטגליד אין געהיימע קאָמיסיעס, ניעט איינמאָל איז ער געווען אין געפֿאַר דערהרגעט צו ווערן; ער האָט צוגעשטעלט פֿאַרן מיליטער פּראָוויאַנט, און אויך די נויטיקע פּראָוויזיע פֿאַרן פֿלאָט און פֿאַר די שפּיטאָלן אין אַזאַ צייט, ווען קיינער אויסער אים האָט צו דעם גאָרנישט געוואָלט צוטרעטן; אויף דעם אַלץ האָט ער אָטעסטאַטן פֿון די אויבער-קאָמאַנדירן, ווייל מ'האָט אים נישט בלויז נישט באַלוינט פֿאַר דאָס אַלץ, נאָר ער האָט נאָך, שוין באַלד צוויי יאָר אַ חוב ביי „קאַזנאַ“ אין דער סומע פֿון צוויי הונדערט טויזנט רובל, דעריבער האָט ער מיר געבעטן, איך זאָל זיך פֿאַר אים משתדל זיין. צוליב זיין ענין, וועט אים אויסקומען מטריח צו זיין אייער דורכלויכט, און דעריבער בעט איך אייך אונטערטעניקסט, אַרויסצואווייזן אים פֿון אייער זייט אַ באַזונדער התקרבות. איך ווייס גאַנץ גוט אַלע טובות, וואָס די מלוכה האָט דורך אים געהאַט, און דאָס איז די איינציקע סבה, פֿאַרוואָס איך בעט פֿאַר אים. דורכדעם, וואָס איר וועט אים אויסשטרעקן אייער האַנט צו הילף, וועט איר ראַטעווען זיין גאַנצע פֿאַמיליע און אויך פֿיל אַנדערע פּערזאָנען, וואָס זייער גורל איז פֿאַרבונדן מיט זייגע געשעפֿטן, און צוזאַמען מיט דעם וועט איר אויך מיר טון אַ גרויסע טובה. אויב ער וועט איבערגעבן אייער דורכלויכט אויך עפּעס פֿון די פֿיל בקשות, וואָס איך האָב צו אייך, בעט איך אייך אַזוי גוט צו זיין און צוצוהערן אים גנעדיקסט. מיט אכתער אַכטונג און איבערגעבנהייט האָב איך דעם כבוד צו פֿאַרבלייבן אויף שטענדיק אייער דורכלויכטס אונטערטעניקסטער דינער סעמיאָן זאָריטש“.

לייענענדיק זאָריטשעס רעקאָמענדאַציע, קאָן מען מיינען, אַז נאָטקין איז אויסן געווען צו באַנוצן זיך מיט איר בלויז צוליב אייגענע אינטערעסן. אַרויסגעוויזן האָט זיך אָבער, אַז נאָטקינס כונה איז נאָר געווען צוצוקומען צו קוראַקינען, כדי ער זאָל אים קאָנען איבערגעבן דעם פּראָיעקט, וואָס ער האָט

אויסגעאַרבעט וועגן יידן. אין יענער צייט, דאָס איז געווען אין מיטן יאָר 1797, האָט דער פּוילישער אַדל פון מינסקער גובערניע אַריינגעשיקט דער רוסישער רעגירונג אַן עפנטלעכע דערקלערונג, וועלכע דער סענאַט האָט געכאַפּט און אויסגעפּויקט אין אַלע „יידישע" גובערניעס, אַז דער הויפּט-שולדיקער אין דער אומגליקלעכער עקאָנאָמישער לאַגע פון ווייס-רוסלאַנד איז נאָר דער יידישער שענקער. אין דערדאָזיקער באַשולדיקונג איז געלעגן דער באַהאַלטענער פאָרשלאַג: אָפּצונעמען ביי יידן לגמרי דאָס בראַנפן-געשעפט. דאָס האָט נאָטקינען אַרויפגעפירט אויפן געדאַנק, אַז ס'וואָלט אפשר בעסער געווען צו באַפרייען יידן פון דער פּוילישער שכנות און פון דעם האַנדל מיטן „ביטערן טראָפּן" בכלל.

דערדאָזיקער געדאַנק האָט געדינט נאָטקינען אַלס יסוד צו דעם פּראָיעקט, וועלכן ער האָט דערלאַנגט דעם גענעראַל-פּראָקוראָר קוראַקין, אַז ס'וואָלט גוט געווען אַריבערצופירן יידן קאָלאָניעס-ווייס פון די פּוילישע גובערניעס אין די פרוכטבאַרע סטעפּעס, וואו זיי זאָלן זיך באַשעפטיקן מיט ערד-אַרבעט און פי-צוכט, און אויסבויען דאָרט ביי די פּאָרטן פון שוואַרצן ים פאַבריקן פון טוך, שפּינערייען און וועבערייען פון קאַנאַפּן און לייוונט צו שיפן, וואו אַלע אַרבעטער און מייסטערס זאָלן זיין דורכאויס יידן.

דער פּראָיעקט איז, געוויינלעך, דורכגעפאַלן, אָבער נישט מחמת רשעות, נאָר צוליב דעם, וואָס די רוסישע רעגירונג האָט זיך ערשט דאַן מכין געווען אויסצופאָרשן דאָס יידישע לעבן אין די נייע, פון פּוילן צו רוסלאַנד איבערגעגאַנגענע גובערניעס, און נישט האָבנדיק נאָך פאַר זיך דעם נויטיקן מאַטעריאַל, האָט זי בנוגע יידן גאָרנישט געוואָלט אונטערנעמען.

דאָ איז אָבער כאַראַקטעריסטיש דער פאַקט פאַר נאָטקינס פּערזענלעכקייט, אַז ער איז געווען דער ערשטער, וועלכער איז אַרויס קעמפן עפנטלעך קעגן דער מיינונג, וואָס איז שוין דעמאָלט פאַרשפּרייט געוואָרן דורך די שונאי-ישראל, אַז די יידישע רעליגיע דערלאָזט נישט יידן צו באַשעפטיקן זיך מיט

פֿרד-אַרבעט און אַז יידן טויגן בכלל נישט צו קיין פֿיזישער טעטיקייט אויסער צום האַנדל.

פֿון קוראַקינען האָט זיך נאָטקין דערוואוסט, אַז די טעג איז אָפּגעפֿאָרן דער דיכטער דערזשאַווין מיט דער פֿולמאַכט פֿון סענאַט קיין ווייס-רוסלאַנד, כּדי צו קלויבן ידיעות וועגן דעם מצב פֿון די דאָרטיקע יידן און זייערע באַציאונגען צו דער קריסטלעכער באַפֿעלקערונג.

הערנדיק דאָס, האָט שוין נאָטקין מער נישט געקאָנט איינזיצן אין פּעטערבורג. ער האָט געלאָזט זיינע געשעפֿטן, און איז גלייך אַוועק נאָך דערזשאַווינען. בשעת זיין לעצטן וויזיט ביי קוראַקינען האָט אים דער גענעראַל-פּראָקוראָר אָנגעזאָגט די בשורה, אַז נעמענדיק אין אַכט זיינע גרויסע פֿאַרדינסטן אַלס פּראָוויאַנט-צושטעלער פֿאַר דער אַרמיי און פֿאַרן פֿלאָט, דריקט אים אויס דער קייזער זיין דאַנק און צום צייכן שענקט ער אים אַ גאָלדענע טאַבאַקערקע איינגעפֿאַסט אין בריליאַנטן. לויט אַן אַנדער ווערסיע האָט דאַן פּאַוול געשאָנקען נאָטקינען אויך אַ גוט אין מאָהילעווער גובערניע.

ג

מיט דערזשאַווינען האָט זיך נאָטקין דאָס ערשטע מאָל באַגעגנט אין שקלאָוו, וואו ער האָט מיט אים צוזאַמען פֿאַרבראַכט אַ היבשע צייט. לויט ווי דערזשאַווין דערציילט אַליין אין זיינע „זאַפּיסקעס“, האָט נאָטקין אויף אים געמאַכט אַ גע-וואַלטיקן רושם. ער האָט נאָך קיינמאָל נישט געזען צווישן יידן אַזאַ קלוגן, פּראַקטישן און וועלטלעך-געבילדעטן מאַן. מאַכנדיק דעם אָנשטעל, אַז ער איז פֿולשטענדיק אָביעקטיוו, האָט ער בסדר אויסגעהערט פֿון נאָטקינען דערקלערונגען וועגן יידן און יידישקייט, און אַרומגערעדט מיט אים אַלערליי פּלענער און פּראָיעקטן, ווי אַזוי צו הייבן דעם וואוילשטאַנד פֿון דער

יידישער באַפעלקערונג באופן, אַז דאָס זאָל נישט שאַדן די אינטערעסן פון די קריסטן.

צווישן אַנדערע פּראָיעקטן האָט דאַן נאָטקין פאָרגעלייגט דערזשאַווינען, אַז יידישע גרויסע סוחרים זאָלן גרינדן אַ סינדיקאַט מיט אַ גרויסן קאַפּיטאַל, וועלכער זאָל אָנפירן מיט אַלע האַנדלס־געשעפטן, וואָס גייען איבערן שוואַרצן ים און זיינע נאָענטע פונקטן. דערביי האָט אים נאָטקין אויפגעוויזן, אַז אַזאַ סינדיקאַט קאָן זיין פון גרויס נוצן פאַר דער מלוכה, אריינברענגענדיק דער מלוכה פיל הכנסה.

אויסערדעם האָט אים נאָטקין פאָרגעלייגט אַ גאַנצע ריי פּראָיעקטן, ווי אַזוי צו רעפאָרמירן דעם יידישן חנוך און די יידישע פרנסות. אינטערעסאַנט איז דער פאַקט, אַז נאָטקין האָט שוין אין זיין צייט געהאַט אַן אויסגעאַרבעטן פּלאַן וועגן דער גרינדונג פון באַזונדער יידישע קהלשע שולן. בכלל זענען אַלע נאָטקינס פּלענער געווען פון זייער אַ גרויסן פאַרנעם. אויף דעם באַדן איז וויפל מאָל געקומען צו סכסוכים צווישן נאָטקינען מיט די אַנדערע יידישע שתדלנים פון ר' יהושע צייטלינס שניט.

ר' יהושע צייטלין מיט זיינע מקורבים האָבן איינגעפונען, אַז נאָטקין פאַרנעמט זיך צו־ברייט, אַז צוליב זיינע פּראָיעקטן וועגן דעם גאַנצן יידישן פאָלק, פאַרנאַכלעסיקט ער די אינטערעסן פון די איינצלנע קהלות, וועלכע שטייען אויס די געברענטסטע ליידן פון די אָרטיקע סאַטראַפּן. זיי האָבן געטענהט, אַז דער יידישער שתדלן דאַרף אַרבעטן פאַר די אַקטועלע באַדערפעונישן פון דעם מאָמענט, אָבער נישט פאַרן ווייטן עתיד. נאָטקין איז אָבער פון דער נאַטור נישט געווען קיין מענטש, וואָס קאָן זיך אַריינלאָזן אין קליינִיקייטן. ער האָט זיך געשטעלט פאַר זיין צוועק צו ראַטעווען דאָס גאַנצע רוסישע יידנטום און קעמפן אַזוי לאַנג, ביז ער וועט אויספועלן פאַר זיי פולע עמאַנציפּאַציע. דערצו איז ער געווען זייער אָפּטימיסטיש און האָט געלייגט פיל האָפנונגען אויף דער רעגירונג פון פּאַוול דעם ערשטן.

בעת נאָטקין האָט זיך אַרומגעזען, אַז דערזשאַווין פּירט דאָ בנוגע יידן אַ פאַלשע ראָלע, אַז באמת שיצט ער נאָר אונטער די מיינונג פון די פּריצים וועגן דער יידישער שעדלעכקייט, און אַז ער פירט מיט זיך פאַרן קייזער אַ מעמאָראַנדום, וועלכער אנטהאַלט פאַרשיידענע פאָרשלאָגן און פּראָיעקטן ווי צו פאַרקלענערן די יידישע רעכט, און דער עיקר ווי צו איזאָלירן זיי פון דער קריסטלעכער באַפעלקערונג דורך אַלערליי בעגרענצונגען, איז ער תיכף נאָכגעלאָפן נאָך אים קיין פעטערבורג מיט דער האָפנונג, אַז אים וועט זיך דאָרט איינגעבן צו פּאַראַליזירן זיינע פּלענער.

גראָד אין יענער צייט איז פּאַוול אומגעקומען, און אויפן רוסישן טראָן איז אַרויף אַלעקסאַנדער דער ערשטער. אין די העכערע מלוכה-ספערן האָט זיך דעמאָלט געררודערט, אַלץ האָט זיך נאָך געפונען אונטער דער ווירקונג פון פּאַוולס דערמאָרדונג, און נאָר דאָסדאָזיקע געשעעניש האָט באַשעפטיקט אַלעמענס מחות. אין יענע אומרואיקע מינוטן האָט מען פאַרגעסן אָן בילכערע זאַכן ווי די יידן-פראַגע.

דערזשאַווינס מעמאָראַנדום איז געבליבן ליגן אויפדערווייל אונטער דעם גרינעם טישטוך פון סענאַט, און קיינער האָט זיך וועגן אים גאָרנישט אָנגעהויבן אַפילו צו קימערן. ממילא האָט שוין אויך נאָטקין אין פעטערבורג נישט געהאַט וואָס צו טון. ער איז דאַן צוריקגעקומען קיין שקלאָוו, וואו ער איז אַריינגעצויגן געוואָרן אין שטראָם פון ר׳ יהושע צייטלינס יידישער פּאָליטיק און האָט זיך דערווייל וואָס-וועגן אָפּגעגעבן מיט שתדלנות לטובת קהלות און יחידים.

ד

וועגן נאָטקינס „יחידישע שתדלנות", — ווי ער האָט עס גערופן, — גייען נאָך עד היום אַרום אין ליטע און ווייס-רוסלאַנד פאַרשיידענע לעגענדעס, איינע פאַנטאַסטישער פאַר

דער צווייטער. אַלס ביישפּיל וועל איך דאָ ברענגען אַ פּאָר אַזעלכע לעגענדעס. אַזוי דערציילט מען, למשל, אַז אַ קורצע צייט נאָך פּאַוולס טויט האָבן אין אַ סך ערטער די שונאי־ישראל געפּרואווט אויפהייבן דעם קאָפּ. מיינענדיק, אַז דער נייער קייזער, אַלעקסאַנדער דער ערשטער, איז צו יידן נישט אַזוי גוט געשטימט ווי זיין פאָטער, האָבן זיי גענומען אָנפירן העצעס באַזונדער קעגן די יידישע גבירים, וועלכע זענען דאַן געווען די פאָרשטייער פון די קהלות. אַ קרבן פון אַזאַ העצע איז שיער נישט געוואָרן דער וויטעבסקער פרנס־חדש, ר׳ ביינוש, וועלכער איז געווען אַ ייד, אַ למדן און אַ גרויסער גביר. ער האָט געהאַט אין יענער געגנט וועלדער און ברייזער, אַרום וועלכע עס האָבן געלעבט אַ סך יידישע פאַמיליעס. ער איז בכלל געווען באַוואוסט פאַר אַ גרויסן בעל־צדקה, ער האָט גע־געבן מאַסן נדבות און געשמט פאַר אַן „אָפענע האַנט". דאָס האָט ממילא געבראַכט דערצו, אַז ר׳ ביינוש איז געוואָרן דער גרעסטער בעל־דעה אין שטאָט, איז געשטאַנען בראש פון דער קהלה און אָנגעפירט מיט אַלע אירע אינטערעסן.

אַמאָל, שבת אינדערפרי, בעת דער וויטעבסקער פרנס האָט זיך געפונען אין שול ביים דאַווענען, איז אַריין דער פּאָליצ־מייסטער מיט עטלעכע פּאָליציאַנטן, וועלכע זענען גלייך צוגע־גאַנגען צו אים אין דער מזרח־וואַנד, וואו ער איז געשטאַנען, האָבן פון אים אַראָפּגעריסן דעם טלית און אַוועקגעפירט אים מיט זיך. דער גאַנצער עולם אין שול איז געבליבן שטיין ווי צעמישט, קיינער האָט נישט געוואוסט, וואָס דאָס באַדייט, קיינער האָט נישט געקאָנט פאַרשטיין, ווי קומט אַזוינס צו פּאַסירן מיט דעם שענסטן וויטעבסקער יידן, וועלכער איז כל ימיו געווען „אויסגעמישט מיט נאַטשאַלסטווע", און אַפילו די קריסטלעכע באַפעלקערונג האָט זיך צו אים תמיד באַצויגן מיט דעם גרעסטן רעספּעקט. באַלד נאָכן דאַווענען זענען צוויי פון די חשובסטע וויטעבסקער יידן אַוועק צום פּאָליצמייסטער צו דערגיין ביי אים, וואָס דאָ איז געשען. דער פּאָליצמייסטער האָט זיי געזאָגט, אַז ער האָט דאָס געטון לויט דער פאַראָרדנונג פון גובערנאַטאָר.

דער גובערנאַטאָר ווידער האָט געענטפערט, אַז ער האָט וועגן דעם באַקומען אַ באַפעל פון פעטערבורג; די סבה פון דעם אַרעסט ווייסט ער אַליין אויך נישט.

אין אַ טאָג צוויי אַרום בערך זענען אַראָפּגעפאָרן קיין וויטעבסק אַ פּאָר הויכע באַאַמטע פון דער הויפּט־שטאָט, וועלכע האָבן דעם פּרנס אַוועקגעפירט געשמידט אין קייטן קיין פעטערבורג. חוץ דעם האָבן זיי פאַרחתמעט אַלע זיינע געוועלבער און ברייזער, און קאָנפיסקירט זיין גאַנץ פאַרמעגן, וואָס איז באַשטאַנען אין אַ סך טויזנטער גאָלדענע רענדלעך.

אין שטאָט איז געוואָרן אַ יללה. עס האָבן געקלאָגט נישט בלויז זיין ווייב און קינדער, נאָר אויך די הונדערטער פאַמיליעס, וועלכע האָבן זיך פון זיינע געשעפטן מפרנס געווען. מ׳האָט גוזר תענית געווען, אין די קלויזן און בתי־מדרשים האָט מען תהלים געזאָגט און גאָט געבעטן, אַז די גזרה זאָל בטל ווערן. אַ פּאָר רייכע קרובים פונם פּרנס זענען געלאָפן קיין פעטערבורג, האָבן דאָרט אָפּגעשלאָגן די שוועלן פון פאַרשיידענע שררות, און זענען קיין זאַך נישט דערגאַנגען.

דאַן איז דער וויטעבסקער רב מיט צוויי שיינע בעלי־בתים אַראָפּגעפאָרן קיין שקלאָוו, צו ר׳ נתן נאָטע, האָבן אים דערציילט די געשיכטע און געפרעגט אַן עצה, וואָס צו טון. נאָטקין האָט באַלד פאַרשטאַנען, אַז דאָ שטעקט עפּעס אַ בלבול, און זייער אַ שווערער, וועלכן מ׳מוז אויפדעקן, און ער האָט זיי געענטפערט:

— פאָרט אייך אַהיים, געהנטערהייט. עס וועט שוין, מיט גאָטס הילף, רעכט ווערן.

נאָך דעמזעלבן טאָג איז נאָטקין אָפּגעפאָרן קיין פעטערבורג. דאָס איז געווען אינמיטן ווינטער. דרויסן זענען געשטאַנען גרויסע פרעסט און זאַווערוכעס. די נסיעה האָט ער געמאַכט מיט בעלי־עגלות פון שטאָט צו שטאָט. אין ווילנע איז ער אָנגעקומען קוים מיטן לעבן. ביים אַרייַנפאָר פון שטאָט האָט ער געהייסן דעם בעל־עגלה זיך אָפּשטעלן, האָט צוגערופן אַ פאַרבייגייענדן ייד און האָט אים געבעטן, ער זאָל אים ווייזן

דעם בית-עלמין, וואו עס ליגט דער ווילנער גאון. דער ייד האָט אים געוויזן, און נאָטקין איז אַרויף אויפן בית-עלמין, און ווי ער שטייט און גייט האָט ער זיך ביז אין האָלדז אין שניי צרויפגעוואָרפן אויפן גאונס קבר, האָט דאָרט שטיל מתפלל געווען ביי א האַלבער שעה אַן ערך, און איז אַוועק אין שטאָט. פון דעם בעל-אכסניא, צו וועלכן ער איז פאַרפאָרן איבערנעכ-טיקן, האָט זיך נאָטקין דערוואוסט, אַז אין ווילנע געפינט זיך איצט דער באַרימטער גאון ר' חיים וואָלאָזשינער. ווי פאַרמאַטערט נאָטקין איז געווען פון וועג, איז ער באַלד אַוועק און האָט אויפגעזוכט ר' חיימן, מיט וועלכן ער האָט זיך שוין מיט עטלעכע יאָר צוריק אַמאָל באַגעגנט ביים ווילנער גאון. נאָטקין האָט דערציילט ר' חיימן דעם צוועק פון זיין נסיעה און האָט געזאָגט:

— רבי, בענטשט מיך, איך זאָל מצליח זיין.

אויף דעם האָט אים דער וואָלאָזשינער גאון געענטפערט:

— איך בענטש דיר, מיין זון; ישועת ה' כהרף עין! (גאָטס הילף קאָן קומען אין איין אויגנבליק).

שפּעט נאָך האַלבער נאַכט איז נאָטקין אַוועק פון ר' חיימן. דורכגייענדיק איינע פון די גאַסן, איז נאָטקין געבליבן שטיין לעבן אַ שיין צוויי-גאָרנדיק הויז, וואָס איז געווען העל באַלויכטן און פון אינעווייניק האָבן זיך געטראָגן קלאַנגען פון אַ מוזיק-אָרקעסטער. נאָטקין איז נייגעריק געוואָרן צו וויסן, וואָס דאָ קומט פאָר, און נישט קלערנדיק פיל איז ער צוגע-גאַנגען צו דעם אַלטן קריסטלעכן וועכטער, וועלכער איז געזעסן אין אַ בודקע פאַר דעם הויז און צריינרוקנדיק אים אין האַנט אַ מטבע, האָט ער אים געפרעגט, ווער דאָ וואוינט און וואָס עס באַדייט די שמחה. דער וועכטער האָט זיך געלאָזט רעדן און האָט דערציילט נאָטקינען, אַז דאָ וואוינט דער גובערנאַטאָר און אַז ביי אים איז היינט אַ באַל לכבוד דעם אינערן-מיניסטער גראַף קאָטשעביי. ווי נאָטקין האָט דאָס דערהערט, האָט ער זיך אָפּגערופן צום וועכטער:

— הער נאָר, פעטערל! ווי איך זע ביזטו נעבעך אַ גרויסער אָרימאַן, וואָרום ווען נישט, וואָלסטו דאָך נישט

אָפּגעשטאַנען אַ גאַנצע נאַכט אויפן גאַס אין אַזאַ פראָסט. איך בין אַ רייכער מאַן, ביי וועלכן די קאַנטס קריגן אַ „מנה-יפה", ווען די זאָלסט מיר נאָר טון אַ גאַנץ קליינע טובה.

דער וועכטער האָט אָנגעשטעלט זיינע אויערן מיט גרויס פאַרוואונדערונג. נישט פאַרשטייענדיק וואָס, מישטיינס געזאָגט, פאַר אַ טובה קאָן ער טון דעם רייכן אומבאַקאַנטן ייד.

— זיי אַ מענטש און קריג זיך ווי־עס־איז דורך צום גראַף קאָטשעביי און זאָג אים, אַז אַ ייד, נאָטע שקלאָווער הייסט ער, שטייט אויפן גאַס און וויל אים דורכאויס זען.

— דאָס קאָן איך נישט! — האָט געענטפערט דער וועכטער. — אונטן, באַלד ביים אַריינגאַנג, געפינט זיך אַ וואַך פון פאָליציאַנטן, וועלכע וועלן מיך געוויס נישט דורכלאָזן. נאָר אויב איר ווילט, וועל איך אייך אַריינגעמען דאָ צו מיר אין בודקע, וואו איר וועט זיצן און אָפּוואַרטן ביז עס וועט זיך ענדיקן דער באַל, און די געסט וועלן זיך אָנהויבן פאַנאַנדער־פאָרן; דאַן וועט איר זיך קאָנען זען מיט וועמען איר באַגערט.

נאָטקין, נישט האָבנדיק קיין אַנדער ברירה, איז מרוצה געוואָרן, איז אַריין צום וועכטער אין בודקע, און איז אַזוי אָפּגעזעסן אין פראָסט אַ פּאָר שעה. פּלוצלונג איז אַנט־שוויגן געוואָרן די מוזיק, און פון אַלע זייטן האָבן צום הויז געגעבן צופאָרן קאַרעטעס און עקיפּאַזשן אָפּצונעמען די געסט. באַלד האָבן די געסט אָנגעהויבן אַרויסצוגיין. נאָטקין איז שנעל אַרויס פון בודקע, האָט זיך אָוועקגעשטעלט אָן אַ זייט לעבן אַרויסגאַנג, פון וואַנען ער האָט געקאָנט באַטראַכטן די אַרויס־גייענדיקע. מיט אַמאָל האָט ער דערזען, ווי איינער אַ שטאַט־לעכער העך איז אַרויס און נאָך אים אַ גאַנצע סוויטע, אַלע אין בלישטשענדיקע גאָלדענע מונדירן, און צווישן זיי האָט ער דערזען דעם גראַף קאָטשעביי. ווי אַ פייל פון בויגן איז נאָטקין צו אים צוגעפלויגן און האָט אויסגעשריען:

— גראַף!

קאָטשעביי האָט זיך אַ קער געטון און, דערזעענדיק נאָטקינען, וועלכן ער האָט פון לאַנג-אָן גוט געקאָנט פערזענלעך

האָט ער אים זייער דערשטוינט געפרעגט, ווי קומט ער דאָ צו שטיין אויפן גאַס אַזוי שפּעט נאָך האַלבער נאַכט?

— ס׳האָט אַן אומגליק פּאַסירט! — האָט נאַטקין אויסגע־שריען ווי מיט די לעצטע כחות, — איך דאַרף האָבן הילף פאַר אַן אומשולדיקן מענטשן, וועלכן מ׳האָט אָפּגעריסן גאָר אומגע־ריכט פון ווייב און קינד, און פאַרשפּאַרט אין תּפיסה.

— קומט צו מיר מאָרגן פרי, זייגער ניין, — וועלן מיר וועגן דער זאַך איבעררעדן.

נאַטקין האָט שוין געהאַט בדעה אַוועקצוגיין, ערשט מיט אַמאָל האָט אַ זאָג־געטון דער שטאָטלעכער הער:

— ס׳האָט אַן אומגליק געטראָפן; אפשר וועט מאָרגן צו־שפּעט זיין. דער גראַף מוז נאָך דעם יידן הייבט אויסהערן. מיר וועלן אים נעמען מיט אונז אין שלאָס אַריין.

דערביי האָט ער אַ ווינק געטון נאַטקינען מיט דער האַנט ער זאָל אַריינשטייגן אין קאַרעטע.

נאַטקין האָט פיל נישט געקלערט און איז אַריין אין קאַרעטע. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז דער הער, וואָס זיצט לעבן דעם גראַף קאָטשעבעי, איז אַ פיל העכערער שררה פון דעם אינערן־מיניסטער. ער האָט אָבער נישט געוואוסט, ווער דאָס איז. פאָרבדיק, איז ער געזעסן און געשוויגן, בעת דער גראַף מיט דעם אומבאַקאַנטן הער האָבן צווישן זיך געפירט אַ שמועס אין אַ פרעמדער שפּראַך.

קומענדיק אין שלאָס, האָט דער גראַף אָנגעוויזן נאַטקינען אַ צימער, וואוהין אַריינצוגיין און וואַרטן, ביז מ׳וועט אים רופן, און אַליין איז ער אַוועק מיט דעם „הער".

בלייבנדיק אַליין שוין כמעט אַ האַלב־פאַרפרוירענער אין דעם וואַרימען צימער, האָט ער זיך צוגערוקט צום הייסן אויוון, האָט אַרויסגענומען פון בוזים־קעשענע אַ קליין תּהילימל און זיך אַזוי גענומען פאַמעלעך זאָגן, ביז ער איז איינגעשלאָפן...

אין אַ האַלבע שעה אַרום האָט זיך געעפנט די טיר. פון געדויש האָט זיך נאַטקין אויפגעכאַפּט. ערשט דער גראַף איז אַריין. נאַטקין האָט זיך אויפגעשטעלט. דער גראַף

האָט אים אָנגעוויזן אַן אָרט אויף אַ שטול לעבן זיך און גע-
בעטן אים דערציילן וועגן וואָס דאָ האַנדלט זיך.

נאָטקין האָט דערציילט דעם גראַף די גאַנצע געשיכטע
מיטן וויטעבסקער פּרנס און האָט פאַרענדיקט:

— אַפּריער גאָט, און דערנאָך איר, הער גראַף!

— מיר איז גראָד דער ענין גוט באַקאַנט, — האָט געזאָגט
דער גראַף. — דער וויטעבסקער גביר ווערט באַשולדיקט אין
האַנדלען מיט פאַלשע אַסיגנאַציעס אין איינעם פון זיינע גע-
וועלבער האָט אַ רוסישער פּאָפּ באַקומען אויסגאַב אַזעלכע עט-
לעכע אַסיגנאַציעס, וועלכע מ׳האָט פון וויטעבסק איבערגעשיקט
אין מיין מיניסטעריום.

— ביי אַלעם היילִיקן, — האָט נאָטקין אַ געשריי געטון
אויפן קול, — שווער איך, אַז ס׳איז אַ שענדלעכער בלבול. און
דאָס וועט גיין שווערן גאַנץ וויטעבסק, יידן און קריסטן. יידן,
און בפרט אַזאַ ייד ווי ר׳ ביינוש, זענען גאָרנישט מסוגל צו
אַזאַ פאַרברעכן!

— פאַר מיר, — האָט זיך אָפּגערופן דער גראַף, — איז
שוין אייער שבועה אַליין גענוג. נאָר דאָס ווענדט זיך אָן
קייזער.

— וועט איר אַזוי גוט זיין, מיר געבן אַ בריוו צום
קייזער, — האָט נאָטקין שטיל אַרויסגערעדט, — איך פאָר גלייך
היינט קיין פּעטערבורג.

— קיין פּעטערבורג? — האָט געזאָגט דער גראַף און
דערביי געשמייכלט, — איר קאָנט דאָס, גלויב איך, פאַרשפּאָרן...
קומט מיט מיר.

דער גראַף האָט אַריינגעפירט נאָטקינען אין אַ צימער,
וואו עס איז געזעסן דער „שטאָטלעכער הער“, און האָט אים
געבעטן, נאָכאַמאָל איבערצוחזרן די גאַנצע געשיכטע, וואָס האָט
פּאַסירט מיטן וויטעבסקער פּרנס ר׳ ביינוש.

נאָכדעם, ווי נאָטקין האָט געענדיקט דערציילן, האָט זיך
אָפּגערופן דער גראַף:

— לויט ווי איך קען דעמדאָזיקן שקלאָווער ייד, קאָן מען זיך איינגאַנצן צויף אים פאַרלאָזן און גלויבן, אַז די מעשה מיט די פאַלשע אַסיגנאַציעס איז באמת נאָר אַן אויסגעטראַכטער בלבול. וואָלט זיך עס געווענדט נאָר אָן מיר, וואָלט איך דעם וויטעבסקער פּרנס תיכף באַפרייט, אָבער לויטן געזעץ הענגט עס אָפּ בלויז פונם קייזער.

— בכן בעט איך אייך נאָכאַמאָל, הער גראַף, איר זאָלט מיר אַזוי גוט זיין געבן אַ בריוו צום קייזער.

— אַ בריוו צום קייזער? — האָט זיך אָפּגערופן דער „הער", — איר קאָנט עס פאַרשפּאָרן, מ'דאַרף נישט... פאָרט אַהיים, דער וויטעבסקער פּרנס וועט תיכף באַפרייט ווערן...

נאָטקין איז געבליבן שטיין אין גרויס פאַרלעגנהייט.

— איר דאַרפט שוין איצט נישט, — האָט געזאָגט דער גראַף, — קיין בריוו פון מיר צום קייזער. ווען דער „הער" הייסט אייך פאָרן אַהיים, קאָנט איר רואיק פאָרן. אייער זאַך האַלט זייער גוט...

נאָטקין האָט ערשט איצט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין וואָס דאָ קומט פאָר. קלערנדיק אַ קליינע ווילע, האָט ער זיך אָפּגערופן:

— דערלויבט מיר, הויכע שררות, צו מאַכן אַ „ברכה"...

— איך דערלויב! — האָט אַ זאָג געטון דער „הער".

נאָטקין האָט אָנגעטון זיין היטל און האָט מיט האַלב-פאַרמאַכטע אויגן און מיט גרויס כונה געמאַכט די ברכה: „שנתן מכבודו לבשר ודם..."

נאָטקין האָט פאַרשטאַנען, אַז ער שטייט דאָ פאַרן רוסישן קייזער...

אינגיכן איז ר' ביינוש באַפרייט געוואָרן און איז געקו-מען אַהיים. דאָרט האָט מען אים תיכף צוריק אָפּגעגעבן די געוועלבער מיט די הייזער, און ער איז באַלד ווידער געוואָרן דער וויטעבסקער גרעסטער עושר, פון וועלכן עס האָט געלעבט העכער אַ האַלבע שטאָט.

אַזוי דערציילט די לעגענדע, וועלכע איז דורכאויס פאַנאַטיש און איז זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר נאַטקינס פּרטים אַלס שתדלן צווישן דעם פאָלק.

די צווייטע לעגענדע וועגן נאַטקינען, וועלכע מיר געפונען אין יולי העסענס באַקאַנט ווערק „די יידן אין רוסלאַנד“, איז נאָך פיל אינטערעסאַנטער.

ה

די לעגענדע, וואָס העסען גיט-איבער וועגן נאָטקינען, באַשטייט אין פאָלגנדן; בעת דער קייזער אַלעקסאַנדער דער ערשטער איז דורכגעפאָרן שקלאָוו, האָט ער באַזוכט נאָטקינען. נאָטקין איז דאַן געווען קראַנק און איז געלעגן אין בעט. דערזעענדיק דעם קייזער, האָט ער מיטאַמאָל אויסגערופן: „שטעל דיך אָפּ!“ גאַנץ פאַרוואונדערט האָט אים דער קייזער געפרעגט, וואָס דאָס באַדייט. אויף דעם האָט נאָטקין ערקלערט, אַז דעם מענטשנס גליק האָט גרענעצן, און בעת עס דערלאַנגט צו דער לעצטער גרענעץ, הויבט עס אָן קלענער צו ווערן. נאָטקינס גליק האָט מיט דעם קייזערס באַזוך דערלאַנגט צו זיין אַפּאָגיי, און דעריבער האָט ער אויף אים אַ געשריי געטון: „שטעל זיך אָפּ!“, כדי עס זאָל נישט אָנהויבן ווינציקערווערן.

דיזאָזיקע אַלע מעשיות, ווי לעגענדאַריש זיי קלינגען, ווייזן אויף די באַזונדערע חשיבות, וואָס נאָטקין האָט גענאָסן אין די העכסטע רעגירונג-ספערן.

בעת ס'האָט זיך אויפן באַפעל פון אַלעקסאַנדער דעם ערשטן געגרינדעט דער „יידישער קאָמיטעט“, האָט זיך פאַר נאָטקינען אַנטפּלעקט אַ ניי אַרבעטס-פעלד אויף צו פאַרטיידיקן די אינטערעסן פונם יידישן פאָלק. ער האָט באַקומען אַן איינלאַדונג צו באַטייליקן זיך אין די אַרבעטן פון קאָמיטעט. זייער כאַראַקטעריסטיש איז דער פאָלגנדער בריוו וועלכן דערזשאַווין האָט צוגעלייגט צו דער דערמאָנטער איינלאַדונג:

„מיין הער, נאָטע חאַימאָוויטש! אויף דעם סמך פון מיין מיינונג, וואָס איך האָב אַרויסגעטראָגן וועגן די יידן, וועלכע וואוינען אין די ווייס-רוסישע גובערניעס, האָט זיין קייזערלעכע מאַיעסטעט באַוויליקט צו גרינדן אַ קאָמיטעט, אום איינצואָרדנען זייער לעבן צום אַלגעמיינעם מלוכה-נוצן און צו זייער אייגענעם נוצן. די מיטגלידער פון קאָמיטעט, צו וועלכע איך האָב אויך דעם אַלערהעכסטן כבוד צו געהערן, האָבן דורך אַן אונטערטעניקסטע בקשה אויסגעבעטן ביי זיין מאַיעסטעט דעם קייזער די דערלויבעניש, אַז אויסער די יידישע דעפּוטאַטן, וואָס וועלן אויסגעקליבן ווערן פון די פאַרשיידענע גובערניעס, זאָל יעדער איינציקער פון אונדז זיך קאָנען אויסקלויבן איינעם פון די געבילדעטסטע און ערלעכסטע יידן פאַר אַ בעל-יועץ. קענענדיק אייך שוין פון וויפל יאָר אַלס זייער איבערגעגעבענער און פלייסיקער טוער פאַר דעם אַלגעמיינעם וואוילשטאַנד, און זייענדיק באַקאַנט מיט אייערע פּלענער לטובת דעם יידישן פאָלק, וואָס האָבן זוכה געווען צו ציען אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט פון קייזער און זענען איבערגעגעבן געוואָרן אויף דעם גוט-אַכטן פון קאָמיטעט, וואָלט איך זייער געוואָלט, איר זאָלט אויסגעוויילט ווערן אין קאָמיטעט, כדי צו שטיין מיר ביי דער זייט. טאָמער זייט איר שוין געוואָרן אויסגעקליבן דורך אַן אַנדער מיטגליד פון קאָמיטעט, בעט איך אייך, מיר מודיע צו זיין אויף וועמען פון די יידן זאָל איך מיך אָפּשטעלן, ווייל איך דאַרף האָבן אַ מענטשן, וואָס זאָל באַזיצן אייערע זעלטענע מעלות".

באַטייליקנדיק זיך אין קאָמיטעט, האָט זיך נאָטקין איבערגעגעבן דער אַרבעט מיט לייב און לעבן. נאָר זיין השתדלות איז דאָס געווען, אַז דער אינערן-מיניסטער זאָל פאַנאַנדערשיקן דורך די גובערנאַטאָרן צו די יידישע קהלות באַרואיקנדע ידיעות וועגן דעם צוועק פונם קאָמיטעט. מיט אַ טאָג פריער האָט נאָטקין געשריבן צום גראַף קאָטשעביי. „איך נעם מיר די העזה אָפּצודאַנקען אייך, דורכלויכטיקער גראַף, פאַר דעם, וואָס איר זייט באַזאָרגט אויפצומונטערן דאָס יידישע פאָלק, וואָס געפינט

זיך איצט אין אזא געדריקטער שטימונג, ווי עס פילן זיך גע-וויינלעך מענטשלעכע הערצער אין דער צייט, ווען עס דארפן פארקומען ענדערונגען אין זייער לאגע".

בעת מען האט אין יענער צייט אנגעהויבן טרייבן יידן פון סמאלענסק, צוליב אנטיסעמיטישע העצעס, האט ווידער נאטקין געשריבן צום מיניסטער: „דערדאזיקער גירוש, וועלכער וועט מאכן א שווערן רושם אויפן יידישן פאלק, וועט נאך אים אריינטרייבן אין א גרעסערן יאוש און דערוועקן אין אים גרויס פחד פאר זיין קינפטיקן גורל. דורכלויכטיקער גראף! האט רחמנות אויפן דאזיקן אומגליקלעכן פאלק! שטארקט מיט אייער גרויסן חסד זיין געפאלענעם מוט". עס האט לאנג נישט גע-דויערט, און די גזרה וועגן דעם סמאלענסקער גירוש איז בטל געווארן.

איינער א באוואוסטער היסטאריקער גיט וועגן נאטקינס ארבעט אין יידישן קאמיטעט די פאלגנדע כאראקטעריסטיק:

„אן געריש און אן אן אויפהער, רואיק און פלאנמעסיק האט ער געארבעט פאר דעם נוצן פונם יידישן פאלק. ער איז געווען דער ערשטער, וואס האט אנגעהויבן זיין טעטיקייט אויף דעם געביט נאך אין דער צייט, בעת ס'איז נישט געווען קיין שום האפנונג, אז די רוסישע רעגירונג וועט זיך גוט באציען צו יידן, בעת יידן האבן געקאנט רעכענען בלויז אויף זייערע אייגענע כחות. אזוי ווי א שטורמישע כוואליע, וואסווארפט ארויס פון דער טיפעניש אויפן ברעג ים חורבעס זאמד און שטיינער, אזוי האט נתן נאטע אינם משך פון א ריי יארן דערציילט פאר דער רעגירונג אין זיינע פלענער און בריוו וועגן די צרות און די טרערן, וואס ער האט ארויסגעשעפט פון די טיפענישן פונם יידישן לעבן".

ו

אַריבערקלייבנדיק זיך וואוינען אין פּעטערבורג, האָט דאָרט נאָטקין די ערשטע צייט געאַרבעט צוזאַמען מיט פּערעצן און נעוואַכאָוויצן. די יידישע דעפּוטאַטן האָבן אָבער געהאַלטן נאָטקינען פאַר אַ סך אַן ערנסטערן און ענערגישערן עסקן אַלס די לעצטע צווי. אַזאַ מיינונג האָבן געהאַט וועגן נאָטקינען אויך די קריסטלעכע מיטגלידער פון קאָמיטעט. דערזשאַווין, וועלכער האָט זיך פאַרהאַלטן צו פּערעצן מיט אַ געוויסער גרינגשעצונג, האָט זיך תמיד אָפּגערופן וועגן נאָטקינען מיט דעם גרעסטן רעספּעקט. כאַראַקטעריסטיש איז דער פאַקט, אַז נעוואַכאָוויץ, וועלכער האָט זיך געפונען צו פּערעצן אין אַ סך נעענטערע און פריינטלעכערע באַציאונגען ווי צו נאָטקינען, האָט ווידמענדיק זיי ביידן זיין „קול שועת בת־יהודה", באַצייכנט פּערעצן בלויז אַלס „קאָמערציען־ראַט", און אויף נאָטקינען האָט ער געשריבן „השר הנגיד, דער פאַרטיידיקער פון זיין פאָלק".

שפּעטער, בעת פּערעץ מיט נעוואַכאָוויצן האָבן זיך אָנגעהויבן מרחיק צו זיין פון יידן און פון יידישע אינטערעסן, איז נאָטקין איינציק און אַליין געבליבן שטיין טריי אויף זיין פּאָסטן אַלס גרעסטער יידישער שתדלן, אויף וועמען אַליין עס זענען געווען געווענדט די אויגן פונם גאַנצן רוסישן יידנטום. אויך בשעת דעם אַרעסט פונם לאַדיער גוטן יידן, ר' שניאור זלמן, איז נאָטקינס ראָלע געווען אַ גאַנץ אַנדערע פון פּערעצעס זייענדיק אַפילו אַ פאַרברענטער מתנגד און אַ הייסער אנהענגער פונם ווילנער גאון, האָט ער זיך דאָך נישט באַטייליקט אין די רדיפות קעגן חסידים און חסידות. בעת פּאַוול איז געשטאָרבן און דער יונגער קייזער האָט אין די ערשטע טעג פון זיין רעגירונג אָנגעהויבן באַפרייען פיל פון די אַרעסטירטע, האָבן זיך ר' שניאור זלמנס פריינט אין פּעטערבורג, — אַזוי דערציילט דער באַקאַנטער היסטאָריקער דובנאָוו, — מיט דעם באַנוצט און דורך נאָטקינס פאַרמיטלונג האָבן זיי זיך דערשלאָגן דערצו, אַז

די פּאַפּירן וועגן ר׳ שניאור זלמנס משפט זענען געווען פון די ערשטע, וואָס זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן פאַרן קייזער.

אין פּעטערבורג האָט זיך נאָטקין באַלד געשטעלט בראש פון דער דאָרטיקער יידישער באַפעלקערונג, וועלכע איז באַשטאַנען מער נישט ווי פון עטלעכע צענדליק פאַמיליעס. דאָס רוב פון זיי זענען געווען אָנגעפּאַרענע פון שקלאָוו און פון מאָהילעוו, וועלכע זענען געקומען זוכן פּרנסה אַרום צייטלינס און פּערעצעס געשעפטן. אַלע האָבן זיי געוואוינט אין דער רוסישער הויפּט־שטאָט אומלעגאַל, און האָבן דעריבער נישט געהאַט די מעגלעכקייט אויפצופירן זיך לויטן יידישן דת. זיי האָבן אַפילו נישט געהאַט קיין באַזונדערן בית-עלמין און האָבן מקבר געווען זייערע מתים אויפן קריסטלעכן בית־עולם. נאָטקין האָט שוין געזוכט און אויסגעפונען די נויטיקע מיטלען ווי אַזוי די קליינע פּעטערבורגער יידישע קהלה זאָל באַקומען שוחטים און מוהלים און זיך קויפן אַ שטיקל ערד אויף אַ בית־עלמין, און די באַאַמטע זאָלן זיך מאַכן נישט זעענדיק...

אין פּנקס פון דער פּעטערבורגער חברה קדישא איז פאַרצייכנט אונטער דער דאַטע: דינסטיק, דעם 15-טן תמוז יאָר תקס״ג (1803) פאָלגנדע אָרטיקע געשעעניש:

„היינטיקס יאָר זענען זיך אַהער צונויפגעפאָרן באַפולמעכטיקטע פון אַלע גובערניעס (אין רוסיש: דעפּוטאַטן), כדי אנטייל צו נעמען אין דעם קאָמיטעט, וועלכער איז געגרינדעט געוואָרן לויטן באַפעל פונם קייזער אַלעקסאַנדער דעם ערשטן, אום איינצואָרדנען דאָס יידישע לעבן אויף פעסטע יסודות. אין אַ געוויסן טאָג האָבן זיך דידאָזיקע יידישע דעפּוטאַטן דערוואוסט, אַז דריי יידישע מתים ליגן באַגראָבן אויף אַ קריסטלעכן בית־עלמין און איבער זייערע קברים שטייען צלמים. זיי האָבן באַשלאָסן אויסצעגראָבן תיכף די דריי מתים און אַריבערפירן זיי אויפן נאָר-וואָס געעפנטן יידישן בית־עולם״. דערביי זענען אָנגערופן די נעמען פון די דריי נפטרים. אָט אַזוי האָט נאָטקין אוועקגעלייגט דעם פונדאַמענט צו דער פּעטערבורגער יידישער קהלה.

נאָטקינס גדלות, אַלס מנהיג פונם רוסישן יידנטום און די באַזונדערע התקרבות, וואָס אַלעקסאַנדער דער ערשטער האָט אים אַרויסגעוויזן, האָט סוף־כל־סוף נישט געקאָנט לאָזן רוען אַזאַ שונא־ישראל ווי דערזשאַווין. נאָך אַלץ מאַכנדיק דעם אָנשטעל אַלס נאָטקינס אַ גוטער פריינט, האָט ער אין דער שטיל זיך אָנגעהויבן אונטער אים אונטערגראָבן. הינטן־אַרום האָט ער זיך געסטאַרעט, אַז נאָטקינס פּראָיעקטן זאָלן בלייבן ליגן אונטערן גרינעם טישטוך און זאָלן צום קאָמיטעט נישט אָנקומען. נאָטקין איז אָבער דערפון געוואויר געוואָרן, און מיט דער הילף פון דעם אָנפירער מיט די ענינים פון קאָמיטעט ספּעראַנסקי, וועלכער איז גראָד געווען אַ העכסט ליבעראַלער מענטש און אַן אוהב ישראל, האָט ער צעשטערט יעדעס מאָל דערזשאַווינס פּלענער. פון גרויס פאַרדרוס האָט דערזשאַווין גענומען רודפן נאָטקינען דורך פאַרשיידענע הצעס. צווישן אַנדערן האָט ער געמאַכט אַ בלבול אויף נאָטקינען, אַז ער האָט אים געוואָלט אונטערקויפן מיט געלט לטובת די יידן. אין די „ספּערן", וואו מ'האָט נאָטקינען געקענט פאַר אַ העכסט ערלעכן און אָרנטלעכן מאַן, האָט מען דערזשאַווינס הצעס די קלענסטע אויפמערקזאַמקייט נישט געשאָנקען. דערזשאַווין איז אָבער געבליבן ביי דאָס זייניקע, און אין זיינע „זאַפּיסקעס" דערציילט ער בפירוש אין נאָמען פון אַ דריטער פּערזאָן פאָלגנדעס: „דאָס יידל נאָטקע, וואָס דערזשאַווין האָט צו אים תמיד געהאַט גרויס צוטרוי פאַר זיין פלייסיקער און איבערגעגעבענער טעטי־קייט לטובת דעם וואוילשטאַנד פון די יידן, וועלכער האָט מסכים געווען מיט זיינע מיינונגען און דערלאַנגט דער רעגירונג אַלערליי פּראָיעקטן און פּלענער וועגן גרינדן פאַבריקן א. א. וו.— אָט דאָסדאָזיקע יידל האָט אים, דערזשאַווינען אָנגעבאָטן שוחד אין דער סומע פון צוויי הונדערט טויזנט רובל".

אין דעם פּנקס פון דער פּעטערבורגער חברה קדישא איז פאַרצייכנט, אַז דער „שר ונגיד" ר' נתן נטע בר' חיים משקלאָוו איז געשטאָרבן שבת דעם 11־טן אלול תקס"ד (1804) 7 אַ זייגער אינדערפרי און איז געקומען צו קבורה זונטיק דעם

12־טן אלול און איז מקבר געוואָרן אין דער ערשטער שורה נעבן דעם „קדוש" ר׳ סענדער פון שקלאָוו".

באָטקינס טויט האָט געמאַכט אַן איינדרוק אויף דעם גאַנצן רוסישן יידנטום. אין אַלע שטעט און שטעטלעך האָט מען דעם גאַנצן ערשטן חודש נאָך זיין טויט געפּראַוועט אבילות.

מען דערציילט, אַז ווען דער גאון ר׳ חיים וואָלאָזשינער האָט זיך דערוואוסט פון באָטקינס פּטירה, געפינענדיק זיך אין דער נאָר־וואָס געעפנטער ישיבה, האָט ער אויסגעשריגן צו זיינע תלמידים:

קינדער! לאָמיר רייסן קריעה און זיך צוזעצן אַ ווײַלע אויף דער ערד, ס׳איז פון אונדז אַוועקגענומען געוואָרן אונדזער מליץ יושר...

VI

זונדל זאָנענבערג

א

ביים פאָלק איז ער געווען פּאָפּולער אונטערן נאָמען: „זונדל דער גרויסער“. געבוירן איז ער אין וואָלקאָווויסק, גראָדנער גובערניע, סוף יאָר 1785 ביי רייכע עלטערן, וועלכע האָבן געהאַלטן אַן אכסניא, וואוהין עס פלעגן תמיד אַריינפאָרן די גרעסטע פּוילישע פריצים פון דער גאַנצער געגנט. דערצו האָבן זיי נאָך אויך געהאַט אַ גרויסן ווײַנקעלער, אין וועלכן עס פלעגן פאַרקערן צווישן אַנדערע אויך די באַאַמטע פון די פאַרשיידענע רעגירונגס-אינסטיטוציעס ווי דער מאַגיסטראַט, די פּאָליציי א. אַז. וו. די פירערקע פון דידאָזיקע ביידע געשעפטן איז געווען זונדלס מוטער, וועלכע האָט געשמט פאַר אַ פּקחית און אַ גרויסע „אשת-חיל“. נישט געבילדעט אַפילו, האָט זי אָבער באַזעסן אַזעלכע מעלות, מיט וועלכע זי האָט שטאַרק אויסגענומען, באַזונדערס ביי אירע קריסטלעכע קליענטן. אין קעגנזאַץ צו די „פאַרשמאַלצענע יידענעס“ פון יענער צייט, האָט זי זיך אויסגעצייכנט מיט דער ריינקייט און ציכטיקייט פון איר טואַלעט, דערצו האָט זי גאַנץ שיין גערעדט פּויליש, און איז בכלל געווען אַ באַרעדטע, אַ „מענטש מיט אַ צונג“, האָט

אַרויסגעוויזן פיל פּראַקטישקייט אין לעבן און אַ היבש ביסל ענערגיע. די אַרומיקע שררות פלעגן זיך מיט איר גאַנץ אָפט מישב זיין וועגן זייערע עסקנים, און האָבן געפאָלגט אירע עצות. פיל אָנזען האָט זי געהאַט אויך ביי די „טשינאָווניקעס", די אָפטע באַזוכער פון איר וויין-קעלער. דאָס האָט געבראַכט דערצו, אַז די וואָלקאָוויסקער יידן פלעגן עס אויסנוצן צו באַקומען דורך איר פאַרשיידענע טובות פון דער אָרטיקער מאַכט. האָט די אַדמיניסטראַציע אויף אַ יידן אַרויפגעלייגט אַ שטראָף, האָט מען אַ יידן אַרעסטירט, – אין אַזעלכע פאַלן איז מען באַלד געלאָפן צו „גיטל דער וויין-שענקערקע", און זי האָט שוין תמיד געהאַט אירע מיטלען אויסצופועלן ביי דער אַדמיניסטראַציע אַלץ, וואָס זי האָט נאָר פאַרלאַנגט.

דער מאַן איז געזעסן כל-ימיו אין בית-המדרש און געלערנט און האָט זיך אין די געשעפטן נישט געמישט. ער האָט זיך נאָר באַשעפטיקט מיט דער ערציאונג פון זיין זינדלען, וועלכער האָט שוין קינדווייז אַרויסגעוויזן וואונדערלעכע פעאיקייטן. ער האָט אים געגעבן לערנען צו די בעסטע מלמדים פון שטאָט, און בעת דאָס יינגל פלעגט קומען פון חדר, פלעגט ער אים האַלטן ביי זיך אין בית-מדרש און איבערחזרן מיט אים דעם שיעור גמרא. דעם קליינעם זונדלען, וועלכער איז געווען פון דער נאַטור אַ לעבעדיקער און אַ טעמפּעראַמענט-פולער, האָט אָבער מער געצויגן צו דער אכסניא מיטן וויין-קעלער, וואו ער האָט טאָג-טעגלעך געזען פאַר זיך פרישע, און פאַר אים זייער אינטערעסאַנטע מענטשן. ער האָט זיך שוין אויך אויסגעפונען זיינע מיטלען, ווי אַרויסצודרייען זיך פונם חדר מיטן טאַטן און פאַרברענגען מער לעבן דער מוטער, צו וועלכער ער איז בכלל געווען שטאַרק צוגעבונדן. ער האָט פון דער יוגנט אָן סימפּאַטיזירט מער מיט דער מוטערס פּראַקטישקייט איידער מיט דעם טאַטנס בטלנישן לעבנס-שטייגער.

זייענדיק זייער באַגאַבט, האָט זיך זונדל גאַנץ גיך אויסגעלערנט רעדן אַזאַ שיינעם, פליסיקן פויליש, וועלכן די פּריצישע אורחים האָבן שטאַרק באַוואונדערט. אין אַ געוויסן טאָג האָט

זיך איינער אַ פּאָליאַק, וועלכער איז געווען אַ שטענדיקער גאַסט פון וויין-קעלער, אָנגעשלאָגן צו לערנען מיט זונדלען, שרייבן פּויליש און אויך אַנדערע ידיעות. וועגן דער פעהיגקייט פון דעמדאָזיקן פּאָליאַק האָבן זיך אַרומגעטראָגן אין וואָלקאָוויסק פאַרשיידענע לעגענדעס. מ'האָט דערציילט, אַז ער איז אַ גראַף, אַ געוועזענער רייכער גוטסבאַזיצער, וועלכער האָט זיינע גיטער פאַרשפּילט אין קאָרטן און איז געבליבן אין איין העמד, און פון גרויס עגמת-נפש האָט ער זיך אַריינגעלאָזט אין שכרות. אַנדערע האָבן געזאָגט, אַז ער איז אַמאָל געווען אַ הויכער באַאַמטער אין איינער פון די גרעסטע וואַרשעווער מלוכה-אינסטאַנצן, און פאַר אַ פאַרברעכן האָט מען אים אָפּגעזאָגט פון זיין שטעל, און אַזוי ווי מען נעמט אים אין ערגעץ נישט אָן אויף אַן אַמט, וואַלגערט ער זיך אַרום פון אָרט צו אָרט און איז זיך מפרנס פון דעם, וואָס ער שרייבט פאַר צעבראָכענע גראָשנס בקשות צו דער מאַכט. נאָך אַ דריטע ווערסיע איז אַרומגעגאַנגען וועגן דעם פּאָליאַק, אַז ער איז אַ זון פון אַ באַרימטן פּוילישן שררה, וועלכער האָט שטודירט אין וואַרשע און האָט זיך דאָרט פאַרליבט אין אַ יידיש מיידל, און זיין פאָטער, דערוויסנדיק זיך פון דעם, האָט אים אַרויסגעטריבן פון שטוב און אים „מעביר נחלה" געווען, און פון צער האָט ער אָנגעהויבן צו טרונקען. פון דידאָזיקע אַלע קלאַנגען האָט מען נאָר איינס געוואוסט אַלס ריכטיק, אַז ער איז זייער אַ געבילדעטער און אינטעליגענטער מאַן, און אַז ער באַזיצט קאָלאָסאַלע ידיעות, באַזונדערס אויפן געביט פון יוריספּרודענץ.

ביי דעם פּאָליאַק האָט זיך זונדל אין דער יוגנט שיין אויסגעבילדעט אין דער פּוילישער שפּראַך און ליטעראַטור און אין אַנדערע וועלטלעכע למודים און זיינע קענטעניש האָבן דערלאַנגט אַזוי ווייט, אַז ער זאָל אין קורצן געשריבן פאַר נויטבאַדערפטיקע בקשות צום געריכט וועגן אַלערליי קרימינעלע ענינים. צוקוקנדיק זיך צו די יידן מיט די יידענעס, וואָס פלעגן כסדר קומען וויינעז פאַר זיין מוטער, אַז זי זאָל זיך פאַר זיי משתדל זיין ביי גאָליציי אַראָפּצונעמען פון זיי שווערע

שטראָפן אָדער באַפרייען וועמען עס איז פון געפּענגעניש, האָט זיך אין אים נאָך אין דער פריערסטער יוגנט אַנטוויקלט אַ שטאַרק רחמנות-געפיל צו אַלע מינים ליידנדע און עלנטע, וועלכע קאָנען זיך אַליין נישט העלפן, און וואָס עלטער ער איז געוואָרן, האָט אים דאָס־אָזיקע געפיל אַלץ מער באַהערשט, ביז עס האָט אים אַזויאַרום צום סוף געבראַכט צו ווערן דער גרעסטער און דער וויכטיקסטער יידישער שתדלן פון זיין צייט.

ב

אין יאָר 1803 איז זונדל זאָנענבערג אָנגעקומען פאַר אַן איידעם צו אַ גרויסן גביר, איינער פון די קהלשע פירער אין גראָדנע. אין יענער צייט איז שוין גראָדנע געווען איינע פון די נייע גובערניעס, וועלכע זענען איבערגעגאַנגען פון פוילן צו רוסלאַנד. דאָך האָבן נאָך דאָרט די פּאָליאַקן געהאַט אַ שטאַרקן איינפלוס אויף דער אַדמיניסטראַציע, און אַנדערע פון זיי האָבן זיך מיט דעם באַנוצט צו אַנטיסעמיטישע צוועקן. נאָכאַנאַנד האָט מען פאַרוואָרפן דער רוסישער מאַכט מיט אַלערליי מסירות אויף יידן, און קהל האָט געהאַט אַ סך אַרבעט, דידאָזיקע אַלע מסירות אָפּצולייקענען. זונדל זאָנענבערג האָט דאָ פאַר זיך געפונען אַ גרויס און אַ ברייט אַרבעטס-פעלד. זיצנדיק ביים שווער אויף קעסט, האָט ער אין גאַנץ ווייניק צייט באַוויזן צו דערלערנען גרינגלעך די רוסישע שפּראַך, און דאָס האָט אים געגעבן די מעגלעכקייט יעדעס מאָל צו פאַרטיידיקן די באַשולדיקטע יידן שריפטלעך און מונדלעך. ס׳האָט לאַנג נישט געדויערט און זאָנענבערג איז געוואָרן אַ גרויסער תקיף ביי גראָדנער „נאַטשאַלסטווע", ביי וועלכער ער האָט כמעט תמיד אַלץ געפּועלט. באַלד האָבן זיך אָנגעהויבן ווענדן צו זאָנענבערגן מיט בקשות וועגן הילף גערודפטע יידן פון דער גאַנצער גובערניע, און ער האָט קיינעם נישט אָפּגעזאָגט, פאַר יעדערן איז ער געלאָפן וואוהין מ׳האָט נאָר באַ-

דאַרפט און זיך משתדל געווען און געבעטן, און אויך אויסגעפירט. דאָס האָט זאָנענבערגן געמאַכט אַ גרויסן נאָמען, און עס האָט מיט אים געקלונגען אַרום און אַרום.

באַזונדערס בארימט האָט זיך זאָנענבערג געמאַכט אין יאָר 1816. דעמאָלט איז קעגן די גראָדנער יידן געמאַכט געוואָרן אַ בלוט-בלבול. מ'האָט זיי באַשולדיקט, אַז זיי האָבן דערהרגעט אַ יונגע פויערטע, כדי צו באַנוצן זיך מיט איר בלוט אויף פּסח. די מוסרים האָבן אינסצעניר̇ט די זאַך אַזוי גוט, אַז די גראָדנער אָרטיקע מאַכט האָט דער זאַך צוגעגעבן אַ גרויסער באַדייטונג און האָבן וועגן דעם מודיע געווען קיין פּעטערבורג. זעענדיק, אַז עס האַלט שלעכט, האָבן די גראָדנער יידן פאַר זיך נישט געפונען קיין אַנדער עצה, ווי נאָר אויסצוריכטן אַ שליח מיוחד קיין פּעטערבורג, וועלכער זאָל דאָרט אויפווייזן פאַר דער רעגירונג די פאַלשקייט פון דעם בלבול. געוויינטלעך האָט מען דאָס איבערגעגעבן נישט קיין אַנדערן, ווי זאָנענבערגן, וועלכער האָט אויסגעפירט זיין מיסיע גלענצנד. דורך אַן אויספירלעכן מעמאָראַנדום, וועלכן זאָנענבערג האָט דערלאַנגט אין סענאַט וועגן דעם ענין, און דורך זיינע פּריוואַטע געשפּרעכן מיט אייניקע הויכע מלוכה-אָנגעשטעלטע, האָט ער געבראַכט צו דעם, אַז אויסער, וואָס די גראָדנער יידן זענען געוואָרן ריין פרייגעשפּראָכן פון דער שווערער באַשולדיקונג, איז נאָך דעם 6-טן מערץ יאָר 1817 אַרויס אַ קייזערלעכער באַפעל, אַז קיינער אין רוסלאַנד זאָל זיך נישט וואַגן צו גלויבן אין דעם, אַז יידן ברויכן קריסטלעך בלוט, און טאָמער וועט מען ערגעץ געפונען אַ דערמאָרדעטן, און ווער עס וועט פאַרשפּרייטן אַ קלאַנג, נישט האָבנדיק דערצו קיין ריכטיקע ראיות, אַז דער מערדער איז אַ ייד, זאָל ער שטרענג באַשטראָפט ווערן. חוץ דעם איז אָפּגעגעבן געוואָרן אַ באַפעל צום גראָדנער גובערנאַטאָר, ער זאָל נישט דערלאָזן קיינעם צו רודפן יידן און זאָל דערשטיקן באַלד ביים אָנהויב יעדע העצע, וואָס עס ווערט קעגן זיי געפירט, פון וועלכן צד עס זאָל נישט זיין.

זאָנענבערגס נסיעה פון פּעטערבורג אַהיים קיין גראָדנע,

איז געווען ממש אַ טריאומף-צוג. אין אַלע שטעט און שטעטלעך,
וואו ער איז דורכגעפאָרן האָבן אים די רבנים מיט די קהל-
לייט באַגעגנט מיט גרויס פּאַראַד. אין גראָדנע גופא האָבן גע-
דויערט די פייערלעכקייטן גאַנצע אַכט טעג.

ג

זיין נסיעה קיין פּעטערבורג האָט זאָנענבערג אויסגענוצט
אויך פאַר צוועקן, וועלכע האָבן אַן אינטערעס פאַרן גאַנצן
רוסישן יידנטום. אין יענער צייט איז שוין דער „יידישער
קאָמיטעט“ לאַנג צעפאַלן געוואָרן. איבער די חילוקי-דעות וואָס
האָבן אין אים געהערשט, באַזונדערס צווישן די יידישע דעפּוטאַטן
גופא, וועלכע זענען צופעליק צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן פון
פאַרשיידנאַרטיקע קעגנזעצלעכע עלעמענטן, האָט ער פאַר יידן
גאָרנישט אויפגעטון. עס איז נאָך גוט, וואָס אַ דאַנק נאָטקינס
באַמיאונגען זענען אין קאָמיטעט נישט דורכגעפירט געוואָרן
דערזשאַווינס אַנטיסעמיטישע פּראָיעקטן. אַלעקסאַנדער דער
ערשטער, וועלכער האָט תמיד אַרויסגעוויזן אַ באַזונדער אינ-
טערעס צו פאַרפעסטיקן די יידישע לאַגע, וואָלט אפשר געזוכט
צו באַשאַפן אנשטאט דעם צעפאַלענעם קאָמיטעט אַ מין אַנדער
אינסטיטוציע, וואָס זאָל זיך ספּעציעל פאַרנעמען מיט די יידישע
ענינים. האָט אָבער אינמיטן אויסגעבראָכן דער רוסיש-פראַנצוי-
זישער קריג, וועלכער האָט אָפּגעריסן אַלעקסאַנדערן פון אַלע
איבעריקע מלוכה-אינטערעסן, און ממילא אויך פון דער יידן-
פראַגע. די הייסע פּאַטריאָטישע געפילן, און די גרויסע מאָראַ-
לישע און מאַטעריעלע שטיצע, וואָס די יידן האָבן אַרויסגעוויזן
דער רוסישער מלוכה אין דער גאַנצער צייט פון דער מלחמה,
האָט ביי אַלעקסאַנדערן צוריק אויפגעלעבט דער ווילן אויפצוטון
עפּעס פאַרן יידישן פאָלק. האַלטנדיק זיך נאָך אַלץ אָן זיין
אַמאָליקן שטאַנדפּונקט, אַז מ׳קאָן נישט לעזן די יידן-פראַגע
אָן דער באַטייליקונג פון קאָמפּעטענטע יידן, וועלכע זאָלן

קאָנען געבן דער רעגירונג די נויטיקע דערקלערונגען בנוגע דעם יידישן לעבן און זייערע באַדערפעניש, האָט ער זיך אַרומגעטראָגן מיטן געדאַנק אַראָפּצוברענגען קיין פּעטערבורג עטלעכע אַזעלכע יידן, וואָס זאָלן שטיין אין אַ שטענדיקן קאָנטאַקט מיטן מיניסטאָרן-קאַבינעט. די פאַרווירקלעכונג פון דערמאָזיקן געדאַנק איז אָבער אָפּגעלייגט געוואָרן פון טאָג צו טאָג, ביז זאָנענבערג איז צוליב דעם גראָדנער עלילת-דם געקומען קיין פּעטערבורג. אונטערהאַנדלענדיק מיט די העכערע רעגירונגס-ספערן וועגן דעם יידישן מצב, האָט מען אים אינפאָרמירט מכח דעם נייעם קייזערלעכן פּלאַן און אַרומגערעדט מיט אים די אופנים, ווי אַזוי די זאַך צו פאַרווירקלעכן.

זומער 1818 איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַ קייזערלעכער באַפעל צו די רוסישע יידן, זיי זאָלן אויסקלויבן פון זיך דריי דעפּוטאַטן, וועלכע זאָלן זיצן שטענדיק אין פּעטערבורג, כדי זיך צונויפצורעדן מיט דער רעגירונג וועגן די יידישע אינטערעסן. אין יענעם יאָר איז פאָרגעקומען אין ווילנע אַ גרויסער צוזאַמענפאָר, אין וועלכן עס האָבן זיך באַטייליקט די שענסטע יידן, דאָס רוב רבנים, אויסגעקליבענע פון אַלע גובערניעס, און זיי האָבן פון זיך אויסגעוויילט די דריי נויטיקע דעפּוטאַטן, איינער פון וועלכע עס איז געווען זונדל זאָנענבערג. דער צוזאַמענפאָר האָט באַלד פאַרעפנטלעכט אַן אויפרוף צו אַלע רוסישע יידן, אין וועלכן עס ווערן באַקאַנט געמאַכט דער קייזערלעכער באַפעל וועגן די דריי יידישע דעפּוטאַטן, צוזאַמען מיט דעם רעזולטאַט פון די וואַלן, און וועלכער פאַרענדיקט זיך מיט דער פאָלגנדער, זייער אינטערעסאַנטער דערקלערונג: „אַזוי ווי מיר קאָנען נישט פאַרלאַנגען פון אונזערע דעפּוטאַטן, זיי זאָלן ליידן שאָדן דורכדעם, וואָס זיי וואַרפן אַוועק זייערע געשעפטן, און זאָלן זיך נאָך לאָזן קאָסטן פון דער אייגענער קעשענע אויף הוצאות-הדרך און אַלע איבעריקע הוצאות, וואָס זענען פאַרבונדן מיטן זיצן אין אַזאַ גרויסן כרך ווי פּעטערבורג, האָבן מיר זיך משתדל געווען און אויסגעפונען אַ מיטל, ווי אַזוי לייכט צו מאַכן פאַר יעדן ייד זיך צו באַטייליקן אין דער-

דאָזיקער גרויסער זאַך, נישט דאַרפנדיק אויסלייגן אויף דעם מזומן געלט פון דעם טאָש; אגב וועט דאָס שוין פאַרבלייבן אַ תקנה אויף שטענדיק, נישט צו פאַרשווענדן קיין געלט אויף אַ זאַך, וועלכע איז נאָך קיין מצוה נישט און איז לחלוטין איבעריק.

אַזוי ווי עס איז געוואָרן אַ מאָדע, אַז רייכע לייט נייען אָרום זייערע קיטלען מיט זילבערנע עטרות, זענען מיר מודיע, אַז דאָס איז נישט קיין מצוה, נאָר אַ גאַנץ איבעריקע הוצאה, וועלכע מ׳קאָן פאַרשפּאָרן. אויף דעם סמך האָט דער צוזאַמענפאָר איינשטימיק באַשלאָסן, אַז פון היינט־אָן טאָר קיין רוסישער ייד, אַפילו דער גרעסטער עושר, נישט אָנטון קיין קיטל מיט אַ זילבערנער עטרה, זאָגאָר אַ חתן אין דעם טאָג פון זיין חופה, און ביי וועמען דער קיטל איז שוין אָרומגעלייגט מיט אַן עטרה, דאַרף עס תיכף ומיד אָרונטערגענומען און פאַרקויפן, און דאָס געלט מנדב זיין פאַר די הצטרכותן פאַר די אויסגעקליבענע דעפּוטאַטן. לויט ווי מיר האָבן אויסגערעכנט, דאַרפן אָנטרעפן די הוצאות פון די דעפּוטאַטן, זייער נסיעה קיין פעטערבורג, זייער זיצן דאָרט, שכירות פאַר שרייבער און איבערזעצער פון פאַרשיידענע דאָקומענטן, דירה, פּאָסט־געלט און די איבעריקע באַדערפעניש, די סומע פון דריי טויזנט זעקס הונדערט מיט זעכציק גאָלדערנע רענדלעך יערלעך. די אויסגעאַרבעטע סמעטע האָבן מיר דערלאַנגט דעם ליטווישן מיליטער־גובערנאַטאָר, מאָנטיק, ערב ראש חודש אלול, תקע״ח (1818)״.

ד

זונדל זאָנענבערג, וועלכן אַלע האָבן באַטראַכט פאַר דעם חשובסטן פון די אויסגעוויילטע דעפּוטאַטן, האָט באַקומען פון צוזאַמענפאָר אַ באַזונדער דערלויבעניש צו נעמען מיט זיך קיין פעטערבורג אויף קהלשע הוצאות אַ געהילף, וואָס זאָל אים דאָרט שטיין ביי דער זייט. אַלס אַזעלכן האָט זיך זאָנענבערג אויסגעקליבן איינעם פון די שענסטע גראָדנער בעלי־בתים, אַ

געוויסן ר׳ יצחק ששון, דער מחבר פונם ספר „שמן ששון, א פירוש אויף אַגדות חז״ל. דערדאָזיקער ר׳ יצחק, וועלכער האָט געשמט אַלס למדן מופלג, האָט באַזעסן אויך אַ סך וועלטלעכע ידיעות, האָט געקענט אייניקע אייראָפּעאישע שפּראַכן, און איז שפּעטער אין אַ משך פון דרייסיק יאָר געווען נאָטאַריוס אין גראָדנע און אַ געשוואוירענער איבערזעצער פון פּויליש אין רוסיש, און האָט דערפאַר באַקומען פון ניקאָליי דעם ערשטן אייניקע מעדאַלן.

אין יאָר 1819 זענען זאָנענבערג מיט ששונען אַרויסגע-פאָרן קיין פּעטערבורג. אונטערוועגנס, זענען זיי אָפּגעטראָטן קיין וואָלאָזשין צו נעמען אַ ברכה פון דעם באַוואוסטן גאון ר׳ חיים.

וועגן דערדאָזיקער נסיעה דערציילט ששון אין זיינע פאַרמואַרן די פאָלגנדע, זייער אינטערעסאַנטע פאַקטן:

„אַז מיר זענען אָנגעקומען קיין וואָלאָזשין, האָט מיט אונז געקאָכט דאָס שטעטל, וואָרום מ׳האָט שוין געוואוסט אומעטום דעם צוועק פון אונזער נסיעה. דער גאון ר׳ חיים האָט אונז מקבל פּנים געווען זייער פריינדלעך און אונז אַרויסגעוויזן גרויס התקרבות. בלויז עטלעכע פון זיינע תלמידים האָבן אויף אונז געקוקט קרום און זענען זייער נישט צופרידן געווען, וואָס מיר פאָרן אין אַזאַ גרויסע גויאישע שטאָט ווי פּעטערבורג, וואָס קיין ייד קומט שוין פון דאָרט נישט צוריק. אַז דער גאון ר׳ חיים האָט דאָס דערהערט, האָט ער זיך אויף זיי אָנגעבייזערט און געזאָגט: „הלואי וואָלטן זיי זיך פון דאָרט נישט צוריקגעקערט, וואָלט אפשר דערפון אַרויסגעקומען אַ טובה פאַרן כלל ישראל; איך האָב אָבער מורא, טאָמער קומען זיי יאָ צוריק פון פּעטערבורג און ווען גאָרנישט אויפטון״. ר׳ חיים האָט אונז געטרייסט און געזאָגט בזה הלשון: „עסט אייך נישט אָפּ דאָס האַרץ, אַזעלכע מענטשן ווי איר זענען אונז נויטיק. פאָרט לשלום״. דערביי האָט ער אונז געבענטשט.

„אין אַלע שטעט, וואו מיר זענען דורכגעפאָרן, — אַזוי לייענען מיר ווייטער אין ששונס זכרונות, — האָבן אונז די

קהלות זייער פריינטלעך אויפגענומען, האָבן אונז באַוויזן זייערע פנקסים מיט די חשבונית פון זייערע הוצאות און הכנסות. אין פּאָלאָצק האָבן מיר געפונען אין קהלשן פנקס די פאָלגנדע שרעקלעכע דערציילונג:

איינמאָל איז דער קייזער פּיאָטר דער גרויסער געקומען קיין פּאָלאָצק אויף אַ מאַנעוור פון מיליטער. פאַרנאַכט, בעת דער קייזער האָט זיך צוריקגעקערט פון דעם פּלאַץ, וואו עס איז פאָרגעקומען דער מאַנעוור און איז געבליבן אליין אין דעם פּלאַץ, וועלכן מ׳האָט פאר אים באַשטימט אלס וואוינונג, האָבן זיך צו אים פלוצלונג באַוויזן צוויי מתים, וואָס האָבן זיך פאַר אים פאַרנייגט צו דער ערד, און זענען געבליבן שטיין אין אַ ווינקל־צימער. דער קייזער האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז אַ געטלעכע זאַך, און האָט זיי געפרעגט, וואָס זיי פאַרלאַנגען. זיי האָבן אים אָבער גאָרנישט געענטפערט. דאַן האָט דער קייזער אַריינגערופן צו זיך איינעם פון זיינע אַדיוטאַנטן. זעענדיק, אַז דער אַדיוטאַנט מערקט קיין זאַך נישט, האָט ער געהייסן רופן דעם גלח פון שטאָט. ווען דער גלח איז געקומען, האָט אים דער קייזער געפרעגט צוויי מאָל, צי זעט ער עפּעס. נאָכדעם ווי דער גלח האָט אים געענטפערט, אַז ער זעט גאָרנישט, האָט ער אים געהייסן אַרויסגיין. פּיאָטר איז געבליבן שטיין זייער צעטומלט, ער האָט באַקומען מורא, טאָמער איז דאָס אַ האַלוצינאַציע. אין אַ פּאָר מינוט אַרום האָט ער זיך אָבער באַרואיקט און געפרעגט, צי עס געפינט זיך נישט אין שטאָט אַ יידישער רב תיכף איז מען אַוועק און מ׳האָט געבראַכט דעם רב. ווי דער רב איז אַריין, האָט דער קייזער באַמערקט, אַז ער זעט איך דאָסזעלבע בילד. ווען דער קייזער האָט אים געפרעגט, צי ער זעט עפּעס, האָט דער רב אים געענטפערט, אַז ער זעט צוויי מתים. דערביי האָט ער געוויזן מיטן פינגער אויף יעדן איינציקן. דאַן האָט אים דער קייזער באַפוילן, ער זאָל זיי פרעגן וואָס זיי באַגערן. אויף דעם רבס פראַגע, האָבן אים די מתים געענטפערט פאָלגנדעס:

ה

„אין פּאָלאָצק זענען דאָ צוויי יידישע בית-עלמינס, אַן אַלטער און אַ נייער. דער אַלטער בית-עולם געפינט זיך אויף אַ פּלאַץ, וואָס געהערט דעם גלח, וועלכער איז דאָ נאַר-וואָס געווען. איצט וויל דער גלח צעאַקערן דעם אַלטן בית-עולם און פאַרפּלאַנצן אויף אים אַ גאָרטן, ווייל די יידן זענען שוין דאָרט נישט מקבר זייערע מתים. דעריבער זענען דאָס איצט די צוויי בר-מינגס געקומען בעטן דעם קייזער, ער זאָל באַפעלן דעם גלח נישט צו פאַרווירקלעכן זיין פּלאַן, ווייל אויף דעם אָרט רוען זיי און זייערע עלטערן שוין וויפל הונדערטער יאָרן. ווי דער קייזער האָט דאָס דערהערט, האָט ער געשיקט רופן דעם גלח, מיט וועלכן ער האָט תחלת פאַרפירט אַ געשפּרעך וועגן זייטיקע ענינים, און אינמיטן געשפּרעך האָט ער צו אים אַ זאָג געטון: „איך האָב געהערט, אַז איר האָט בדעה צו פאַר-וואַנדלען דעם אַלטן יידישן בית-עולם אין אַ גאָרטן; איר זאָלט אייך נישט וואַגן דאָס צו טון". ווי נאָר דער גלח האָט אַרויס-געבראַכט פון מויל, אַז ער וועט דערפילן דאָס קייזערלעכע באַפעל, האָבן זיך די צוויי מתים פאַרנויגט פאַרן קייזער און זענען תיכף פאַרשוואונדן. דער רב מיטן גלח זענען זיך צע-גאַנגען יעדערער אין זיין וועג. אָפּגייענדיק עטלעכע טריט, האָט דער גלח אַרויסגערעדט צו זיך אַליין: „זאָל נאָר דער קייזער פונדאַנען אָפּפאָרן, וועל איך מיר טון וואָס מיין האַרץ גלוסט". פּלוצלונג האָבן זיך די צוויי מתים ווידער באַוויזן פאַרן קייזער. די מינוט האָט דער קייזער געשיקט רופן דעם רב, און גלייך ביי זיין אַריינגאַנג האָבן אים די מתים דערציילט דעם גלחס פאַרבאָרגענע געדאַנקען. אויפן קייזערס פאַרזאָג האָט מען דעם גלח געבראַכט צו אים אַ צווייט מאָל. אין אַ שטרענגן טאָן האָט אים דער קייזער געזאָגט, אַז אים זענען באַקאַנט זיינע מחשבות און דאָס, וואָס זיין מויל האָט אַרויס-גערעדט צו זיך אַליין. דער גלח האָט זיך אין אַלץ מודה גע-

ווען און געבעטן ביים קייזער פֿאַרצייאונג. דער קייזער האָט אים אָבער נישט געוואָלט מוחל זיין און געהייסן אים שווער באַשטראָפֿן. דאָ האָבן זיך ביידע מתים ווידער געביקט פֿאַרן קייזער און זענען נעלם געוואָרן״.

„נאָך אַ זאַך, — דערציילט ששון, — האָט מיט אונז פּאַסירט אין וועג, וואָס האָט אונז זייער פֿאַרוואונדערט. געפֿינענדיק זיך שוין אייניקע ווערסט פֿון פּעטערבורג, זענען מיר פֿאַרפֿאָרן אין אַ קרעטשמע. דאָס איז געווען פֿרייטיק פֿאַרטאָג. אין אַ האַלבע שעה אַרום איז אַהין געקומען נאָך אַ קאַרעטע מיט אַ פּאָר פֿערד, פֿון וועלכער עס איז אַראָפּ אַ מאַן, וועלכער האָט אויסגעוויזן ווי אַ ייד, וואָס ער איז עס ווירקלעך געווען, כאָטש ער האָט געטראָגן דייטשע קליידער. מיר זענען צוגעגאַנגען און האָבן אים געגעבן „שלום״ און געפֿרעגט, וואוהין ער פֿאָרט. ער האָט אונז געענטפֿערט אין דייטש, אַז ער פֿאָרט קיין פּעטערבורג. „אויב אַזוי, — האָבן מיר אים געזאָגט, — וועלן מיר איינשטיין אין איין אכסניא, ווייל מיר פֿאָרן אויך קיין פּעטערבורג״. „ניין, — האָט ער אונז געענטפֿערט, — איך האָב אין פּעטערבורג אַ ברודער, און איך וועל פֿאַרפֿאָרן צו אים״. „ווער איז עס אייער ברודער?״ — האָבן מיר אים געפֿרעגט. „שטיגליץ! — האָט ער אונז געענטפֿערט, — דער פֿאַרוואַלטער פֿון פֿינאַנץ-מיניסטעריום!״

„מיר האָבן נישט געגלויבט אונזערע אויערן, — שרייבט ששון, — ער האָט אונז אָבער געוויזן זיינע דאָקומענטן און זיין ברודערס בריוו. דערווייל האָבן מיר זיך געשטעלט דאַווענען, און ער האָט אויך אָנגעטון טלית און תּפֿלין און געדאַוונט, ווי איינער פֿון די פֿרומסטע יידן. נאָכן דאַווענען איז צו אים צוגעגאַנגען זאָנענבערג און אים געפֿרעגט, צי ווייסט ער, אַז זיין ברודער דער מיניסטער האָט זיך שוין לאַנג געשמדט? דערהערנדיק דאָס, האָט זיך דער מאַן דערשראָקן און איז געוואָרן בלאַס ווי קאַלך. „איז דאָס ריכטיק, וואָס איר זאָגט?״ — האָט ער געפֿרעגט זאָנענבערגן. נאָכדעם ווי זאָנענבערג, און אַלע איבעריקע מענטשן, וואָס האָבן זיך בשעת מעשה געפֿונען אין

קרעטשמע, האָבן אים די זאַך באַשטעטיקט. האָט ער זיך אָפּגערופן: „אויב אַזוי, פאַר איך שוין נישט מיט אייך צוזאַמען אין איין וועג", און תיכף האָט ער געהייסן שפּאַנען די פערד און זיך צוריקגעקערט אַהין, פון וואַנען ער איז געקומען. אין עטלעכע מינוט אַרום זענען מיר אויך אָװעקגעפאָרן און פאַר ליכט-בענטשן זענען מיר אָנגעקומען קיין פּעטערבורג".

דערביי געפונען מיר פּאַר גויטיק צו באַמערקן, אַז דער דערמאָנטער שטיגליץ, דער דאַמאָלסדיקער פינאַנץ-מיניסטער, איז געווען פון די ערשטע יידן, וואָס זענען געקומען קיין פּעטערבורג צוזאַמען מיט פּערעצן און מיט נעוואַכאָוויצן. אַ געוויסע צייט האָט ער בשותפות מיט פּערעצן געהאַלטן פּאָדראַדן און איז מיטגעפאָרן מיט דער אַרמיי. ער האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר זייער באַגאַבט, באַזונדערס אויפן פינאַנציעלן געביט, און די רעגירונג האָט זיך מיט אים באַנוצט ביים אויסאַרבעטן פאַרשיידענע בילאַנסן.

בעת ער איז זייער רייך געוואָרן, האָט ער זיך פון פּערעצן אָפּגעטיילט און געפירט זיינע געשעפטן פאַר זיך. פון דאַן אָן איז זיין עשירות געוואַקסן פון טאָג צו טאָג, און דערמיט אויך זיין חשיבות אין די העכסטע רעגירונגס-ספערן. אין קעגנזאַץ צו פּערעצן האָט זיך שטיגליץ מיט יידישע אינטערעסן קיינמאָל נישט אינטערעסירט; ער האָט זיך נאָך אָבער נישט געטויפט, אפילו בעת ער האָט שוין געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין דעם רוסישן מלוכה-לעבן. געשמדט האָט ער זיך ערשט נאָכדעם, ווי פּערעץ מיט נעוואַכאָוויצן האָבן דאָס געטון. זיינע קינדער און אייניקלעך האָבן ביז דער לעצטער צייט פאַרנומען באַדייטנדע ביוראָקראַטישע שטעלעס. אַנדערע פון זיי זענען באַקאַנט געווען אַלס מעצענאַטן און באַשיצער פון קונסט און פּאָעזיע. פון יידן און יידישקייט האָט קיינער פון זיי קיינמאָל נישט געוואָלט וויסן.

ו

אָנגעקומען קיין פעטערבורג, האָט זיך זאַנענבערג באַלד פאַרבונדן מיט די פאַרשיידענע דעפּאַרטאַמענטן, וועלכע האָבן אַ קלענערע צי אַ גרעסערע באַרירונג מיט דעם יידישן לעבן. ער אַליין האָט זיך אויך געעפנט אַ מין קליין דעפּאַרטאַמענט מיט שרייבער און איבערזעצער, וואוהין עס זענען זיך צונויפגעגלאָפן די פעדים פון די וויכטיקסטע כלל־אינטערעסן, וואָס זייער באַשייד איז געווען אָפּהענגיק פון דעם, צי פון יענעם מיניסטער. וואו נאָר אַ „ויחי", וואו נאָר אַ צרה אין אַ וועלכער עס איז קהלה, האָט מען באַלד אַוועקגעשיקט אַ שליח מיוחד צו זאַנענבערגן קיין פעטערבורג, און ער האָט שוין געזוכט און אויסגעפונען דעם נויטיקן וועג, ווי אַזוי צו אַרבעטן אין דער זאַך. ער האָט געקענט די מיניסטאָרן אויסגעצייכנט מיט אַלע זייערע מעלות און חסרונות אַלס ביוראָקראַטן און מענטשן, ער האָט געוואוסט אויסגעצייכנט יעדערנס קאַפּריז און יעדערנס שוואַכקייטן, און אַלץ האָט ער פאַרשטאַנען אויסצונוצן פאַר זיינע צוועקן. ער האָט געהאַט אַן אייזערנע ענערגיע און זייער אַ פעסטן כאַראַקטער. דערצו האָט ער אויף זיך אַ סך געבויט און זיך פאַר קיין זאַך נישט אָפּגעשראָקן. נאָך עד היום דערציילט מען אין ליטע וועגן זאַנענבערגן פאַרשיידענע מעשיות און לעגענדעס.

ז

נישט וועלנדיק פיל פאַרהאַלטן דעם לעזער, וועל איך דאָ נאָר איבערגעבן אַלס ביישפּיל איינע פון די סך לעגענדעס וועגן זאַנענבערגס שתדלנישער טעטיקייט, וואָס קורסירן נאָך עד היום אין ליטע און ווייס־רוסלאַנד.

זאָנענבערג, וועלכער איז געווען עכּסט אָרטאָדאָקסיש געשטימט, האָט אין פּעטערבורג אויך געפירט אַ פרומען שטאָט, אַזוי ווייט, אַז ער האָט צו זיך אַראָפּגעבראַכט פון גראָדנע אַן אייגענעם שוחט. נאָכדעם, ווי ער פלעגט זיך אַ גאַנצן טאָג אָנלויפן צוליב אַלערליי כּלל-אינטערעסן אין פאַרשיידענע דעפּאַרטאַמענטן, פלעגט ער שפּעט אין אָוונט לערנען מיט ששונען אַ בלאַט גמרא. שבת האָט ער ביי זיך אויף דער קוואַרטיר געהאַט אַ „מנין" פון 10 אָרימע יידן, וועלכע האָבן פון אים באַקומען וועכנטלעכע שכירות. דעם שבתדיקן טאָג, פלעגט ער זיך אינגאַנצן אָפּגעבן מיט תורה און עבודה, מיט לערנען און דאַוונען; וועגן אַנדערע וואָכעדיקע ענינים האָט ער אַפילו רעדן נישט געוואָלט. זיין רייכע קאָרעספּאָנדענץ פלעגט ביי אים בלייבן ליגן אַ גאַנץ שבת ביז נאָך „הבדלה" נישט געעפנט. באַלד ביי זיין אָנקומען קיין פּעטערבורג, האָט ער זיך משתדל געווען ביים אינערן-מיניסטער און געפועלט ביי אים, אַז די דעפּאַרטאַמענטן זאָלן אים שבת נישט אַרויסרופן אויף קיינע דערקלערונגען וועגן יידישע ענינים.

איינמאָל, — אַזוי דערציילט די לעגענדע, — האָט אָבער פּאַסירט אַ פּאַל, אַז זאָנענבערגס פרומער לעבענס-שטייגער האָט שיער נישט אַריינגעבראַכט אין גרויס געפאַר אַ גאַנצע יידישע קהלה, און נאָר דורך זיין אומגעוויינלעכן מוט איז זי ניצול געוואָרן פון אומגליק.

געטראָפן האָט זיך עס אין קאַלענקאָוויטש, אַ קליין שטעטל אין מינסקער גובערניע. ערב יום-כּפּור האָט מען זיך דאָרט דערוואוסט, אַז מ'האָט אַהין פון ערגעץ-וואו געבראַכט מיטן עטאַפּ אַ יידישן אַרעסטאַנט, וועלכער געפינט זיך אין תפיסה. מ'האָט עס דערציילט דעם רב, און ער האָט באַלד געשיקט רופן דעם ראש-הקהל און אים געבעטן, נעמען אויף זיך די מצוה און משתדל זיין זיך ביי וועמען מען באַדאַרף, מ'זאָל דעם אַרעסטירטן אָפּלאָזן צו „כּל-נדרי" און אויך אויף דעם גאַנצן מאָרגנדיקן טאָג אין שול אַריין. דער ראש-הקהל איז תיכף אַריינגעלאָפן אין אַ קראָם, וואו ער האָט געקויפט אַ

הוט צוקער, און איז מיט דעם אַוועק צום „סטאַנאָוואָי פּריכטאָוו", וועלכער איז מיט אים תּמיד געשטאַנען אין די בעסטע באַציאונגען. אויסהערנדיק דעם ראש-הקהלס השתּדלות, האָט אים דער „פּריסטאַוו" געענטפערט:

— קיין רעכט אויף דעם האָב איך נישט; איך טו עס באַר דיר און אויף דיינע אחריות; אינגאַנצן אַליין קאָן איך אָבער דאָך דעם אַרעסטאַנט נישט אָפּלאָזן, איך מוז מיט אים מיטשיקן אַ „קאָנוואָי", וואָס זאָל שטיין די גאַנצע צייט לעבן אים אין שול און אים היטן".

און אַזוי איז געווען. פאַרנאַכט האָט אַ קריסטלעכער שומר געבראַכט דעם אַרעסטאַנט אין שול אַריין, מ'האָט אים געגעבן אַ טלית מיט אַ קיטל, און איידער דער עולם האָט נאָך אָנגעהויבן זאָגן „תּפילה זכּה", האָט ער זיך שוין פאַנאַנדערגעכליפּעט אויפן קול, אַזש די ווענט האָבן געציטערט. אַזוי האָט ער אָפּגעקלאָגט ביז מ'האָט זיך געשטעלט „שמונה עשׂרה". בעת די מתפּללים זענען געשטאַנען פאַרדעקט איבערן קאָפּ מיט די טליתים, האָט זיך דער אַרעסטאַנט אַ קער=געטון צום שומר און אים איינגערוימט אַ סוד אין אויער, אַז ער דאַרף „אַרויס אויפן הויף", און איידער דער שומר האָט אים באַוויזן עפּעס צו ענטפערן, האָט ער געכאַפּט, ווי ער שטייט און גייט אין טלית און קיטל, און אַ לאָז געטון זיך צו דער טיר און אַוועק.

קיינער פון עולם האָט דאָס אָבער נישט באַמערקט. אַלע זענען געווען פאַרטיפט אין דאַוונען. דער שומר האָט אָפּגעוואַרט עטלעכע מינוט, און זעענדיק, אַז דער אַרעסטאַנט גייט נישט אַריין צוריק, איז ער אים אַוועק זוכן אויפן הויף. נאָכדעם, ווי ער האָט אים אויסגעזוכט אין אַלע ווינקעלעך און אים אין ערגעץ נישט געפונען, איז ער אַריין אַ פאַרבליפטער צוריק אין שול און געמאַכט אַ ליאַרעם. אין די אונטערשטע רייען ביי דער טיר איז געוואָרן אַ טומל, וואָס האָט זיך געשטאַרקט פון מינוט צו מינוט; די, וואָס האָבן זיך געפונען ווייטער, האָבן געמיינט, אַז ס'האָט אויסגעבראָכן אַ שׂרפה. מ'האָט איבערגעריסן דאָס דאַוונען און גענומען לויפן צום אַרויסגאַנג,

וואו עס איז געשטאַנען דער שומר מיט פאַרבראָכענע הענט. דאָ איז ערשט די זאַך אויפגעקלערט געוואָרן, און אויף אַלעמען איז אָנגעפאַלן א פחד. דער רב מיטן ראש־הקהל זענען ווי געבליבן אָן לשון. מיטאַמאָל איז אַרויף אויף די בימה דער דיין, אַן 80־יעריקער זקן, און האָט אויסגערופן:

— יידן! לאָמיר זיך אַלע, פון קליין ביז גרויס, לאָזן איבערן שטעטל, זוכן דעם אַרעסטאַנט!

א „ליל־שמורים" איז יענע נאַכט געווען פאַר די קאַלענ־קאָוויטשער יידן. מ'האָט אויסגענישטערט דאָס גאנצע שטעטל, מ'האָט געזוכט אין די נאָענטע דערפער; אָבער, אומזיסט, — יענער איז ווי אין וואַסער אַריין.

נאָך אין דערזעלבער נאַכט האָט דער „פריסטאַוו" איינ־געזעצט דעם ראש־הקהל אין תפיסה מיט דעם שומר, וועלכן ער האָט באַשולדיקט, אַז די יידן האָבן אים אונטערגעקויפט, און אויף מאָרגן פרי האָט ער וועגן דעם צופאַל אָפגעשיקט אַ ראַפּאָרט צום „איספראַווניק" קיין מאָזיר.

אין אַ פאָר טעג אַרום איז אַראָפּגעפאָרן דער „איספראַווניק", פון וועמען מ'האָט זיך דערוואוסט, אַז דער אַנטלאָפענער אַרעס־טאַנט איז אַ גרויסער פאַרברעכער, וועלכן מ'האָט געכאַפּט צוזאַמען מיט אַ גאַנצער שייקע, באַגנבענענדיק אַ דאָרפישן קלויסטער, און מ'האָט עס אים איצט געפירט אין פּאָוויאַט, צו שטעלן אים דאָרט פאַרן געריכט.

דערדאָזיקער מאָזירער „איספראַווניק" איז געווען באַקאַנט אין דער גאַנצער געגנט אַלס גרויסער כאַבאַרניק, ביי וועלכן מ'קאָן פאַר דער מטבע אַלץ פועלן, מיט דעם האָבן זיך די קאַלענקאָוויטשער יידן לכתחילה געטרייסט און געהאָפט, אַז דורך אַ „מתנת־יד" וועט זיך זיי איינגעבן די זאַך צו פאַררייבן. און אפשר וואָלט דאָס טאַקע ווירקלעך אַזוי געווען, ווען דאָ וואָלט נישט פּאַסירט אַ נייער, גאַנץ אומגעריכטער צופאַל, וואָס האָט אומגעוואָרפן אַ שרעק אויף די קאַלענקאָוויטשער יידישע באַפעלקערונג.

אויפן צווייטן טאָג, בעת דער „איספּראַווניק" האָט געשיקט ברענגען צו זיך דעם „קאָנוואָי", כדי אויסצופאָרשן אים, ווי אַזוי דער ייד איז אַנטלאָפן פון זיינע הענט, האָט מען אים געפונען אין חדר פון דער תפיסה אָן אויפגעהאָנגענעם.

ווי אַ פייל פון בויגן האָט זיך פאַרשפּרייט די ידיעה איבערן שטעטל, און יידן האָבן זיך גענומען באַהאַלטן אין די הייזער. אַלע זענען זיי געווען גאַנץ זיכער, אַז דער שומר האָט זיך גענומען דאָס לעבן אויס מורא, טאָמער וואַרפט מען אויף אים אַרויף די גאַנצע אחריות; זיי האָבן אָבער גוט געקענט דעם „איספּראַווניק", דעם בלוט-זויגער, און פאַרשטאַנען, אַז ער וועט זיך באַנוצן מיט דעם צופאַל, צוצונעמען ביי זיי דעם לעצטן גראָשן און שטעלן זיי בדיל הזל.

ס'דאַרף באַמערקט ווערן, אַז אין יענער צייט איז נאָך אין רוסלאַנד דאָס געריכט-וועזן געווען זייער פאַרלאָזט, אַזוי אַז דער קלענסטער סאַטראַפּ האָט געהאַט אין זיין אָרט די גאַנצע דעה, און יעדער „איספּראַווניק", למשל, האָט געקאָנט טון מיט די פאַרדעכטיקסטע איינוואוינער פון זיין פּראָווינץ, וואָס זיין האַרץ גלוסט. צו באַקלאָגן זיך אויף אים אין אַ העכערער אינסטאַנץ האָט מען זיך זעלטן געוואַגט, ווייל תמיד האָט זיך עס אַרויסגעוויזן פאַר זייער געפערלעך.

און די שרעק פון די קאַלענקאָוויטשער יידן איז נישט געווען אומזיסט. נאָך דעמזעלבן טאָג האָט מען, אויף דעם „איספּראַווניקס" באַפעל, אַרעסטירט דעם רב מיט פינף פון די חשובסטע בעלי-בתים און געבראַכט זיי אין „סטאַן" אַריין. דאָרט איז אויף זיי אַרויפגעפאַלן דער „איספּראַווניק" מיט ווילדע קולות און מיט דער איין טענה, אַז לויט ווי ער האָט אויסגעפאָרשט די זאַך, איז ביי אים גאָר קיין ספק נישט, אַז נאָר זיי האָבן אונטערגעקויפט דעם שומר, כדי צו העלפן דעם יידן אַנטלויפן.

דערביי האָט ער זיי מודיע געווען, אַז נאָך מאָרגן וועט ער זיי אָפּשיקן, געשמידט אין קייטן, קיין מאָזיר, וואו ער וועט זיי האַלטן אין טורמע און געבן יעדערן פון זיי צו 25 שמיץ

אַ טאָג, ביז זיי וועלן אים מגלה זיין, וואוהין דער אַרעסטאַנט איז אנטלאָפן.

אַלע טענות מצד די יידן, אַז זיי האָבן נישט אָן וויסן פון וואָס צו זאָגן, און אַז זיי ווערן גאַנץ אומזיסט באַשולדיקט, האָבן נישט געהאָלפן. דער „איספּראַווניק" האָט זיי געהייסן אַפּפירן אין תפיסה, און אַליין איז ער אַריין אין אַ צוויי ן צימער, און האָט הינטער זיך פאַרהאַקט די טיר מיט גרויס צאָרן.

אין שטעטל איז געוואָרן אַ יללה. גרויס איז געווען דער חורבן נישט בלויז אין די הייזער פון די אַרעסטירטע, נאָר אין יעדן יידישן הויז. מ'האָט אָפּגעהאַלטן אין בית־מדרש אַסיפות און געזוכט מיטלען און וועגן, ווי אַזוי דורכצורעדן זיך מיטן „איספּראַווניק". ער האָט אָבער צו זיך, דעם ערשטן טאָג קיינעם נישט צוגעלאָזט.

אין אָוונט איז דעם „פּריסטאַוו"ס פרוי אַריין צו אַ באַ־קאַנטן יידישן קרעמער, און, פאַרפירנדיק מיט אים אַ שמועס וועגן דעם אַרעסט פונם רב מיט די שטאָט־בעלי־בתים, האָט זי אים דערביי מרמז געווען, אַז די זאַך האַלט נאָך נישט אַזוי שלעכט, און אַז זי וואָלט, ביי געוויסע באַדינגונגען, געקאָנט זיין אַ פאַרמיטלערן אין דעם ענין.

נאָכדעם, ווי קהל האָט אויסגעריכט פון זיין צד צוויי טענטשן, צו אונטערהאַנדלען מיט איר, האָט זיך אָבער אַרויס־געוויזן, אַז די געלט־סומע, מיט וועלכער מ'וואָלט געקאָנט מפצה זיין דעם „איספּראַווניק", איז אַזאַ גרויסע, אַז ווען אַפילו אַלע שטעטלדיקע יידן וואָלטן פאַרקויפט דאָס לעצטע העמד פון זיך, וואָלט עס נאָך נישט געדעקט אַפילו די העלפט. קהל האָט זיך געפּרואווט דינגען, אָבער, — אָן דערפאָלג; דער „איספּראַוו־ניק" האָט נישט אַראָפּגעלאָזט קיין גראָשן. דאָס איינציקע, וואָס מ'האָט ביי אים דערוויל געפועלט, איז געווען: נישט אָפּצושיקן לעת-עתה די אַרעסטירטע קיין מאָזיר, און לאָזן זיי ביז אַ פּאָר וואָכן נאָך סוכות אין דער קאַלענקאָוויטשער תפיסה. דערביי האָט ער זיי באַשטימט דעם לעצטן טאָג, וואָס מער וועט ער זיי אַ מינוט נישט וואַרטן.

אין דער נאַכט, וואָס פאַר ערב סוכות, האָט קהל צונויפגערופן אַן אסיפה, אין וועלכער עס איז בהסכם כולם באַשלאָסן געוואָרן, אויסצוקלייבן בשתיקה אַ שליח מיוחד קיין פּעטערבורג, צו בעטן הילף ביי „זונדל דעם גרויסן", וועגן וועלכן עס זענען שוין פון לאַנג דערגאַנגען קלאַנגען קיין קאַלענקאָוויטש, אַז ער איז אַ „כל יכול", און פירט-אויס ביי „נאַטשאַלסטווע" אַלץ, וואָס ער וויל. עס האָבן זיך אָבער נישט געפונען קיין בעלנים אויף אונטערצונעמען אַזאַ ווייטע נסיעה, און באַזונדערס אין הערבסט-צייט, בעת דער וועג איז אַזוי שלעכט. כ'איז געבליבן, מ'זאָל וואַרפן גורל, און דער גורל איז אויסגעפאַלן אויפן אַלטן דיין.

מיט גרויס פרייד האָט זיך דער זקן אָנגעכאַפּט אָן דער מצוה, און נאָך דיזעלבע נאַכט האָט ער זיך געלאָזט אין וועג אַריין.

די אַנדערע טעג סוכות איז ער געווען אין מינסק. דאָרט איז ער אַריין צום רב, ר' טעוועלע, און האָט אים פאַרטרויט די זאַך און געבעטן אַ ברכה אויפן וועג. באַגלייטנדיק אים ביז צו דער טיר, האָט צו אים ר' טעוועלע מיטאַמאָל אַ זאָג געטון:

— איר האָט דאָך, מסתמא, אין זינען, אַז פּקוח נפש איז דוחה אַלע מצוות פון דער תורה הקדושה?

דער דיין האָט דאַן נישט תופס געווען, צוליב וואָס דער באַרימטער גאון דערמאָנט אים די מימרה פון דער גמרא, וועלכע איז יעדערן באַקאַנט און איז ביי קיינעם קיין נייעס נישט. דאָס האַרץ האָט אים אָבער געזאָגט, אַז אין ר' טעוועלעס ווערטער ליגט עפּעס אַ פאַרבאָרגענע כוונה, וועלכע וועט אים אפשר נאָך אין וועג אויפגעקלערט ווערן.

פאַר ווילנע האָבן זיך אָנגעהויבן גרויסע רעגנס. די זאַמדן אויף די וועגן זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין גרויסע, טיפע בלאָטעס און זומפּן, אין וועלכע די פערד זענען געקראָכן ביזן האַלדז און האָבן קוים געהויבן די פיס. דער דיין האָט

זיך דערמאָנט, אַז אויב ער וועט נישט קומען קיין פּעטערבורג ביז סוף וואָך, וועט מען פרשפּעטיקן דעם טערמין, און די אַרעסטירטע וועלן נאָך, חלילה, אַוועקגעשלעפּט ווערן קיין מאָזיר, וואו מ'וועט זיי שמייסן און אָנטון יסורים. ער האָט זיך פאָרגעשטעלט, ווי מען שמייסט אומברחמנותדיק זיין ידיד, דעם קאַלענקאָוויטשער רב, וועלכער איז אַזאַ חלוש און וועט דאָס געוויס נישט אויסהאַלטן מיט די כחות, און איז אַזש פאַרצי־טערט געוואָרן...

— „פּקוח נפש!" — האָט אים פּלוצלונג אויפגעבליצט אין מוח און זעענדיק פרייטיק נאָך האַלבן טאָג, אַז ער האָט נאָך צו פאָרן ביז פּעטערבורג אַ וויאָרסט פופציק־זעכציק, האָט ער אַ געשריי געטון צו זיין יידישן בעל־עגלה:

— „פאָר און שטעל דיך נישט אָפּ! ר' טעוועלע מינסקער הייסט!"...

און שבת אינדערפרי, בעת אין זאַנענבערגס „מנין" האָט מען שוין געהאַלטן ביי „קריאת־התורה", האָט זיך אַהין מיט־אַמאָל אַריינגעריסן דער אַלטער קאַלענקאָוויטשער דיין מיט אַ געשריי:

— גוואַלט, ר' זונדל! ראַטעוועט אַן אומגליקלעכע יידישע קהלה!...

אַלע מנין־לייט זענען געבליבן שטיין מבולבל אויף די ערטער, און דער בעל־קורא האָט זיך אָפּגעשטעלט אינמיטן פּסוק. קיינער האָט זיינע אויגן נישט געגלויבט: אַן אַלטער ייד מיט אַ לאַנגער שניי־ווייסער באָרד קומט צופאָרן אום שבת!...

דער אייניציקער, אויף וועמען די סצענע האָט נישט גע־מאַכט קיין באַזונדערן איינדרוק, איז געווען זאַנענבערג אַליין. ער האָט נישט געפרעגט דעם אורח, וועגן וואָס דאָ האַנדלט זיך, ער האָט אים אַפילו קיין „שלום עליכם" נישט אָפּגעגעבן, נאָר אַ וואונק געטון מיט דער האַנט צום בעל־קורא, ער זאָל לייענען וויטער.

דער דיין, וועלכער האָט געגלויבט, אַז יעדע מינוט איז דאָ טייער, האָט זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן און אויסגערופן:

— ר׳ זונדל! איך וועל אייך מעכב־הקריאה זיין. דאָ גייט אין פקוח נפש!

זאַנענבערג האָט אים גאָרנישט געענטפערט, נאָר אַריינ־געשטאָכן אין אים אַ פּאָר גרויסע אויגן, פאַר וועלכע דער אַלטער האָט זיך ווי דערשראָקן, און האָט שוין מער דאָס מויל נישט געעפנט. ער האָט בלויז געבעטן אַ טלית און זיך אויך געשטעלט דאַוונען מיט דעם עולם.

אויך נאָכן דאַוונען, בעת אַלע זענען זיך שוין צעגאַנגען, האָט זיך נאָך זאַנענבערג אָפּגעהאַלטן פון צו רעדן מיטן דיין וועגן דעם ענין, צוליב וועלכן ער איז צו אים געקומען. ער האָט אים איינגעלאַדן צו זיין טיש, גערעדט מיט אים אין לערנען, געזונגען מיט אים „זמירות״, און ווייטער קיין וואָרט נישט. דער דיין, וועלכער איז די גאַנצע צייט געזעסן ווי אויף געבריענטע קוילן, האָט נישט אויפגעהערט זיך וואונדערן און צו קוועטשן מיט די פּלייצעס. ער האָט זיך געגנוג אָנגעהערט וועגן זאַנענבערגס פרומקייט, דאָך האָט ער זיך נישט געריכט, אַז דער גרויסער יידישער שתדלן, וואָס איז ווייט און ברייט באַרימט דורך זיין מסירת־נפשדיקער אַרבעט פאַרן כלל־ישראל זאָל אַרויסווייזן אַזאַ קאַלטקייט צו אַ געשעעניש, וואָס איז פאַרבונדן מיט געפאַר פאַר אַ גאַנצער עדה יידן, און צוליב וועלכן דער מינסקער גאון, ר׳ טעוועלע, האָט אים, דעם קאַלענקאָוויטשער דיין, מתיר געווען אויף דער עלטער מחלל שבת צו זיין.

ערשט מוצאי־שבת נאָך הבדלה האָט זאַנענבערג אַריינגע־רופן דעם דיין אין אַ חדר מיוחד, און געלאָזט זיך פון אים דערציילן אויספירלעך, וואָס עס האָט ביי זיי פּאַסירט. די גאַנצע צייט, וואָס דער דיין האָט גערעדט, איז זאַנענבערג געזעסן מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און האָט זיך צו אים אויפמערקזאַם צוגעהערט. בעת דער דיין האָט אים אויסגעדריקט זיין מורא, אַז דער רב מיט די פינף בעלי־בתים קאָנען נאָך, חלילה, בלייבן טויט אונטער די שמיץ, האָט אים אַזוי פאַרקוועטשט דאָס האַרץ, אַז ער האָט זיך פאַנאַנדערגעוויינט. אָבער תיכף

האָט ער זיך אַ כאַפּ געטון, איז אויפגעשטאַנען פון אָרט און אויסגערופן: „איך גיי!“, און איז אַוועק.

עס איז אַריבער אַ שעה, און צוויי, און דריי, עס איז שוין געווען שפּעט נאָך האַלבער נאַכט, און זאָנענבערג איז נאָך אַלץ נישט צוריקגעקומען. דער אַלטער דיין האָט שוין פאַר־ענדיקט זאָגן דעם גאַנצן תהלים און איז אויף אים איינגעשלאָפן. מיטאַמאָל האָט ער דערהערט, ווי זאָנענבערג שטייט איבער אים און וועקט אים:

— שטייט־אויף און הייסט שפּאַנען. איידער איר וועט נאָך קומען אויפן אָרט, וועלן שוין אַלע אַרעסטירטע זיין באַפרייט, און דער „איספּראַווניק“ וועט שוין האָבן געכאַפּט זיין פּסק.

און כך הוה. אין אַ טאָג צען אַרום, בעת דער דיין איז נאָך געווען אין וועג, איז דער „פּריסטאַוו“ אַריין אין תפיסה און האָט מודיע געווען דעם רב מיט די איבעריקע יידישע אַרעסטירטע, אַז אַזוי ווי ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן זייער אומ־שולד, ווערן זיי באַפרייט און קאָנען גיין אַהיים. אינגיכן האָט מען זיך דערוואוסט, אַז דער מאָזירער „איספּראַווניק“ האָט באַ־קומען פון פּעטערבורג אַ שאַרפן אויסרייד און איז אַראָפּגע־זעצט געוואָרן פון זיין שטעל, און איז שפּעטער דורכדעם אַריינגעפאַלן אין אַזאַ אָרימקייט, אַז ער האָט זיך שטאַרק דערפרייט, ווען די שטאָטישע יידן האָבן אים פון רחמנות וועגן גענומען פאַר אַ שבת-גוי...

און אין קאַלענקאָוויטש האָבן זיך יידן געסודעט און איבערגעגעבן איינער דעם אַנדערן אויפן אויער אין דיינס נאָמען, אַז יענעם שבת-צו-נאַכטס, בעת זאָנענבערג איז נאָך הבדלה אַוועק אין גאַס און איז צוריקגעקומען אַהיים ערשט פאַרטאָג, איז ער עס געווען ביים מיניסטער, וועלכן ער האָט נישט געפונען ביי זיך אויף דער קוואַרטיר, נאָר עפּעס ביי אַ גרויסן שררה פון „הויף“ אויף אַ באַל. דאָרט האָט זאָנענבערג דערציילט דעם מיניסטער די קאַלענקאָוויטשער געשיכטע און אים דערביי געגעבן צו פאַרשטיין, אַז דער יידישער אַרעסטאַנט, וואָס איז נעלם געוואָרן פון שול צו „כל נדרי“, איז געוויס

אריינגעפאַלן אין די הענט פון די „נישט-גוטע", וועלכע האָבן א שליטה אין דער נאַכט פון יום-כפור...*)

דידאַזיקע לעגענדע, וועלכע ווערט נאָך ביז אויפן היינטיקן טאָג איבערדערציילט אין פאַרשיידענע וואַריאַנטן אין די פּאַרוואָרפנסטע ווינקעלעך פון ליטע און ווייס-רוסלאַנד, ווייזט, ווי בלינד די יידישע פאָלקס-מאַסע האָט אין יענער צייט געגלויבט אין זאַנענבערגס כוח, מאַכן צו-נישט אַלערליי גזרות רעות, וואָס בייזוויליקע שררות, גרעסערע און קלענערע, האָבן גוזר געווען אויפן כלל-ישראל. נאָך מער פאַנטאַסטישע מעשיות ווערן דערציילט וועגן דעם, ווי אַזוי זאַנענבערג האָט אויסגעווירקט ביים קייזער אַליין, ער זאָל צוריקנעמען זיין אַרויסגעגעבענעם באַפעל צו רעוויזירן די צאָל פון דער יידישער מענלעכער און ווייבלעכער באַפעלקערונג. דידאָזיקע רעוויזיעס האָבן דאַן יידן באַטראַכט פאַר זיך אַלס אַ שווערע גזרה, ווייל נאָך יעדע רעוויזיע האָט מען אויף זיי אַרויפגעוואָרפן זייער גרויסע, אומדערטרעגלעכע שטייערן. וויפל די פריערדיקע שתדלנים האָבן זיך נישט געמאַטערט אָפּצוהאַלטן די רעוויזיעס, האָבן זיי עס נישט געקאָנט באַוויזן, ביז ס'איז געקומען „זונדל דער גרויסער" און האָט אויפגעוויזן דעם קייזער פון תנ"ך, אַז יעדעס מאָל, ווען מען ציילט יידן, שאַדט זיי אַ ביז אויג און זיי ווערן ווינציקער אין צאָל, — אַ זאַך, וואָס לוינט זיך געוויס נישט פאַר די אינטערעסן פון דער מלוכה... די ידיעה, אַז עס איז בטל געוואָרן די גזרה פון דער רעוויזיע, האָט אַרויסגערופן אומעטום ביי יידן אַ יום-טובדיקע שטימונג, און אַ לאַנגע צייט נאָכדעם האָט מען שבת אין אַלע שולן געמאַכט זאַנענבערגן „מי שברך" און מנדב געווען לכבוד אים אויף פאַרשיידענע צדקות.

*) צווישן די רוסן איז פאַרשפרייט אַ לעגענדע, אַז יעדעס יאָר אין דער נאַכט פון „כל-נדרי" ווערט אַ ייד געכאַפּט פון אַ „טשאָרט".

ח

אין זיינע לעצטע יאָרן איז דער קייזער אַלעקסאַנדער דער ערשטער געוואָרן רעליגיעז-מיסטיש געשטימט. דידאָזיקע שטימונג, וועלכע איז ביי אים אַרויסגערופן געוואָרן אונטער דעם איינפלוס פון די דעמאָלטיקע גרויסע וועלט-איבערקערע-נישן, וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן מיט דעם פראַנצויזיש-רוסישן קריג, האָט נישט גוט געווירקט אויף זיינע באַציאונגען צו דער יידן-פראַגע. אַ חוץ וואָס ער האָט זיך אויפגעהערט צו אינטע-רעסירן מיט דער יידישער לאַגע בכלל, האָט ער נאָך אָנגע-הויבן אַרויסווייזן אַ באַזונדער התקרבות געשמדטע יידן. ער האָט אַרונטערגענומען אונטער זיין שוץ די ניי-געגרינדעטע „חברה און משומדים". אָפיציעל איז דידאָזיקע געזעלשאַפט בעגרינדעט געוואָרן מיט דעם צוועק צו שטיצן יידן, וואָס האָבן זיך שוין געשמדט, אָדער וואָס קלויבן זיך ערשט צו שמדן, און געפונען זיך צוליב דעם אין אַ שלעכטער לאַגע. אָבער די פיל מאַטעריעלע פריווילעגיעס, וואָס די רוסישע רעגירונג האָט געגעבן די משומדים, און די גרויסע הנחות, וועלכע זי האָט זיי געמאַכט, ווי די באַפרייאונג פון מיליטער-דינסט אויף דור-דורות, ווייזט אויף דעם, אַז איר גאַנצע כונה איז געווען אַרויס-רופן ביי יידן אַ שמד-באַוועגונג, רעכענענדיק אפשר אויף זייער געדריקטן רעכטלעכן און עקאָנאָמישן מצב. די „חברה משומדים" האָט אָבער נישט געהאַט קיין שום דערפאָלג. קיין איין ייד איז אין איר נישט אַריין אַלס מיטגליד. אויך די ענגלישע מיסיאָנערן, וואָס די רעגירונג האָט זיי דערלויבט צו באַזוכן די גובערניעס פונם יידישן „תחום" צו צוציען יידן צום קריסטלעכן גלויבן, האָבן אויך גאָרנישט אויפגעטון. אָבער פון דעמאָלט אָן האָט זיך אָנגעהויבן שפּירן אין דער באַציאונג פון דער רוסישער רעגירונג צו די יידן אַ רעליגיעזע אומטאָ-לעראַנץ.

ס׳איז גענוג דער פאַקט, אַז די רוסישע געזעצגעבונג האָט דאַן דאָס ערשטע מאָל גענומען זוכן מיטלען, ווי אָפּצוהיטן די קריסטלעכע באַפעלקערונג נישט ארונטערצופאַלן אונטער דער רעליגיעזער השפעה פון די יידן. אין דעם זין זענען אַרויס געזעצן איינס נאָכן צנדערן, וועלכע האָבן אַלע געהאַט דעם איין צוועק אָוועקצושטעלן אַ וואַנט צווישן יידן און קריסטן. פויערים און לייב-אייגענע האָבן נישט געטאָרט אַרבעטן ביי יידן. עס איז פאַרבאָטן געוואָרן יידן צו האַלטן אין שטוב קריסטלעכע דינסטן.

אין יאָר 1820 האָט דער מיניסטער איבער די ענינים פון די פרעמדע אמונות, פירשט גאָליצין, צוגעשטעלט דעם קייזער אַ מעמאָראַנדום, אין וועלכן ער ווייזט אים אויף, אַז „די יידן האַלטן פאַר זייער חוב, אַריבערצוציען אַלעמען צו זייער גלויבן", און אַז זיי האָבן שוין פאַרשפּרייט זייער תורה אין וואָראָנעזשער גובערניע.

פון דעמאָלט אָן זענען אַוועק כסדר רעפּרעסיעס קעגן יידן, ווי גירושים פון די דערפער, דער פאַרבאָט צו וואוינען פופציק ווייאָרסט פון דער גרענעץ א. אַז. וו. און דידאָזיקע אַלע אומוואַנדלונגען צום שלעכטן אין דער באַציאונג צו יידן, האָבן געשטאַמט נאָר פון דער שטאַרקער נויגונג, וועלכע האָט זיך מיטאַמאָל אַרויסגעוויזן ביי אַלעקסאַנדער דעם ערשטן, – צו צוציען וואָס מער יידן צום קריסטלעכן גלויבן.

זייער אינטערעסאַנט איז דער פאַקט, וועלכער איז נאָך ביז אַהער ווייניק באַלויכטן געוואָרן, אַז דידאָזיקע מיסיאָנערישע נויגונג איז אַנטשטאַנען ביים רוסישן קייזער אונטער דער השפעה פון אַ געוויסן ענגלענדער, לודוויג ווייַ, האָט ער גע-הייסן.

דער דערמאָנטער ענגלענדער איז געווען אַן אַדוואָקאַט, וועלכער האָט גאָר אומגעריכט באַקומען פון אַ זייטיקן פּערזאָן אַ גרויסע ירושה מיטן באַדינג, אַז ער זאָל פאַרנוצן זיין קאַ-פּיטאַל פאַרמעגן אויף אַ „גאָט-געבענטשטן צוועק". געזונט-ווערנדיק אין יאָר 1797 פון אַ שווערער קראַנקהייט, האָט ווייַ

אויסקגעוואָרפן זיין פּראָפעסיע אַלס אַדוואָקאַט, איז אַריין אין אַ מאָנאַסטיר און איז געוואָרן אַ גלח.

קורץ נאָכדעם, איז ער אויפמערקזאַם געוואָרן אויפן יידישן פאָלק, האָט אָנגעהויבן צו שטודירן לויט פאַרשיידענע ספרים די יידן-פראַגע, און האָט צוליב דעם צוועק געמאַכט אַ נסיעה אין אייניקע לענדער, און אויך קיין רוסלאַנד.

זייענדיק אַ מיטגליד פון דער לאָנדאָנער מיסיאָנערישער געזעלשאַפט, האָט ער אומעטום געררופן יידן אָנצונעמען דעם קריסטלעכן גלויבן. ער איז אָבער ווייט געווען פון דעם געדאַנק צו צווינגען יידן צום שמד; ער האָט, פאַרקערט, אַגיטירט פאַר נויטיקייט צו געבן יידן אַלע בירגער-רעכט, כאָטש ער האָט גאַנץ גוט געוואוסט, אַז דווקא די יידישע רעכטלאָזיקייט האָט געבראַכט מערערע יידן צום קריסטנטום. ער האָט זיך געשטעלט אַלס ציל צו דערהייבן דאָס יידישע פאָלק פון זיין שפלן מצב. ער האָט באַשלאָסן באַנוצן זיך צו דעם צוועק מיט דעם קאָנגרעס פון די קיסרים, וועלכער איז פאָרגעקומען אין יאָר 1818 אין אַאַכען.

אין ברוסעל האָט ער זיך באַגעגנט מיט דעם שוין אין יענער צייט מיסטיש-געשטימטן רוסישן קייזער אַלעקסאַנדער דער ערשטער און האָט פון אים באַקומען די דערלויבעניש צו צושטעלן אים אַ מעמאָראַנדום וועגן די רעפאָרמען, וואָס זענען נויטיק צו מאַכן לטובת די יידן. אין דעמדאָזיקן מעמאָראַנדום, וועלכן ווי האָט דערלאַנגט אַלעקסאַנדערן אין אַאַכען, האָט ער באַמערקט צווישן אַנדערן, אַז אומזיסט איז רופן יידן צום קריסטנטום כל זמן מען באַגייט זיך נישט מיט זיי ווי מיט מענטשן און ברידער און מען זאָרגט נישט צו לאָזן זיי געניסן פון אַלע רעכט, און אויפצוהייבן זייער וואוילשטאַנד.

באַלד נאָכדעם, האָט ווי פאַרפאַסט אַ צווייטן מעמאָראַנדום, מיט דער הילף פון דעם רוסישן דיפּלאָמאַט סטורדזאַ, און האָט עס דעם 25-טן אָקטאָבער איבערגעגעבן דעם רוסישן קייזער, און קאָפּיעס פון אים האָט ער צעטיילט צווישן די מיטגלידער פון קאָנגרעס.

אנערקענענדיק, אַזוי האָט ווי געשריבן צווישן אַנדערן אין זיין מעמאָראַנדום, אַז די יידן זענען אַ קעניגלעך פאָלק, אַז אין דעם יידישן פאָלק איז פאַרבאָרגן דער שליסל צו פאַרשטיין די אַלוועלטלעכע געשיכטע, דעריבער דאַרפן אַלע פעלקער, וואָס האָבן באַקומען רעטונג און גליקזעליקייט דורך די יידן, אָפּגעבן זיי דעם גרעסטן כבוד און טון מיט זיי אַלדאָס גוטס. דידאָזיקע געדאַנקען האָט ווי באַגרינדעט אויף געוויסע פסוקים פון תנ"ך. אַלעקסאַנדער דער ערשטער האָט אויסגעדריקט זיין ווילן, אַז די דיפּלאָמאַטן, וואָס באַטייליקן זיך אין קאָנגרעס, זאָלן אַרויסזאָגן זייער מיינונג וועגן דעם מעמאָראַנדום.

דעם 21-טן נאָוועמבער האָבן די פאָרשטייער פון די פאַרשיידענע מלוכות געמאַכט אַ פּראָטאָקאָל, אין וועלכן זיי האָבן דערקלערט, אַז כאָטש זיי זענען נישט מסכים מיט אַלע ווייס היסטאָרישע הנחות, דאָך געפינען זיי זיין צוועק פאַר גערעכט און גרויסאַרטיק. אין דער אונטערשטער שורה האָט ווייס השתדלות נישט געפירט צו קיינע ממשותדיקע רעזולטאַטן. אין דעם מוח פון אַלעקסאַנדער דעם ערשטן האָט עס אָבער אַרויסגערופן אַ סימבור, אַ קייט פון אומוואַנדלונגען אין דער שטימונג בנוגע צו יידן; דאָ איז ער צו זיי געווען גוט, און אַמאָל אפילו זייער גוט, און דאָ איז ער צו זיי געוואָרן שלעכט. אַזוי האָט זיך עס ביי אים געביטן, ביז ער איז געבליבן שטיין אויף שלעכטס...

ט

ביי אַזעלכע זיך כסדר וואַקלענדיקע באַציאונגען צו יידן מצד דער רעגירונג פון אַלעקסאַנדער דעם ערשטן, איז אויסגעקומען זאָנענבערגן צו אַרבעטן די לעצטע צייט פאַרן כלל ישראל. ער האָט אָבער באַוויזן די פעאיקייט אויפצוכאַפּן פון דער לופט יעדן גוטן ווינטל און אויסנוצן עס תיכף לטובת יידן און

אויך, פֿאַרקערט, אָפּהיטן זיי, ווי ווייט מעגלעך, פֿון יעדן שלעכטס, וואָס האָט זיך פֿאַר זיי פּראָיעקטירט. אין באַזונדערס שווערע מאָמענטן האָט זיך זאַנענבערג אויף זיך אַליין נישט פֿאַרלאָזט. אין אַזוינע פֿאַלן האָט ער געפֿונען פֿאַר גלייך גאָרנישט צו אונטערנעמען, נישט באַראַטנדיק זיך פֿריער מיט די גרעסטע יידישע פּערזענלעכקייטן פֿון ליטע און ווייס־רוסלאַנד. בשעת איינעם פֿון דידאָזיקע פֿאַלן האָט זאַנענבערג אַראָפּגעבראַכט צו זיך קיין פּעטערבורג דעם באַרימטן גאון ר׳ חיים וואָלאָזשינער.

. דאָס איז געווען בעת אַלעקסאַנדער דער ערשטער האָט אָנגעהויבן אַרויסצואווייזן אַ באַזונדער אינטערעס צו דער יידישער בילדונג. לויט זיין איניציאַטיוו האָבן דאַן די רוסישע מלוכה־מענער אויסגעאַרבעט פֿאַרשיידענע פּראָיעקטן וועגן גרינדן באַזונדערע שולן פֿאַר יידן. עס איז ביי זיי, צווישן אַנדערן, באַטראַכט געוואָרן די פֿראַגע וועגן באַשטימען אַ געוויסן בילדונגס־צענז פֿאַר רבנים, באופֿן, אַז אַ רב זאָל מוזן קענען, קודם־כּל, די לאַנדס־שפּראַך, דאָס הייסט: רוסיש. די קאָמיסיע, וועלכע האָט געהאַט אַרויסצוזאָגן בנוגע דעם, איר לעצטע מיינונג, האָט צוגעצויגן צו זיך זאַנענבערגן אַלס מומחה אין יידישע ענינים. זאַנענבערג איז אפֿילו פֿון דער נאַטור נישט געווען קיין קעגנער פֿון דער יידישער בילדונג, האָט ער דאָך אין דערדאָזיקער אנגעלעגנהייט אויף זיך אַליין נישט געוואָלט שטעלן. ער האָט זיך אין האַרצן באַצויגן מיט אַ געוויסן חשד צו דידאָזיקע אַלע פּלענער. ער האָט חושד געווען אַלעקסאַנדערן, אַז ער איז נאָר אויסן, פֿירן יידן דורך בילדונג צום שמד, און אין בעסטן פֿאַל, — צו אַסימילאַציע. פֿון מויל צו מויל האָט מען דאַן איבערגעגעבן די תּשובֿה, וואָס אַלעקסאַנדער האָט געגעבן דעם בילדונגס־מיניסטער, בעת ער האָט אים אויפֿגעוויזן, אַז ספּעציעלע שולן פֿאַר יידן דאַרפֿן אָפּקאָסטן דער רעגירונג קאָלאָסאַלע געלט־סומען. אויף דעם זאָל אים דער קייזער האָבן געענטפֿערט: „זאָל נאָר פֿון אַלע רוסישע יידן אַרויסגיין בלויז איין מענדעלזאָן, וועט מיר שוין אויך זיין גענוג, און

איך וועל וויסן, אַז איך האָב דאָס געלט אומזיסט נישט פֿאַרשווענדט".

נעמענדיק דאָס אַלץ אין אַכט, האָט זאָנענבערג, ווי געזאָגט, נישט געוואָלט נעמען אויף זיך אַליין די פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט פֿאַר דער זאַך און אַרויסגעפֿאָדערט צו זיך קיין פּעטערבורג אויף אַ ישוב-הדעת עטלעכע פֿון די דעמאָלטיקע יידישע פֿירער, פֿון וועלכע עס זענען געקומען נאָר צוויי: דער גאון ר׳ חיים וואָלאָזשינער און ר׳ זאב וואָלף פֿרילוקער. דער לעצטער האָט געשמט אין זיין צייט אַלס אַ ייד, אַ צדיק און אַ גרויסער גביר, וועלכער האָט זיך אָפּגעגעבן אינגאַנצן בלויז מיט כּלל-אינטערעסן.

ר׳ חיים וואָלאָזשינער איז שוין אין יענער צייט געווען אַלט און קראַנק, און דאָך האָט ער זיך נישט אָפּגעהאַלטן פֿון צו מאַכן אַזאַ ווייטע נסיעה אויף פֿערד, ווייל די פֿראַגע, אין וועלכער עס האָט זיך דאָ געהאַנדלט, האָט אָנגערירט, לויט זיין השגה, די יסודות פֿון דעם יידישן דת, פֿאַר וועלכן ער איז תמיד געווען קאַפּאַבעל זיך מוסר נפש צו זיין.

ביי אַ פּאָר וואָכן האָט דאַן ר׳ חיים פֿאַרבראַכט אין פּעטערבורג, און האָט זיך צוריקגעקערט אַהיים מיט דעם פֿעסטן באַוואוסטזיין, אַז זונדל דער גרויסער וועט שוין פֿאַרשטיין צו טון אַלץ, וואָס מען דאַרף, כּדי אָפּצעווענדן די גרויסע סכּנה, מיט וועלכער די רעגירונגס-פּלענער וועגן דער יידישער בילדונג דראָען דעם קיום פֿון דער יידישער אמונה.

און דער וואָלאָזשינער גאון האָט זיך נישט גענאַרט אין זיין גלויבן. זאָנענבערג האָט שוין געזוכט און געפֿונען אַלע פּאָליטיקע מיטלען, וועלכע האָבן געבראַכט צו דעם, אַז אַלע פּראָיעקטן בנוגע די יידישע שולן זענען געבליבן ליגן פֿאַרוואָלגערט ערגעץ-וואו אונטער אַ גריבעם טישטוך...

י

אין צוזאַמענהאַנג מיט דער דערמאָנטער נסיעה פון ר׳ חיים וואָלאָזשינער קיין פּעטערבורג, איז פאַרשפּרייט געוואָרן צווישן די ליטווישע יידן אַ לעגענדע מיט אַ געוויסן היסטאָרישן אונטערשלאַק וועגן אַן אויסטערלישן געשעעניש, וואָס זאָל זיך האָבן אָפּגעשפּילט אין ווילנע צו יענער צייט, און וואָס איז העכסט כאַראַקטעריסטיש פאַר דער בלינדער אמונה פון די דעמאָלטיקע רוסישע יידן אין דעם כוח פון שתדלנות פאַר מושלים און מלכים.

אָנגעהויבן האָט זיך עס פון דעם, וואָס דייטשע האַמבורגער צייטונגען האָבן דאַן געבומען ברענגען טעגלעך וואונדערלעכע ידיעות, אַז איינער אַ קעניג, וואָס שטאַמט פון יידן, גייט פון טאַלג (אַ מדינה ערגעץ-וואו אין אַפריקע) בראש פון אַ מילאָניקער אַרמיי, אַלע, — מוראדיקע גבורים, קריגס-געלערנטע, הויך-געוויקסיקע ווי די צעדער-ביימער, וועלכע וואַרפן אָן אַ פחד מיט זייער אויסזען, און אַלעמען זענען זיי מנצח. כדי צו דערהיצן נאָכמער די פאַנטאַזיע פון די נאַאיווע לעזער, האָבן די צייטונגען דערציילט, אַז דערדאָזיקער יידישער קעניג שטרעבט, קודם-כל, איינצונעמען אייראָפּע, און דערנאָך וועט ער גיין באַלאַגערן די הויפּט-שטאָט פון טערקיי, און ס׳איז גאָר קיין ספק נישט, אַז דאָס איז דער משיח, אויף וועלכן יידן וואַרטן אַזוי לאַנג, ווייל זיינע גבורות זענען איבער-מענטשלעך.

באַלד האָבן זיך דיראָזיקע ידיעות פאַרשפּרייט אין גאַנץ רוסלאַנד, און אַ באַזונדער אָפּקלאַנג האָבן זיי געפונען צווישן די ווילנער יידן. אָוונט פאַר אָוונט פלעגן זיך אין די ווילנער ענגע, פינסטערע געסלעך צונויפקלויבן גאַנצע געזעמלען נייגיריקע יידן, וועלכע פלעגן צווישן זיך שמועסן און דיסקוסירן מיט דעם העכסטן אינטערעס וועגן דעם משיח, מכוח וועלכן, עס שרייבן אַזוי פיל די דייטשע בלעטער. מיט דעם האָט זיך באַנוצט איינער אַ שווינדלער, וועלכער האָט זיך געגעבן אַ נאָמען

„דער קרימער", און האָט איינגעשמועסט דעם המון, אַז ער איז געשיקט פונם יידישן קעניג אָנצוזאָגן דער וועלט, אַז גאָר אינ־גיכן וועט קומען די גאולה.

קודם־כּל, — אַזוי דערציילט ווייטער די לעגענדע, — האָט „דער קרימער" געמאַכט אַ נסיעה קיין פּעטערבורג, דאָרט איז ער אויפגענומען געוואָרן אויף אַן אוידיענץ פון אַלעקסאַנדער דעם ערשטן און פון די גרעסטע מיניסטאָרן. באַלד זענען אָנ־געקומען בריוו פון פּעטערבורגער יידישע נכבדים קיין ווילנע, אַז עס איז אַהין געקומען אַ שליח פון משיחן, און אַז ער האָט זיך שוין פאַרגעשטעלט פאַרן קייזער. די בריוו־שרייבער האָבן דערביי דעם „קרימער" זייער גערימט, אַז ער איז הויך געביל־דעט און קען אַ סך שפּראַכן און באַזיצט נאָך אַ סך אַנדערע מעלות.

נאָכדעם, האָט דער „קרימער" אַראָפּגעשיקט קיין ווילנע אַ שליח מיוחד, אויסצוזוכן פאַר אים אַ שיינע וואוינונג, ווייל אין עטלעכע טעג אַרום קומט ער צו פאָרן. און ער איז ווירק־לעך געקומען. די באַגייסטערונג און די התפּעלות פון די ווילנער יידן קאָן דורך בלויזע ווערטער נישט איבערגעגעבן ווערן. יעדערער האָט אויפריכטיק געגלויבט, אַז די אמתע גאולה, נאָך וועלכער יידן שמאַכטן אַזוי, איז שוין טאַקע באַנעט.

אַז דער „קרימער" איז אָנגעפאָרן קיין ווילנע, האָבן אים מקבל־פּנים געווען דער פּאָליצמייסטער סליקאָוו מיט עטלעכע באַאַמטע, צווישן וועלכע ס'האָט זיך געפונען אויך דער דירעק־טאָר פון טאַמאָזשנע.

אויפן דריטן טאָג, האָט ער באַזוכט די דעמאָלטיקע גרע־סטע ווילנער לומדים: ר' אַבאַ פּאַסוועלער, ר' שאול קאַצענ־עלענבויגן און ר' אברהם דאַנציג (דער מחבר פון „חיי אָדם"). ביי דעם לעצטן האָט ער פאַרבראַכט צוויי שעה. מיט דידאָזיקע אַלע גאונים האָט ער אין תורה קיין איין וואָרט נישט גערעדט. ער האָט זיי נאָר דערציילט, אַז דער אינערן־מיניסטער איז זייער אין כּעס אויף די יידן, פאַרוואָס זיי האַנדלען מיט

קאָנטראַבאַנד, און אַז אויב זיי וועלן באַצייטנס נישט אַוועקוואַרפן דעמדאָזיקן שענדלעכן מסחר, וועט ער אַרויסטרייבן פון זייערע ערטער אַלע יידן, וואָס וואוינען פופציק וויאָרסט פון גרעניץ. דערביי האָט דער „קרימער" געבעטן די רבנים, זיי זאָלן אויסרופן אין די בתי-מדרשים אַ „חרם" אויף די, וואָס וועלן זיך עס ווייטער וואַגן צו טון. בעת ער האָט זיך צוריקגעקערט פון זיינע באַזוכן ביי די ווילנער גדולים, האָבן אים אָפגעוואַרט אויף די גאַסן מאַסן מענטשן, וועלכע האָבן זיך געשטופט אָנצוקוקן דעם וואונדערלעכן מאַן, וואָס האָט זוכה געווען צו זיין דער שליח פון משיחן.

די לעגענדע דערציילט ווייטער, אַז בעת איינער פון די גרעסטע ווילנער „נכבדים" האָט איינגעלאַדן דעם „קרימער" צו זיך אויף שבת, האָט ער אַנדערש נישט געוואָלט אָננעמען די איינלאַדונג, ווי נאָר מיט די פאָלגנדיקע באַדינגונגען: ערשטנס, זאָל מען פאַר אים צוגרייטן דריי באַזונדערע חדרים; צווייטנס, זאָל מען אַהין ברענגען אַן אָרון-קודש מיט אַ ספר-תורה, ווייל ער וויל אַליין דאַווענען פאַרן עמוד; דריטנס, זאָל מען אויסקלויבן דריי מנינים גאָטס-פאָרכטיקע יידן, וועלכע זאָלן מיט אים גיין פרייטיק זיך טובל זיין; פערטנס, זאָל מען אים אויפנעמען נישט שפעטער פון פרייטיק 11 אַזייגער אינדערפרי, כדי ער זאָל קאָנען שעכטן פאַר זיך די עופות, ווייל ער עסט נישט פון קיין פרעמדע שחיטה; פינפטנס, מ'זאָל פאַר אים אַלץ קאָכן אין נייע געשיר. דער גביר, וועלכער האָט געהאַלטן פאַר אַ באַזונדערס גרויסע זכיה צו האָבן אַזאַ מענטשן שבת ביי זיין טיש, האָט דערפילט אַלע זיינע תנאים מיט גרויס שמחה.

דעם „קרימערס" דאַווענען האָט געדויערט גאַנצע פיר שעה, ווייל ער האָט זיך כסדר געדבקהט. ער האָט געהאַט זייער אַ שיינע שטים, וואָס האָט אַלעמען ממש באַצויבערט. נאָך קבלת-שבת האָט ער אומגעביטן זיין העמד, וואָס איז געווען אויסגעווייקט אינגאַנצן אין שווייס. נאָך מעריב האָט ער אַ צווייטן מאָל אומגעביטן דאָס העמד. און אַזוי האָט ער אַ גאַנצע נאַכט און אויך דעם מאָרגנדיקן טאָג פאַרבראַכט אין

דביקות און אין זמירות, ווי איינער פון די גרעסטע יראים. האָט זיך גראָד געדאַרפט מאַכן, אַז יענע וואָך איז ר' חיים וואָלאָזשינער געקומען קיין ווילנע, צוריקפאָרנדיק פון פעטער-בורג, און קוים האָט ער באַוויזן איין בליק צו טון אויפן „קרימער", האָט ער באַלד דערקענט, אַז דאָס איז אַ באַטריגער און געהייסן דעם עולם זיך היטן פאַר אים. צום סוף איז מען, נאָך אַ חקירה ודרישה, דערגאַנגען, אַז ער שטאַמט פון קאַמענעץ-פאָדאָלסק און איז אַ „מסור". מען האָט וועגן דעם געגעבן צו וויסן דער רעגירונג, וועלכע האָט אים פאַרמשפט אויף אַ יאָר טורמע *).

יא

אין יאָר 1821 האָט געטראָפן זאָנענבערגן אַן אומגליק, צוליב וועלכן ער האָט פאַרלאָזט פעטערבורג אויף שטענדיק. אין אַ געוויסן פרימאָרגן האָט ער באַקומען אַ ידיעה פון גראָדנע, אַז זיין איינציקע און געליבטע טאָכטער, לאה, האָט זיך געשמדט און חתונה געהאַט מיט אַ פוילישן שליאַכציץ, באָלטיץ, פון וואָלקאָוויסק, אין וועלכן זי האָט זיך פאַרליבט, און, אַנטלויפנדיק פון עלטערן-הויז, האָט זי צוגענומען מיט זיך

*) דידאַזיקע לעגענדע האָט איזיק מאיר דיק אויסגענוצט צו זיינער אַן דערציילונג מיטן נאָמען „דער יידישער פאָסלאַניק". דער פאַקט וועגן ר' חיים וואָלאָזשינער איז ביי דיקן נישט אָנגעוויזן. מיר געפונען אים אָבער אין די דעראינערונגען פון יעקב ליפשיץ אין דעם העברעאישן זאַמל-בוך „הכרם". לויט ליפשיצעס דערציילונג קומט אויס, אַז דער „קרימער" זאָל האָבן געמאַכט ר' חיימען אַ באַזוך אין וואָלאָזשין, און דאָרט זאָל אים האָבן דער גאון דערקענט פאַר אַ באַטריגער. אין נאָמען פון די ווילנער זקנים גיט מען אָבער איבער, אַז דאָס האָט פּאַסירט אין ווילנע אין דער צייט, ווען דער וואָלאָזשינער גאון איז געפאָרן צוריק פון פעטערבורג. בכלל ווערט די געבראַכטע לעגענדע איבערדערציילט אין פאַרשיידענע נוסחאות. לויט אַ געוויסע ווערסיע, למשל, איז דער „קרימער" געווען אַ שפּיאָן, וואָס איז אונטערגעשיקט געוואָרן פון דער רוסישער רעגירונג.

אַ היבשן אייגנס, גאָלדוואַרג זילבער און טייערע חפצים. דידאָזיקע בשורה האָט זאָנענבערגן אינגאַנצן ערשיטערט און ער איז באַלד געקומען צולויפן פון פעטערבורג און האָט אָנגעווענדט אַלע כחות אַרויסצוראַטעווען זיין טאָכטער דורכן געריכט. ער האָט אָבער גאָרנישט אויסגעפירט. זיין טאָכטער איז שוין געווען אַ דערוואַקסענע און האָט חתונה געהאַט מיטן פּאָליאַקלויטן געזעץ, דערצו האָט זי געטענהט „שטאָל און אייזן", אַז זי ליבט דעם מאַן און איר איז טייער דער קאַטוילישער גלויבן, און אַז זי וויל אויף קיין פאַל נישט צוריקקערן זיך צו די עלטערן.

דערדאָזיקער טרויעריקער צופאַל האָט זאָנענבערגן אַזוי דערשלאָגן, אַז ס'איז שוין פון דעמאָלט אָן צעשטערט געוואָרן זיין גאַנץ לעבן. קיין פעטערבורג איז ער שוין מער נישט געפאָרן, און די יידן אַליין האָבן שוין אויך געפונען פאַר נישט פּאַסיק צו שיקן אים נאָך דער געשעעניש, אַלס זייער פאַרשטייער און מליץ-יושר ביי דער רעגירונג.

אַזוי טראַגיש האָט זיך געענדיקט זונדל דעם גרויטנס שתדלנישע קאַריערע.

VI

אליעזר דילאָן

א

געבוירן די לעצטע זיבעציקער יאָרן פונם אַכצענטן יאָר־הונדערט אין ניעסוויזש, מינסקער גובערניע. זיין פאָטער ברוך בענדעט, איז געווען איינער פון די ניעסוויזשער שענסטע בעלי־בתּים, אַ ייד אַ למדן און אַ סוחר, וואָס האָט געפירט גרויסע געשעפטן מיט די אַרומיקע פּריצים. אַ באַזונדער צוטרוי האָט ער געוואונען ביים שררה פון שטעטל, פירשט ראַדזיוויל, וועלכער האָט אים געמאַכט פאַר אַ פאַרמיטלער אין אַלע זיינע עסקים. דאָס האָט ממילא געבראַכט דערצו, אַז נישט קוקנדיק אויף זיין שטרענג אָרטאָדאָקסישן לעבנס־שטייגער, האָט ער זיינע קינדער געלאָזט לערנען שפּראַכן און אַנדערע וועלטלעכע ידיעות. זיין עלטערער זון, לייזערקע, וועלכער האָט נאָך יינגלווייז אַרויסגעוויזן גרויסע פעאיקייטן, האָט שוין צו אַכצן יאָר גוט באַהערשט רוסיש, פּויליש און דייטש, און צוליב דעם פלעגט אים דער פאָטער גאַנץ אָפט אויסנוצן אין זיינע אינטערעסן. באַלד האָט ער לייזערקען אויסגעגעבן פאַר דער טאָכטער פון אַ באַוואוסטן מינסקער גביר, וועלכער האָט אים גענומען צו זיך אויף קעסט און אַלס מיטהעלפער אין זיינע עסקים.

אין אַ יאָר דריי אַרום נאָך זיין חתונה האָט זיך דילאָן אָפּגעטיילט פון זיין שווער און אָנגעהויבן פירן געשעפטן פאַר זיך. באַזונדערס האָט ער זיך באַשעפטיקט מיט פּאָדראַדן פאַר דעם מיליטער, און אין משך פון אַ גאַנץ קורצער צייט איז ער געוואָרן זייער רייך.

אין יאָר 1812, בעת ס׳האָט אויסגעבראָכן דער רוסיש־פראַנצויזישער קריג, האָט דילאָן צוגעשטעלט פּראָוויאַנט פאַר דער רוסישער אַרמיי, וועלכע ער האָט באַגלייט צו די פאַרשיידענע פראָנטן, און ער האָט זיך דערין אַזוי אויסגעצייכנט, אַז דער הויפּט־קאָמאַנדיר האָט געפונען פאַר נויטיק דערלאַנגען אַ ראַפּאָרט וועגן זיין נוצלעכער און פרוכטבאַרער טעטיקייט לטובת דעם מיליטער אַלעקסאַנדער דעם ערשטן. ס׳האָט לאַנג נישט געדויערט און דער קייזער האָט אויסגעדריקט זיין ווּאונטש, מ׳זאָל אים פאָרשטעלן דילאָנען פּערזענלעך. ביי דערדאָזיקער פאָרשטעלונג, וועלכע איז פאָרגעקומען אין אַ געוויסן קריגס־לאַגער, האָט דילאָן פאַרשטאַנען צו מאַכן אויף אַלעקסאַנדערן אַ גוטן איינדרוק און שטאַרק אים געפעלן צו ווערן.

נאָכדעם, ווי עס איז באַוואוסט געוואָרן צווישן יידן, אַז דילאָן האָט געפונען אַזויפיל לייטזעליקייט אין די אויגן פון דעם קייזער און פון די העכסטע מלוכה־לייט, האָט מען געזוכט דאָס אויסצונוצן לטובת דעם כלל ישראל מ׳האָט באַלד גענומען ממש פאַרשיטן דילאָנען מיט בקשות וועגן אַלערליי השתדלותן ביי „נאַטשאַלסטווע“. דילאָן, וועלכער איז געווען פון דער נאַטור אַ ווייכער און אַ געפילפולער מענטש, האָט געזוכט ווי ווייט מעגלעך קיינעם נישט אָפּצוזאָגן, האָט נישט געקאַרגט קיין צייט און קיין טרחה, און געטון דאָס, וואָס ער האָט נאָר געקענט. ביסלעכווייז האָט ער זיך אַזוי אַריינגעצויגן אין שתדלנות, יחידישע און קהלשע, ביז דאָס איז ביי אים געוואָרן כמעט זיין גאַנצער לעבנס־אינהאַלט. ער האָט פאַרנאַכלעסיקט זיינע געשעפטן און איז אומגעפאָרן אין שתדלנות פאַר איינצלנע פערזאָנען און פאַר קהלות, האָט תמיד געהאַט צו טון מיט פאַרשיידענע רעגירונגס־באַאַמטע, נידריקע און העכערע, איז

גאַנץ אָפט געקומען צולויפן קיין פעטערבורג, און האָט קיינמאָל פון דאָרט מיט ליידיקן נישט צוריקגעקערט, שטענדיק האָט זיין השתדלות געמאַכט אַ רושם און געווירקט.

ב

ווי עס ווייזט זיך אַרויס, איז דילאָן געווען צווישן די עטלעכע יידן, וועלכע האָבן זיך אין יאָר 1812—13 געפונען צוליב פאַרשיידענע פּראָוויאַנט-אינטערעסן מיטן קייזער אין זיין הויפּט-קוואַרטיר. פּירשט גאַליצין, וועלכער איז דאַן געווען דער רוסישער מיניסטער פאַר בילדונג און אמונה ענינים, דערציילט אין זיינע מעמואַרן וועגן דידאָזיקע יידן פאָלגנדעס: „די צוויי יידן, וואָס האָבן זיך געפונען ביי דער הויפּט-קוואַרטיר, האָבן זיך גערופן, אַלענפאַלס נישט גאַנץ ריכטיק, „דעפּוטאַטן פון דעם יידישן פאָלק". דידאָזיקע דעפּוטאַטן האָבן געשפּילט אין אַ געוויסן זין די ראָלע פון שתדלנים און פלעגן זיך ווענדן צו די העכסטע מלוכה-לייט מיט זייערע השתדלותן אין דער פאָרם פון בקשות אויפן „אַלערהעכסטן נאָמען". אין דערזעלבער צייט פלעגן זיך די שתדלנים צונויפשרייבן מיט די קהלות און געבן זיי פאַרשיידענע אָנווייזונגען און דירעקטיוון, ווי צו פירן זיך און וואָס צו טון".

אין יאָר 1814 האָבן די יידישע דעפּוטאַטן זוכה געווען צו אַ באַזונדער כבוד. „אַ דעפּוטאַציע פון די יידישע קהלות, — אַזוי דערציילט אַ דאָקומענט, — האָט געהאַט דאָס גליק פאָר-צושטעלן זיך פאַר זייער מאַיעסטעט דעם קייזער אין דער דעמאָלטיקער הויפּט-קוואַרטיר, וועלכע האָט זיך געפונען אין דער פראַנצויזישער שטאָט ברוסעל. זייער מאַיעסטעט האָט דאַן באַוויליקט צו באַווייזן די יידישע קהלות זיין גנעדיקע צוגע-נייגטקייט, און באַפוילן, אַז דיזעלבע דעפּוטאַציע, אָדער אַן אַנדערע איר גלייכן, זאָל פאָרן קיין פעטערבורג, און דאָרט זאָל זי, אין נאָמען פון די יידן, וועלכע וואוינען אין דער

רוסישער מדינה, אויסוואָרטן און הערן דעם אַלערהעכסטן ווילן און זיינע באַשלוסן בנוגע זייערע אונטערטעניקסטע וואונטשן און בקשות מכוח דער אויסבעסערונג פון זייער קעגנווערטיקן מצב".

וועגן דעמדאָזיקן געשעעניש האָט דאַן דילאָן אין אַ בריוו צו די פאָרשטייער פון מינסקער קהל מוסיף געווען נאָך די פאָלגנדיקע פרטים: „בשעת דער פאָרשטעלונג אין ברוסעל, דעם 29-טן יוני 1814, האָט דער גענעראַל-אַדיוטאַנט פירשט וואָלקאָנסקי אויסגעדריקט אין קייזערס נאָמען זיין געטויגטקייט אַלע יידישע קהלות פאַר דעם פלייסיקן און איבערגעגעבענעם דינסט פון די יידישע דעפוטאַטן, וועלכע האָבן זיך געפונען אין דער קייזערלעכער הויפט-קוואַרטיר".

וועגן דער באַציאונג פון אַלעקסאַנדער דעם ערשטן באַזונדערס צו דילאָנען, וועלכן ער האָט באַשאָנקען מיט אַ גאָלדענעם מעדאַל, געפונען מיר אין הלל נח מגידס „עיר ווילנע" די פאָלגנדיקע צוויי זייער אינטערעסאַנטע פאַקטן:

„איינמאָל, בעת דער קייזער איז געווען אין ווילנע, איז צווישן דער יידישער דעלעגאַציע, וועלכע איז אים אַרויס מקבל פנים זיין, געשטאַנען אויך ר' אליעזר דילאָן מיט זיין יינגן בחורל יעקב זבולון. ווי נאָר דער קייזער האָט אים דערזען, האָט ער אים פריינטלעך דערלאַנגט די האַנט און אים אַ פרעג געטון: „ווער איז דאָס דער יונגערמאַן?" אַז דילאָן האָט אים אויף דעם געענטפערט: „דאָס איז מיין זון", האָט דער קייזער אויך אים אַרויסגעוויזן צייכנס פון פריינטשאַפט און ליבע.

„אַ צווייט מאָל, ווען דער קייזער איז דורכגעפאָרן גיעסוויזש, האָט ער געמאַכט אַ וויזיט ביי ר' לייזערן, און האָט ביי אים געטרונקען טיי. בשעתן טיי-טרונקען האָט ר' לייזער געבעטן דעם קייזער, ער זאָל מבטל מאַכן דעם עלילת-דם. אויף דעם האָט אים דער קייזער געענטפערט: „איך וויס גאַנץ גוט, אַז עס איז נאָר אַ בלבול, אָבער מיט דעם, וואָס צווישן אייך זענען דאָ אַזעלכע, וואָס רייסן פון דער קריסטלעכער באַפעלקערונג גרויסע פראָצענטן, טוט איר זיך קיין טובה נישט". און פונדעסטוועגן האָבן זיינע ווערטער געווירקט אויפן קייזער.

ג

פאַר אונדז ליגט אַ העבּרעאישער בּריוו, דאַטירט כ"א כסלו תקע"ז (דעצעמבּער 1816), וועלכן דילאָן האָט געשריבּן פון פעטערבּורג צו די מנהיגים פון דער מינסקער קהלה, און איז אַ מין בּאַריכט פון זיין שתדלנישער טעטיקייט. דער בּריוו איז זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם דעמאָלטיקן מצב פון די רוסישע יידן און פאַר דער בּאַציאונג צו זיי מצד דער העכסטער מאַכט, און דעריבּער גיבּן מיר דאָ אים איבּער כמעט ווערטלעך:

„אייער בּריוו האָבּ איך דערהאַלטן דעם פאָריקן מאָנטיק. איך בּין אייך מודיע, אַז איך האָבּ בּאַזוכט דעם שררה, צו וועלכן איך האָבּ מיך געווענדט נאָך אַן עצה און ער האָט מיר געענטפערט, אַז ער האָט געהערט וועגן אונדז זייער שלעכטע זאַכן, וועגן וועלכע איך קאָן אַפילו נישט שרייבּן. ער האָט מיר געזאָגט, אַז לויט זיין מיינונג איז נישטאָ קיין אַנדער מיטל צו ראַטעווען זיך, נאָר אַז איך זאָל זאָגן דעם קייזער די פאָלגנדיקע ווערטער: „אונדזער גנעדיקער קייזער! איך האָבּ מורא, מען זאָל אונדזער פאָלק נישט בּאַשולדיקן אַט מיט וואָס: בּעת מיר האָבּן געמאַכט די נייע רעוויזיע, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מען האָט נישט צוגעטראָגן אין דעם רייסטער פון דער יידישער בּאַפעלקערונג די אָרימעלייט און די זקנים מיט זייערע קליינע קינדער און קאַליקעס, וועלכע האָבּן נישט קיין שום מיטלען צום לעבּן, און זיי דערנערן זיך נאָר מיט דעם, וואָס מען גיט זיי בּעת זיי גייען איבּער די הייזער". דאָס וועט הייסן, אַז מיר זענען זיך אַליין מודה, אַז מיר אַליין ווילן נישט פאַרהוילן דיזאָזיקע נפשות, און דעריבּער וועלן מיר פאַר זיי נישט דאַרפן צאָלן קיין שטראָף.

„דאָ אין פעטערבּורג איז אויך נישטאָ אַ טאָג אָן אַ צרה. קומענדיק אַהער האָבּ איך געפונען, אַז דער היגער גענעראַל־גובּערנאַטאָר, גראַף וויאַזמיטינאָוו, האָט פאַרעפנטלעכט אַ שטרענגן

באַפעל ארויסצוטרייבן אַלע יידן, וואָס וואוינען אין פעטערבורג, אַפילו די, וואָס האָבן פולמאַכטן פון „קופּצעס"; באַזונדערס איז דער באַפעל אַן אומגליק פאַר די בעלי־מלאכות און פאַר די אַנדערע יידן, וואָס וואוינען שוין דאָ פון ווייל יאָר. דער טערמין פון דעם גירוש איז באַשטימט געוואָרן אויף איבער־אַכטאָג פרייטיק. מ'האָט אים דערלאַנגט אַ סך בקשות, אָבער ער האָט זיי אַלע אָפּגעוואָרפן. איך האָב נישט געקאָנט זען די צרות פון מיין פאָלק און בין אַוועק צו דעם שררה מתפלל צו זיין פאַר אים לטובת די אומגליקלעכע ברידער. איך האָב אים באַוויזן די כתבים, וואָס איך האָב פון קייזער, און האָב געזאָגט: „מיין האַר! איך האָב געהאַט די זכיה צו הערן פונם הייליקן מויל פון אונדזער קייזער, אַז ער האָט בדעה צו שאַפן פאַר יידן הילף און שטיצע, און איר האָט באַפוילן אַרויסצוטרייבן זיי אָן אַ שום שולד פון זייער זייט". כאָטש מ'האָט פאַר אים אָנגערעדט אויף די יידן שרעקלעכע זאַכן, וואָס מיר האָט געטון ווי דאָס האַרץ צו הערן זיי, האָט זיך מיר דאָך איינגעגעבן צו פועלן ביי אים אָפּצולייגן דעם גירוש ביז זומער.

„נאָכדעם, ווי איך האָב אָבער געזען, אַז די צרות מערן זיך פון טאָג צו טאָג בין איך געווען געצוואונגען אַוועקצוגיין צום פירשט וועליכאָווסקי אויף דער קוואַרטיר און בעטן אים, ער זאָל צונעמען פון מיר מיין בריוו און איבערגעבן אים אונדזער קייזער מיט דער בקשה, אַז איך פאַרלאַנג, ער זאָל מיך אויס־הערן. צונעמענדיק פון מיר דעם בריוו, האָט אים דער פירשט תיכף דערלאַנגט דעם קייזער, וועלכער האָט אים באַפוילן מיר איבערצוגעבן: „איך וועל אים אַרויסרופן".

„איצט זיץ איך און וואַרט יעדע מינוט, אַז אָט־אָט וועל איך דערהאַלטן די איינלאַדונג צו שטעלן מיך פאַרן קייזער, און וואָס גאָט וועט געבן, וועל איך אייך תיכף מודיע זיין".

צום סוף בריוו קלאָגט זיך דילאָן, אַז אים אַליין איז שווער צו טראָגן אויף זיך די גאַנצע לאַסט פון שתדלנות און פאַרלאַנגט, אַז אויך פון די איבעריקע גובערניעס זאָלן געשיקט

ווערן מענטשן קיין פעטערבורג צו העלפן אים ביי דער אַרבעט. ער פאַרענדיקט דעם בריוו מיט די פאָלגנדיקע ווערטער:

„מיינע ליבע ברידער און חברים! אויב אויך נאָכדעם וועט איר זיך פוילן שרייבן אין די גובערניעס, אַז מ'זאָל מיר אַרויסשיקן מענטשן צו הילף, וועל איך אייך אויפהערן שרייבן און וועל מיך אָפּזאָגן פונם גאַנצן ענין.

„דאָס זענען די ווערטער פון דעם, וואָס שרייבט צו אייך מיט טרערן און מיט גרויס שברת-הלב.

אליעזר דילאָן".

אינגיכן האָט דילאָן באַקומען די צוגעזאָגטע איינלאַדונג צו שטעלן זיך פאַרן קייזער.

די פּרטים פון דערדאָזיקער אוידיענץ, וואָס דילאָן האָט געהאַט ביי אַלעקסאַנדער דעם ערשטן, געפינען מיר אין זיינעם אַ צווייטן העכסט אינטערעסאַנטן בריוו צום מינסקער קהל.

ד

„אַ גוטע בשורה האָב איך פאַר אייך היינט,-אַזוי הויבט אָן דילאָן זיין בריוו צום מינסקער קהל, – מיר זענען געוואָרן אַ פאָלק! נעכטן 25 מינוט אויף זיבן אין אָוונט האָבן מיר געהאַט די זכיה אַריינגעפירט צו ווערן אין די אינעווייניקסטע אַפּאַרטאַמענטן פונם קייזערלעכן פּאַלאַץ. דאָרט, אין דעמדאָזיקן שרעקלעכן אָרט, האָבן מיר מתפלל געווען פאַר זיך אַליין און פאַר אונדזער פאָלק ביז 40 מינוט אויף אַכט. מיר האָבן גע-רעדט אויך וועגן מסחר און וועגן פּרנסה און אויך וועגן די פאַלשע באַשולדיקונגען, וואָס מען וואַרפט אויף אונדז אַרויף, מיט וועלכע אונדזערע שונאים ווילן אונדז פאַרשוואַרצן און פאַרשטעלן אונדז פאַר דער געזעלשאַפט אין די שרעקלעכסטע פאַרבן. איך זאָל אייך וועלן אַלץ אויסדערציילן, וועט נישט קלעקן קיין פּאַפּיר. „ווען אַפילו אונדזער מויל וואָלט געווען

פול מיט געזאַנג ווי דער ים", וואָלטן מיר נישט געקאָנט איבערגעבן אייך אויספירלעך וועגן דער גרויסער גנאָד און בארמהערציקייט, וואָס זיין מאַיעסטעט, אונדזער קייזער, געבענטשט זאָל ער זיין, האָט אונדז אַרויסגעוויזן. ער גייט אין די דרכים פון גאָט ברוך-הוא, און וויל אויך תמיד זיין וואָך און גנעדיק. דעם קייזערס האַרץ איז פול מיט רחמנות צו אונדזערע עלנטע, אומגליקלעכע ברידער, וועלכע געפונען זיך בעוונותינו הרבים, אין זייער אַ שפלן מצב, און אַ חוץ אים איז טאַקע נישטאָ, ווער עס זאָל זיך דערבאַרמען אויף דער נידערגעשלאָגענער יידישער מאַסע.

„וועגן אונדזער דערפאָלג וועל איך אייך דערציילן גאַנץ קורץ. דער קייזער האָט אונדז מבטיח געווען תיכף אַראָפּצושיקן אַ באַזונדערן באַאַמטן אין וואַרשעווער ראַיאָן צו מאַכן אַן אויספאָרשונג וועגן די באַשולדיקונגען, וואָס זענען דאָרט אַרויפגעוואָרפן געוואָרן אויף די יידישע איינוואוינער פון מעזריטש און לובלין און פון נאָך אייניקע קהלות. דער קייזער האָט אונדז אויך צוגעזאָגט מבטל צו מאַכן דעם באַפעל פון אַ נייער גזרה, וואָס די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון סענאַט האָט שוין געזאָלט פאַרעפנטלעכן קעגן אונדז. מיט זיין גרויסן חסד האָט ער אַרויסגעגעבן אַ קייזערלעכע פאַראָרדנונג, אַז קיין ענין בנוגע אונדזערע יידישע ברידער בכלל, זאָל נישט דורכגעפירט ווערן דורך קיין שום אַדמיניסטראַטיווער אָדער געריכטלעכער אינסטאַנץ, אויסער דורך יענעם חשובן באַאַמטן, וועלכן ער, דער קייזער, וועט באַשטימען און וואָס וועט אונדז באַשיצן מיט זיינע פליגלען*). צו דעמדאָזיקן באַאַמטן וועלן אַריינגיין און פון אים וועלן אַרויסגיין אַלע ענינים, וואָס האָבן אַ שייכות מיט אונדזער יידישער פאָלקסמאַסע.

„דערדאָזיקער באַאַמטער וועט תמיד און וועגן אַלע ענינים אָנפרעגן אונדז שריפטלעך און מונדלעך, און ער וועט אונדזער מיינונג פאָרלייגן פאַר זיין מאַיעסטעט אונדזער קייזער, און

*) דאָ האַנדלט זיך וועגן דעם פירשט א. נ. גאָליצין, אין וועמענס הענט עס זענען אין יאָר 1817 קאָנצענטרירט געווען אַלע יידישע ענינים.

יעדעס מאָל, ווען מ׳וועט נאָר דאַרפן, וועט ער אונדז אויך פאָרשטעלן פאַרן קייזער.

„מיר האָבן זוכה געווען צו הערן פון דעם קייזערס הייליקן מויל, אַז דערדאָזיקער באַאַמטער איז זייער אַן ערלע־כער און ריכטיקער מאַן. זיין מאַיעסטעט דער קייזער האָט אונדז אויך צוגעזאָגט, אויפמערקזאַם צו מאַכן פריער דעם דער־מאָנטן באַאַמטן, ער זאָל זיך מיט אונדז באַגיין מיט חסד און ליבשאַפט. דאָס אַלץ וועט אים דער קייזער זאָגן נאָך היינט פאַר מיטאָג, און נאָך מיטאָג, האָט אונדז דער קייזער געהייסן אַריינגיין צו דעמדאָזיקן באַאַמטן און איבערגעבן אים, אַז „מיר זענען דאָס יעבע יידן, וועגן וועלכע דער קייזער האָט מיט אייך גערעדט״. דער קייזער האָט אונדז אויך געגעבן זיין הבטחה, אַז מיר וועלן באַשאַנקען ווערן מיט דעם כבוד איינגעלאַדן צו ווערן צו אים, ווען דאָס וועט זיין נויטיק, און אַז ער וועט מגין זיין אויף אונדזערע ברידער קעגן אַלע באַדריקער״.

„אָבער צו אונדזער גרויס צער און ביטערניש, — שרייבט דילאָן ווייטער, — איז אונדז באַשערט געווען צו הערן פון דעם קייזערס הייליקע ליפּן, זייער פאַר אונדז נישט קיין אנגענעמע ווערטער. ער האָט אונדז פאָרגעוואָרפן, אַז אונדזערע ברידער, די יידן, גייען נישט אין די וועגן פון גאָט ברוך־הוא, אַז אַ סך יידן היטן נישט אָפּ אונדזער הייליקע תורה און זענען עובר אויף די צען געבאָט, טוען־אָפּ די גרעסטע פאַרברעכן, ווי פאַרפאָרגן, למשל, די צאָל פון די געבוירענע נפשות, א. אַ. וו. דער קייזער האָט אונדז מתרה געווען, אַז ער וועט תיכף אַראָפּ־שיקן זיינעם אַ באַאַמטן אין אַלע ראַיאָנען און גובערניעס מיט אַ באַפעל, געגעבן אין זיין נאָמען, אַז אין אַלע שטעט און שטעטלעך מוזן די יידן, מאַנסביל און ווייבער, אָפּהיטן די דינים פון זייער אמונה, ווי עס שטייט געשריבן אין זייער תורה, און אַז זיי זאָלן לייגן זייערע האָפנונגען נאָר אויף גאָט און נישט אויף גוטע מענטשן, און אַז זיי זאָלן מיט מצר כוונה מתפלל זיין צום השם יתברך, ווייל דעם קייזערס רצון איז, אַז יעדעס פאָלק זאָל אָפּהיטן זיין אמונה ווי גאָט האָט געבאָטן,

און דורכדעם וועלן ממילא פאַרשוואונדן ווערן די פאַרברעכער און די, וואָס פאַרזינדיקן זיך קעגן געזעץ.

„אונזערע פריינט און ברידער! ווי און ביטער איז אונדז! וואָלט עס ווער געגלויבט, אַז ביי אַ פאָלק, וואָס איז אַזוי טריי דעם קייזער, ווי די יידן, זאָלן זיך געפונען אַזעלכע נידערטרעכטיקע ברואים, וועלכע דערלויבן זיך צו האַנדלען מיט קאָנטראַבאַנד? דאָס איז דאָך אַ פאַרברעך קעגן אונדזער הייליקער תורה, וועלכע באַפעלט אונדז אָפּצוהיטן דעם קייזערס געבאָט. איז שוין גאָר ביי אונדז צו דעם נישטאָ קיין רפואה? בעמט די גרויסע שופרות אין די הענט און פאָרט אַרום איבער די יידישע שטעט און זייט מזהיר דעם עולם, אַז איר וועט אַריינלייגן אין „חרם" דעם וואָס וועט זיך פון היינט אָן דערלויבן צו האַנדלען מיט קאָנטראַבאַנד, טאָמער געפונט זיך נאָך ביי עמיצן פאַרוואַלגערטע קאָנטראַבאַנד פון פריער, זייט אונדז וועגן דעם מודיע, און מיר וועלן זיך משתדל זיין פאַרן קייזער, ער זאָל רחמנות האָבן און זאָל אונדז געבן די פולמאַכט צו פאַרחתמענען די סחורה און אויפצומאָנען ביי דעם פאַרברעכער דעם געהעריקן אָפּצאָל, בתנאַי, אַז מהיום והלאה און אויף אַלע צייטן זאָל זיך קיין ייד נישט וואַגן צו האַנדלען מיט פאַרבאָטענע סחורות און אַרומצוגיין דאָס געזעץ. מיר חזרן־איבער אונדזער פאָדערונג אין נאָמען פון קייזער, איר זאָלט אָנשטרענגען אַלע אייערע קרעפטן ממלא צו זיין אונדזערע ווערטער.

„ברידער און פריינט! מיר וועלן דאָ, זעלבסטפאַרשטענדלעך, שטיין אויף דער וואַך פון די יידישע אינטערעסן, אַזוי ווי עס פאַסט פאַר קייזערלעכע דעפּוטאַטן; איר פון אייער זייט דאַרפט אָבער ביי אייך אינדערהיים אַלע, יינג און אַלט, מתפּלל זיין און אויסגיסן אייערע הערצער פאַר גאָט, ער זאָל זיך דערבאַרמען אויף אַלע אונדזערע ברידער און זאָל אונדז געבן חן און לייטזעליקייט אין די אויגן פון די שררות און פון קייזער אַליין.

„און געדענקען זאָלט איר, אַז דאָס וואוינען אין גרויסע שטעט איז זייער שווער, און באַזונדערס, צו טראָגן אויף זיך

אזא לאַסט. מיר נויטיקן זיך אין מיטלען אויף אויסצוהאַלטן אונדזערע פאַמיליעס, און נאָכמער אויף אונדזערע אייגענע הוצאות, דאָס, לויט דעם כאַראַקטער פון אונדזער מיסיע קומט אונדז אַ פּיל אנשטענדיקערער געהאַלט ווי די שכירות, וואָס מיר נעמען. נעמט אייך אין אַכט, אַז צוליב דער שתדלנות האָבן מיר געוואָרפן די ווייבער, די קינדער און די הייזער.

„ברידער און פריינט! זייט וויסן, אַז דער רצון פון אונדזער קייזער, געבענטשט זאָל ער זיין, איז, אַז אין דער הויפטשטאָט פעטערבורג זאָלן צו יעדער צייט זיצן צוויי אונדזערע אויסגעקליבענע, וועלכע זאָלן זיך געפונען אין דעם אומיטלבאַרן רשות פון קייזער, און דורך וועלכע עס זאָלן שטענדיק דערגיין צום קייזער אַלע וואונטשן און באַדערפעניש פון אונדזערע ברידער. צי קען מען אָבער גלייבן, ווען מען זאָל דערציילן, אַז נאָר מיר אַליין מוזן טראָגן אויף זיך דידאָזיקע לאַסט? דעריבער בעט איך אייך, איר זאָלט למען השם זיין באַצייטנס צוגרייטן אַנדערע צוויי פּערזאָן, וואָס פּאַסן צו דעם.

לויט דעם באַפעל דאַרפן מיר דאָ פאַרברענגען נאָך צוויי חדשים ביז די אינטערעסן פון אונדזערע ברידער וועלן אַוועקגעשטעלט ווערן אויף אַ ריכטיקן און גוטן וועג. דאַן וועלן מיר פאַרלאַנגען פון קייזער, ער זאָל מיט אונדז טון דעם חסד און דערלויבן אונדז פאָרן געזונטערהייט אַהיים, און אַז ער זאָל אויפנעמען מיט גנאָד און מיט רחמים יענע מענטשן, וועלכע וועלן אַהער קומען מיט גאָטס הילף צו פאַרבייטן אונדז".

ה

לויט אן אַנדער ווערסיע האָט זיך דילאָן געריסן צו פאַרלאָזן פעטערבורג צוליב די אָפטע סכסוכים און קאָנפליקטן, וועלכע זענען דאָרט פאָרגעקומען צווישן אים מיט זאָנענבערגן, זיי זענען ביידע נישט געווען צופרידן איינער פון דעם אַנדערן,

און האָבן דעריבער געוואָלט ווירקן אויף די קהלות, אַז מ׳זאָל מאַכן נייע וואַלן פון דעפּוטאַטן מיט דער האָפנונג, אַז איינער פון זיי וועט שוין מער נישט אויסגעקליבן ווערן.

באַזונדערס אומצופרידן איז געווען זאָנענבערג, וועלכער האָט זיך געהאַלטן פאַר פיל גרעסער און וויכטיקער פון דילאָנען און האָט, ווי עס ווייזט אויס, נישט געקאָנט פאַרטראָגן, וואָס די קהלות ווענדן זיך מייסטנס מיט זייערע אינטערעסן נישט צו אים, נאָר צו דילאָנען. דער היסטאָריקער יוליוס העסען האַלט, אַז דילאָן האָט פאַרלאַנגט, מ׳זאָל שאַפן נייע וואַלן אָן שום כּוונות, נאָר פּשוט, ווייל ער האָט זיך גאַכט געוואָלט באַפרייען פון זיין שטעל. דער סוף איז געווען, אַז דילאָן איז ווידער אויסגעקליבן געוואָרן אַלס דעפּוטאַט, און האָט זיך אָבער דער־פון אַליין אָפּגעזאָגט.

אַלעקסאַנדער דער ערשטער האָט אָבער דילאָנען נישט פאַרגעסן. אויף דעם באַווייזט דער פאָלגנדיקער פאַקט: דילאָן, וועלכער האָט גענאָסן פיל כּבוד אַלס דעפּוטאַט, און איז נאָך געווען דערצו אַ גרויסער גביר, האָט געהאַט, געוויינלעך, נישט ווייניק שונאים נישט־פאַרגינער. איינער פון דידאָזיקע שונאים האָט דערלאַנגט אויף דילאָנען אַ שטילע מסירה צום ווילנער גובערנאַטאָר, וואו ער האָט דאַן געוואוינט, אַז ער פירט געהיים פאַרדעכטיקע געשעפטן מיט אויסלאַנד, די מסירה האָט געהאַט אַ ווירקונג, און באַלד האָט מען דילאָנען איינגעזעצט אין תּפיסה און מ׳האָט פאַרחתמעט זיין גאַנץ פאַרמעגן. דילאָנס פאַמיליע האָט אַפּעלירט צום העכסטן געריכט אין פּעטערבורג. אין קורצן האָט דער ווילנער פּראָקוראָר, אין וועמענס הענט ס׳האָט זיך געפונען דער ענין, באַקומען צוגעשיקט פון פּעטערבורג אַ פּאַפּיר מיט דער פאָלגנדער דערקלערונג: „זיין מאַיעסטעט דער קייזער, וועלכער קען דעם דעפּוטאַט פון די יידישע קהלות, לייזער דילאָן פּערזענלעך, און איז פון זיין טעטיקייט בשעת דעם פראַנצויזישן קריג שטאַרק צופרידן געבליבן, באַפעלט דיר, תּיכף אים צו באַפרייען פון תּפיסה און אָפּגעבן אים זיין פאַר־

מעגן אָן שום חקירות ודרישות, אויב ער אַליין אַנערקענט זיין אומשולד".

דילאָנס עשירות איז אָבער נישט געווען פון לאַנגן דויער. ס'האָט זיך פון אים מיטאַמאָל אָפּגעקערט זיין מזל, זיינע געשעפטן האָבן אָנגעהויבן גיין אַלץ ערגער און ערגער, ביז ער האָט צום סוף פאַרלוירן זיין גאַנץ קאַפּיטאַל. אייניקע פון די יידישע קהלות, און באַזונדערס די מינסקער קהלה, פון וועלכער ער האָט זיך תמיד אַזויפיל משתדל געווען און מיט וועלכער ער איז תמיד געווען ענג פאַרבונדן, האָבן אים אָנגעבאָטן שטיצע. ער האָט זיך אָבער אָפּגעזאָגט פון יעדער שטיצע, און האָט אָרים געלעבט מיגיע כפיו ביז דעם לעצטן טאָג.

געשטאָרבן איז דילאָן אין ווילנע אין מיטן זומער 1838. אויף זיין מצבה זענען אויסגעקריצט בלויז די פאָלגנדיקע ווערטער:

„מצבת קבר איש יקר ונכבד ממשפחה מיוחסת בישראל ה"ה אבינו הרבני המופלג המפורסם מ' אליעזר בהרב המופלג מו' ברוך בענדעט דילאָן ז"ל מנעסוויזש וי"צ ביום ב' ב' תמוז תקצ"ח".

VII

וואָס יידן דערציילן וועגן אַלעקסאַנדער דעם ערשטן.

מיט דילאָנפּן ווערט פֿאַרענדיקט די תקופה פֿון די שתדלנים, וועלכע האָבן ממליץ געווען פֿאַר יידן אין דער צייט פֿון אַלעקסאַנדער דעם ערשטן. ווי דער לעזער האָט געזען, האָט דערדאָזיקער רוסישער קייזער, וואָס די היסטאָריע האָט אים באַקרוינט מיט דעם נאָמען „דער געבענטשטער", קיין באַזונדערע גרויסע טובות יידן נישט געטון; ער האָט אַפילו בנוגע זיי אַרויסגעוויזן אַ גוטן ווילן, — צו גוטע מעשים האָט דאָס אָבער ווייניק־וואָס געבראַכט. טאָמער האָט ער געהאַט אַרויסגעטראָטן גאַנץ ענערגיש קעגן דעם „עלילת־דם", האָט ער אין זיינע לעצטע יאָרן, בעת דעם „וועליזשער בלוט־בלבול", אומגעביטן זיין פֿריערדיקע טאַקטיק לגמרי און פֿאַראָרדנט צו פֿאַרפֿירן אַ פּראָצעס קעגן די פֿאַלש־באַשולדיקטע יידן. בכלל האָט אַלעקסאַנדער געפֿירט אַ וואַקלדיקע פּאָליטיק בנוגע יידן. דאָך איז נאָך קיין רוסישער קייזער נישט געווען אַזוי פּאָפּולער ביי יידן, ווי אַלעקסאַנדער דער ערשטער, וועגן וועלכן עס

גייען אַרום, באַזונדערס אין ליטע און ווייס־רוסלאַנד, זייער אינטערעסאַנטע לעגענדעס, וואָס שטעלן אים פאָר אַלס העכסט אינטערעסאַנטן מענטשן און גיבן אים צו כמעט אַ פּאָעטישן אָרעאָל. פון דידאָזיקע לעגענדעס, וועלכע זענען כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם מצב פון די רוסישע יידן אין יענער תקופה, וועלן מיר דאָ איבערגעבן דעם לעזער.

א

אין פּרוזשין, אַ שטאָט אין גראָדנער גובערניע, האָט אין יענער צייט געוואוינט אַ גרויסער גביר, — איסר ראַבינאָוויטש האָט ער געהייסן. ער איז געווען דערצו אַ ייד אַ למדן און אַ גאַנץ קלוגער, און האָט געגאָסן גרויס חשיבות נישט בלויז צווישן יידן, נאָר אויך צווישן די פּוילישע גוטבאַזיצער פון דעם גאַנצן פּאָוויאַט. פאַר זיי איז „פּאַן" ראַבינאָוויטש געווען באמת זייער אַ וויכטיקער פּערזאָן, אָן וועלכן קיינער פון זיי האָט זיך נישט געקאָנט באַגיין. ראַבינאָוויטש האָט געהאַט די איינציקע אנשטענדיקע אכסניה אין שטאָט, וואוהין די פּריצים האָבן געקאָנט אַריינפאָרן, קומענדיק אין פּאָוויאַט צוליב פאַרשיידענע געשעפטן. דאָס רוב פון זיי זענען געווען ראַבינאָוויטשן גרויסע בעלי־חובות, און דעריבער האָבן זיי זיך געסטאַרעט אָפּצוגעבן אים כבוד.

דורך פּרוזשין איז דאַן געגאַנגען דער אַלטער גאָסטשינעץ (קיין שאָסייען זענען נאָך דעמאָלט נישט געווען), דער איינציקער וועג קיין וואַרשע. דורכפאָרנדיק קיין וואַרשע, האָט זיך דער קייזער אַלעקסאַנדער דער ערשטער עטלעכע מאָל אָפּגעשטעלט אין פּרוזשין.

געוויינלעך, האָבן די פּוילישע מאַגנאַטן געהאַט שטאַרק חשק, אַז דער קייזער זאָל זיי אָנטון דעם כבוד און אָפּשטעלן זיך בײַ זיי; אָבער דער קייזער האָט תמיד אויסגעמיטן די „שלעסער" פון די פּוילישע שׂררות, און איז יעדעס מאָל פאַר־

פֿאָרן אין דער אכסניא פֿון איסר ראַבינאָוויטש. אַלעקסאַנדער דער ערשטער האָט זיך געהאַלטן זייער איינפֿאַך און עניוותדיק, און גאַנץ אָפֿט פֿלעגט ער פֿאַרפֿירן לאַנגע שמועסן מיט דעם בעל־אכסניא, וועלכער איז געווען, ווי מיר האָבן שוין דער־ציילט, א מענטש א פּקח.

ראַבינאָוויטש האָט געהאַט אַן איינציקע טאָכטער, אַן אמתע יפֿת־תּואר און אַ געראָטענע בכל המעלות, וועלכע ער האָט, געוויינלעך, זייער געליבט. ס'איז ביי איר דאַן געווען ערשט אַ יאָר נאָך דער חתונה, און זי האָט געהאַלטן ביי גע־לעגן ווערן. זייער שווער איז זי געגאַנגען צו קינד; דריי טעג באַכאַנאַנד האָט זיך דאָס אומגליקלעכע ווייבל געמאַטערט, און אָן שום רעזולטאַטן. מ'האָט איר געגעבן אַלע מינים פֿון מעדי־ציבישער הילף, וועלכע זענען נאָר אין יענער צייט מעגלעך געווען; מ'האָט פֿאַר איר געזונט מתפּלל בצבור געווען, תּהלים געזאָגט און קברים געריסן, מ'האָט אויך צעטיילט פֿיל צדקה צווישן אָרימע לייט; אַלץ איז אָבער געווען אומזיסט. דאָס יונגע ווייבל האָט געהאַלטן ביים שטאַרבן, און די עלטערן האָבן זיך געפֿונען אין גרויס פֿאַרצווייפֿלונג.

אין יענער צייט איז אָנגעפֿאָרן דער קייזער. די בעלי־בתּים זענען אים אַרויס מקבל פּנים זיין, און וויפֿל מי זיי האָבן זיך געגעבן צו באַהאַלטן פֿון דעם הויכן גאַסט זייער אומגליק און אַרויסצווייזן אים אַ פֿריילעך, ליכטיק פּנים, האָט אָבער דעם קייזערס שאַרפֿער בליק באַמערקט אין זייערע פּנימער, אַז דאָ איז עפּעס נישט גלאַט.

— איך זע אין דיין געזיכט, — האָט זיך דער קייזער געווענדעט צו ראַבינאָוויטשן, — אַז מיט דיר האָט עפּעס פּאַסירט אַן אומגליק; זאָג, וואָס אַזוינס איז דאָ געשען? אפֿשר קאָן איך דיר העלפֿן?

— קייזער! — האָט געענטפֿערט ראַבינאָוויטש, — ווי גרויס דיין מאַכט איז, וועסטו מיר אָבער אין מיין אומגליק נישט קאָנען העלפֿן. דאָס קאָן טון נאָר גאָט אַליין!

דערביי האָט ראַבינאָוויטש דערציילט דעם קייזער זיין אומגליק.

אַלעקסאַנדער דער ערשטער האָט אים אויפמערקזאַם אויסגעהערט און זיך געהייסן אַריינפירן אין דעם צימער פון דער קראַנקער.

דער בעל־הבית האָט זיך שטאַרק פאַרוואונדערט; ער האָט אָבער שווייגנדיק ממלא געווען דעם קייזערס באַפעל.

דער קייזער איז געבליבן שטיין פאַר דער טיר, וואו עס איז געלעגן די אומגליקלעכע קראַנקע; ער האָט לייכט אָנגעקלאַפּט אין טיר און געזאָגט:

— „שרה (אַזוי האָט געהייסן דאָס ווייבל), געווין אויף מיין מזל"...

און איז אַוועקגעגאַנגען.

די קראַנקע, — אַזוי דערציילט די לעגענדע, — האָט באַלד געבוירן דאָס קינד, וועלכן מ'האָט לכבוד דעם קייזער אַ נאָמען געגעבן „אַלעקסאַנדער"...

ב

פון ערגעץ אַ פאַרוואָרפן שטעטל אין דער ליטע איז אַמאָל געקומען קיין פרוזשין צו באַזוכן זיינע קינדער איינער אַן אַלטער ייד, אַ גרויסער ירא־שמים, — אַ געוויסער ר' שלום. דערדאָויקער ר' שלום איז אָפּגעזעסן כל ימיו על התורה ועל העבודה, האָט כסדר געלערנט און געדאַוונט און מצוות געטון. תמיד האָט ער געזוכט און אויסגעפונען נייע מצוות, וועלכע ער האָט נאָך נישט מקיים געווען, און האָט שטענדיק געדאגהט, צי האָט ער עפּעס נישט פאַרפעלט, צי עס זענען אפשר פאַרבליבן גוטע מעשים, וועלכע ער האָט נאָך נישט באַוויזן צו טון, אַזוי, למשל, האָט אים שטאַרק באַנג געטון, וואָס אָפּלעבנדיק אַזוי פיל יאָר, האָט ער נאָך קיינמאָל נישט געהאַט די געלעגנהייט צו מאַכן די געהעריקע ברכה איבער אַ קייזער.

ער האָט געהאַט צער דערפון, וואָס עס זענען בכלל דאָ אויף דער וועלט אַזוי ווייניק קיסרים, און וואָס עס איז אַזוי שווער צו זען אַ קייזער, אויף וועלכן מ׳דאַרף, לויטן דין, מאַכן אַ ברכה.

האָט גראָד געדאַרפט פּאַסירן, אַז בעת ר׳ שלום האָט פאַרבראַכט ביי זיינע קינדער אין פּרוזשין, האָט זיך פאַרשפּרייט איבערן שטאָט אַ קלאַנג, אַז אינגיכן דאַרף דאָ דורכפאָרן דער קייזער. הערנדיק דאָס, האָט זיך דער אַלטער זייער דערפרייט, וואָס אים איז באַשערט פאַרן טויט צו זען דעם קייזער, און נאָך וועלכן קייזער? — דעם געבענטשטן! ס׳איז זיך לייכט פאָרצושטעלן, מיט וואָס פאַר אַן אומגעדולד ער האָט דערוואַרט דעם גליקלעכן מאָמענט, אין וועלכן ער וועט זוכה זיין צו זען דעם קייזער.

דערדאָזיקער לאַנג-דערוואַרטעטער טאָג איז ענדלעך געקומען: דער קייזער האָט זיך אָפּגעשטעלט אין פּרוזשין; ס׳האָט אָבער אַן אומגליק געטראָפן: אַזוי ווי אויף צו-להכעיס איז דער קרענקלעכער אַלטער מיט אַ טאָג פריער פאַרן קייזערס קומען שטאַרק קראַנק געוואָרן, און האָט זיך געמוזט אַריינלייגן אין בעט. דער אומגליקלעכער אַלטער האָט זיך געפונען אין גרויס פאַרצווייפלונג. זיין גאַנץ לעבן האָט ער געוואַרט אויף דעמדאָזיקן גליקלעכן מאָמענט; דער דערוואַרטער מאָמענט איז געקומען, און דווקא גראָד אין דער צייט האָט ער געדאַרפט קראַנק ווערן!... איז דאָס נישט אַ פינגער פון גאָט, וועלכער ווייזט, אַז ער פאַרדינט נישט די גרויסע זכיה אַ קייזער צו זען און איבער אים די געהעריקע ברכה צו מאַכן?...

דער אַלטער האָט געהאַט אַן אייניקל, אַ שיין, פריילעך, שוואַרץ-אויגיק זיבן-יעריק מיידעלע, וועלכעס ער האָט זייער געליבט און וואָס האָט אים אויך ליב געהאַט און געווען צו אים שטאַרק צוגעבונדן. דער אַלטער האָט פיל מאָל אויסגעדריקט דעם אייניקל זיין וואונטש און זיין האָפענונג צו זען דעם קייזער. דאָס מיידל האָט געקענט זיין צער, זי האָט געוואוסט, אַז זיינע האָפענונגען זענען געוואָרן צו-נישט, און האָט דערפון גרויס עגמת-נפש געהאַט.

ס'איז דעמאָלט געווען זומער-צייט. דאָס וועטער איז געווען זייער שיין, און צוליב דעם קייזערס קומען איז די באַוועגונג אויפן גאַס געווען זייער שטאַרק. דאָס מיידעלע איז אויך אַרויס אויפן גאַס.

פאַרנאַכט האָט דאָס מיידעלע דערזען, אַז די באַוועגונג ווערט אַלץ שטאַרקער, די פאָלקס-מאַסן ווערן געדיכטער, דער עולם נעמט אַראָפּ די היטלען; דערנאָך, אין עטלעכע מינוט אַרום, האָבן זיך אויף דעם אָרט, וואו זי איז געשטאַנען, באַוויזן עטלעכע אָפיצירן (דער איינציקער טיטול, וואָס דאָס מיידעלע האָט געקענט), און אַלע, אַזעלכע הויכע, שיינע, בלישטשענדיקע, אין גאָלד און זילבער, אַז עס ווערן ממש פאַרבלענדט די אויגן...

— דער קייזער! דער קייזער! — האָט זי דערהערט קולות אַרום זיך.

דער קייזער! — און דאָס מיידעלע האָט שוין געוואָלט נעמען לויפן, ווייל איר האָט זיך עפּעס געדוכט, אַז דער קייזער מוז זיין אַ שרעקלעכער מענטש, פון וועלכן מ'דאַרף אַנטלויפן; זעענדיק אָבער, אַז קיינער קלערט גאָרנישט צו לויפן, און אַז יענער אָפיציר, אויף וועלכן לייט זאָגן, אַז דאָס איז דער קייזער, קוקט-אויס לגמרי נישט שרעקלעך, און איז פאַרקערט, זייער אַ שיינער, אַ גוטער, מיט אַ פריינטלעכן שמייכל אויף די ליפּן, איז זי געבליבן שטיין אויף איר אָרט און האָט געהאַט גרויס מיטלייד מיט דעם זיידן, וואָס ער קאָן אַזאַ שיינעם קייזער נישט זען. פּלוצלונג איז איר געקומען אין זינען אַ גלענצענדער געדאַנק: פאַרוואָס זאָל זי נישט אָנטון דעם זיידן דאָס פאַרגעניגן און נישט איינלאַדן צו אים דעם קייזער, ער זאָל אים קאָנען זען. דערדאָזיקער געדאַנק איז איר אויסגעקומען אַזוי איינפאַך, אַזוי נאַטירלעך. און ווי נאָר דער קייזער מיט זיין סוויטע זענען פאַרביי איר פאַרבייגעגאַנגען, האָט זי זיך באַלד אַרויסגעריסן פון אַרויס און אַריינגעשטאָכן אירע שייניקע איינעלעך טיף אין קייזערס געזיכט.

באַמערקנדיק דאָס שיינע קינד, האָט דער קייזער אַ שמייכל געטון, האָט עפּעס אַ זאָג־געטון צו די, וואָס שטייען אַרום אים, האָט זיך איינגעבויגן, האָט אַ גלעט געטון מיט דער האַנט די זיידענע געקרייזלטע האָר פון דעם שיינעם מיידעלע און גענומען גיין ווייטער. אָבער דעם קייזערס אומדערוואַרטעטע פריינטלעכקייט האָט דער קליינער העלדין צוגעגעבן מוט, און אויף אַ געבראָכענעם פּויליש האָט זי אים אַ פרעג געטון:

— ווער ביסטו? דער קייזער?

אַלעקסאַנדער האָט זיך אָפּגעשטעלט, האָט זיך פאַנאַנדער־געלאַכט און געזאָגט:

— יאָ, איך בין דער קייזער; און ווער ביסטו?

— איך, — איך בין חיה, — האָט דאָס מיידעלע מוטיק געענטפערט.

— דו פאַרלאַנגסט עפּעס פון מיר? — האָט איר פריינטלעך געפרעגט דער קייזער.

— איך פאַרלאַנג גאָרנישט, אָבער דער זיידע וויל דיך זען, — האָט אַרויסגערעדט דאָס מיידעלע, נישט קווענקלענדיק זיך.

— וואו איז דיין זיידע? — האָט געפרעגט דער קייזער.

— ער האָט געוואָלט צו דיר גיין, איז ער אָבער קראַנק געוואָרן און ליגט אין בעט.

— בכן ווילסטו, אַז איך זאָל גיין צו דיין זיידן? — האָט דער קייזער איר געפרעגט, לאַכנדיק דערביי.

— יאָ! — האָט געענטפערט דאָס מיידעלע מיט גרויס פּשטות, — דו ביסט דאָך געזונט, דו קאָנסט גיין, און דער אומגליקלעכער זיידע קאָן נישט גיין.

— ריכטיק! — האָט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט דער קייזער, און אָננעמענדיק איר פאַרן האַנט האָט ער געזאָגט: — גוט, פיר מיך אַוועק צו דיין זיידן.

דאָס מיידעלע האָט אָנגעהויבן שפּרינגען פון גרויס פרייד און אַוועקגעפירט אַלעקסאַנדערן אַהיים צום פאָטער, וואו עס איז געלעגן איר קראַנקער זיידע.

— זיידע! זיידע! — האָט פריידיק אויסגעשריגן דאָס מיידעלע, בעת זי איז מיטן קייזער, אין דער באַגלייטונג פון זיין גלענצנדער סוויטע, אַריין אין צימער, וואו עס איז געלעגן דער קראַנקער, — דו האָסט דאָך אַזוי געוואָלט זען דעם קייזער, אָט איז ער, זע, איך האָב אים צו דיר געבראַכט.

עטלעכע מינוט איז דער קראַנקער געבליבן ווי פּאַראַליזירט, און דערנאָך האָט ער זיך מיט גרויס מי אַוועקגעזעצט אויפן בעט, און מיט אַ שטילער, שוואַכער שטים האָט ער געבעטן, מ׳זאָל אים דערלאַנגען וואַסער. ער האָט געוואַשן די הענט און מיט זיינע לעצטע קרעפטן האָט ער אויפן קול געבראַכט די ברכה.

— איצט, — האָט געזאָגט דער אַלטער, — קאָן איך רואיק שטאַרבן: איך האָב געהאַט די זכיה צו זען דעם קייזער...

די הויז־מענטשן האָבן דערקלערט דעם קייזער דעם זין פון דערדאָזיקער, אים אין אַנהויב אומפאַרשטענדלעכער סצענע. אַלעקסאַנדער איז געבליבן זייער צופרידן, האָט זיך פריינטלעך געזעגנט מיט דעם אַלטן און מבטיח געווען, אים צו שיקן זיין דאָקטאָר; דערביי האָט ער אַ קוש געטון דאָס מיידעלע, האָט איר געשענקט צוויי רענדלעך און איז אַוועקגעגאַנגען.

ג

באַזונדערס כאַראַקטעריסטיש איז די פאָלגנדיקע לעגענדע, וואָס יידן אין ליטע און ווייס־רוסלאַנד דערציילן נאָך עד היום וועגן אַלעקסאַנדער דעם ערשטן:

אין פּרוזשין האָט געוואוינט אַ געוויסער ייד, וועלכער האָט געהייסן „ברוך דער משולח". אין יענע גוטע צייטן, בעת ס׳זענען נאָך נישט געווען קיין אייזנבאַנען און קיין טעלעגראַפן און קיין געלט־קאָנטאָרן, און ווען די פּאָסט האָט עקזיסטירט מייסטנס בלויז פאַר די באַדערפעניש פון דער מלוכה, האָט מען ברוך דעם משולח אויסגענוצט אויף פאַרשיידענע שליחותן.

מ׳פלעגט, אַ שטייגער, קומען צו אים און זאָגן: ר׳ ברוך, גייט אייך אַריבער אין יענער און אין יענער שטאָט, זעט זיך דאָרט מיט יענעם און יענעם מענטשן און גיט אים איבער מונד־לעך דאָס און דאָס...״ ברוך פלעגט אַריבערגיין און דורכשמועסן זיך און באַקומען פאַר זיין טרחה דרייסיק גראָשן. טאָמער האָט עמעץ געדאַרפט אַפּשיקן ערגעץ־וואו געלט, האָט ער דאָס גע־טון דורך ברוכן. פאַר דער גאַנצקייט פון דעם געלט האָט קיי־נער קיין מורא נישט געהאַט; מ׳האָט אים אַנגעטרויט די גרעסטע סומעס אָן אַ שום צעטל, און קיינמאָל האָט זיך מיט אים קיין שום שלעכטס נישט געטראָפן...

ברוך דער משולח איז געווען אַ גרויסער אביון. כאָטש ער האָט זיך תמיד געפונען אין וועג, האָט ער נישט פאַרדינט מער פון פינף גילדן, ד. ה. 75 קאָפּיקעס וועכנטלעך, און מיט דעם האָט ער געדאַרפט מפרנס זיין אַ ווייב מיט עטלעכע קינדער. ברוך האָט זיך אָבער נישט געקלאָגט אויף זיין גורל, און ער האָט זיך געלעבט „אין טאָג אַריין״. זונטיק פאַרטאָג פלעגט ער זיך אָועקלאָזן אין וועג אַריין, פלעגט ער איבער דער וואָך באַזוכן די נאָענטע שטעט און שטעטלעך און אויס־פירן אַלערליי שליחותן, און פרייטיק פאַרנאַכט פלעגט ער קומען אַהיים, וואו ער פלעגט פאַרברענגען ביז איבער שבת, און דערנאָך, — ווידער אין וועג.

נאָר איין דאגה פלעגט אים אַמאָל נעמען עקבערן דעם מוח: ביי אים זענען אויסגעוואַקסן, קיין עין־הרע עטלעכע כלה־מיידן, און ער האָט זיי נישט מיט וואָס [illegible] צו מאַכן. צופיל דאָס האַרץ האָט ער זיך אָבער דערפון נישט אָפּגעגעסן, און אַז דאָס ווייב פלעגט אים פאַרוואַרפן מיט פראַגן: וואו וועלן מיר געמען נדן? — פלעגט ער אויף דעם שטענדיק ענטפערן:

— גאָט וועט געבן.

— פון הימל וועט מען דאָך אָבער אונדז נישט אַראָפּ־וואַרפן, — פלעגט דאָס ווייב נעמען טענהן — און חייקע איז

שוין אין אַזעלכע יאָרן, ווען מען דאַרף איר פירן אונטער דער חופה...

— זייער גוט, — פלעגט זיך ברוך אָפּרופן גאַנץ רואיק, — דאָס הייסט, אַז מען דאַרף שוין פאַר איר זען אַ חתן.

— קיין חתנים פעלן נישט, זאָל נאָר אַזוי זיין געלט.

— דער עיקר איז דער חתן, און וועגן געלט וועט קיין אָפּהאַלט נישט זיין.

— וואו וועסטו נעמען?

— גאָט וועט געבן, — דאָס איז געווען זיין שטענדיקע תשובה.

ברוך האָט טאַקע אַ מינוט נישט געצווייפלט, אַז ווי נאָר ער וועט אויסזוכן אַ פּאַסענדן חתן, וועט אים גאָט געבן אויף נדן, און נישט אָפּלייגנדיק לאַנג די זאַך, האָט ער אָנגעהויבן זוכן אַ חתן פאַר זיין חייקען.

וועלכן שדכן ברוך האָט נאָר באַגעגנט, האָט ער אים באַלד געזאָגט, אַז ער גיט דער טאָכטער נדן 35 רענדלעך, אַז ער וועט איר מאַכן אַן אַטלעסן קלייד, און וועט איר געבן בכלל אַ שיינעם אויסשטייער.

אַז מענטשן, וועלכע האָבן געוואוסט, אַז ער האָט נישט ביי דער נשמה אַפילו קיין צעבראָכענעם צווייער, פלעגן אים אַ פרעג טון: וואו וועט איר דאָס אַלץ נעמען, ר׳ ברוך? — פלעגט ער נישט לייקענען, נאָר מגלה זיין זיי דעם גאַנצן אמת און זאָגן, אַז ער האָט טאַקע גאָרנישט, נאָר עס וועט זיין. גאָט וועט געבן.

חייקע, וועלכע איז געווען אַ מיידל אַ יפת־תואר, מיט קאַרשן־אויגן און מיט זיידענע פעך־שוואַרצע האָר, האָט באַלד אויף זיך געצווינגען אַ בעלן. דאָס איז געווען אַ געוויסער בענדעט פּאָנפּע. מען האָט אים געגעבן דאָס צונעמעניש „פּאָנפּע", ווייל ער האָט גערעדט אונטער דער נאָז, אויסערדעם האָט ער נאָך אַ ביסל אונטערגעהונקען און איז בכלל געווען אַ פּאַרזעעניש, וואָס קוקנדיק אויף אים, האָט מען זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן פון געלעכטער.

מ׳האָט געשריבן „תנאים״. ברוך דער משולח האָט צוגע־זאָגט איינצולייגן פאַר דער חתונה דעם נדן און צו געבן דעם חתן שיינע מתנות, און אַזוי איז חייקע מיט מזל אַ כלה געוואָרן.

עס זענען אַוועק עטלעכע חדשים נאָך די „תנאים״; ברוכס ווייב וויינט און קלאָגט: וואו וועלן מיר נעמען נדן? ווי אַזוי וועלן מיר זיך אויסדרייען? און ברוך ענטפערט זיך קאַלטבלוטיק, ווי פריער: גאָט וועט געבן.

עס זענען אַריבער נאָך עטלעכע חדשים, בענדעט פאַנפע מיט זיינע עלטערן האָבן גענומען צושטיין צו ברוכן: נו, וואָס הערט זיך וועגן דעם נדן? באַלד דאַרף דאָך שוין זיין די חתונה. ברוך איז זיך גאַנץ רואיק און זאָגט: מילא, אַז ס׳וועט דאַרפן זיין חתונה, וועט אַלץ זיין אין דער בעסטער אָרדנונג.

— וואו וועט איר אָבער נעמען?

— גאָט וועט געבן.

ס׳איז אָנגעקומען דער טערמין פון דער חתונה. ברוך האָט פאַנאַנדערגעשיקט איינלאַדונגען צו פריינט און באַקאַנטע. אַלע וואונדערן זיך, וואָס וועט דאָס עפעס זיין פאַר אַ חתונה, צו וועלכער מ׳האָט נאָכנישט געמאַכט קיין שום הכנות, און די כלה גייט נאָך אַרום כמעט נאַקעט און באָרוועס. און ברוך האָט זיך אָט אויף די אַלע פראַגן נאָר איין שטענדיקן ענטפער: גאָט וועט געבן.

— עפעס אַ ווילדער מענטש — זאָגן לייט — ס׳איז אינ־טערעסאַנט צו זען מיט וואָס וועט זיך אַלץ ענדיקן.

ס׳איז ענדלעך אָנגעקומען דער טאָג פון דער חתונה.

ברוך האָט פון ערגעץ באַקומען אַ פאָר גענז, האָט זיי אָפּגעבראָטן, געקויפט אַ טאָפּ בראָנפן, דאָס ווייב האָט אָפּ־געבאַקן אַ לעקעך, מ׳האָט איינגעלאַדן כלי־זמר, — נישט ער אַליין וועט דאָך זיי דאַרפן באַצאָלן; ווער עס וועט וועלן טאַנצן, יענער וועט באַצאָלן; דערווייל דאַרף מען אָפּשפּילן אַ חתונה.

בענדעט פאַנפע מיט זיינע עלטערן האָבן זיך אָנגעהויבן קווענקלען: צי פירט זיי דאָ ברוך נישט אין חדר?... און האָבן

צווישן זיך פעסט באַשלאָסן, אַז דער חתן זאָל נישט גיין צו דער חופּה ביז דער מחותּן וועט נישט איינלייגן דעם נדן.

דער כּלהס מוטער גייט שיער נישט גראָפּ פון זינען, כּסדר גריזשעט זי דעם מאַן: וואָס האָסטו אָנגעמאַכט?! די טוסט דאָך אונדז אָן חרפּות פאַר דער גאַנצער וועלט! חוץ אַ סקאַנדאַל וועט דאָך פון דער חתונה גאָרנישט אַרויסקומען!...

און ער, ברוך, ענטפערט זיך גאַנץ קאַלט:

— אין דער מינוט גייט מען דאָך נאָכנישט צו דער חופּה, און דערווייל וועט גאָט געבן.

— וואָס? ער וועט דיר אַראָפּוואַרפן פון הימל? — האָט זיך געקאָכט דאָס ווייב.

— וואָס עפּעס פון הימל? גאָט האָט אויף דער ערד אויך פיל וועגן, און אויב ער וועט נאָר וועלן, קאָן ער געבן זייער אַ סך.

בענדעט פאַנפע מיט זיין פאָטער און מוטער זענען געקומען אין דער וואוינונג פון דער כּלה, און זענען תּיכּף צוגעטראָטן צום עסק; ווייזט נאָר, זייט אַזוי גוט, ר' מחותּן, אייער טאָכטערס נדן.

— אָך, מיטן גרעסטן פאַרגעניגן מיינע טייערע געסט! שרה! — אַזוי האָט מען גערופן ברוכס פרוי — גיי און ווייז זיי דעם נדן!

די פרוי האָט זיי אַריינגעפירט אין שלאָף-צימער און געוויזן זיי אַ קליינינקע פּערענע, אַ ברעקל קישעלע, עטלעכע העמדער פון גראָבן ליוונט, אַ קעסטעלע מיט פאַרשיידענע שמאַטעס און געזאָגט:

— אָט האָט איר דעם גאַנצן נדן.

— בסך הכּל דאָס?

— מיט וואָס מיר פאַרמאָגן, מיט דעם פרייען מיר זיך. וואָלטן מיר געהאַט מער מיטלען, וואָלטן מיר איר אָנגעטון אין זיידנס און אין סאַמעט, מיר וואָלטן איר באַגילט פון קאָפּ ביז די פיס...

— נו, און געלט?

— אָך, אָך, אָך!...

— איר האָט דאָך אונדז מבטיח געווען, אַז אַלץ וועט זיין אין אָרדנונג?

— איך האָב געזאָגט — ענטפערט ברוך — אַז גאָט וועט געבן; איך האָב באמת געמיינט, אַז ער וועט געבן. איצט, ווי איר זעט, האָט ער נישט געגעבן, און אויב ער האָט נישט געגעבן — טאָ פונוואַנען זאָל איך נעמען? איך אַליין האָב דאָך גאָרנישט.

— פאַרוואָס האָלט איר אונדז?

— פאַר מיינע קינפטיקע קרובים.

— נישט מיינט דאָס גאָר... מיר זענען נאָך, דאַנקען גאָט, נישט קיין נאַראָנים, איר באַליידיקט אונדז ממש. אונדזער בענדעט איז עפּעס אַן אַ האַנט, צי אַן אַ קאָפּ, וואָס ער דאַרף חתונה האָבן מיט אַן אביונטע אַ מיידל? ער איז דאָס נישט, דאַנקען גאָט!...

און ביי ברוכן אין שטוב האָט זיך געגומען אָפּשפּילן איינע פון יענע פרייליכע סצענעס, וועלכע מ'האָט אין יענער צייט אָפט געזען באַמערקן אויף יידישע חתונות. דאָ זיצן דער חתן, די כלה, די געסט, עס שפּילן די כלי־זמר, מען טאַנצט, מען באַזעצט די כלה, מען פלעכט איר פאַנאַנדער די האָר, מיט איין וואָרט: די חתונה האַלט אין פולן ברען, און דערביי, אין צווייטן צימער, איז אַ טומל און אַ געפּילדער, די מחותנים קריגן זיך פאַר אַ נישט־דערגעבן קליידל. געוויינלעך ענדיקט זיך דאָס אַלץ מיט גאָרנישט; מען קריגט זיך, מען זידלט זיך אפילו, און דערנאָך מאַכט מען שלום און מען הויבט זיך אָן משמח זיין, און כמעט קיינמאָל טרעפט נישט, אַז צוליב דעם, וואָס מען איז נישט ממלא די הבטחה, זאָל פאַנאַנדערגיין דער שידוך. פונדעסטוועגן האַלט עפּעס יעדער צד ווי פאַר זיין חוב צו קאָכן זיך, און צייטנווייז כאַפּט שוין דאָס קאָכן זיך אַריבער די מאָס.

בענדעטס קרובים האָבן זיך זייער געקאָכט: זיי האָבן געמאָלדן קאַטעגאָריש, אַז כל־זמן מ'וועט זיי נישט אָוועקלייגן

דאָס געלט אויפן טיש, ווען בענדעט פּאָנפּע נישט גיין צו דער חופּה. אין שטוב איז זיך דערווײַלע די חתונה בעגאַנגען אויף איר געוויינלעכן שטייגער: די כּלי־זמר האָבן כּסדר געשפּילט זייער טרויעריקע, הארצרייסנדע מעלאָדיעס; שלום דער שמש איז אַרויפגעקראָכן אויף אַ באַנק, האָט זיך געמאַכט פאַר אַ לץ, און האָט גענומען נאָכמאַכן די שפּילעריי פון די כּלי־זמר. די ווייבער האָבן געכליפּעט אויפן קול, ווייל עס איז אַ מנהג צו וויינען, די כּלה האָט אויך געוויינט, אָבער גאַנץ אויפריכטיק, צוליב פיל טעמים, און בענדעט פּאָנפּע מיט זיינע קרובים האָבן זיך געטון זייערס: זיי האָבן געפּאָדערט געלט און געדראָט, אַז אויב נישט, גייען זיי תיכּף אַוועק אַהיים. עס איז שוין געווען שפּעט אין אָוונט, און חתן־כּלה זענען נאָך אַלץ נישט געגאַנגען צו דער חופּה.

אין דעמדאָזיקן שלימזלדיקן טאָג, בעת אין הויז פון ברוך דעם משולח איז פאָרגעקומען די טראַגי־קאָמישע חתונה, איז דורכגעפאָרן פּרוזשין אַלעקסאַנדער דער ערשטער, וועלכער האָט זיך אָפּגעשטעלט, ווי תמיד, ביי איסר ראַבינאָוויטש.

ס'איז דאַן געווען זומער־צייט; דרויסן איז געשטאַנען אַ שיינער וועטער. בייטאָג האָט די זון שרעקלעך געברענט, און נאָר אין אָוונט איז די לופט געוואָרן פריש, און מ'האָט געקענט אָטעמען.

אין אָוונט, אַז ס'איז געוואָרן פינסטער, איז דער קייזער אַרויס אין דער באַגלייטונג פון זיין אַדיוטאַנט שפּאַצירן. קיין סעדער, קיין בולוואַרן און קיין אָפּערע איז דאַן אין פּרוזשין נישט געווען, און עס איז געוויס איצטער אויך נישטאָ; דער קייזער איז אַוועק אויף דער הויפּט־גאַס, אין דער ריכטונג צו די פעלדער.

די פּרוזשינער איינוואוינער, וועלכע האָבן נישט ליב געהאַט צו זיצן שפּעט, האָבן זיך שוין געלייגט שלאָפן, און חוץ די פּאָליציאַנטן, וועלכע האָבן אַרומגעשמייעט צוליב דעם קייזערס קומען, האָט מען קיינעם אויפן גאַס נישט געזען. אַלץ אַרום איז געווען פאַרזונקען אין פינסטערניש; עס האָט געהערשט

אַ טויט-שטילקייט. דער קייזער איז געגאַנגען און האָט שטיל געשמועסט מיט זיין אַדיוטאַנט.

פּלוצלונג האָט צום קייזערס אויער דערגרייכט אַ האַרצ-רייסנדע קוויטשעריי פון אַ פליים, און נאָכדעם האָט ער דער-הערטווילדע קלעפּ פון אַ באַראַבאַן און אַ סקריפּעריי פון אַ פידל.

— ווי איך זע — האָט זיך דער קייזער אָפּגערופן מיט אַ שמייכל — זענען מיינע גוטע פּרוזשינער אונטערטאַנען זייער שלעכטע מוזיקאַנטן.

— ס'איז נישט קיין וואונדער, מאַיעסטעט — האָט גע-ענטפערט דער אַדיוטאַנט — זיי שפּילן אויף אַ יידישער חתונה. דאָסדאָזיקע פאָלק האָט ליב שלעכטע מוזיק...

— אַזוי, דאָס איז אַ יידישע חתונה! דאָס איז זייער אינ-טערעסאַנט... איך מוז איר זען...

און דער צו ראָמאַנטיק גענייגטער קייזער האָט זיך פאַר-קירעוועט אין דער זייטיקער גאַס, פונוואַנען ס'האָבן זיך גע-טראָגן די קלאַנגען פון דער אָריגינעלער מוזיק.

דער קייזער מיט זיין אַדיוטאַנט זענען צוגעגאַנגען צו אַ קליין אַלט הייזל, אָפּשטעלנדיק זיך מיט עטלעכע טריט פריער און דורך די העל באַלויכטענע פענסטער האָט זיך פאַר זיי אַנטפּלעקט דאָס פאָלגנדיקע אָריגינעלע בילד: אינמיטן צימער אויף אַ שטול איז געזעסן אַ פרוי מיט פאַנאַנדערגעלאָזטע פּרעכטיקע האָר. איר געזיכט איז געווען צוגעדעקט מיט אַ טיכל, און זי האָט היסטעריש געוויינט. אַרום איר פון אַלע זייטן זענען געשטאַנען אַנדערע פרויען, אַלטע און יונגע, וועלכע האָבן אויך געוויינט. צווישן די פרויען איז געשטאַנען אויף אַ בענקל אַן אַלטער ייד מיט אַ לעכערלעכער פיזיאָנאָמיע, וועלכער האָט געמאַכט מיט די הענט, און מיט אַ זינגענדיקן קול עפּעס גערעדט, געשריגן; מינוטנווייז איז דער רעדנער אַנטשוויגן געוואָרן, און דאַן האָבן זיך פון אַן אַנדער צימער געטראָגן האַרצרייסנדע קלאַנגען פון מוזיק; בעת די מוזיק איז געבליבן שטיל, האָט ער ווידער אָנגעהויבן צו ריידן,

זשעסטיקולירנדיק בעת מעשה מיט די הענט. עס האָבן זיך דערביי געפונען פיל מאַנספּייט און ווייבער, וועלכע האָבן, קענטיק, קיין שום אַכט נישט געלייגט אויפן רעדנער: זיי זענען געווען פאַרנומען מיט עפּעס אַנדערש. זיי האָבן צווישן זיך הויך גע־רעדט, זיך געאַמפּערט און געקריגט, אַנדערע פון זיי זענען, ווי עס ווייזט אויס, אַרויס פון די כלים, און אַנדערע האָבן זיך באַמיט זיי צו באַרואיקן, איינריידן און מאַכן אַ פּשרה אין אַ געוויסן ענין.

עטלעכע מינוט איז דער קייזער געשטאַנען שווייגנדיק און האָט זיך צוגעקוקט.

— דאָס מוז זיין די כלה, אָט יענע ביי וועלכער עס זענען צעלאָזן די האָר, — האָט באַמערקט דער קייזער.

— אַזוי איז עס, אייער מאַיעסטעט.

— וואָס פאַר אַ הערלעכע האָר! זי מוז זיין אַ בילד־שיינקייט... אָבער וואָס קומט עס דאָ ביי זיי פאָר?

— באַפעלט איר מיר, אייער מאַיעסטעט, זיך צו דערוויסן?...

— יאָ; גיי און דערוויס דיך.

דער אַדיוטאַנט איז אַריינגעגאַנגען אין ברוך דעם משולחס הויז (דאָס איז געווען זיין הויז, און ער האָט דאָס געפירט די חתונה פון זיין טאָכטער), וואו אַלע זענען ביי זיין דערשיינען מיטאַמאָל געוואָרן שטיל, און אין עטלעכע מינוטן אַרום האָט ער זיך צוריקגעקערט צום קייזער, וועלכער האָט אים דערוואַרט.

— דאָס אַמפּערן זיי זיך, אייער מאַיעסטעט, וועגן דעם נדן... די כלה האָט נישט דעם צוגעזאָגטן נדן... וויל דער חתן נישט גיין צו דער חופּה...

— איך וויל זען די כלה, — האָט געזאָגט דער קייזער.

דער אַדיוטאַנט איז אַוועק, און אין אַ מינוט אַרום זענען אַרויס פון שוב, מיט ליכט אין די הענט, די כלה, די מוטער, דער פאָטער און כמעט אַלע איבעריקע געסט, וועלכע זענען, דערזעענדיק דעם קייזער, געבליבן שטיין פון דערווייטן.

די כלה איז צוגעגאַנגען צום קייזער, און איז געבליבן שטיין ווי אַן איינגעגראָבענע.

— אויב דו האָסט פאַר מיר קיין מורא נישט, טאָ אַנטפּלעק דיין געזיכט, — האָט צו איר דער קייזער ליבלעך געזאָגט.

זי האָט אַראָפּגענומען דאָס טיכל, און איז געוואָרן רויט ביז איבער די אויערן.

— און וואו איז דיין חתן? — האָט געפרעגט דער קייזער.

אין אייניקע מינוטן אַרום האָט זיך געשטעלט פאַרן קייזער בענדעט פּאָנפּע.

אַלעקסאַנדער פּאַוולאָוויטש האָט אים באַטראַכט פון קאָפּ ביז די פיס און אויף זיינע ליפּן האָט זיך באַוויזן אַ שמייכל.

— פאַרוואָס ווילסטו נישט גיין צו דער חופּה?

— ער האָט צוגעזאָגט נדן... האָט דער חתן קוים זאָגי־קאָוואַטע אַרויסגערעדט אין גרויס פאַרלעגנהייט.

דער קייזער האָט זיך נאָך מער פאַנאַנדערגעשמייכלט.

— דו האָסט, קענטיק, זייער ליב דיין כּלה?...

— יאָ — האָט אומבאַוואוסטזיניק אַרויסגעבאָמבלט דער אומגליקלעכער חתן.

— נו, און דו? — האָט דער קייזער מיט אַ כיטרן שמייכל אַ פרעג געטון דער כּלה — דו האָסט אים אויך זייער ליב?

די כּלה האָט געשוויגן.

עטלעכע מינוט האָט אַלעקסאַנדער פּאַוולאָוויטש געשוויגן, און פאַנאַנדערלאַכנדיק זיך שטילערהייט איבער אַ געדאַנק, וועלכער האָט אים פּלוצלונג אויפגעבליצט אין מוח האָט ער זיך געווענדעט צום חתן מיט דער פראַגע:

— נו, און אויב דיין כּלה וועט האָבן נדן, וועסטו גיין צו דער חופּה?

— יאָ, איך וועל גיין...

— וואָס פאַר אַ חכם דו ביזט, — האָט סאַרקאַסטיש באַמערקט דער קייזער — נו, גוט, דיין כּלה וועט האָבן אויף נדן צוויי הונדערט רענדלעך; איך הייס איר אַרויסגעבן. ביסטו מרוצה צו גיין צו דער חופּה?...

— איך בין מרוצה, מרוצה... האָט געענטפערט דער חתן מיט פרייד.

— זייער פיין. פירט אים, מיינע הערן, צו דער חופה — האָט זיך דער קייזער געווענדעט צו די יידן, וואָס זענען געשטאַנען פונדערווייטן — און האַלט אים — האָט ער מוסיף געווען, בעת יענע האָבן געאיילט אויספירן זיין באַפעל — אונטער דער חופה פיראונצוואַנציק שעה, און דו, מיין שיינהייט — האָט דער קייזער ליבלעך געזאָגט צו דער כלה — בלייב אינדערהיים. דו וועסט געפונען אַ מענטש, וועלכער וועט דיך ליבן נישט פאַר געלט, און יענעם מענטשן וועסטו אָפּגעבן דעם נדן, וועלכן איך גיב דיר...

———

פון יענער צייט אָן איז ווען ברוך דער משולח פלעגט זאָגן, אַז גאָט וועט געבן, האָט שוין קיינער פון אים נישט געלאַכט. אַלע האָבן געזען באַשיינפערלעך, אַז גאָט גיט אים באמת. פאַר דעם קייזערס רענדלעך האָט ער אויסגעגעבן נישט איינע, נאָר צוויי טעכטער, און האָט זיך אויך געעגנט אַ קרעמל. — בכלל איז אים פון יענער צייט גוט אַוועק, אַזוי גוט, דאָס עס האָט זיך אַפילו דערוועקט אַ חשד, צי איז דאָס באמת געווען דער קייזער אַלעקסאַנדער, און צי האָט זיך נישט פאַרשטעלט פאַרן קייזער אליהו הנביא, דורך וועלכן גאָט אַליין האָט צוגעשיקט ברוכן אַ גליק פאַר דעם. וואָס ער האָט אין אים אַזוי שטאַרק געגלויבט!...

און בענדעט פאַנפע?

אים האָט מען, נעבעך, אָפּגעהאַלטן פיראונצוואַנציק שעה אונטער דער חופה, און ער האָט זיך, זעלבסטפאַרשטענדלעך, אויף דער כלה נישט דערוואַרט: בענדעט פאַנפע איז איר שוין נישט געלעגן אין זינען...

VIII

ר׳ יום־טוב ליפּמאַן זעלצער

א

געבוירן איז ער אין אָנהויב פון נײַנצעטן יאָרהונדערט אין שקלאָוו, מאָהילעווער גובערניע. זײַן פאָטער, אײנער פון די גרעסטע שקלאָווער מיוחסים (ער האָט געשטאַמט פון דעם „תוספות יום־טובס" משפחה), איז געווען אַ באַדײַטנדער זאַלץ־סוחר (פון וואָס ער האָט באַקומען דעם פאַמיליען־נאָמען: זעלצער), וועלכער האָט געהאַט געשעפטן אויך מיט אויסלאַנד. דער אַלטער וואָלף זעלצער האָט געפירט אַן עכט־יידיש־פּאַטריאַרכאַליש לעבנס־שטייגער; זײַן הויז איז געווען אַ נעסט פון תורה, פון יראה און פון צדקה, און אָנגעזאַפּט מיט אַלעם שענסטן און בעסטן פון די יידיש־נאַציאָנאַלע טראַדיציעס. אין דעם הויז האָבן די יידישע פאָלקס־לײַדן תּמיד געפונען זייער שטאַרקסטן אָפּקלאַנג. דאָ פלעגן די ראשי־הקהל פון דער גאַנצער געגנט אָפּהאַלטן זייערע באַראַטונגען בײַ יעדער עת־צרה, בעת עס פלעגן זיך פאַנאַנדערהוליען בייזע ווינטן און שטעלן דאָס רוסישע יידנטום אין גרויס סכנה, און פון דאַנען פלעגן אַרויס שטאַפעטן אָנצוזאָגן פון שטאָט צו שטאָט די גוטע בשורה, צי ס׳האָט זיך אײַנגעגעבן אײַנצושטילן דעם קטרוג אין די „הויכע ספערן" און אויסצובעטן גוטס פאַר יידן.

אויפגעהאָדעוועט זיך אין אַזאַ ספערע, איז דער קליינער ליפּעלע זעלצער נאָך פון זיין פריערסטער יוגנט געוואָרן באַזונדערס פילבאַר פאַר יידישע נויטן און יידישע צרות. זיין אויער האָט באַלד דערכאַפּט פון דער לופט דעם יידישן קרעכץ, וועלכער האָט אַרויסגערופן אין זיין צאַרטן, יינגלשן געמיט אַ הייסן שטראָם רחמנות־געפילן. ווען ער איז אַביסל עלטער געוואָרן און אָנגעהויבן פאַרשטיין, אַז אַלץ דאָס שלעכטס און מסופּנדיקעס אינם יידישן אויסערלעכן לעבן איז אויסגעוואַקסן בלויז אויף דעם באָדן פון דער יידישער רעכטלאָזיקייט און פונם רוסיש־ביוראָקראַטישן ווילקיר, פלעגט זיך אין אים גאַנץ אָפט אָנצינדן אַ פייערל פון שטאָלצן כעס. וועגן איינעם פון די־דאָזיקע מאָמענטן, וועלכע האָבן אין אים ענדלעך רייף געמאַכט דעם באַשלוס, שטרעבן דערצו, ער זאָל באַקומען די מעגלעכקייט צו ווערן אַ טוען און אַ מליץ־יושר פאַר וועמען מען דאַרף אויף דעם יידישן פאָלק, און צו דערלייזן אים פון זיינע אוממענטשלעכע לעבנס־באַדינגונגען. פלעגט ר׳ ליפּעלע זעלצער שפּעטער, אויף דער עלטער, ליב האָבן צו דערציילן איינע פון זיינע יוגנט־דערינערונגען. דאָס איז געווען די דערינערונג וועגן די סלאַוויטער מדפיסים, די ברידער שאַפּיראָ, וואָס דער קייזער ניקאָלײַ דער ערשטער האָט זיי באַשטראָפט מיט שפּיצרוטן, פאַרוואָס זיי האָבן אין געהיים, אָן צענזור, געדרוקט קבלה־ספרים.

„בעת מ׳האָט אָנגעהויבן פויקן מיט די באַראַבאַנעס, — אַזוי פלעגט זעלצער דערציילן, — און אַלץ איז שוין געווען פאַרטיק צו דער עקזעקוציע, האָט שאַפּיראָ גאַנץ רואיק, לאַנגזאַם און שטיל, גענומען זאָגן ודוי; קיין שום אויפרעגונג, קיין שום סימן פון באַקלאָגן־זיך, איז נישט געווען צו באַמערקן אין זיין בליק, בלויז אַ פולקומע אונטערטעניקייט צו דעם ווילן פונם באַשעפער. זיין לעצטע בקשה איז געווען, מ׳זאָל אים דערלויבן נישט אַרונטערצונעמען די יאַרמעלקע, כדי ער זאָל אין די לעצטע מינוטן נישט בלייבן מיט אַ בלויזן קאָפּ. און בעת מ׳האָט אים געטריבן דורכן „סטראָי״, בעת ס׳האָט אַ שפּריץ־

געטון דאָס בלוט און שטיקער פלייש זענען געפלויגן אין דער לופט, און פון זיין קערפער איז געוואָרן אַ שטיק בלוט-מאַסע, האָט ער זיך ביטאַמאָל, אונטער דעם סווישטש פון די ריטער אָפגעשטעלט, נישט רירנדיק זיך פון אָרט... ער האָט פאַרלאַנגט, מ'זאָל מיט אים טון דעם לעצטן חסד: מ'זאָל אים צוריק אָנטון די יאַרמעלקע, וואָס איז אים אַרונטערגעפאַלן פון קאָפּ"...

„תמיד, — אזוי גיט-איבער זעלצערס אַן אייניקל, — ווען דער זיידע האָט גענומען דערציילן וועגן דעם סלאַוויטער מאַרטירער, האָט זיך געפילט, אַז ער לעבט-איבער אַ גאַנצע דראַמע, ס'האָט זיך געפילט אַ גרויסער אומעט און, צוזאַמען מיט דעם, אַ גרויסער שטאָלץ... און אַ לאַנגע צייט נאָכדעם, ווי ער פלעגט פאַרענדיקן די דערציילונג, פלעגט מען אין שטוב קיין ליכט נישט אָנצינדן און קיין הויך קול נישט אַרויסלאָזן"...

דאָסדאָזיקע געשעעניש, און נאָך אייניקע אַזעלכע, האָבן אין אים פאַרשטאַרקט דעם באַשלוס צו ווידמען זיינע כחות זיין אומגליקלעך פאָלק.

און גאַנץ פרי האָט זעלצער דערגרייכט זיין לעבנס-צוועק. ערשט פינפאונצוואַנציק יאָר איז ער אַלט געוועזן, בעת מ'האָט אים אויסגעקליבן פאַרן שקלאָווער פּרנס. דערצו האָבן אים מיטגעהאָלפן, ערשטנס, זיינע שפּראַך-קענטעניש ן: רוסיש און דייטש האָט ער פליסיק גערעדט און געשריבן; אויסערדעם, איז ער געווען אַ גאַנץ פיינער העברעער, אַ מענטש מיט אַן אייזערנעם רצון און מיט אַן אומגעהויער גרויסער ענערגיע, מיט אַ געזונטן, שאַרפן פאַרשטאַנד און מיט אַ באַזונדער פעאיקייט צו פאַראינטערעסירן די העכסטע מלוכה-באַאַמטע מיט זיינע מעמאָראַנדומס וועגן דער יידישער לאַגע, וועלכע ער האָט אַליין פאַרפאַסט און צוזאַמענגעשטעלט. ביים מאָהילעווער גובערנאַטאָר איז ער געווען אַ גאַנצער „בן-בית", און ווען ער האָט זיך נאָר פאַר אים מעתדל געווען, הן לטובת יחידים און הן לטובת דעם יידישן כּלל, האָט ער ביי אים תמיד אַלץ געפועלט. ס'האָט לאַנג נישט געדויערט, און פון אַלע יידישע קהלות און ווייס-רוסלאַנד האָט מען זיך אָנגעהויבן ווענדן מיט בקשות צו ר' ליפּעלע

זעלצער, אַז ער זאָל פֿאַרטרעטן זייערע אינטערעסן און באַשיצן זייערע רעכט פֿאַר דער הײַכערער מאַכט. זעלצער האָט אַלע מאָל דידאָזיקע בקשות ממלא געווען, און אַזוי־אַרום איז ער ביסלעכווייז אַרייַנגעצויגן געוואָרן אין שטראָם און איז געוואָרן דער שתדלן פֿונם גאַנצן רוסישן יידנטום.

ב

זעלצערס דעביוט אַלס ערשט־קלאַסיקער שתדלן איז פֿאָרגעקומען אין יאָר 1845, בעת דער קייזער ניקאָלאַי דער ערשטער איז, בשעת איינער פֿון זיינע נסיעות, דורכגעפֿאָרן שקלאָוו.

די גאַנצע שטאָט האָט זיך מכין געווען מיט האַרץ־קלאַפּעניש צום באַזוך פֿון קייזער. שטאַרק אויפֿגערעגט זענען געווען באַזונדערס די יידן. זיי זענען דאָך אויסגעשטאַנען אַזוי פֿיל צרות און געבראָכנעס ליידן, און איין קייזערלעך וואָרט וואָלט דאָך זיי געקאָנט פֿון אַלץ באַפֿרייען אין אַ סעקונדע! ווי קומט מען אָבער צו צו דעם מאַן, וואָס זיין בלויזער נאָמען האָט שוין אָנגעוואָרפֿן גרויס שרעק אויף יעדערן, און באַזונדערס אויף אַ יידן?

בעת ר׳ ליפּעלע זעלצער האָט מודיע געווען דעם עולם, אַז ער וועט זיך אַליין פֿאָרשטעלן דעם קייזער און וועט אים דערלאַנגען אַן אַדרעס מיט אַן השתדלות וועגן פֿאַרשיידענע ענינים לטובת די יידן, איז דאָס ביי אַלעמען אויסגעקומען אַלס אַ העכסט ריזיקאַלישער טריט פֿון אַ מטורף...

עס איז אָנגעקומען דער לאַנג דערוואַרטעטער טאָג. ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן באַווייזן דראָזשקעס, קאַרעטעס, די גלענצנדע סוויטע, די וואַך, און צום סוף – דער פּראַכטפֿולער קייזערלעכער עקיפּאַזש. אין אַן אָנגעשטרענגטער שפּאַנונג האָבן געוואַרט די פֿאַרשיידענע נאָך דער ריי אויסגעשטעלטע דעפּוטאַציעס, און צווישן זיי עטלעכע יידן מיט זעלצערן בראש.

אָבער אין עטלעכע מינוטן אַרום זענען אַלע ביטער ענטטוישט געוואָרן. דער קייזער איז געשלאָפן אין זיין עקיפּאַזש, און ס'איז געגעבן געוואָרן אַ באַפעל דעם קוטשער צו פאָרן ווייטער און נישט אָפּצושטעלן זיך. טרויעריק זענען זיך די דעפּוטאַציעס צעגאַנגען אַהיים. וויפל ווערטער זענען פאַרבליבן נישט אַרויס־געזאָגט און וויפל האָפנונגען זענען נישט מקוים געוואָרן!

זעלצער איז אָבער נישט געווען אַ מענטש, וואָס זאָל זיך אָפּזאָגן פון דעם, וואָס ער האָט איינמאָל באַשלאָסן. זיין ענערגיע האָט נישט געקענט קיין גרעניצן. שנעל, נישט קווענקלענדיק זיך, איז ער צוגעגאַנגען צו אַ נישט־פאַרנומענער פעלד־יעגערשער קאַרעטע, האָט זיך אין איר אַריינגעזעצט און איז נאָכגעפאָרן נאָכן קייזער. דער קוטשער האָט געמיינט, אַז דאָס איז אַ פּערזאָן פון דער קייזערלעכער סוויטע, און האָט אים געפירט. אַזוי איז זעלצער דערפאָרן ביז דער נאָענטסטער סטאַציע, דאָרט האָט ער זיך אָוועקגעשטעלט אויף די טרעפּלעך פונם קייזערלעכן עקיפּאַזש, האָט דערלאַנגט דעם אַדרעס און אַרויסגעזאָגט מונדלעך זיינע השתדלותן. דער קייזער האָט אים פאָרגעלייגט עטלעכע פראַגן, אויף וועלכע ער האָט געענטפערט זייער געלונגען. דער שמועס האָט געדויערט מער ווי אַ פערטל שעה. דער קייזער האָט גוטמוטיק אַ קלאַפּ געטון זעלצערן איבער דער פּלייצע, זאָגנדיק דערביי: „אַ העלדישער ייד!", און האָט אים אָפּגעלאָזט.

בשעת דעמדאָזיקן שמועס איז געזעסן מיטן קייזער אין עקיפּאַזש גראַף ב ע ר ג, דער שפּעטערדיקער פאַרוואַלטער פון פּוילן. בעת זעלצער האָט זיך אין אַ לאַנגער צייט אַרום פאָר־געשטעלט פאַרן גראַף, האָט אים דער לעצטער דערמאָנט די־דאָזיקע סצענע, פרעגנדיק אים דערביי: „איר ווייסט, ווער אַזעלכער ס'איז דער קייזער ניקאָלאַי? בעת ניקאָלאַי הויבט־אויף די האַנט אין זיין קאַבינעט, ווערט פאַרציטערט גאַנץ אייראָפּע!"

צוליב דעמדאָזיקן געשעעניש, וואָס האָט געהאַט אַ גרויסע באַדייטונג אינם לעבן פון די רוסישע יידן, האָט זיך אין

זעלצערס הויז אָפּגעשפּילט די פֿאָלגנדיקע קליינינקע, רירנדיקע דראַמע:

פֿאַרצושטעלן זיך פֿאַרן קייזער האָט מען געמעגט נאָר אין אַ שוואַרצן טוכענעם ראָק. צו דערשיינען ביים קייזער אין דער יידיש־פּאַטריאַרכאַלישער ראַצעמאָרענער קאַפּאָטע איז געווען שטרענג פֿאַרבאָטן. און כאָטש די זאַך איז געווען נויטיק לטובת הכּלל, כאָטש יעדערער האָט פֿאַרשטאַנען, אַז ביי געוויסע אויסנאַמס־פֿאַלן מוז מען מותּר זיין אויף דער טראַדיציע, האָט דאָך זעלצער ביי זיך אַזוי לייכט נישט געקאָנט פּועלן צו נעמען און אָנטון אַ גויאישן בגד. די פֿאַמיליע האָט וועגן דעם אָפּגעהאַלטן עטלעכע פֿאַרטרויליכע זיצונגען און האָט בשום אופֿן נישט געקאָנט קומען צו אַ וועלכן עס איז ענטגילטיקן באַשלוס. עס איז געווען שלעכט אַזוי, אי אַזוי, און די דאָזיקע לאַגע האָט באַשאַפֿן אין שטוב אַ דריקנדיקע שטימונג. אָבער די צייט האָט זיך דערווייל געררוקט, און מ׳האָט זיך אויף עפּעס געמוזט באַשליסן...

איינמאָל שפּעט נאָך האַלבע נאַכט האָט מען פֿון זעלצערן אַוועקגעשיקט אין געהיים אַ שלוח מיוחד אַראָפּצוברענגען דעם איינציקן שקלאָווער „פּוילישן שניידער". אַז יענער איז געקומען, האָט מען אים אַריינגעזעצט אין סאַמע לעצטן צימער, און דאָרט האָט ער אַראָפּגענומען זעלצערן אַ מאָס אויף אַ שוואַרצן טוכענעם ראָק.

זייער געלונגען איז מען אַרויס פֿון דעם שווערן פּראָבלעם, ווי אַזוי צו באַפֿרייען דעם פֿיר־עקיקן ראָק פֿון „ציצית": דעם שניט פֿון הינטן האָט מען געמאַכט אַ פֿאַלשן, און אין אמתן זענען ביידע פֿאָלדן געווען אויפֿגענייט צוזאַמען...

אין אַכט טעג אַרום, אויך אין אַ פֿינסטערער נאָך האַלבער נאַכט, האָט דער „פּוילישער שניידער" אָפּגעבראַכט דעם שוואַרצן ראָק. און עס האָט געדאַרפֿט פּאַסירן, אַז גראָד אין דעם מאָמענט, בעת זעלצער האָט אָנגעמאָסטן דעם ראָק איז אַריין אין צימער זיין אַלטער פֿאָטער. ער האָט אַפֿילו אויך גאַנץ גוט פֿאַרשטאַנען, אַז די זאַך איז זייער נויטיק; דאָך האָט

דער אלטער נישט אויסגעהאַלטן און זיך פאַנאַנדערגעווײנט ווי אַ קלײן קינד אויפן קול און אַ זאָג-טוענדיק: „מײן בן-יחיד... צו וואָס האָב איך דערלעבט!"... — און איז אַרויס פון צימער.

ג

אַ קורצע צײט נאָכדעם, ווי זעלצער האָט דערלאַנגט ניקאָלאַי דעם ערשטן דעם אַדרעס מיט אַ דעקלאַראַציע וועגן פאַרשײדענע יידישע ענינים, האָט מען אים אַרויסגערופן קײן פעטערבורג.

אין פעטערבורג האָט זעלצער באַקומען אוידיענצן בײ די גרעסטע מיניסטאָרן, בײ וועלכע ער האָט זיך משתדל געווען און אויסגעווירקט, מ'זאָל יידישע סוחרים דערלויבן צו קומען צוויי מאָל יערלעך קײן מאָסקווע, אַז יידישע לײט פון 15 ביז 20 יאָר זאָלן זיך מעגן לערנען מלאכות אין די רוסישע הויפּט-שטעט, און אַז מ'זאָל געבן יידן די מעגלעכקײט צו באַשעפטיקן זיך מיט ערד-אַרבעט.

העכסט דערפרײט איבער די גלענצנדע רעזולטאַטן פון זײן השתדלות, האָט זיך זעלצער מכין געווען אָפּצופאָרן אַהײם קײן שקלאָוו. דעם לעצטן טאָג האָט מיט אים אָבער פּאַסירט אין פעטערבורג אַ טרויעריקער צופאַל, וועלכער האָט געהאַט אַ שלעכטע ווירקונג אויף זײן גאַנץ ווײטערדיק לעבן.

אינמיטן נאַכט האָט מען אים אויפגעוועקט פון שלאָף דורך אַ שטאַרקן קלאַפּ אין טיר. ס'איז אַרײן אַן אָפיציר מיט עטלעכע זשאַנדאַרן. אָן שום דערקלערונגען האָט מען געגומען זעלצערן, אַרײנגעזעצט אים אין אַ וואָגן און אַוועקגעפירט אין געפענגעניש. דאָרט האָט זיך הינטער אים פאַרקלאַפּט אַ שווערע טיר מיט אײזערנע ריגלען, און ער האָט נאָר באַוויזן צו דערהערן ווי דער אָפיציר האָט געזאָגט צום וועכטער: „דאָס איז אַ וויכטיקער פאַרברעכער!"

„אַ וויכטיקער פֿאַרברעכער!" אַ קנאַפּע נחמה פֿאַר אַ מענטשן, וואָס האָט געלעבט אין יענע שווערע צייטן. אין בעסטן פֿאַל האָט דאָס געהייסן, אויף לאַנג, אויב נישט אויף שטענדיק, אָפּגעריסן צו ווערן פֿונדערהיים און פֿון דער פֿאַמיליע. אַ גאַנצע נאַכט האָט זעלצער אָן אויג נישט צוגעמאַכט; ער האָט זיך כּסדר געוואָרפֿן אויף זיין געלעגער אין דעם פֿינסטערן קאַמער און זיך געמאַטערט איבער דער פֿראַגע: „פֿאַרוואָס?" דידאָזיקע ספֿקות און יסורים האָבן זיך פֿאַרענדיקט ערשט אין אַ פּאָר טעג אַרום, בעת מ'האָט אים אַריינגעפֿירט אין אַ מין געריכט־הויז און אָוועקגעשטעלט פֿאַר עטלעכע באַאַמטע. דאָ האָט מען אים אין אַ שטרענגן טאָן מודיע געווען, אַז אין איינער פֿון זיינע בקשות האָט ער „געהאַט די העזה צו באַרירן די פּאָליטיק פֿון דער רעגירונג". „פֿאַרטיידיק זיך, אויב דו קענסט, אָבער וואָס קירצער", — האָט פֿאַרענדיקט דער עלטסטער באַאַמטער.

זעלצער האָט פֿאַרשטאַנען, אַז עס איז טייער יעדע מינוט, און האָט זיך אָנגעהויבן פֿאַרטיידיקן. ער האָט גערעדט אַ גאַנצע שעה, און די ריכטער האָבן אים אויסגעהערט זייער אויפֿמערקזאַם, נישט איבעררייסנדיק אים. בעת ער האָט געענדיקט, האָט מען אים באַלד אויפֿן אָרט, נאָך אַ קליינער באַראַטונג, מודיע געווען: „דאָס מאָל ביזטו פֿריי, אָבער זע, אַז מער זאָלסטו נישט אַריינפֿאַלן!"

אַזוי איז זעלצער אָפּגעקומען נאָר מיט בלויזער שרעק: ער איז אָבער געקומען קיין שקלאָוו איינגאַנצן גרוי און פֿאַרעלטערט.

ד

דערדאָזיקער צופֿאַל האָט אָבער זעלצערן נישט ז פֿהענגיק געמאַכט, און ער האָט נישט אויפֿגעהערט פֿאָרטזעצן זיין טעטיקייט אַלס שתדלן מיט דערזעלבער אייזערנער ענערגיע. טאָג

און נאָכט איז ער געזעסן און האָט כּסדר אויסגעאַרבעט פּלענער, ווי אַזוי צו פאַרלייכטערן דעם שווערן און ביטערן מצב פון די רוסישע יידן. אין יאָר 1850 איז זעלצער אַרויס וואוינען קיין וויטעבסק, וואו ער האָט פאַרנומען די שטעל פונם „געלערנטן יידן" ביים סמאָלענסקער, וויטעבסקער און מאָהילעווער גענעראַל-גובערנאַטאָר. דידאָזיקע שטעל האָט אים געגעבן די אָפּטע געלעגנהייט צו באַקענען זיך מיט די גרעסטע און איינפלוסרייכסטע מלוכה-באַאַמטע, וועמענס באַקאַנטשאַפט ער האָט געלונגען אויסגענוצט ביי זיינע פאַרשיידענע השתדלותן לטובת די ווייס-רוסישע יידן.

ביי יעדן געבורטס-טאָג פון קייזער אָדער פון טראָנפאָלגער פלעגט זעלצער אַריינשיקן אין „הויף" אין נאָמען פון יידן אַ הייסע ברכה אין דעם פאָרם פון אַ שיר, געשריבן העברעאיש מיט אַ רוסישער איבערזעצונג ביי דער זייט. איינמאָל בעת דער טראָנפאָלגער, דער שפּעטערדיקער קייזער אַלעקסאַנדער דער צווייטער, איז דורכגעפאָרן וויטעבסק, האָט ער אים אין עקיפּאַזש דערלאַנגט אַ שיר און דערצו אַ בקשה וועגן יידן. אַלעקסאַנדער האָט גערן אָנגענומען דעם שיר מיט דער בקשה, זאָגנדיק דערביי: „איך וועל דאָס ביי מיר האַלטן אין האַרצן צום אייביקן אָנדענקען".

אין יאָר 1851 האָט זעלצער אויסגעאַרבעט אַ פּראָיעקט, וועלכער האָט ענטהאַלטן 82 בויגן, וועגן יידישע קאָלאָניסטן, יידישע שולן און רבנים, און האָט עס איבערגעגעבן דורכן גראַף קיסעלעוו דער רעגירונג. ביי ניקאָלאַיס לעבן איז דערדאָזיקער פּראָיעקט געבליבן ליגן אונטערן גרינעם טישטוך. ווען אַלעקסאַנדער דער צווייטער איז אַרויף אויפן טראָן, האָט אים זעלצער באַגליקווינשט צו זיין קרוינונגס-טאָג מיט אַ שיר, וועלכער איז געווען דורכגעוועבט מיט רמזים וועגן דער אונערטרעגלעכער לאַגע פון יידן אין רוסלאַנד. אָט דער שיר — אַזוי דערציילט מען — האָט געבראַכט דערצו, אַז אַלעקסאַנדער האָט געהייסן אַרויסנעמען זעלצערס פּראָיעקט פון אונטער דעם גרינעם טישטוך און עס איבערגעבן דעם מיניסטאָרן-קאַבינעט.

קורץ נאָכדעם, האָט אַלעקסאַנדער באַפוילן דעם פירשט גאַליצין, וועלכער האָט דעמאָלט אָנגעפירט מיט די יידישע אינטערעסן, ער זאָל באַפולמעכטיקן זעלצערן צו פאַרפאַסן אַ ווערק אין דער רוסישער שפראַך וועגן דעם מהות פון יידנטום, וועגן די דאָגמאַטן פונם יידישן גלויבן, וועגן דעם ייד אין זיין פאַמיליען־לעבן, וועגן דעם ייד אין האַנדל און אין זיין באַציאונג צו דער קריסטלעכער וועלט, וכדומה. זעלצער האָט אויף זיך די זאַך איבערגענומען, און איז צוליב דעם אַריין אין אַ קאָרעס־פּאָנדענץ מיט דעם באַוואוסטן יידישן געלערנטן ר׳ יצחק בער לעווינזאָן, וועלכער האָט אים געגעבן די געהעריקע אָנווייזונגען און אים אָנגעוויזן אויף געוויסע ספרים, וואָס קאָנען אים דינען אַלס מאַטעריאַל.

אָבער איידער זעלצער האָט באַוויזן צו נעמען זיך פאַר דידאַקטישע ספרים, איז ער קראַנק געוואָרן און געשטאָרבן. דאָס איז געווען אין יאָר 1872.

זעלצערס טויט איז געווען זייער אַ שווערער קלאַפּ פאַרן רוסישן יידנטום. לאַנג איז געווען נאָך אים דער טרויער, און נאָך עד היום גייען אַרום אין גאַנץ ווייס־רוסלאַנד פאַרשיידענע לעגענדעס וועגן דעם גרויסן יידישן שתדלן ר׳ ליפּעלע זעלצער.

IX

ר׳ איטשעלע מאָנאַסטירשצינער

א

אין די פֿערציקער יאָרן פֿון פֿאָריגן יאָרהונדערט האָט גאַנץ ליטע און ווייס־רוסלאַנד געקלינגען מיט אַ געוויסן שתדלן, ר׳ יצחק זעליקין, וועלכער איז מער באַקאַנט געווען אונטער דעם נאָמען ר׳ איטשע מאָנאַסטירשצינער. וועגן דעם־דאָזיקן ר׳ איטשעלען, וועלכער האָט פֿון יוגנט אָן געוואוינט אין דעם קליינעם שטעטל מאָנאַסטירשצינע, סמאָלענסקער גו־בערניע, ווערן איבערגעגעבן די פֿאָלגנדיקע פּרטים:

דאָס איז געווען אַ געוויינלעכער ייִד, אַפֿילו נישט קיין איבעריקער למדן. ער האָט געפֿירט זייער גרויסע געשעפֿטן, האָט געהאַלטן פּאָדראַדן ביי דער רעגירונג און זיך גערעכנט פֿאַר אַן עושר מופֿלג. מען האָט אויף אים געזאָגט, אַז ער פֿאַרמאָגט אַ מיליאָן רובל. ר׳ איטשעלע איז געווען אַ גרויסער מפֿורסם אין דער וועלט, נישט צוליב זיין עשירות, אַפֿילו נישט צוליב די פֿיל צדקה, וואָס ער פֿלעגט צעטיילן, נאָר בלויז צוליב זיין שטענדיקער גרייטקייט זיך מוסר־נפֿש צו זיין פֿאַר ייִדן. וואו נאָר עס האָט פּאַסירט אַן אומגליק, וואו נאָר מ׳האָט

געמאַכט אויף יידן אַ בלבול, איז מען תמיד באַלד געלאָפן צו ר׳ איטשעלען, וועלכער האָט קיינמאָל און קיינעם נישט אָפּגעזאָגט אין הילף און פאַרטיידיקונג. באַזונדערס בולט האָט זיך זיין מסירת־נפש אַרויסגעוויזן בשעת דער „אַמטשיסלאַווער גזרה״, ווען ער האָט זיך דערשלאָגן צום קייזער אַליין, כדי צו ראַטעווען די קהלה פון דער גרויסער סכנה, וואָס האָט איר געדראָט.

די אַמטשיסלאַווער גזרה, וועלכע האָט אין איר צייט אויפגערודערט די גאַנצע יידישע וועלט, איז באַשטאַנען אין פאָלגנדיקעס:

דעם 29 דעצעמבער 1843 זענען לויט דעם באַפעל פון דעם פינאַנץ-מיניסטער ספעראַנסקי אַראָפּגעפאָרן קיין אַמטשיסלאַוו, אַ קרייז־שטאָט אין מאָהילעווער גובערניע, עטלעכע רעגירונגס־באַאַמטע צו רעווידירן די יידישע געשעפטן, אויב ס׳געפינט זיך אין זיי נישט קיין קאָנטראַבאַנד. גאַנץ פרי, בעת דאָס שטעטל איז נאָך געשלאָפן, האָט דער נאַטשאַלניק פון דער אָרטיקער מיליטערישער קאָמענדע, פּאָדפּאָרוטשניק ביביקאָוו, אויסגעשטעלט זעכציק סאָלדאַטן ביי עטלעכע יידישע הייזער און קראָמען, וועגן וועלכע ס׳האָבן זיך באַקומען ידיעות, אַז עס ווערן אין זיי פאַרקויפט קאָנטראַבאַנד־סחורות. בייטאָג זענען אין דער געגנוואַרט פון דער שטעטלדיקער „נאַטשאַלסטווע״ געמאַכט קעוואָרן אַ גאַנצע ריי רעוויזיעס. וועלכע האָבן זיך בכלל פאַרענדיקט בשלום. נאָר צום סוף האָבן די רעוויזאָרן אין דער קראָם פון אַ געוויסן סוחר נאָטע פרומקין, געפונען אייניקע פעקלעך קאָנטראַבאַנד, וועלכע מ׳האָט אַריינגעלייגט אין צוויי קעסטלעך. דאָס קלענערע קעסטל האָט מען תיכף אַוועקגעטראָגן אין פּאָליציי; דאָס צווייטע קעסטל איז אָבער געווען אַ שווערס, ס׳האָט געוואויגן העכער פון 3 פוד, און דעריבער איז די סאָלדאַטן איינגעפאַלן צו באַנוצן זיך מיט דעם פערד און וואָגן פון דעם יידישן בעל־עגלה יידל לעוויטין, וועלכער האָט זיך געפונען דערביי. לעוויטין, וועלכער האָט נישט געוואוסט וועגן וואָס דאָ האַנדלט זיך, האָט אָנהויב

בישט געוואָלט געבן דאָס פערד, און דאַן האָבן אים די סאָלדאַטן גענומען אומברחמנותדיק שלאָגן און אים מיט אַ הענטל פון אַ ביקס שווער פאַרוואונדעט דעם קאָפּ. עס איז דאַן געווען אַ חגא־טאָג, צוליב וועלכן עס האָבן זיך אויף דעם דערבייאיקן מאַרק געפונען אַ סך מענטשן — יידן און קריסטן, און אַ מאַן עטלעכע הונדערט פון זיי האָבן זיך אויס נייגיריקייט צוזאַמענגעקליבן אַרום נאָטע פרומקינס קראָם און האָבן זיך צוגעקוקט, ווי מ׳האָט פון דאָרט אַרויסגעפירט די טריפה סחורה. העכסט פאַרביטערט איבער דער ווילדקייט פון די סאָלדאַטן האָט זיך דער המון אָנגעהויבן שטאַרק צו בייזערן, און צוויי יידן זענען מיט זייערע שליטנס אַרויפגעפאָרן אויף די זעלנער, וואָס זענען געשטאַנען ביים קאַסטן, און האָבן זיי אומגעוואָרפן. עס איז געוואָרן אַ גרויסער טומל, און ביביקאָוו האָט אויסגענוצט דעם מאָמענט און געהייסן זיינע סאָלדאַטן שלאָגן די יידן. די דערבייאיקע יידן האָבן זיך געפּרואווט פאַרטיידיקן, אָבער דערזעענדיק, אַז עטלעכע פון זיי גייען אָפּ מיט בלוט, איז דער המון זיך צעלאָפן. די סאָלדאַטן האָבן זיי אָבער נאָכגעיאָגט און מערדערלעך געשלאָגן. ערשט אין עטלעכע שעה אַרום איז געוואָרן רואיק, און דאַן האָט מען אויך דאָס צווייטע קעסטל מיט דער קאָנטראַבאַנד אַריבערגעפירט אין פּאָליציי.

אין דעמזעלבן טאָג, פאַרנאַכט, האָבן זיך צוזאַמענגעקליבן אויף אַ געהיימער זיצונג דערזעלבער פּאָדפּאָרוטשניק ביביקאָוו מיט נאָך עטלעכע שטעטלדיקע ביוראָקראַטן, וועלכע האָבן געשמט פאַר גרויסע שונאי־ישראל, און באַשלאָסן מודיע צו זיין דעם גובערנאַטאָר, אַז די אַמטשיסלאַווער יידן האָבן אינמיטן העלן טאָג געמאַכט אַן אָנפאַל אויף סאָלדאַטן, כדי אָפּצושלאָגן פון זיי די קאָנפיסקירטע קאָנטראַבאַנד־סחורות.

באַלד האָבן זיך די יידן דערפון דערוואוסט, און אין שטאָט איז געוואָרן אַ „יעלה“. אַלע האָבן גאַנץ גוט פאַרשטאַנען, מיט וואָס אַזאַ מעשה קאָן שמעקן. נאָר איין מענטש האָט זיך געפונען, וועלכער האָט זיך געריבן די הענט פאַר גרויס תענוג.

דאָס איז געווען אַלעקסאַנדער וואַסילעוו, וועלכער האָט נאָך דאָ גאָרנישט לאַנג געהייסן לייבל בריסקין...

ב

דערדאָזיקער לייבל בריסקין האָט געהאַט אַלטע חשבונות מיט די אַמטשיסלאַווער יידן. זייענדיק אַ פאַקטאָר פון פּראָפעסיע, איז ער געשטאַנען אין נאָנטע באַציאונגען מיט דעם אַמטשיסלאַווער פּאָליצמייסטער ענגעלהאַרד, וועלכער איז געווען אַ פּלימעניק פון דעם מאהילעווער גובערנאַטאָר. בריסקין, וועלכער איז געווען זייער אַ פאַרדאָרבענער און שלעכטער מענטש, האָט אויסגענוצט דידאָזיקע באַציאונגען צו רודפן יידן דורך כּל המינים פאַלשע באַשולדיקונגען. די יידן איז אָבער געלונגען צו אַנטפּלעקן בריסקינס אמתן פּרצוף, און דאַן האָט דער גובערנאַטאָר פאָרגעלייגט דער אַמטשיסלאַווער קהלה, אָפּצוגעבן אים פאַר אַ סאָלדאַט, און אויב ער טויג נישט צו מיליטער־דינסט, זאָל מען אים אַוועקשיקן קיין סיביר. די קהלה האָט וועגן דעם געמאַכט אַ פּראָטאָקאָל, אונטער וועלכן עס האָבן זיך געחתמעט די חשובסטע יידן פון שטאָט מיט דעם שטאָטישן נאָטאַריוס מאָנוש לייטעס בראש, און בריסקינען האָט מען אַריינגעזעצט אין טורמע. אין טורמע האָט זיך אָבער בריסקין אָפּגעשמדט און איז דורכדעם באַפרייט געוואָרן פון יעדער שטראָף. דער גובערנאַטאָר האָט אַפילו געהייסן צו פאַרפירן אַ נייע חקירה ודרישה וועגן בריסקינס פאַרשיידענע פעלשונגען און דערווייל וואָס־ווען אַרעסטירן אים אויף דאָסניי; בריסקין האָט זיך אָבער וועגן דעם באַצייטנס דערוואוסט און געמאַכט פּליטה ערגעץ אין אַ מאָנאַסטיר, און דורכדעם האָט ער זיך ווידער אַרויסגעדרייט פון טורמע. פון דעמאָלט אָן האָט ער נישט אויפגעהערט זוכן אַ געלעגנהייט זיך נוקם צו זיין אָן די אַמטשיסלאַווער יידן. אַזאַ געלעגנהייט האָט ער פאַר זיך געפונען אין דעם געשעעניש פונם 29 דעצעמבער.

לויט בריסקינס עצה, האָט ביביקאָוו אָפּגעהאַלטן דערווייל זיין ראַפּאָרט וועגן דעם אַמטשיסלאַווער געשעעניש, כדי אַרויס־צופּרעסן דורכדעם ביי די יידן אַ גרויסע געלט-סומע. בריסקין האָט געפאָדערט פון דער יידישער קהלה זיבן הונדערט רובל פאַר זיך און פאַר ביביקאָוון. די קהלה האָט אָבער געגעבן ביביקאָוון בלויז 250 רובל, און אַזוי-אַרום איז דער מסחר נישט געקומען צו שטאַנד, און דער ראַפּאָרט איז אָפּגעגאַנגען צום מאָהילעווער גובערנאַטאָר. גראָד האָט דער מאָהילעווער גובער־נאַטאָר אויך געטראָגן אין האַרצן אַ שנאה אויף די אַמטשיסלאַ־ווער יידן, פאַרוואָס זיי האָבן פאַר אים פאַרמסרט זיין פלימעניק, דעם דאָרטיקן פּאָליצמייסטער, אַז ער פאָדערט פון זיי צו־גרויסע כאַבאַר – און דאָס איז געווען די סבה פון דעם, וואָס דער מאָהילעווער גובערנאַטאָר האָט געפונען פאַר נויטיק אָפּצושיקן ביביקאָווס ראַפּאָרט קיין פעטערבורג.

אין ביביקאָווס ראַפּאָרט איז דאָס אַמטשיסלאַווער געשעע־ניש פאַרגעשטעלט געוואָרן אויפן פאָלגנדיקן אופן:

„אַ המון יידן פון אַ מאַן דריי הונדערט האָבן געפּרוּוווט אָפּשלאָגן אַ קאַסטן מיט קאָנטראַבאַנד, אַנגרייטנדיק צוליב דעם פון פאַראויס צוויי פערד. די יידן האָבן זיך מיט אַ שטאַרקן אימפּעט אַרויפגעוואָרפן אויף די סאָלדאַטן און זיי געשלאָגן מיט גרויס אכזריות. אַז ביביקאָוו האָט דאָס דערזען, האָט ער באַפוילן די סאָלדאַטן, זיך צו פאַרטיידיקן, אָבער נישט צו באַ־נוצן זיך קעגן די יידן מיט וואָפן. נאָכדעם, ווי די יידן האָבן זיך איבערצייגט, אַז זיי וועלן דעם צווייטן קאַסטן סחורה נישט קאָנען אָפּשלאָגן, זענען זיי זיך צעלאָפן... בסך-הכל האָבן די יידן צעבראָכן 10 זעלנערשע ביקסן, 4 זעלנער האָבן זיי פאַר־וואונדעט אין געזיכט און דעם פינפטן האָבן זיי איבערגעהאַקט אַ האַנט...“

די ידיעה וועגן דעמדאָזיקן אויסטערלישן געשעעניש האָט געמאַכט אין פעטערבורג אַ שטאַרקן איינדרוק. אַ באַזונדערע פאַרביטערונג האָט עס אַרויסגערופן ביים קייזער, ניקאָלאַי דער ערשטער. דעם 21 יאַנואַר האָט דער קריגס-מיניסטער

מודיע געווען דעם אינערן-מיניסטער, אַז דער קייזער האָט באַפוילן:

„איבערצוגעבן די הויפּט-שולדיקע פון דעמדאָזיקן געשעעניש דעם מיליטער-געריכט, און דערווייל זאָל מען איינעם פון יעדן צענדליק אַמטשיסלאַווער יידן אָפּגעבן פאַר אַ סאָלדאַט".

דעם קייזערס באַפעל איז אָפּגעשיקט געוואָרן דעם מאָהילעווער גובערנאַטאָר, ענגעלהאַרדן, וועלכער האָט באַלד אַוועקגעזעצט אין אַמטשיסלאַוו צוויי קאָמיסיעס, איינע צונויפצוזאַמלען דעם גאַנצן מאַטעריאַל וועגן דעם „יידישן בונט" און צושטעלן עס דעם קריגס-געריכט, און די צווייטע — אויף צו מאַכן דעם „נאַבאָר" פון די אַמטשיסלאַווער יידן, וועלכע דאַרפן אָפּגעגעבן ווערן אין סאָלדאַטן. ער האָט אויך באַלד אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, נישט צו געבן די אַמטשיסלאַווער יידן קיין פּאַספּאָרטן, כדי זיי זאָלן נישט קאָנען אַנטלויפן פון שטאָט. אויסערדעם, איז פאַנאַנדערגעשיקט געוואָרן אַ צירקולאַרישער באַפעל אין אַלע נאָענטע גובערניעס, „צו מאַכן תיכף אַן אויספאָרשונג, צי עס געפינט זיך דאָ"ט נישט אַ ייד, פון 12 ביז 35 יאָר, וועלכער געהערט צו דער אַמטשיסלאַווער קהלה, און יעדן אויפגעזוכטן ייד זאָל מען באַלד אָפּשיקן קיין אַמטשיסלאַוו „מיטן עטאַפּ". אַזעלכע באַפעלן האָט ענגעלהאַרד אָפּגעשיקט אויך צו די גובערנאַטאָרן פון סמאָלענסקער, וויטעבסקער, מינסקער און טשערניגאָווער גובערניעס.

די אויספאָרשונגס-קאָמיסיע האָט קודם-כל געזען אָנצונעמען מיטלען, אַז די אַלע אַרויסגערופענע עדות, יידן און קריסטן, זאָלן זיך האַלטן אין די ראַמען פון דער אָפיציעלער ווערסיע וועגן דעם געשעעניש. אין דעם האָבן איר בייגעהאָלפן בריסקין און נאָך אַ משומד, אַ געוויסער טראָאיצקי, מיט צוויי יידן אויסוואורפן: מענקע פּערסטנעוו און זלמן אורליכט. דידאָזיקע פּערזאָנען זענען אַרומגעגאַנגען איבערן שטאָט און געקליבן עדות פאַר דער קאָמיסיע, סטראַשנדיק דערביי, אַז דער, וואָס וועט אויסרעדן אַ שלעכט וואָרט קעגן ביביקאָוו, וועט תיכף

אַרעסטירט ווערן. זיי האָבן זיך אַפילו נישט אָפּגעשראָקן פון צו צווינגען די חשובסטע אַמטשיסלאַווער יידן, זיי זאָלן זאָגן זייער עדות אין ביבּיקאָווס גייסט. אַז די יידן האָבן זיך דער־פון אָפּגעזאָגט, האָט מען זיי אַריינגעזעצט אין טורמע. דאָס האָט אָבער ווייניק־וואָס געהאָלפן, און די אויספאָרשונגס־קאָמיסיע איז אַ לאַנגע צייט געזעסן „אָן אַ שטאָך אַרבעט", נישט האָבנדיק פאַר זיך דעם נויטיקן און דעם געוואונטשטן מאַטעריאַל פאַר דער באַשולדיקונג, וואָס זי האָט געדאַרפט צושטעלן דעם קריגס־געריכט.

דאַן איז אָראָפּגעפאָרן קיין אַמטשיסלאַוו דער מאָהילעווער גובערנאַטאָר אַליין. קודם־כל האָט ער צו זיך מקרב־געווען בריס־קינען מיט די אַלע אַנדערע משומדים; דערנאָך האָט ער זיך גענומען חוקר ודורש זיין אייניקע באַאַמטע און יידן, פאָדערנ־דיק פון זיי, צו באַלויכטן דאָס אַמטשיסלאַווער געשעעניש לויט ביבּיקאָווס ערשטן ראַפּאָרט. נאָכדעם, ווי אים האָט זיך נישט איינגעגעבן צוזאַמענצובאַקומען אַזעלכע עדות, נישט פון יידן און נישט פון קריסטן, האָט ער געהייסן אָפּגאָלן אַלע אַרעסטירטע יידן, צווישן וועלכע עס האָבן זיך געפונען די גרעסטע נכבדים פון די אַמטשיסלאַווער סוחרים. דעם ערשטן האָט מען אָפּגע־גאָלט מאָנוס לייטעסן. אויפן אַנדערן טאָג האָט בריסקין אַרומ־געטראָגן אין קעשענע איבערן שטאָט לייטעסעס אָפּגעשוירענע האָר און האָט עס באַוויזן זיינע קרובים, באַרימענדיק זיך דער־ביי מיט זיין מאַכט.

פיל האָט איבערגעליטן די אַמטשיסלאַווער קהלה, זענענדיק, ווי אירע בעסטע און שענסטע מיטגלידער ווערן געוואָרפן אין טורמע, וואו מען טוט זיי אָן די ערגסטע חרפות. עס איז אָבער אוממעגלעך צו שילדערן די שרעק און דעם יאוש, וואָס האָט באַהערשט די אַמטשיסלאַווער יידן, בעת זיי האָבן זיך דער־וואוסט וועגן דעם אַלערהעכסטן באַפעל אָפּצוגעבן פאַר סאָלדאַטן יעדן צענטן פון דער יידישער מענלעכער באַפעלקערונג. אין שטאָט איז געוואָרן אַ חורבן: מ'האָט גוזר־תענית געווען און קברים געריסן. דריי טעג און דריי נעכט האָט דער עולם פאַר־

בראַכט אויפֿן בית-עלמין אין געוויין און קלאָג, וועלכע האָבן אָפּגעקלונגען אין גאַנצן שטאָט. פּאָליציאַנטן זענען אַ גאַנצע נאַכט אַרומגעגאַנגען איבער די יידישע הייזער און האָבן אויף וועגענער אַוועקגעשלעפּט יונגע קינדער פֿון זיבן יאָר אָן, אָפּצוגעבן זיי פֿאַר סאָלדאַטן.

ג

אין די דאָזיקע טרויעריקע טעג האָבן די אַמטשיסלאַווער קהל-לייט, וועלכע מ'האָט נאָך נישט באַוויזן צו אַרעסטירן, אָפּגעהאַלטן צווישן זיך איבערעשטעלעכע פּאַרטרוילעכע זיצונגען און זיך בעראַטן צוזאַמען וועגן דער געשאַפֿענער לאַגע און וועגן די מיטלען, וואָס מען דאַרף אָננעמען, כדי אַרויסצופּלאָנטערן זיך פֿון איר. צום סוף זענען זיי געקומען צום באַשלוס, אַז מ'מוז זיך זען צו פּאַרטייריקן אום צו ראַטעווען די קהלה. דאָס האָט געהייסן אַריינצולאָזן זיך אין אַ קאַמף מיט דער אַדמיניסטראַציע, מיט דעם גובערנאַטאָר אַליין. צו דעם האָבן זיך געפֿאָדערט דרייסטע און ענערגישע מענטשן, וואָס זאָלן זיין גרייט שטעלן זייער פּערזענלעכע פֿרייהייט אין סכנה לטובת הכלל.

אין אַמטשיסלאַוו גופא האָבן זיך אַזעלכע כלל-טוער נישט געפֿונען. די אָרטיקע עסקנים האָבן נישט געהאַט דעם מוט צו נעמען אויף זיך אַזאַ שליחות; זיי האָבן מורא געהאַט, אַז מיט זייער אַרויסטריט קעגן דעם מאָהילעווער גובערנאַטאָר, וועלן זיי נאָך דעם מצב פֿיל ערגער מאַכן

נאָך אַ לאַנגן ישוב-הדעת איז געבליבן ביי קהל צו ווענדן זיך צו ר' איטשעלע מאַנאַסטירשטשינער, וועלכער איז שוין דעמאָלט ווייט און ברייט געווען באַקאַנט אַלס אַ מענטש מיט אַ הייס יידיש האַרץ, מיט דער בקשה, אַז ער זאָל פֿאָרן קיין פּעטערבורג משתדל צו זיין זיך פֿאַרן קייזער וועגן דער אַמטשיסלאַווער יידישער קהלה. שוין אויף מאָרגן גאַנץ פֿרי־

האָט קהל אַרויסגעשיקט מיט דער בקשה צו ר׳ איטשעלען דעם אַמטשיסלאַווער רב.

ר׳ איטשעלע מאָנאַסטירשצינער האָט דאַן געוואוינט אין סמאָלענסק. ער איז געווען זייער רייך און האָט געלעבט ווי אַ פירשט. ביי אים אין שטוב האָבן זיך אויפגעהאַלטן צענדליקער דינער, הונדערטער שליחים, און כתם מענטשן אָן אַ באַשטימ־טער באַשעפטיקונג, וועלכע האָבן זיך אַרום אים געריבן. ר׳ איטשעלע האָט געפירט אַ ברייט לעבן, האָט געשאָטן מיט געלט אויף רעכטס און אויף לינקס. ביי אים אין הויז פלעגט מען אַלץ דערלאַנגען אויף זילבערנע און גאָלדענע געשיר. ער האָט געהאַט פערד און קאַרעטן און פלעגט אַרויספאָרן ווי איי־נער פון די גרעסטע מאַגנאַטן.

וועגן דעם באַזוך פון דעם אַמטשיסלאַווער רב ביי ר׳ איטשעלע מאָנאַסטירשצינער גיט איבער ש. אַנ־סקי אין זיינע זכרונות די פאָלגנדיקע אינטערעסאַנטע פרטים, וועלכע ער זאָל אַמאָל האָבן געהערט פון אַ וויטעבסקער זקן.

איינמאָל, שפעט נאָך האַלבע נאַכט, בעת אַלע ביי ר׳ איטשעלע מאָנאַרסטירשצינער אין שטוב האָבן שוין לאַנג גע־שלאָפן, האָט זיך דערהערט ביים טויער אַ קלאַפּ, אַזאַ שטאַרקער, דאָס אַלע הויזיקע האָבן זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף מיט גרויס שרעק, מ׳האָט געמיינט, אַז ס׳האָט אויסגעבראָכן אַ שרפה, אָדער ס׳האָט פּאַסירט אַ וועלכער עס איז אַנדער אומגליק. דער הויפּט־משרת איז אַרויסגעלאָפן פון שטוב. ביים טויער האָט ער דערזען אַ הויכגעוויקסיקן אַלטן מאַן מיט אַ לאַנגער שניי־ווייסער באָרד, אין אַ גרויסער סויבעלנער שטריימל און מיט אַ קאַפּאָטע, וואָס האָט זיך געשלעפּט איבער דער ערד. ווי נאָר דער דינער האָט געעפנט דעם טויער, האָט זיך באַלד דער אַלטער אָפּגערופן מיט גרויס היץ:

— וועקט די מינוט אויף ר׳ איטשעלען! איך מוז אים זען! דאָ האַנדלט זיך אום לעבן און טויט פון אַ גאַנצער יידישער קהלה!... איר הערט? גייט און פאַרלירט קיין מינוט נישט!

הערנדיק אַזעלכע ווערטער פון דעם אַלטן יידן מיט דעם פּאַטריאַרכאַלישן אויסזען, האָט דער משרת באַלד פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז עפּעס נישט קיין געלעכטער. ער האָט אַריינגעפירט דעם אַלטן אין שטוב, און אַליין איז ער אַריינגעלאָפן צו ר׳ איטשעלען אין שלאָפצימער, האָט אים אויפגעוועקט און דער־ציילט וועגן דעם שפּעטן אורח. ר׳ איטשעלע איז אויפגעשטאַנען, האָט זיך שנעל אָנגעטון און איז אַרויס צום אַלטן. נאָך דעם געוויינלעכן „שלום עליכם", האָט ער אים געפרעגט, צוליב וואָס ער איז געקומען. אויף דעם האָט דער אַלטער געענטפערט:

— איך בין דער אַמטשיסלאַווער רב און בין געקומען צו אייך, אַז איר זאָלט ראַטעווען אונדזער יידישער קהלה פון דעם שרעקלעכן אומגליק, וואָס איר האָט פּאַסירט גאַנץ אומגעריכט.

דערביי האָט דער רב דערציילט ר׳ איטשעלען אויספירלעך דעם גאַנצן פאַרלויף פון דער אַמטשיסלאַווער געשעעניש. דערצו האָט ער מוסיף געווען, אַז בשעת דער שלעגעריי איז דערהרגעט געוואָרן אַ סאָלדאַט, און האָט פאַרענדיקט:

— קודם־כל זענען מיר געלאָפן אין די שולן און בתי־מדרשים, דערנאָך אויף די בית־עלמינס; מיר האָבן געוויינט און געקלאָגט און תעניתים געפאַסט, אָבער מיט טרערן און מיט תעניתים אַליין קען מען נאָך גאָרנישט מאַכן. אַלע ווי איין מענטש האָבן אויף אונדזער לעצטער אסיפה באַשלאָסן צו שיקן, מיר צו אייך, מיט דער בקשה אונדז צו פאַרטיידיקן. פריער גאָט און דערנאָך איר. ביי די באַציאונגען וואָס איר האָט מיט די „הויכע פענסטער" קענט איר אַלץ טון! און אָט צוליב דעם בין איך געקומען צו אייך, ר׳ איטשעלע! ראַטעוועט אונדזער קהלה פון אומגליק, און דער מלך המלכים וועט אייך אָפּגעבן אייער שכר ווי איר זענט ווערט.

אַזוי האָט דערציילט דער רב. ער האָט גערעדט שטיל, אָבער זיין קול האָט געציטערט און פון זיינע אויגן האָבן גע־שטראָמט טייכן טרערן.

ר׳ איטשעלע האָט אים אויסגעהערט שווייגנדיק, און בעת דער רב האָט געענדיקט, האָט ער אים געפרעגט:

— רבי! און איר זענט זיכער, אַז דאָס אַלץ איז נאָר אַ בלבול? אַז די יידן זענען גאַנץ אומשולדיק אין דעם פאַרגאָסענעם בלוט פון דעם סאָלדאַט?

— איך בין זיכער, ר' איטשעלע! און אויסערדעם, ווי האָבן גאָר די יידן געקאָנט שיסן? וואו האָבן זיי גענומען ביקסן?

— פונדעסטוועגן וואָלט איך געוואָלט, אַז איר זאָלט מיר שווערן, אַז די יידן האָבן נישט אויף זייער געוויסן קיין זעל־נעריש בלוט.

דער רב האָט זיך אויפגעהויבן און זיך שווייגנדיק אַרומ־געקוקט אין אַלע זייטן. ר' איטשעלע האָט פאַרשטאַנען, וואָס ער זוכט, און האָט אים אַריינגעפירט אין צימער, וואו ס'איז געווען זיין שטוביקער „מנין". דאָרטן האָט דער רב אַרויסגע־נומען פון אָרון קודש אַ ספר תורה און האָט ביי איר געשוואוירן, אַז יידן זענען אומשולדיק אין דער דערמאָרדונג פון דעם סאָלדאַט.

מער האָט שוין ר' איטשעלע גאָרנישט געפרעגט. ער האָט גערופן דעם דינער און געהייסן אים תיכף איינשפאַנען פיר פון די בעסטע פערד און דעם שענסטן עקיפאַזש, און דערנאָך האָט ער אַ זאָג געטון צום רב:

— רבי, מיר פאָרן קיין פעטערבורג.

און אין דערזעלבער נאַכט זענען זיי אָוועקגעפאָרן.

פון סמאָלענסק ביז פעטערבורג איז אַ מהלך העכער פון זעקס הונדערט וויאָרסט, און דידאָזיקע שטרעקע זענען זיי אָפּ־געפאָרן אין דריי טעג. זיי זענען נישט געפאָרן, נאָר געפלויגן ווי אַ פייל פון בויגן.

ד

אָנגעקומען קיין פעטערבורג האָט זיך ר' איטשעלע קודם־כל געווענדעט צום גראַף סאַלטיקאָוו, צו וועמען ס'האָט געהערט

דאָס קליינע שטעטל קאַסלאָוויטש, וואָס געפינט זיך נישט ווייט פון אַמטשיסלאַוו, און וועלכער איז געווען באַקאַנט אַלס אוהב־ישראל. גראַף סאַלטיקאָוו האָט זיך אָנגענומען איבערצוגעבן די בקשה פון דער אַמטשיסלאַווער קהלה דעם גראַף אַלעקסאַנדער בעקענדאָרף, וועלכער איז געווען דער שעף פון דער קייזער־לעכער קאַנצעלאַריע און האָט געהאַט אויף ניקאָלאַיען אַ געוויסע השפעה.

„די אַמטשיסלאַווער קהלה — אַזוי האָט געשריבן ר׳ איטשעלע אין אַ בריוו צום גראַף בעקענדאָרף — האָט שוין איינמאָל געבעטן, אַז מ׳זאָל מאַכן אַ שטרענגע אויספאָרשונג און אַז ביז ס׳וועט אַנטפּלעקט ווערן דער ריינער אמת זאָל מען אָפּשטעלן דעם „נאַבאַר". זעענדיק אָבער, אַז דער „נאַבאַר" האָט זיך פאָרט אָנגעהויבן, האָב איך מיר גענומען די דרייסט וואַרפן זיך צו די פיס פון אייער דורכלויכט און צו בעטן אייך מיט טרערן, אַז איר זאָלט ראַטעווען טויזנטער אומגליקלעכע פון דעם חורבן, וואָס עס דערוואַרט זיי. שיקט צו אונדז אַראָפּ אַ באַזונדערן באַאַמטן צו מאַכן אַ חקירה ודרישה, און ביז די זאַך וועט אויפגעקלערט ווערן, האַלט אָפּ דעם נאַבאַר. מיר זענען אַלע מוכן ומזומן צו דער גרעסטער און שווערסטער שטראָף אויב ס׳וועט זיך אַרויסווייזן, אַז אונדזערע טענות זענען נישט קיין ריכטיקע".

דערדאָזיקער בריוו צוזאַמען מיט די ידיעות, וואָס סאַל־טיקאָוו האָט אים איבערגעגעבן, האָבן געבראַכט דעם גראַף בעקענדאָרף צו דער איבערצייגונג, אַז די אַמטשיסלאַווער גע־שעעניש איז פאַרגעשטעלט געוואָרן דורכן גובערנאַטאָר נישט אויפן יסוד פון דעם ריינעם אמת, און דאַן האָט ער באַשלאָסן אָפיציעל אַרויסצוטרעטן לטובת די אומשולדיקע יידן.

אין אַ באַזונדער בקשה צו ניקאָלאַיען אליין האָט ר׳ איטשעלע אָפּגעשילדערט דאָס פאָלגנדיקע טרויעריקע בילד:

„דאָס רוב איינוואוינער זענען אַרעסטירט געוואָרן תיכף ווי נאָר ס׳האָט זיך געעפנט אין שטאָט די אויספאָרשונגס־קאָמיסיע, און ביי היינטיקן טאָג זיצן שוין אַרעסטירט העכער

פון הונדערט מאַן, און דורך דעם האָט זיך אָפּגעשטעלט דער גאַנצער האַנדל און וואַנדל. שפּעטער, נאָכדעם, ווי ס'איז אָנגעקומען דער אַלערהעכסטער באַפעל וועגן דעם, אַז מ'זאָל יעדן צענטן יידן אָפּגעבן אין סאָלדאַטן, האָט גלייך אין אַלע קראָמען און געשעפטס-הייזער אויפגעהערט דער קויף און פאַרקויף, ווייל דורך דעם גרויסן שרעק, וואָס האָט באַהערשט די קהלה, האָט דער גאַנצער עולם נאָר אין איין וויינען און קלאָגן און בעטן רחמים ביי גאָט און ביי אייער קייזערלעכער מאַיעסטעט. זינט ס'האָט זיך אָנגעהויבן דער „נאַבאָר" איז אין שטאָט גרויס דער יאוש, אין יעדער הויז איז טרויעריק ווי אויף אַ בית-עלמין, ס'איז נישטאָ ווער עס זאָל אַרבעטן, מען באַקט אפילו קיין ברויט נישט, און עס פילט זיך אַ נויט אין עסנוואַרג, אַז די יידן פון די נאָענטע שטעטלעך וואָלטן אונדז נישט אונטערגעשיקט קיין לעבנס-מיטל, וואָלטן מיר אַלע אויסגעשטאָרבן פון הונגער. פּאָליציי לאָזט קיין יידן נישט אַרויספאָרן פון שטאָט, מ'גיט קיינעם קיין פּעסער נישט, מען טרייבט נאָך צונויף יידן קיין אַמטשיסלאַוו אויך פון די אַנדערע שטעט און שטעטלעך. אַ סך מענטשן ליגן שוין געשוואָלן, און ווען עס זאָל אַזוי ווייטער גיין, וועט אינגיכן חרוב ווערן אַ גאַנצע יידישע קהלה, וואָס באַשטייט פון פיל טויזנטער אומשולדיקע מענטשן, און ליידן וועלן דערפון נישט בלויז יידן אַליין, נאָר אויך אַ סך קריסטן, וואָס זענען מיט זיי פאַרבונדן.

דאָסדאָזיקע בילד האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַן אונטערטעניקסטער בקשה צו דעם גנעדיקן קייזער, אַז ער זאָל זיך מרחם זיין אויף די טויזנטער עלנטע יידישע נפשות, וואָס ווערן גאַנץ אומשולדיק אָפּגעריסן פון זייערע נעסטן, און זאָל זיי נעמען אונטער זיינע הויכע פליגלען און באַשיצן זיי פון אונטערגאַנג און פאַרניכטונג.

די בקשה איז דורך דעם גראַף בעקענדאָרף אָנגעקומען צו ניקאָלאַיען, און האָט אויף אים געמאַכט אַ ווירקונג. באַלד האָט ער אַרויסגעגעבן אַ באַפעל צום אינערן-מיניסטער אַראָפּצושיקן קיין אַמטשיסלאַוו אַ באַזונדערן באַאַמטן, וועלכער זאָל די

זאַך פון דאָסניי אויספאָרשן. דערדאָזיקער באַאַמטער איז אָבער אויך נישט געווען קיין איבעריקער יידן-פריינט, און ווי נאָר ער איז אָנגעקומען קיין צמטשיסלאַוו, האָבן אים באַלד דער גובערנאַטאָר מיט דער גאַנצער אַנטיסעמיטישער קאָמפּאַניע געוואונען פאַר זיך און האָבן געבראַכט אַזוי ווייט, דאָס ער האָט אין זיינע ראַפּאָרטן צום קייזער באַשטעטיקט אַלע פריערדיקע בלבולים און האָט געפאָדערט פאַר די יידן נאָך אַ פיל גרעסערע שטראָף.

דערהאַלטנדיק אַזאַ ראַפּאָרט איז ניקאָלאַי געוואָרן אַ צעקאָכטער און אין דער ערשטער מינוט איז ביי אים אַרויפגעשוואומען דער גרויזאַמער געדאַנק אָפּצוגעבן אַלע אַמטשיסלאַווער יידן פאַר זעלנער. עס האָט שוין געהאַלטן דערביי, אַז ניקאָלאַי זאָל פאַרווירקלעכן זיין פּלאַן דורך אַ נייעם באַפעל, וועלכער האָט געדאַרפט פאַרעפנטלעכט ווערן דורך דער קייזערלעכער קאַנצעלאַריע. האָט זיך אָבער ר׳ איטשעלע דערפון באַצייטנס דערוואוסט, און האָט דורך בעקענדאָרפן און דורך אַנדערע הויכע שררות אַזוי ווייט געאַרבעט, דאָס ס׳האָט זיך איינגעגעבן צו ווירקן אויף ניקאָלאַיען אָפּצוהאַלטן דערווייל דעם נייעם באַפעל און אַרויסשיקן קיין אַמטשיסלאַוו אַ גרויסן באַאַמטן מיט באַזונדערע פולמאַכטן אויסצופירן שוין דאָרטן אויפן אָרט אַלץ וואָס ער האָט געפונען פאַר נויטיק. דאָס מאָל איז אויך געלונגען צו פועלן ביים קייזער, אַז ער זאָל אויסדערוויילן צו דערדאָזיקער שליחות דעם פירשט אַלעקסאַנדער פּעטראָוויטש טרובעצקי, וועלכער איז געווען מפורסם אַלס העכסט אָרנטלעכער און טאָלעראַנטער מאַן. איידער טרובעצקי איז אָפּגעפאָרן קיין אַמטשיסלאַוו, האָט ער לויט דער רעקאָמענדאַציע פון אַ גרויסן שררה אויפגענומען אויף אַן אוידיענץ ר׳ איטשעלען, וועלכער האָט אים גוט אויפגעקלערט דעם ענין און געגעבן אים אַ באַגריף וועגן אַלע אַמטשיסלאַווער ביוראָקראַטן, מיט וועלכע אים וועט אויסקומען צו האָבן צו טון. דאָס איז טאַקע דעם פירשט זייער צונוץ געקומען. ער האָט באַלד, אָנקומענדיק קיין אַמטשיסלאַוו, אַרויסגעפאָדערט צו זיך דעם גאַנצן מאַטעריאַל

פון דער אויספאָרשונגס-קאָמיסיע און נישט פיל גריבלענדיק זיך אין אים, האָט ער שוין באַמערקט די אַלע עוולות און אומגערעכטיקייטן, וואָס זענען אָפּגעטון געוואָרן דורך די איינצלנע מיטגלידער, אָנהויבנדיק פון דעם מאָהילעווער גובער־נאַטאָר און ענדיקנדיק מיטן קלענסטן באַאַמטן. טרובעצקי האָט זיך צו דער זאַך גענומען גאַנץ ענערגיש, און ביסלעכוויז האָט ער באַקומען אַ ריכטיקן באַגריף פון אַלץ, וואָס ס'האָט פּאַסירט אין אַמטשיסלאַוו פון דער ערשטער מינוט אָן. דער פירשט האָט זיך איבערצייגט, אַז די יידן זענען לגמרי אומ־שולדיק און זיי ליידן גאַנץ אומזיסט. ער איז זייער אויפגעבראַכט געוואָרן און האָט, קודם־כל, אויף זיין אייגענער אחריות אָראָפּ־געזעצט דעם מאָהילעווער גובערנאַטאָר פון זיין שטעל. פאַר־שטייענדיק, אַז דאָס גאַנצע אומגליק שטאַמט נאָר פון די עטלעכע יידישע מוסרים, וועלכע האָבן זיך געזוכט נוקם צו זיין אין אייגענע ברידער דורך פאַלשע מסירות, האָט ער זיי באַלד גע־הייסן אַרעסטירן. לייבל בריסקין האָט באַוויזן צו אַנטלויפן אין אַ נאָענט שטעטל, דער פירשט האָט אָבער אַרויסגעשיקט עטלעכע רייטער, וועלכע האָבן אים געכאַפּט, און אַ געשמידטן אין קייטן אָפּגעפירט אין טורמע.

נאָכדעם האָט טרובעצקי אַוועקגעשיקט קיין פעטערבורג אַן אויספירלעכן ראַפּאָרט, אין וועלכן ער האָט אַרויסגעזאָגט זיין מיינונג, אַז די אַמטשיסלאַווער יידן זענען פאַלש באַשולדיקט געוואָרן. ניקאָלאַי האָט דאָך געהייסן באַשטימען אַ נייע קאָמיסיע אויסצופאָרשן דעם אַמטשיסלאַווער ענין. די קאָמיסיע איז תיכף אַראָפּגעפאָרן קיין אַמטשיסלאַוו, און גאָר פונדאָסניי האָט זיך אָנגעהויבן אַן אויספאָרשונג מיט דער באַטייליקונג פונם פירשט טרובעצקי. אָבער אויך די נייע קאָמיסיע האָט נאָך אַ האַלב־יעריקער אַרבעט אַרויסגעטראָגן איר אורטייל, אַז דאָ האָט מען גענומען אַ קליינעם גאַסן־געשלעג, עס אויפגעבלאָזן און געמאַכט דערפון אַ גרויסן „פּאָליטישן בונט".

די באַשלוסן פון דער קאָמיסיע זענען איבערגעגעבן גע־וואָרן קיין פעטערבורג, און אינגיכן איז אָנגעקומען פון דאָרט

אַ קייזערלעכער באַפעל צו דערקלערן פאַר אומשולדיק אַלע יידן, וועלכע זענען צוגעצויגן געוואָרן צום געריכט אין דעם אַמטשיסלאַווער פּראָצעס. דעם 2-טן נאָוועמבער 1844 (ג׳ כסלו תר״ח) האָט דער פירשט טרובעצקי איינגעלאַדן צו זיך די פאָרשטייער פון דער אַמטשיסלאַווער יידישער קהלה און פאַר זיי איבערגע-לייענט דעם פון פעטערבורג אָנגעקומענעם דעקרעט. ער האָט זיי געזאָגט, אַז דער קייזער האָט דערקלערט די אַמטשיסלאַווער יידן פאַר אומשולדיק, אַז די רעקרוטן, וואָס מ׳האָט פון זיי גענומען, וועלן אָפּגעשיקט ווערן צוריק אַהיים, און אַז די יידישע קהלה קאָן זיך באַרואיקן. די פרייד פון די יידן איז זיך לייכט פאָרצושטעלן. באַלד ווי אין שטאָט האָט זיך פאַרשפּרייט די ידיעה וועגן דעם דערהאַלטענעם באַפעל, זענען מאַסן יידן אַוועק מיט מוזיק און געזאַנג צום הויז, וואו ס׳האָט געוואוינט דער פירשט טרובעצקי. בשעת דער פירשט איז זיי אַרויס אַנטקעגן, האָבן זיי אים אַוועקגעזעצט אויף אַ פּרעכטיקן, באַ-גולדטן שטול און באַגריסט אים מיט וואַרימע ווערטער אַלס זייער רעטער. אין דער גרויסער שול איז פאָרגעקומען אַ באַ-זונדערס פייערלעכע דאַנק-תפלה לכבוד דעם רוסישן קייזער.

ה

דער באַוואוסטער היסטאָריקער דובנאָוו, וועלכער איז אַליין אַן אַמטשיסלאַווער אַ געבוירענער, גיט איבער וועגן דער דאָרטיקער „גזרה״ די פאָלגנדיקע אינטערעסאַנטע פּרטים:

גאַנץ לאַנג — אַזוי דערציילט דובנאָוו — האָבן די אַמטשיסלאַווער יידן געהאַלטן אין זייער זכרון דאָס שרעקלעכע געשעעניש פון יאָר 1844. אין מיין פריעסטער יוגנט האָב איך פּערזענלעך געקענט עטלעכע חשובע פאָרשטייער פון דער קהלה, וועלכע האָבן געליטן אין דער צייט פון דער „קאַטאַסטראָפע״. זיי האָבן דערציילט, ווי זיי האָבן לאַנג געשמאַכט אין טורמע, וואַרטנדיק אַלע טאָג, אַז מ׳וועט זיי הענגען אָדער אַוועק-שיקן אויף קאַטאָרגע, ווי מ׳האָט זיי דאָרט אָפּגעגאָלט אַ האַלבן

קאָפּ, ווי מ'האָט זיי געדראָהט ביי די אויספאָרשונגען א. אַז. וו.
איך האָב געקענט זקנים, וועלכע מ'האָט אין יענעם יאָר אָפּגע-
געבן פאַר סאָלדאַטן. פיל פון מיינע באַקאַנטע, וואָס האָבן מורא
געהאַט, מ'זאָל זיי נישט נעמען פאַר רעקרוטן, זענען זיך צעלאָפן
און זיך באַהאַלטן אין אַנדערע שטעט, ביז די קהלה איז געוואָרן
באַפרייט. פאָליציי און די „כאַפּערס" האָבן אומעטום געזוכט די-
דאָזיקע אַנטלאָפענע; זיי האָבן אָבער באַוויזן צו כאַפּן גאָר
ווייניק, וועמען מ'האָט געשמידט אין קייטן און געבראַכט צוריק
קיין אַמטשיסלאַוו. אין גרויס אויפרעגונג, און אַמאָל אויך מיט
טרערן אין די אויגן, האָבן מיר דערציילט מענטשן, וועלכע
האָבן אַליין געזען, וואָס פאַר אַ שרעקלעך אויסזען ס'האָט גע-
האַט די אומגליקלעכע שטאָט אין דעם יאָר פון דער קאַטאַסטראָפע,
ווי אַלע קראָמען זענען געווען פאַרשלאָסן און אַלע געשעפטן
האָבן זיך אָפּגעשטעלט, ווי מענטשן האָבן זיך אַרומגעשלעפט
איבער די גאַסן מיט פאַרוויינטע פּנימער, קלאָגנדיק אויפן גורל
פון זייערע קרובים און מורא האָבנדיק פאַר זייער אייגענעם גורל.

איך האָב געקענט פערזענלעך אויך עטלעכע פון די, וואָס
האָבן גורם געווען צו דעם אומגליק. די מוסרים אריה און
מענקע און דער „כאַפּער" בערקע, וועמען מ'האָט, לויט דעם
באַפעל פונם פירשט טרובעצקי אַריינגעזעצט אין טורמע, האָבן
זיך אָפּגעשמדט און זענען אַרויס פריי. בערקע האָט אַ לאַנגע
צייט נאָכדעם געוואוינט אין אַמטשיסלאַוו, וואו ער האָט געהאַט
צוויי פונקציעס: בשעת לויות אָדער קירכלעכע פּראָצעסיעס
פלעגט ער גיין פאַר די גלחים און טראָגן די צלמים, און דערצו
איז ער נאָך געווען אַ „פּאַרשטשיק" אין קהלשן מרחץ.

אַ בעסערע קאַריערע האָט שוין געמאַכט דער מסור
א ר י ה. נאָכדעם ווי ער האָט זיך אָפּגעשמדט, איז ער געוואָרן
זייער אַ פרומער קריסט, האָט באַזוכט יעדן טאָג דעם קלויסטער,
און נאָכדעם האָט מען אים אַפילו אויסגעקליבן פאַר אַ „סטאַ-
ראָסטע" אין איינער פון די אַמטשיסלאַווער קירכן, וועלכע די
יידן פלעגן אָנרופן „א ר י ה ס ק ל ו י ס ט ע ר". ער האָט געהאַלטן
אין שטאָט אַ גאַסט-הויז, וואוהין עס פלעגן געווינלעך פאַר-

פאָרן באַאַמטע אָדער גוטפּאַזיצער פון די נאָענטע הויפן, און ער האָט זיך געמאַכט א גרויסן קאַפּיטאַל. צווישן יידן איז ער געווען באַקאַנט אונטערן נאָמען „אריה דער משומד”, בעת זיין קריסטלעכן נאָמען און פאַמיליע האָט כמעט קיינער אין שטאָט נישט געוואוסט. מערקווירדיק איז אָבער, וואָס די שטאָטישע יידן האָבן נישט געטראָגן אין האַרצן קיין שום שנאה צו דעמדאָזיקן מענטשן, וואָס האָט זיי מיט זיינע מסירות אָנגעטון אַזויפיל שלעכטס און וועלכער האָט זיך נאָך געשמדט. זיי האָבן פאַרהאַסט אריהן נאָר אַזוי לאַנג, כל-זמן ער איז, זייענדיק אַ מסור, געבליבן אַ ייד; ווי נאָר ער האָט זיך געשמדט און איז פאַר זיי געוואָרן פרעמד, האָבן זיי פאַרגעסן זיין עבר, האָבן זיך מיט אים אָפט באַגעגנט און געשמועסט מיט אים ווי גוטע באַקאַנטע. אריה אַליין האָט זייער ליב געהאַט צו געפינען זיך אונטער יידן. איך געדענק, ווי דערדאָזיקער הויכגעוויקסיקער, שווער-וואָגיקער מאַן מיט דעם טעמפּן געזיכטס-אויסדרוק פלעגט טאָג-טעגלעך אַרומגיין איבערן מאַרק, אָוועקזעצן זיך דאָ לעבן דעם קרעמער און דאָ לעבן דעם צווייטן, און געשמועסט מיט זיי אויף יידיש, וועלכע איז בייַ אים פאַרבליבן אַלס היימישע שפּראַך (רוסיש האָט ער גערעדט זייער שלעכט). אַפילו בייַ זיך אינדערהיים פלעגט אריה רעדן יידיש מיט זיין ווייב, וועלכע האָט זיך געשמדט גלייך מיט אים. דערדאָזיקער פרוי פלעגן די יידן אויך רופן מיט איר פריערדיקן יידישן נאָמען — לאה. זיי האָבן זי געהאַלטן פאַר אַ קלוגע פרוי, בעת איר מאַן האָט געהאַט אַ שם פון אַ גרויסן טיפּש און אומוויסנדן מענטשן.

נישט אַזוי גלייכגילטיק האָט זיך די יידישע געזעלשאַפט באַצויגן צו אַן אַנדער מסור, מענקע, וועלכע האָט זיך אַרויסגעדרייט פון טורמע, נישט שמדנדיק זיך. דערדאָזיקער שפּיאָן האָט זיך באַשעפטיקט מיט פעלדשעריי, און דעריבער האָט מען אים גערופן „מענקע דער רופא”. בייַ יידן האָט ער קיין שום פּראַקטיק נישט געהאַט, און דאָס רוב פלעגט ער אַרומפאָרן איבער די דערפער און היילן די פויערים מיט אַלטע,

„באַבסקע" מיטלען, ווי אָדער-שלאָגן, שטעלן באַנקעס וכדומה. ער האָט געלעבט גאַנץ איינזאַם, ווי אַ מענטש, וועלכן די יידישע געזעלשאַפט האָט אַריינגעלייגט אין חרם. מענקעס שייכות צו יידן האָט זיך אַרויסגעוויזן נאָר צוויי מאָל יערלעך: אין די אַזוי-גערופענע „ימים-נוראים" — ראש-השנה און יום-כפור בעת ער פלעגט קומען אין שול אַריין און אַוועקשטעלן זיך אין צפון-וואַנט צווישן דעם פּראָסטן המון און עפּעס בורטשען אונטער דער נאָז פון אַן אָפענעם מחזור. מ'האָט באַלד געקאָנט באַמערקן, אַז דערדאָזיקער אייגנעהויקערטער זקן מיט די ווי ביי אַ פויער אונטערגעשוירענע און פאַרקעמטע האָר, איז פרעמד דעם גאַנצן עולם דאַוונער. מענקע האָט קיינמאָל נישט געהאַט קיין באַציאונגען מיט יידן, וועלכע האָבן אים פאַרהאַסט צוליב זיין עבר. דעם געוועזענעם מסור וואָלטן זיי בעסער געוואָלט זען צווישן פרעמדע, איידער ביי זיך. יינגלעך און מיידלעך אין אַמטשיסלאַוו פלעגן זינגען איבער די גאַסן אַ לידעלע, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט די ווערטער:

„אויף מענקע דעם רופא
זאָל קומען אַ מגפה".

ו

נאָכדעם, ווי עס איז בטל געוואָרן די „אַמטשיסלאַווער גזרה", איז ר' איטשעלע מאַנאַסטירשטשינער אַראָפּגעפאָרן צוריק פון פעטערבורג צו זיך אַהיים, וואו ס'האָט אים ערוואַרט אַ גאַנץ אומגעוויינלעכער כבוד. פון גאַנץ ליטע און ווייס-רוסלאַנד זענען אויסגעריכט געוואָרן קיין סמאָלענסק דעלעגאַציעס פון די חשובסטע יידישע פערזענלעכקייטן צו דאַנקען אים פאַר זיין מסירת-נפשדיקער אַרבעט לטובת דעם כלל ישראל. פון דעמאָלט אָן איז ר' איטשעלע מאָנאַסטירשטשינער געוואָרן אַ לעגענדאַרע פערזענלעכקייט, אַרום וועלכער ס'האָבן זיך באַשאַפן אין פאָלק

אויסטערלישע מעשיות, וואָס ווערן נאָך עד-היום איבערדער־ציילט אין פאַרשיידענע וואַריאַנטן און נוסחאות.

פון די פיל לעגענדעס, וועלכע זענען פאַרשפּרייט אין פאָלק וועגן דעם, ווי אַזוי ר׳ איטשעלע מאָנאַסטירשצינער האָט געפּועלט ביי ניקאָלאַיען מבטל צו מאַכן זיין גזר־דין איבער דער אַמטשיסלאַווער יידישער קהלה, איז אַם העכסטן כאַראַקטעריסטיש די, וואָס ס׳ווערט דערציילט פון ש. אַנ–סקין אין זיינע זכרונות, און דעריבער גיב איך זי דאָ איבער:

ר׳ איטשעלע איז געפאָרן קיין פּעטערבורג נישט גלאַט אַזוי זיך, אויפן ווינט. ער האָט געוויאוסט וואוהין ער פאָרט און צוליב וואָס. אויסערדעם, האָט ער געהאַט אַ צוטריט צו די וויכ־טיקסטע פּערזענלעכקייטן. ער איז געווען זייער באַפריינדעט מיט קאַנקרינען אַליין, דער ערשטער מיניסטער ביים קייזער. קאַנקרין האָט ר׳ איטשעלען זייער געליבט, האָט אים גערופן נישט אַנדערש, ווי: „מיין איטשקע!", האָט אים איבערגעגעבן אַלע רעגירונגס־פאַדראַדן, און פון אים אַזוי פיל געהאַלטן, אַז זייער אָפט פלעגט ער זיך מיט אים באַראַטן וועגן מלוכה־ענינים. קומענדיק קיין פּעטערבורג, איז ר׳ איטשעלע פאַרפאָרן אין אַן אכסניא, האָט דאָרט איבערגעלאָזט דעם אַמטשיסלאַווער רב, און אַליין איז ער אַוועק צו קאַנקרינען. קאַנקרין האָט אים געוויינלעך אויפגענומען מיט גרויס כבוד, האָט אים אַריינגעפירט אין שענסטן זאַל, געבעטן אים זיצן און געפרעגט, וואָס ער דאַרף. ר׳ איטשעלע האָט אים דערציילט די גאַנצע געשיכטע פון אָנהויב ביזן סוף און געבעטן, אים בייהילפיק צו זיין.

קאַנקירן האָט אים אויסגעהערט, האָט שטאַרק געקנייטשט דעם שטערן און געענטפערט:

— הער זיך נאָר איין, איטשקע! דו ווייסט, אַז פאַר דיר בין איך מוכן ומזומן אַלץ צו טון. אָבער אין דער זאַך האָב איך נישט קיין שום מעגלעכקייט צו העלפן אייך מיט עפּעס־וואָס. דער קייזער ברענט ממש פון צאָרן ווי אַ פייער. ער וויל קיין זאַך נישט הערן; מ׳טאָר אַפילו מיט אים וועגן דער זאַך נישט רעדן...

ר׳ איטשעלע איז אָבער נישט געווען קיין קינד. ער איז פון אזא תשובה נישט צעמישט געוואָרן. ער האָט געוואוסט, ווי מען דאַרף רעדן מיט אַ מאַגנאַט, און האָט געזאָגט:

— שררה, קאַנקרין! דאָס איז פאַר מיר נישט קיין תשובה. וועסטו נאָר וועלן, וועסטו שוין געפונען אַ מיטל, דאָס צו טון, און ווען דו וועסט עס טון זאָלסטו געדענקען, אַז איך פאַרבלייב דיין אייביקער בעל-חוב, אויף דור-דורות... פאַרשטייסט?

קאַנקרין, דערהערנדיק אַזעלכע ווערטער, האָט גענומען אַרומגיין איבערן צימער הין און צוריק און קלערן. לאַנג האָט ער געקלערט, און נאָכדעם האָט ער געזאָגט:

— דער איינציקער, וואָס וואָלט דאָ געקאָנט עפּעס טון, איז דער קרוינפּרינץ, נאָר ער אַליין קאָן זיך דערלויבן אַריינצוגיין צום קייזער. איך וועל זיך פּרואוון דורכשמועסן מיטן קרוין-פּרינץ. אפשר וועט ער זיך פאַר אייך אָננעמען. ער האָט ליב יידן. מאָרגן וועל איך דיר געבן אַ תשובה.

מיט דעם איז ר׳ איטשעלע אַוועק פון קאַנקרינען.

דעמזעלבן טאָג אין אָוונט, ווי נאָר ר׳ איטשעלע האָט אָפּגעדאַוונט „מעריב", איז געקומען צו פ׳ רן צו אים אויף דער אכסניא קאַנגרין אַליין און האָט געזאָגט:

— נו, איטשקע! איר האָט אַ גרויסן גאָט! דער קרוין-פּרינץ האָט מסכים געווען איבערצורעדן מיטן ק זער. ער וויל אָבער פריער זען דיך און דעם רב, מאָרגן דריי אַזייגער בייטאָג קומט צו מיר, און איך וועל אייך אַוועקפירן אין פּאַלאַץ.

מ׳קאָן זיך לייכט פאָרשטעלן וואָס ר׳ איטשעלע מיטן רב האָבן יענע נאַכט איבערגעלעבט. זיי האָבן, פאַרשטייט זיך, מיט אַן אויג נישט צוגעמאַכט און פאַרבראַכט די גאַנצע נאַכט אין טרערן און תפילות. אויפן אַנדערן טאָג האָבן זיי באַשלאָסן צו פאַסטן. אינדערפרי נאָכן דאַווענען זענען זיי געגאַנגען אין מקוה, האָבן אָנגעטון ריינע וועש, קורץ: זיי האָבן זיך מכין געווען.

צו דער באַשטימטער צייט זענען זיי געקומען צו קאַנקרינען, און ער האָט זיי צוועקגעפי ט אין קייזערלעכן

שלאָס. אויפן וועג האָט ער זיי געלערנט ווי אַזוי מען דאַרף זיך באַגיין, ווען מען שטייט פאַר אַ קרוינפּרינץ.

נאָכדעם ווי ער האָט זיי געבראַכט אין שלאָס, האָט ער זיי אַריינגעפירט אין אַ גרויסן פּרעכטיקן זאַל, האָט זיי אַוועקגעשטעלט אויפן אָרט און געהייסן וואַרטן. אַליין איז ער אַוועקגעפאָרן.

ר׳ איטשעלע מיטן רב זענען פאַרבליבן אין זאַל, וועלכער איז געווען פול מיט מיניסטאָרן און גענעראַלן, מיט סענאַטאָרן און גראַפן, און אַלע שטייען און שווייגן, און ביי דער טיר שטייען צוויי סאָלדאַטן מיט ענטבלויזטע שווערדן. אויף ר׳ איטשעלען איז אָנגעפאַלן אַ גרויס פּחד און ער האָט זיך געטרייסלט.

ר׳ איטשעלע האָט אַ קוק געטון אויפן רב און זעט: דער רב איז געוואָרן עפּעס גאָר אַן אַנדערער. פריער איז ער געווען אַן איינגעהויקערטער, אַ פאַרזאָרגטער, און דאָ שטייט ער אַ גלייכער, אַ הויכער, און זיין באָרד איז עפּעס ווי לענגער געוואָרן, און זיין פּנים איז בלאַס, נאָר רואיק, און עפּעס ווי פרייליך, באַגייסטערט, עפּעס ווי ער וואָלט זיך אויסגעטון פון דער וועלט, און זיינע ליפּן שעפּטשען עפּעס שטיל. ר׳ איטשעלען איז נאָך געוואָרן אומהיימלעכער און ער האָט אַ פרעג געטון אינדערשטיל דעם רב: — רבי, איר זאָגט „וידוי?“

דער רב האָט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ אויף יאָ. ר׳ איטשעלע האָט אויך גענומען זאָגן „וידוי“. ווי נאָר ער האָט פאַרענדיקט זיין וידוי, האָט זיך מיטאַמאָל געעפנט די טיר, און הינטער דערדאָזיקער טיר, אין צווייטן צימער, האָט זיך געעפנט אַן אַנדער טיר, נאָכדעם אַ דריטע, אַ פערטע, און אַזוי האָבן זיך געעפנט כּסדר טירן איינע נאָך דער אַנדערער צוואַנציק טירן, און ביי יעדער טיר שטייען צו צוויי סאָלדאַטן מיט ענטבלויזטע שווערדן, און בעת ס׳האָט זיך געעפנט די צוואַנציקסטע טיר, האָט זיך אין איר באַוויזן דער קרוינפּרינץ, אָנגעטון אין אַ באַגילטן מונדיר. דאָס גאַנצע פּנים ביי אים האָט געלויכטן.

דער קרוינפּרינץ איז לאַנגזאַם דורכגעגאַנגען אַלע צימערן און איז אַריין אין זאַל, וואו עס זענען געשטאַנען ר׳ איטשעלע מיטן רבי. פון אָנהויב האָט ער אויסגעזען צו זיין קליין, אָבער וואָס נענטער ער איז געקומען, אַלץ העכער און שרעקלעכער איז ער געוואָרן.

— ר׳ איטשעלע! ער רירט דאָך נישט אָן די ערד... — האָט ר׳ איטשעלע פּלוצלונג דערהערט הינטער זיך דעם רבס שטילן קול. און ער אַליין האָט אויך דערזען, אַז דער קרוינ־פּרינץ גייט, נישט אָנרירנדיק די ערד. ביי ר׳ איטשעלען איז אָפּגעשטאָרבן געוואָרן דאָס האַרץ, און ס׳איז אים געוואָרן פינסטער אין די אויגן. און דער קרוינפּרינץ האָט זיך גערוקט אַלץ נענטער און נענטער...

— „געבענטשט ביסטו, גאָט, אונדזער האַר, דער באַשעפער פון דער וועלט, וועלכער האָט איינגעטיילט פון זיין גרויסקייט אַ שטערבלעכן מענטשן", — האָט ר׳ איטשעלע שטילערהייט אָפּ־געזאָגט די ברכה, וואָס מ׳דאַרף מאַכן בעת מען דערזעט פאַר זיך אַ פּערזאָן פון דער קייזערלעכער פאַמיליע, און — איז גע־פאַלן חלשות.

בעת ר׳ איטשעלע האָט אויפגעעפנט די אויגן, האָט ער זיך דערזען ליגנדיק אין אַ בעט, אין אַ רייכן און פּרעכטיקן חדר, און אַרום אים זענען געשטאַנען די גרעסטע דאָקטוירים מיט רפואות. ר׳ איטשעלע האָט זיך דערמאָנט אָן דעם, וואָס ס׳האָט פּאַסירט, און האָט זיך זייער דערשראָקן. אַ קלייניקייט צו פאַלן אין חלשות פאַרן קרוינפּרינץ אין די אויגן! מער פון אַלץ האָט געפּייניקט איטשעלען דאָס, וואָס ער האָט נישט באַ־וויזן איבערצוגעבן דעם קרוינפּרינץ זיין בקשה, און צוליב דעם קאָן אַמאָל פאַרלוירן גיין אַ יידישע קהלה. אים איז גע־וואָרן ביטער אויפן האַרצן און ער האָט זיך פאַנאַנדערגעוויינט. דערווייל איז צו אים צוגעגאַנגען קאַנקרין און האָט געזאָגט:

— האָסט נישט, איטשקע, וואָס צו וויינען! אייער גאָט האָט זיך ווידער פאַר אייך אָנגענומען! אַלץ איז געשען צום בעסטן. דער קרוינפּרינץ איז נישט בלויז נישט אַריין אין כעס,

נאָר ער איז נאָך געוואָרן שטאַרק גערירט פון דעם, וואָס די ביסט געפאַלן אין חלשות. ער האָט וועגן דעם אַלץ דערציילט דעם קייזער, און דער קייזער האָט געזאָגט: „אַ מענטש, וואָס פאַלט אין חלשות, ווען ער דערזעט די געשטאַלט פון אַ קייזער־לעכער פערזאָן, וואָס קאָן ליגן נישט זאָגן. ברענגט אים צו מיר!" און דעריבער, ווי נאָר דו וועסט ווערן געזונטער, וועל איך דיך פאָרשטעלן פאַרן קייזער אַליין, און דו וועסט אים פערזענלעך אַלץ דערציילן.

גאַנצע דריי טעג איז ר' איטשעלע אָפּגעלעגן אין בעט. אין דער צייט האָבן אים די דאָקטוירים געגעבן פאַרשיידענע טראָפּנס. און אויפן פערטן טאָג איז ער מיט קאַנקרינען אוועק צום קייזער... וואָס ס'איז נוגע דעם רב, האָט אים ר' איטשעלע אָפּגעשיקט אויף זיינע פערד אַהיים; דאָס באַגע־געניש מיטן קרוינפּרינץ האָט אַזוי געווירקט אויפן זקן, אַז ער האָט זיך אָנגעהויבן פילן זייער שלעכט און זיך גענומען בעטן מ'זאָל אים אָפּשיקן צו זיך אַהיים.

ווי ר' איטשעלע האָט נאָכדעם דערציילט, האָט ער זיך פאַרן קייזער נאָך מער דערשראָקן, ווי פאַרן קרוינפּרינץ. באַ־זונדערס האָט ער זיך דערשראָקן פאַר זיין שטרענגן בליק. מ'פלעגט דערציילן, אַז ביים קייזער ניקאָלאַי איז געווען אַזאַ בליק, פון וועלכן די שטאַרקסטע מענטשן פלעגן פאַלן חלשות, און ווייבער פלעגן מפּיל זיין. נאָר אַ דאַנק די טראָפּנס, וואָס ער האָט איינגענומען, האָט ר' איטשעלע געקאָנט איינשטיין פאַרן קייזער ניקאָלאַי.

ווי נאָר דער קייזער האָט דערזען ר' איטשעלען, האָט ער אויף אים תיכף אַ געשריי געטון מיט כּעס:

— ווי האָט איר זיך, זשידעס, געוואַגט צו דערהרגענען מיין סאָלדאַט?

דאַן האָט זיך ר' איטשעלע צו אים טיף פאַרנויגט און האָט געענטפערט:

— גרויסער, מעכטיקער קייזער! די יידן זענען נישט שולדיק אין דעם בלוט פון דיין סאָלדאַט. מ'האָט אויף זיי געמאַכט אַ בלבול.

מיינע באַאַמטע האָבן מיר אָבער געשריבן, אַז די יידן האָבן געהרגעט אַ סאָלדאַט, איך גלויב מיינע באַאַמטע! — גרויסער, מעכטיקער קייזער! — האָט אים ר' איטשעלע ווידער געענטפערט — דיינע באַאַמטע זענען מענטשן, און האָבן גע-קאָנט אַ טעות האָבן. שיק אַראָפּ פון זיך אַ הויכן גענעראַל, ער זאָל אויפן אָרט אויספאָרשן די זאַך, און דער אמת וועט אויפגעדעקט ווערן.

דער קייזער האָט אַ ווײלע געשוויגן, אַרומשפּאַצירנדיק מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ איבערן צימער, ווי ער וואָלט עפּעס באַקלערט. פּלוצלונג האָט ער זיך אָפּגעשטעלט פאַר ר' איטשעלען, האָט אים אַריינגעקוקט גלייך אין די אויגן, אַזוי, אַז בײ יענעם איז דאָס גאַנצע בלוט פאַרגליווערט געוואָרן אין די אָדערן, און האָט אים געפרעגט.

— נו, וואָס וועט אָבער זיין, ווען דער גענעראַל, וועלכן איך וועל אַראָפּשיקן וועט אויך באַשטעטיקן, אַז יידן האָבן דערהרגעט אַ סאָלדאַט? מיט וואָס וועסטו דאַן ענטפערן אויף דעם, וואָס דו האָסט אָפּגענאַרט מיך, דיין קייזער?

— גרויסער, אַלמעכטיקער קייזער! — האָט איהם ר' איטשעלע דערויף געענטפערט — מיט וואָס קאָן איך, אַ קליין ווערעמל, ערב זיין דיר, הויכער הערשער? נאָר, אַז דו פרעגסט, מוז איך ענטפערן.

אויב ס'וועט זיך אַרויסווייזן, אַז איך האָב דיך אָפּגענאַרט, לייג איך דאַן אַליין אַרויף אויף זיך אַזאַ שטראָף: איך האָב אַ פאַרמעגן פון פינף מאָל הונדערט טויזנט רובל — לאָז מען דאָס אַלץ צונעמען פאַרן מלוכה-אוצר, איך האָב זיבן זין — לאָז מען זיי אַלעמען אָפּגעבן אין סאָלדאַטן. און מיר אַליין זאָלסטו הייסן שמידן אין קייטן און אַוועקשיקן אויף „קאַטאָרגע“.

דערדאָזיקער ענטפער איז, ווי עס ווייזט-אויס, געפעלן געוואָרן דעם קייזער. ער האָט זיך ווידער דורכשפּאַצירט איבערן צימער, דערנאָך איז ער צוגעגאַנגען צו ר' איטשעלען, האָט אַרויפגעלייגט די האַנט אויף זיין פּלייצע און גאַנץ ווייך געזאָגט:

— פאַר אַהיים: נאָך היינט וועט אַראָפּפאָרן קיין אַמטשיסלאַוו אַ גענעראַל אויסצופאָרשן דעם גאַנצן ענין. און ווען עס וועט זיך אַרויסווייזן, אַז די יידן זענען אומשולדיק, מעגסטו זיכער זיין, אַז זיי וועלן נישט באַשטראָפט ווערן. אין דער צייט פון מיין ממשלה האָט נאָך קיין איין אומשולדיקער נישט געליטן און וועט נישט ליידן.

ר׳ איטשעלע איז נאָך דעמזעלבן טאָג אָפּגעפאָרן אַהיים. און יענעם טאָג איז אַרויסגעפאָרן קיין אַמטשיסלאַוו אויך אַ גרויסער גענעראַל, וועמען ס׳איז שטרענג באַפוילן געוואָרן צו דערגיין דעם גאַנצן אמת. דריי וואָכן האָט געדויערט די אויספאָרשונג, און ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ביי איינעם פון די סאָלדאַטן האָט אומגעריכט אויסגעשאָסן זיין ביקס און דערהרגעט אַ צווייטן זעלנער. די שטראָף איז פון די יידן אַראָפּגענומען געוואָרן, און צום אָנדענקען פון דעמדאָזיקן טאָג האָבן זיי איינגעפירט אַן אָרטיקן יום־טוב, וועלכער ווערט יערלעך געפייערט אין אַמטשיסלאַוו נאָך ביזן היינטיקן טאָג. גראָד קומט אויס אין יענעם טאָג דעם רבס יאָרצייט. קומענדיק אַהיים פון פעטערבורג, האָט ער נאָך געצויגן אַ חודש און איז געשטאָרבן. בשעת זיין קראַנקהייט האָט ער געוויינט אין זיך שטאַרק אָפּגעגעסן דאָס האַרץ, פאַרוואָס ער איז נישט געשטאָרבן אין קייזערלעכן שלאָס פאַר די אויגן פונם קרוינפּרינץ. „דאַן וואָלט מיין טויט געווען אַ קידוש השם״, — האָט ער פאַרענדיקט מיט אַ טיפן קרעכץ.

ז

נאָך זייער אַן אינטערעסאַנטע לעגענדע גייט אום אין פאָלק וועגן ר׳ איטשעלעס ראָלע אין דעם אַמטשיסלאַווער געשעניש:

ביי ר׳ איטשעלען אין שטוב האָט זיך אויפגעהאָדעוועט אַ קריסטלעך פּויליש מיידל, אַ יתומה, נאַכדעם, ווי איר פאָטער,

אַ בונטאָווסטשיק, איז דערשאָסן געוואָרן בשעתן „מיאַטעזש“ אין יאָר 1831.

בעת דאָסדאָזיקע מיידל איז אויסגעוואַקסן, איז זי אָנגעקומען פאַר אַ פריילין צו דער פרוי פונם גראַף טאַטישטשעוו, אַ מקורב פון ניקאָלאַי דעם ערשטן. נאָכדעם, ווי ס'האָט פּאַסירט דאָס אַמטשיסלאַווער אומגליק, האָט זיך ר' איטשעלע גלייך געווענדט צו דער דערמאָנטער פריילין, זי זאָל אים פועלן ביי טאַטישטשעוון, ער זאָל זיך אָננעמען פאַר די יידן. דאָס פריילין האָט אָבער געענטפערט, אַז זי קאָן אין דעם גאָרנישט טון, ווייל גראַף טאַטישטשעוו איז אַ גרויסער שונא ישראל.

— די איינציקע, — האָט דאָס פריילין געזאָגט, — וואָס קאָן ווירקן אויף טאַטישטשעוון, איז נאָר זיין פרוי, וועלכע ליבט זייער בריליאַנטענע צירונג.

ר' איטשעלע האָט זיך איבערגעטון און פאַרשטעלט פאַר אַ סוחר, האָט גענומען אַ פּאָר בריליאַנטענע אויערינגלעך, וואָס קאָסטן פופציק טויזנט רובל, האָט זיי אָוועקגעטראָגן דער גרעפין און פאָרגעלייגט, אפשר וויל זי זיי קויפן.

אַז די גרעפין האָט דערזען די אויערינגלעך, איז זי אַ פאַרטרייסלטע געוואָרן און האָט געפרעגט:

— וויפל פאַרלאַנגסטו פאַר די אויערינגלעך?

— פינף טויזנט רובל, — האָט געענטפערט ר' איטשעלע, — נאָר ווייל דו ביסט אַ פרוי, וויל איך דיר נישט פאַרקויפן די בריליאַנטן, סיידן דיין מאַן זאָל זיי פריער זען. איך לאָז זיי איבער. ווייז זיי דיין מאַן, און דערנאָך וועל איך אַהער אַריינגיין און וועל שוין מיט אים דורכקומען.

בעת גראַף טאַטישטשעוו איז געקומען און די פרוי האָט אים באַוויזן די אויערינגלעך און אים געזאָגט דעם מקח, האָט ער באַלד אויסגעשריגן:

— דאָס שמעקט מיט שוחד! די אויערינגלעך דאַרפן קאָסטן פופציק טויזנט רובל. איך וויל זיי נישט קויפן.

פון אַ פרוי קאָן מען זיך אָבער אַזוי לייכט נישט אַרויסדרייען. זי האָט אַזוי לאַנג און אַזוי ברייט געבעטן דעם גראַף

און צוגעשטאַנען צו אים, ביז ער האָט מסכים געווען אויפצו־נעמען ר׳ איטשעלען.

בעת ר׳ איטשעלע איז געקומען, האָט אים דער גראַף שטרענג אַ פרעג געטון:

— וואָס פאַרלאַנגסטו?

— איך פאַרלאַנג, — האָט געענטפערט ר׳ איטשעלע דו זאָלסט אויסהערן פון מיר נאָר דריי ווערטער.

— נו, רייד, אָבער נאָר צוויי ווערטער, נישט מער!

דאַן האָט אים ר׳ איטשעלע אונטערגעטראָגן די אוירינגלעך און אַרויסגערעדט אויפן קול:

— העלף יידן!

דער גראַף האָט צוגענומען די אוירינגלעך און געזאָגט:

— זיי ווייסן, אַז איך בין אַ גרויסער שונא פון יידן. נישט אומזיסט רופט מען מיך טאַטישטשעוו. איך קום אַרויס פון טיטוסן. וואָס קאָן איך אָבער טון, נאָכדעם, ווי אייער גרויסער גאָט האָט וועגן אייך געזאָגט: „וגם בהיותם בארץ אויביהם לא מאסתים ולא געלתים לכלותם ולהפר בריתי אתם" (און אויך בעת זיי געפינען זיך אינם לאַנד פון זייערע פריינט, האָב איך זיי נישט פאַרמיאוסט און נישט פאַראַכט, אַז כ׳זאָל זיי פאַרלענדן און צעשטערן מיין בונד מיט זיי)? זאָג, מיט וואָס קאָן איך אייך העלפן?

דאַן האָט אים ר׳ איטשעלע דערציילט פון אָנהויב ביזן סוף די גאַנצע אַמטשיסלאַווער געשיכטע. דער גראַף האָט אים אויסגעהערט אויפמערקזאַם און נאָכהער זיך אָפּגערופן:

— דער איינציקער, וואָס קאָן דיר העלפן, איז נאָר דער קרוינפּרינץ. איך וועל מיט אים איבעררעדן.

טאַטישטשעוו האָט איבערגערעדט מיטן קרוינפּרינץ. דער־נאָך האָט ער צו זיך געשיקט רופן ר׳ איטשעלען און צו אים געזאָגט:

— דער קרוינפּרינץ האָט מסכים געווען דיר צו העלפן, און האָט אָפּגעקלערט דאָס צו טון אויף אַזאַ אופן: ווייל מ׳קאָן מיט דעם קייזער נישט ריידן גלייך וועגן דעמראָזיקן ענין,

ווארום ער איז אויף די יידן זייער אויפגעבראַכט, וועט זיך דעריבער דער קרוינפּרינץ מאַכן קראַנק, און איך וועל זיצן בּיי זיין בעטל און שמועסן מיט אים. און בעת דער קייזער וועט אים אריינגיין מבקר חולה זיין און פרעגן, וועגן וואָס מיר שמועסן, וועט אים דאַן דער קרוינפּרינץ דערציילן דעם גאַנצן אמת וועגן דעמדאָזיקן געשעעניש און אים בעטן באַגנעדיקן די יידן. און כדי דו זאָלסט וויסן וועגן וואָס מ'וועט רעדן און וואָס דער קייזער וועט ענטפערן, וועל איך דיך אוועקשטעלן ערגעץ הינטער דער טיר.

און כך הוה. דער קרוינפּרינץ האָט זיך געמאַכט קראַנק און זיך אריינגעלייגט אין בעט. טאַטישטשעוו האָט זיך לעבן אים געזעצט, און ר' איטשעלען האָט ער אַוועקגעשטעלט הינטער דער טיר. דער קייזער איז געקומען מבקר חולה זיין דעם קרוינפּרינץ, און אים געפונען אין אַ שמועס מיט טאַטישטשעוון.

— וועגן וואָס רעדט איר דאָס? — האָט דער קייזער אַ פרעג געטון.

דאַן האָט אים דער קרוינפּרינץ דערציילט די גאַנצע זאַך און געזאָגט, אַז די יידן זענען נישט שולדיק, און אַז נאָר אומזיסט, האָט ער זיי באַשטראָפט.

— עס מאַכט נישט אויס! — האָט געענטפערט דער קייזער— ווען זיי זענען אפילו היינטיקס מאָל אומזיסט באַשטראָפט געוואָרן: ס'וועט בּיי זיי נישט פאַרלוירן גיין!

הערנדיק דאָס, האָט זיך דער קרוינפּרינץ פאַנאַנדערגע־וויינט און גענומען בעטן דעם פאָטער, ער זאָל שענקען די יידן זיין גנאָד.

— אַלע „זשידעס" צוזאַמען זענען נישט ווערט, אַז דו זאָלסט זיך צוליב זיי אָפּעסן דאָס הארץ און זיך קאַליע מאַכן דאָס געזונט. טו מיט זיי, ווי דו פאַרשטייסט.

דער קייזער איז שנעל אַרויס פון צימער, צוקלאַפּנדיק הינטער זיך די טיר, ווי מיט כּעס. בעת ער האָט געעפנט די טיר, האָט זיך ר' איטשעלע אַרויסגערוקט. דער קייזער האָט אים

בישט באַמערקט; ר׳ איטשעלע האָט זיך אָבער אַזוי דערשראָקן, אַז ער איז געפֿאַלן חלשות.

נאָך דעם האָט דער קרוינפּרינץ אַראָפּגעשיקט דעם ערשטן מיניסטער, אורוסאָוו האָט ער געהייסן, קיין אַמטשיסלאַוו. ער האָט אויסגעפֿאָרשט די זאַך און איז דערגאַנגען, אַז מ׳האָט אויף די יידן געמאַכט אַן אומזיסטן בלבול. דאַן האָט ניקאָלאַי זיי אַלעמען מוחל געווען.

ביז אַהער — די לעגענדעס. אַ פֿאַקט איז, אַז אויב די אַמטשיסלאַווער יידישע קהלה איז ניצל געוואָרן פֿון דער גרויסער געפֿאַר, וואָס איר האָט גרדראָהט, האָט זי עס געהאַט צו פֿאַר־דאַנקען בלויז דער ענערגישער השתדלות פֿון ר׳ איטשעלע מאָנאַסטירשציקער.

X

ליטמאַן פּייגין

א

אין די דרייסיקער יאָרן פונם פאָריקן יאָרהונדערט איז ביי די רוסישע יידן געווען שטאַרק פּאָפּולער די טשערניגאָווער פאַמיליע פ י י ג י ן. דאָס הויז פון דעם אַלטן ר׳ לייוויק פייגין האָט געשמט פאַר אַ נעסט פון תורה, פון עשירות און צדקה. ר׳ לייוויק האָט געפירט גרויסע געשעפטן אַלס פּאָדראַד־טשיק, וועלכער האָט געליפערט דעם גאַנצן פּראָוויאַנט פאַר דעם רוסישן מיליטער פונם דרום-מערב-קאַנט. צוליב דעם איז ער כמעט תמיד געזעסן אין ק י ע וו, וואו ער האָט געהאַט צו טון מיט די גרעסטע גענעראַלן. אַליין אַ ייד אַ למדן און אַ ירא-שמים, האָט ער אין דעמזעלבן גייסט געוואָלט דערציען אויך זיינע צוויי זון, פאַר וועלכע ער פלעגט כסדר אַראָפּברענגען מלמדים פון דער ליטע. איבערצייגנדיק זיך דורך זיין אייגענער דערפאַרונג, אַז זיינע געשעפטן וואָלטן געהאַט פיל מער דערפאָלג, ווען ער וואָלט באַזעסן וועלכע-עס-איז וועלטלעכע קענטעניש, האָט ער די זון געגעבן לערנען רוסיש און חשבון, נישט

קוקנדיק אויף דער אומצופרידנהייט, וואָס דאָס האָט אַרויסגערופן ביי די פרומע טשערניגאָווער יידן. אַז זיין עלטערער זון, ליטמאַן, איז אונטערגעוואַקסן און געוואָרן אַ יאָר אַכצן, האָט ער אים אָנגעהויבן באַנוצן צו זיינע געשעפטן. ער פלעגט אים גאַנץ אָפט שיקן אנשטאט זיך קיין קיעוו; אייניקע מאָל, זומער-צייט, איז ער מיטגעפאָרן מיט דעם מיליטער אויף מאַנעווערס, און יעדעס מאָל פלעגט ער קומען צו זיך אַהיים מיט די שענסטע אטעסטאַציעס פון דעם הויפט-קאָמאַנדיר. פון טאָג צו טאָג האָבן זיך אַלץ מער אַרויסגעוויזן ליטמאַנס געשעפטלעכע פעאיקייטן, און דאָס האָט געבראַכט דערצו, אַז אינגיכן האָט ער פאַרטראָטן דעם פאָטער אין אַלע זיינע עסקים. דורך זיין גרויסער באַקאַנטשאַפט מיט פאַרשיידענע רעגירונגס-באַאַמטע אין קיעוו האָט זיך אים איינגעגעבן צו באַקומען אין אַרענדע אויף צען יאָר די פאָסט אין גאַנץ וואָלינער און טשערניגאָווער גובערניע. ער האָט פאַרשטאַנען די ביז אַהער דאָרט אָפּגעלאָזענע פאָסט אויפצושטעלן אויף אַזאַ הויך, אַז ער איז שוין אין אַ יאָר אַרום געוואָרן באַשאָנקען פון דער רעגירונג מיט אַ גאָלדענעם מעדאַל „פאַר פלייס".

אין אַ קורצער צייט אַרום האָט פּאַסירט אַ צופאַל, דורך וועלכן דער יונגער ליטמאַן פייגין איז גאַנץ אומגעריכט נתעלה געוואָרן. אין אַ געוויסן טאָג האָט ער זיך דערוואוסט, אַז אָנהויב הערבסט דאַרף ניקאָלאַי באַזוכן קיעוו. אין יענער צייט איז נאָך אין רוסלאַנד קיין אייזנבאַן נישט געווען, און דער קייזער האָט געמאַכט זיינע נסיעות מיט פערד, וועלכע ער האָט געביטן אויף יעדער פאָסט-סטאַציע. געוויינלעך, האָט מען פאַר ניקאָלאַיען תמיד אָנגעגרייט די בעסטע פערד. אַזוי ווי דער וועג פון פעטערבורג קיין קיעוו איז געגאַנגען דורכן טשערניגאָווער טראַקט, וואו פייגין האָט געהאַלטן די פאָסט, האָט ער, כדי צו ציען אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט פון קייזער, אָנגעהויבן נאָך מיט אַ צייט פריער צו ברענגען די סטאַציעס אין דער בעסטער אָרדנונג. ער האָט ממש געשאָטן מיט געלט און אויסגעזוכט די שענסטע פערד, און אַלע פון איין מאַסט,

פון איין וואוקס און פון איין פלינקייט. ער האָט זיך אָפּגע־ריסן פון אַלע זיינע געשעפטן און זיך אָפּגעגעבן אינגאַנצן נאָר דער פּאָסט. איז אַליין אַרומגעפאָרן איבער אַלע סטאַנציעס, האָט אומעטום אויסגעטיילט פאַראָרדנונגען וועגן דער באַפּוצונג פון די פאַרשיידענע בנינים, האָט נישט געקאַרגט קיין הוצאות און געצאָלט פאַר אַלץ מיט דער פולער האַנט. עס איז נאָך געבליבן אַ חודש צום טערמין, אויף וועלכן עס איז באַשטימט געוואָרן דעם קייזערס נסיעה, און פייגין האָט שוין פאַרענדיקט זיין גאַנצע אַרבעט און איז געקומען צוריק אַהיים קיין טשערניגאָוו.

עס איז גראָד דאַן געווען אַ פריאיקער און זייער נאַסער הערבסט. נאָך פאַר סוכות האָט אָנגעהויבן רעגענען, און פון דעמאָלט אָן האָט געגאָסן כסדר, ווי מיט עמערס. די זאַמדיקע וועגן זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין טיפע זומפּן, ערטערווייז האָבן זיך געבילדעט גאַנצע טייכן, ערטערווייז האָבן זיך אויס־געטורעמט בערגלעך בלאָטע, און דאָס אַלץ האָט זייער באַ־שווערט די באַוועגונג. אַלע האָבן גערעכנט, אַז צוליב דעם וועט דער קייזער אָפּלייגן זיין נסיעה אויף אַ געוויסער צייט. עס איז אָבער נישט אַזוי געווען דער פאַל.

איינמאָל, דאָס איז געווען שמחת־תורה אינדערפרי, בעת אין פייגינס „מנין" איז מען געגאַנגען צו הקפות, האָט פייגין דערהאַלטן אַן איינלאַדונג פון גובערנאַטאָר, תיכף צו אים צו קומען. פייגין איז באַלד אַוועק צום גובערנאַטאָר, וועלכער האָט אים דערציילט, אַז דער קייזער געפינט זיך שוין הינטער האָמעל, אָבער פון דאָרט קאָן ער בשום אופן נישט פאָרן ווייטער, ווייל וועלכע פערד מען שפּאַנט נאָר איין צו זיין עקי־פּאַזש, בלייבן זיי שטעקן אין זומפּ און ווילן זיך נישט רירן פון אָרט. מען האָט שוין אַראָפּגעבראַכט די בעסטע פערד פונם פירשט פּאַסקעוויטשעס גיטער און פון אַנדערע פריצישע הויפן, און עס העלפט נישט, זיי גייען אָפּ עטלעכע וויאָרסט און שטעלן זיך אָפּ. בקיצור — אַזוי האָט פאַרענדיקט דער גובערנאַטאָר — וואָלט אפשר געווען אַ פּלאַן, אַז ער, פייגין, זאָל פּרוּוון אַרויסשיקן דעם קייזער פון זיינע פערד, וועגן וועלכער ער

האָט געהערט דערציילן נפלאות. די פּאָסט פון האָמעלער ראַיאָן האָט אַפילו אָנגעהערט צו אַן אַנדער אַרענדאַטאָר, אַ קריסט, דאָך האָט זיך פייגין באַלד אָנגעכאַפּט אָן דעם גובערנאַטאָרס פאָרשלאַג, האָט אויסגעקליבן עטלעכע פון זיינע בעסטע פערד, און באַקומענדיק אַ היתּר פונם טשערניגאָווער רב האָט ער זיי אַליין אום שמחת־תּורה אָפּגעפירט אַהין, וואו דער קייזער איז געבליבן שטיין מיט זיין סוויטע.

מיט אַ בריוו אין דער האַנט פונם טשערניגאָווער גובער־נאַטאָר צו דעם קאָמענדאַנט, וואָס האָט אָנגעפירט מיט דעם קייזערס נסיעה, איז פייגין אָנגעקומען אין דעם גוט, וואו ניקאָלאַי האָט זיך אָפּגעשטעלט. אין זיין בריוו האָט דער גובער־נאַטאָר געשריבן, אַז פייגינס פּאָסט־פערד פאַררעכענען זיך פאַר די בעסטע אין גאַנצן קאַנט, און ער איז דעריבער בטוח, אַז זיי וועלן גובר זיין די גרעסטע וועג־שוועריקייטן. אויף דעם האָט פייגין אַליין מוסיף געווען מיט אַ שמייכל, אַז זיינע פערד זענען אַזעלכע, וואָס לאָזן זיך אָנטרייבן נאָר פון זייער אייגענעם בעל־הבית, און דערום וואָלט געווען צוועקמעסיק, ער זאָל זיצן צוזאַמען מיטן קוטשער אויף די „קאָזלעס" פון דעם קייזערלעכן עקיפּאַזש.

דער קאָמענדאַנט האָט זיך דורכגעשמועסט מיט עטלעכע הויכע מלוכה־באַאַמטע, וועלכע האָבן זיך בעת־מעשה געפונען ביי אים אין צימער, און נאָכהער האָט ער דערקלערט פייגינען, אַז אַזוי ווי דעם קייזער וועט געוויס זיין אומאָנגענעם צו זען פאַר זיך אַ יידן אויף די „קאָזלעס", בכן ראָט ער אים צו פאַרשטעלן זיך ציטווייליק פאַר אַ קריסטלעכן קוטשער, און אויב זיינע פערד וועלן באמת מצליח זיין מער פון די אַנדערע, די פּריעדיקע, וועט ער אים דאַן צושטעלן צו אַ הויכער „נאַגראַדע".

פייגין, ביי וועמען די זאַך איז שוין אַריין אין אַמביציע, האָט דערצו מסכים געווען. ער איז באַלד אַוועק אין דעם נאָענטן דאָרף, פון וועלכן ער איז אין אַ קורצער ווײַלע אַרום געקומען פאַרקליידט פאַר אַ פּויער. דאַן האָט ער אַרויפגעוואָרפן אויף זיך דעם ליוורײ פונם קייזערלעכן קוטשער, וואָס דער קאָמענ־

דאַנק האָט אים געגעבן, און נישט ־ווערנדיק דערקענט פון די אַרומיקע, האָט ער איינגעשפּאַנט זיינע פערד צו ניקאָלאַיס עקיפּאַזש.

עס איז שוין געווען פאַרנאַכטלעך, ווען דער קייזערלעכער צוג האָט זיך גערירט פון אָרט. ווי נאָר דער קוטשער האָט אויפגעהויבן זיין בייטש איבער די פערד, האָבן זיי זיך אַזוי צעיאָגט, אַז נישט קוקנדיק אויף די בלאָטעס מיט די גריבער, זענען זיי געפלויגן ווי די אָדלערס, און אָפּלויפנדיק אין איין אימפּעט אַ גאַנצע נאַכט, האָבן זיי שוין אויף מאָרגן פאַרטאָג געבראַכט דעם קייזער קיין טשערניגאָוו. ניקאָלאַי איז געווען אויסער זיך פון די פערד, און האָט אויסגעדריקט זיין באַוואונ־דערונג און זיין דאַנק דעם טשערניגאָווער גובערנאַטאָר. ערשט דורך זיין שמועס מיטן גובערנאַטאָר איז אים די זאַך אויפגע־קלערט געוואָרן און ער האָט דאַן פאַרלאַנגט, מ'זאָל פאַר אים פאָרשטעלן פייגינען. ווען פייגין איז אַריין, אין די אייגענע, יידישע קליידער, האָט אים ניקאָלאַי אַ קלאַפּ געטון מיט דער האַנט אויפן פּלייצע און אַ זאָג געטון:

— „מאָלאָדיעץ!"

נאָך מער תקיפער איז פייגין געוואָרן ביי ניקאָלאַיען, נאָכדעם ווי ער האָט אים אויף זיינע פּאָסט־פערד צוגעשטעלט קיין קיעוו צו דער רעכטער צייט אָן אַ שום פאַרשפּעטיקונג. אין עטלעכע וואָכן אַרום האָט ער באַקומען דורכן טשערניגאָווער גובערנאַטאָר צוגעשיקט פון פּעטערבורג אַ גאָלדענעם רינג מיט אַן אַלערהעכסטן דאַנק.

פון יענעם מאָמענט אָן האָט די רוסישע רעגירונג אַרויס־געוויזן פייגינען פיל התקרבות. זי האָט אים אָפּגעגעבן אין פּאַדראַד אויסצובויען פאַרן מיליטער אייניקע קאַזאַרמעס מיט שפּיטאָלן. אויסער פאַרשיידענע פּראָוויאַנט־ליפערונגען פאַר דער אַרמיי. פון דידאָזיקע פּאַדראַדן האָט פייגין אָנגעקליבן אַ גרויסן קאַפּיטאַל און איז זייער רייך געוואָרן. ער האָט דאַן אַוועקגעשטעלט זיין טשערניגאָווער הויז אויפן העכסטן אַריסטאָ־קראַטישן שטייגער. דער גובערנאַטאָר און אַנדערע הויכגע־

שטעלטע פערזאָנען פון שטאָט זענען געווען פון זיינע שטענדיקע געסט. געראָטן אין פּאָטער האָט ער אויך געגעבן פיל געלט אויף צדקה פאַר יידישע און נישט-יידישע צוועקן. באַזונדערס האָט ער זיך געזען אויספיינען פאַר „נאַטשאַלסטווע" אַלס גרויסער רוסישער פּאַטריאָט. ער האָט געגעבן די גרעסטע נדבות פאַר פאַרשיידענע באַדערפעניש פון דער מלוכה. אין דער צייט פון דער כאָלערע האָט ער אויסגעבויט אויף זיין חשבון באַראַקן פאַר דער באַפעלקערונג, האָט געגעבן האָלץ פון זיינע וועלדער פאַר אָפּגעברענטע פויערים, און האָט אַזוי-אַרום באַקומען אַ נאָמען פון אַ גרויסן רוסן-פריינט און פילאַנטראָפּ.

פייגין איז נאָך דאַן גאַנץ יונג געווען, קוים דרייסיק יאָר אַלט. פירנדיק אַ יידישן שטאָט, איז ער דאָך מער אויס-געמישט געווען מיט קריסטן, און באַזונדערס מיט דער באַאַמטן-וועלט, מיט וועלכער ער איז געשעפטלעך געווען פאַרבונדן. אין יידישע קהלשע זאַכן האָט ער זיך ווייניק-וואָס געמישט, ביז עס האָט געטראָפן אַ צופאַל, דורך וועלכן ער איז געוואָרן מיט דער צייט איינער פון די גרעסטע שתדלנים, וועלכע דאָס רוסישע יידנטום האָט ווען עס איז געהאַט.

ב

נאָך אין די לעצטע יאָרן פון אַלעקסאַנדער דעם ערשטנס רעגירונג האָט שוין די לאַגע פון די יידישע ישובניקעס אָנגע-הויבן ווערן זייער קריטיש. די „פּריצים" פון איין זייט און די פויערים פון דער אַנדערער זייט האָבן גענומען שטאַרק דריקן זייערע יידישע שכנים. פאַר יעדער שוועריקייט אינם דאָרפישן לעבן, פאַר דער נישט-געראָטנקייט פון די פעלדער, פאַר דער אָרעמקייט פון די פויערים פאַר דער קלענסטער אומאָרדנונג פון די פאַרשיידענע שטייערן, — פאַר אַלץ האָט מען געמאַכט פאַראַנטוואָרטלעך נאָר דעם יידישן קרעטשמער, אָדער דעם יידישן קרעמער. אין יעדן דאָרף האָבן זיך שוין געפונען גע-

ווירטע העצער, וואָס האָבן אַגיטירט די פּויערים קעגן די יידן, און דער פּועל־יוצא דערפון איז געווען, אַז עס זענען געפלויגן מסירות אויף די יידישע קרעטשמערס צו די גובערנאַטאָר־ן, און אַמאָל אויך העכער, אַזש קיין פּעטערבורג. גאַנץ אָפט פלעגן פון די גובערניעס אַראָפּפאָרן אין די דערפער רעוויזאָרן, אויס־צופאָרשן אויפן אָרט די פּויערישע טענות קעגן די יידן. כמעט תמיד פלעגן זיך די באַשולדיקונגען אַרויסווייזן פאַר נישט ריכטיק; דאָך האָבן די רעוויזאָרן אין זייערע אָפּגעגעבענע ראַ־פּאָרטן אונטערשטיצט די מיינונג, אַז די יידן זענען נישט קיין נוצלעכע עלעמענטן אין די דערפער, און אַז דאָס איז עלול אַרויסצורופן רייבונגען צווישן זיי מיט די פּויערים. די דאָזיקע מיינונג איז אונטערגעכאַפּט געוואָרן פון די העכערע רעגירונגס־ספערן אין פּעטערבורג, וואו ס'האָט שוין געשוועבט דער אַנטי־סעמיטישער גייסט פון ניקאָלאַי דעם ערשטן, און שטיצנדיק זיך אויף איר, האָט מען גענומען זוכן פלענער, ווי צו באַזיי־טיקן יידן פון די דערפער. די זאַך איז איבערגעגעבן געוואָרן אַ באַזונדער קאָמיסיע, וועלכע האָט געדאַרפט אויסאַרבעטן אַ געזעץ וועגן דעם וואוינרעכט פון יידן „אויפן לאַנד". צווישן יידן האָבן זיך דאַן פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז לויט דעם נייעם געזעץ וועט גענוג זיין אַרויסצוטרייבן אַ יידן פון אַ דאָרף, נאָר ווען צוויי פּויערים וועלן באַשטעטיקן, אַז ער איז פאַר זיי שעדלעך. אין אַ סך שטעט, באַזונדערס אין ליטע און ווייס־רוסלאַנד, וואו אַ מאַסע יידן האָבן געוואוינט אין די דערפער, האָט קהל אָפּגעהאַלטן אסיפות, אין וועלכע ס'איז באַקלערט געוואָרן די פראַגע, וואָס צו טון, כדי די דאָזיקע שרעקלעכע גזרה אָפּצוווענדן. ס'איז געבליבן, אַז די קהלות זאָלן זיך פאַר־אייניקן און צוזאַמען שיקן פון זיך וועגן דעם ענין אַ דעפּו־טאַציע פון אָנגעזעענע יידן קיין פּעטערבורג.

דערווייל האָט מען זיך וועגן דעם נייעם געזעץ, וואָס האַלט זיך אין אויסאַרבעטן, דערוואוסט אויך אין די פּריצישע קרייזן, און דורך זיי איז די זאַך אין מאַנכע ערטער דערגאַנגען אויך צו די פּויערים. צווישן די לעצטע האָבן זיך געפונען

אזעלכע, וואָס האָבן זיך נישט געקאָנט דע־וואָרטן אויפן דע־
קרעט, און דערווייל וואָס-ווען שוין אָנגעהויבן מאַכן בלבולים
אויף יידן און אַרויסזעצן זיי פון די דערפער. אַזוינע צופאַלן
האָבן פּאַסירט באַזונדערס אין עטלעכע דערפער פון טשערני־
גאָווער גובערניע. וואו די פּויערים זענען דאָס רוב „סטאַראָ־
אָבריאַדצעס״, וועלכע זענען פון קדמונים אָן אָנגעזאָפּט מיט
שנאה צו יידן.

אַזאַ פאַקט איז פאָרגעקומען אויך אין אַ דאָרף האַרט
ביי טשערניגאָוו. אין יענעם דאָרף האָט צענדליקער יאָרן נאָכ־
אַנאַנד געוואוינט אַ ייד אַ ישובניק, אַ גאַנץ רייכער און אַ
מטופל מיט אַ גרויסער פאַמיליע. ער אַליין האָט געהאַלטן אין
אַרענדע די קרעטשמע, און פון זיינע צוויי איידעמס האָט
איינער געהאַט אַ קראָם און דער צווייטער אַ פאַבריק פון
סמאָלע. די דאָזיקע יידישע פאַמיליע האָט תמיד געלעבט מיט די
דאָרטיקע פּויערים „סטאַראָאָבריאַדצעס״ בשלום. די פּויערים
האָבן שטענדיק געוואוסט צו שעצן דעם יידישן קרעטשמער
מיט זיינע איידעמס פאַר דער גרויסער פּרנסה, וואָס זיי ברענ־
גען אַריין אין דאָרף. ס'האָט אָבער אַמאָל געטראָפן פּאַסירן,
אַז דער „וואָלאָסט״, וועלכער איז געווען דעם ישובניק אַ גרויסער
בעל-חוב פון לאַנג-אָן, איז צו אים געקומען בעטן אַ נייע
הלוואה און נישט באַקומען און איז דעריבער אויף אים געוואָרן
שרעקלעך אויפגעבראַכט. פון דעמאָלט אָן האָט דער „וואָיט״
אָנגעהויבן גראָבן דעם ישובניק מיט זיין פאַמיליע, פריער אינ־
דערשטיל, און דערנאָך בגלוי. ער האָט געהעצט קעגן אים די
פּויערים, ער האָט אויף אים געשיקט מסירות אין דער גובער־
ניע, און אַז דאָס האָט אַלץ נישט געהאָלפן, ווייל דער ישובניק
איז געווען אין דער גאַנצער סביבה, ביי יידן און ביי קריסטן,
באַקאַנט פאַר אַ העכסט אָרנטלעכן מאַן, האָט ער אים אָפּגעטון
אַ טייוולשן שפּיצל. ער איז אַריין שפּעט ביינאַכט אין דערביי־
איקן קלויסטער, האָט דאָרט אַראָפּגעריסן די צירונגען פון
עטלעכע צלמים, האָט די ענטבלויזטע ערטער פאַרשמירט מיט
פּעך, און דורך אַ קליין פענסטערל האָט ער די צירונג אַריינ־

צעוואָרפֿן אין דעם קעלער פֿון דער סמאָלע־פֿאַבריק, און אויף מאָרגן גאַנץ פֿרי איז ער אַליין געלאָפֿן קיין טשערניגאָוו און געמאַכט אַ ליאַרעם, אַז עס איז באַרויבט געוואָרן דער פּראַוואָסלאַווער קלויסטער, און אַז די רויבער זענען נישט קיין אַנדערע, ווי נאָר דער ישובניק מיט זיינע איידעמס, וועלכע זענען די גרעסטע פֿיינט פֿון דער קריסטלעכער אמונה. פֿון טשערניגאָוו זענען תּיכּף אַראָפּגעשיקט געוואָרן אין דאָרף עטלעכע זשאַנדאַרמען מיט אַן אָפֿיציר, וועלכע זענען באַלד צוגעפֿאָרן צו דער קרעטשמע, האָבן געמאַכט אַ רעוויזיע אין אַלע ווינקעלעך, און נאָכדעם, ווי זיי האָבן דאָרט גאָרנישט געפֿונען, זענען זיי אַוועק צו דעם ישובניקס איידעמס, און האָבן ביי זיי אַזוי לאַנג געזוכט, ביז זיי האָבן אַנטפּלעקט די צירונג אין דער פּעך־פֿאַבריק. די מינוט האָט מען געשמידט אין קייטן דעם ישובניק מיט זיינע איידעמס מיט זייערע פֿרויען און מ׳האָט זיי אָפּגעפֿירט קיין טשערניגאָוו און אַריינגעזעצט אין טורמע.

דאָסדאָזיקע געשעעניש האָט אַרויסגערופֿן אַ שטאַרקע אויפֿרידערונג צווישן די יידן פֿון דער גאַנצער געגנט. באַלד פֿון דער ערשטער מינוט אָן זענען אַלעמענס אויגן געווען געווענדט צו פֿייגינען, אַז ער, אַלס אויסגעמישט מיט נאַטשאַלסטווע און אַלס אַ גרויסער מקורב צום גובערנאַטאָר, וועט געוויס קאָנען אַ־ויסראַטעווען די תּפֿוסים. פֿייגין האָט זיך נישט געלאָזט בעטן, ער איז געווען וועגן דעם ענין וואו מען דאַרף, ער האָט אָפּגעשלאָגן די שוועלן ביי אַלע טשערניגאָווער ביוראָקראַטן, אָבער אומעטום האָט ער באַקומען די איין תּשובה, אַז דאָ אויפֿן אָרט קאָן מען גאָרנישט מאַכן, און אַז דאָס ווענדט זיך שוין בלויז אָן פּעטערבורג. פֿייגינען האָט אָבער די תּשובה נישט אָפּהענדיק געמאַכט. ס׳האָט אין אים גענומען רעדן דאָס הייסע יידישע האַרץ, וואָס האָט אים נישט געלאָזט איינזיצן רויִק אויף זיין אָרט, בעת אַ גאַנצע יידישע פֿאַמיליע שמאַכט אין טורמע צוליב אַ בלבול. ס׳האָט ביי אים אויפֿגעבליצט דער געדאַנק צו וואַרפֿן זיינע געשעפֿטן און צו לויפֿן קיין פּעטערבורג.

פאַר זיין אָפּפאָרן קיין פעטערבורג האָט זיך פייגין געפּוואָלט באַזאָרגן מיט רעקאָמענדאַציעס צו דאָרטיקע געווויסע הויכגעשטעלטע פּערזאָנען. צווישן אַנדערע איז ער אַריין צום הויפּט־דאָקטאָר פון דעם מיליטערישן שפּיטאָל, וואָס ער האָט אויסגעבויט אין טשערניגאָוו. דאָס איז געווען אַ מענטש אין די מיטעלע יאָרן, אַ גענעראַל מיט אַ סך אָרדנס אויף דער ברוסט, מכח דעמדאָזיקן גענעראַל האָבן זיך געטראָגן קלאַנגען אין טשערניגאָוו, אַז ער שטאַמט פון יידן; קיינער האָט דאָס אָבער נישט געקאָנט זאָגן אויף באַשטימט. אַז פייגין איז איצט אַריין צום גענעראַל און האָט אים דערקלערט דעם צוועק פון זיין באַזוך, האָט ער דערזען, אַז כּוֹן זיינע אויגן קויקלען זיך טרערן... גאַנץ דערשטוינט איז פייגין געבליבן שטיין אָן ווערטער אויף זיין אָרט. דאַן האָט אים דער גענעראַל אַריינגעפירט אין אַ הינטערשט צימער און צו אים געזאָגט:

— איך און איר און דער ישובניק, וואָס פּייניקט זיך דאָ אין טורמע, זענען מיר אַלע יידן... וואָס ליידן... איר וואונדערט זיך?

אויף דעם האָט אים פייגין געענטפערט:

— מ'זאָגט שוין אויף אייך לאַנג, אַז איר שטאַמט פון יידן; מיר האָט זיך דאָס אָבער נישט געגלויבט, ווייל דאָס איז אָן אייך גאָרנישט צו מערקן; איר זענט דאָך אונדז אַזוי ווייט און פרעמד...

— נישט איך שטאַם פון יידן — האָט זיך דער דאָקטאָר אָפּגערופן — נאָר איך בין אַ ייד, אַ קורלענדער ייד. איך האָב זיך קיינמאָל נישט געשמדט; פרעמד בין איך פון יידן, ווייל איך מוז מיך פאַרשטעלן.

דערביי האָט אים דער דאָקטאָר דערציילט, אַז זיינער אַ באַקאַנטער קורלענדער באַראָן האָט אים מיט אַ יאָר פינף און צוואַנציק צוריק פאָרגעשטעלט פאַר אַלעקסאַנדער דעם ערשטן, בעת ער איז דורכגעפאָרן ריגע, אַלס גוטן אין פראַנקרייך אויסגעבילדעטן כירורג, און דער רוסישער קייזער, נישט קימערנדיק זיך וועגן זיין גלויבן האָט אים אַריינגענומען אין

דער אַרמיי אויף אַן ערשט-קלאַסיקן מעדיצינישן אַמט, און איצט, אין ניקאָלאַיס צייטן, מוז ער זיך פאַרשטעלן, כדי נישט אַרויסצוגעבן זיין יידישקייט.

— צוזאַמען מיט מיר — האָט דער גענעראַל פאַרענדיקט — האָט אַלעקסאַנדער דער ערשטער, לויט דער רעקאָמענדאַציע פון דעמזעלבן באַראָן, אויסגעשריבן פאַר דער אַרמיי אויך אַ צווייטן ייד, אַ מיטויער, מיינער אַ קאָלעגע, וועלכער איז אַ באַרימטער מעדיקער. אָט צו דעם חבר, וועלכער וואוינט אין פעטערבורג און פאַרנעמט היינט אונטער דער רעגירונג פון ניקאָלאַי דעם ערשטן זייער אַ גרויסן פּאָסטן אין מעדיצינישן דעפּאַרטאַמענט, וועל איך אייך מיטגעבן אַ בריוו מיט דער בקשה אייך בייהילפיק צו זיין, און איך בין זיכער, אַז ער וועט טון אין דער זאַך אַלץ, וואָס ער וועט נאָר קאָנען, ווייל ער איז פאַרבליבן ביז אויפן היינטיקן טאָג אַ הייסער ייד, כאָטש אַלע האַלטן אים פאַר אַ קריסט...

אָנגעקומען קיין פעטערבורג, האָט פייגין באַלד אויפגע-זוכט דעם טשערניגאָווער דאָקטאָרס חבר, אויך אַ גענעראַל, וועלכער האָט זיך באמת אַרויסגעוויזן פאַר זייער אַ וואַרימען ייד, כאָטש אַ פאַרשטעלטער...

ג

דער מיטויער דאָקטאָר האָט ווירקלעך פון דער ערשטער מינוט אָן אַרויסגעוויזן דער זאַך, צוליב וועלכער פייגין איז געקומען קיין פעטערבורג, די וואַרימסטע באַציאונגען. ער האָט נישט געקאַרגט קיין מי און באַקומען פאַר פייגינען אַזעלכע רעקאָמענדאַציעס, וועלכע האָבן אים געגעבן די מעגלעכקייט אָנצוקומען צו ווערן אויף אַן אוידיענץ פון דעם דעמאָלטיקן רוסישן מיניסטער-פּרעזידענט, גראַף בענקענדאָרף.

אויסהערנדיק פייגינען, האָט אים דער גראַף געענטפערט, אַז די געשיכטע מיט דעם יידישן קרעטשמער אים אים באַקאַנט

און אַז ער האָט שוין וועגן דעם געמאָלדן דעם קייזער, וועלכער איז זייער אויפגעבראַכט געוואָרן און האָט באַלד געהייסן מאַכן אַן אויספאָרשונג אין דער זאַך. די אויספאָרשונג האָט זיך שוין אָנגעהויבן, און זי ווערט געפירט אין געהיים, און ביז זי וועט פאַרענדיקט ווערן, קאָן ער אים קיין שום תשובה נישט געבן.

דיזאָזיקע תשובה האָט פייגינען דערשיטערט. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז פאַרן „וואָיט" וועט די זאַך בסוד נישט בלייבן און אַז ער וועט געוויס שטעלן פאַלשע עדות, און דאַן איז דער ייד אַ פאַרפאַלענער. ער האָט אַרויסגעזאָגט זיין מיינונג און האָט אויף דעם מוסיף געווען אין אַן ענערגישן טאָן:

— איר זעט דעמדאָזיקן גאָלדענעם רינג? דאָס האָב איך פון קייזער אַ מתנה. אַזעלכע מתנות גיט מען נישט אַבי וועמען. צו זיי זענען זוכה בלויז די, צו וועמען מ'האָט צוטרוי. אין נאָמען פון דעם צוטרוי, וואָס אונדזער גרויסער, אַלמעכטיקער קייזער האָט צו מיר, שווער איך, אַז די גאַנצע מעשה מיטן יידישן קרעטשמער איז נאָר אַ נקמה-אַקט פון אַ שונא-ישראל.

— און דו קאָנסט עס באַווייזן מיט ראיות? — האָט אים בעקענדאָרף געפרעגט.

פייגין האָט נישט באַלד געענטפערט. באמת האָט ער דאָך קעגן דעם „וואָיט" קיין שום באַווייזן נישט געהאַט; בלויז דער שכל האָט אים מחייב געווען, אַז דאָס איז נאָר דעם וואָיטס אַ שטיקל אַרבעט. ער האָט אָבער אַ זאָג געטון:

— יאָ! ראיות האָב איך אויף דעם גאָר אַ סך...

אויב אַזוי, — האָט בעקענדאָרף געזאָגט, — טאָ פאָר אַהיים; די אויספאָרשער וועלן דיך שוין אַרויסרופן.

קומענדיק צוריק קיין טשערניגאָוו, האָט פייגינען גענומען שטאַרק פייניקן די פראַגע: מיט וואָס און ווי אַזוי וועט ער קאָנען איבערצייגן די אויספאָרשער, אַז דאָס איז מער נישט ווי אַ בלבול מצד דעם „וואָיט", בעת ער האָט נישט אין דער האַנט קיין שום קאָנקרעטן פאַקט? בלויזע ווערטער וועלן דאָך דאָ גאָרנישט העלפן.

אַמאָל, פאַרנאַכט, איז פייגין אַריין צום מיליטערישן דאָקטאָר און האָט זיך מיט אים מיישב געווען וואָס צו טון.

קלערנדיק אַזוי, האָט זיך דער גענעראַל מיטאַמאָל אַ כאַפּ געטון און זיך אָפּגערופן:

— איך האָב אַן עצה!

פייגין האָט אָנגעשטעלט זיינע אויערן, און דער גענעראַל האָט פאָרטגעזעצט:

— באַלד איז ביי אונדז פּאַסכאַ; ס'האָט זיך שוין אָנגעהויבן „פּאָסט". אין דער צייט זענען זיך די סטאַראָאָבריאַדצעס מתוודה פאַר זייערע גלחים אויף די עבירות, וואָס זיי האָבן אָפּגעטון אינם משך פון יאָר. דער וואָיט וועט זיך מסתמא אויך קומען מתודה זיין. גראָד איז דער גלח פון יענעם דאָרף מיינער אַ געוועזענער פּאַציענט. איך וועל מיט אים איבעררעדן און וועל אים בעטן, אַז ווען דער וואָיט וועט צו אים קומען צו „וידוי", זאָל ער אים אַזוי צוקוועטשן צו דער וואַנט, אַז ער וועט אים מוזן דערציילן דעם גאַנצן אמת, און דאַן וועט מען שוין דאַרפן זען, ווי די זאַך זאָל דערגיין צו די וואָס וועלן אָנפירן מיט דער אויספאָרשונג.

און כך הוה.

אין אַ שיינעם פרימאָרגן איז צווישן אַנדערע אויך דער וואָיט אַריין צום דאָרפישן גלח און האָט זיך גענומען מתוודה זיין פאַר אים. ער האָט אויסגערעכנט פאַרן גלח אַלע זיינע חטאים; די מעשה מיטן קרעטשמער האָט ער אָבער געהאַט פאַרשוויגן און נישט אַרויסגערעדט וועגן דעם קיין איינציק וואָרט. דער גלח האָט אים אָבער נישט אָפּגעלאָזט. ער האָט אים נאָכאַנאַנד פאַרוואָרפן מיט פראַגן: אפשר האָט ער עפּעס נאָך אַן עבירה געטון? אפשר דריקט אים עפּעס נאָך אויף זיין געוויסן? אפשר קאָן ער זיך דערמאָנען נאָך וועלכ[e]ס איז עוולות וועלכע ער איז באַגאַנגען? און אַזוי האָט אים דער גלח געצויגן די ווערטער פון מויל ווי מיט צוואַנגען, ביז ער האָט זיך פאַר אים, צום סוף, מודה געווען אויך אין דעם בלבול, וואָס ער האָט געמאַכט אויף דעם יידישן קרעטשמער.

דערביי האָט ער אים דערציילט די גאַנצע געשיכטע אויס־פירלעך, ווי אַזוי ער איז אין כּעס געוואָרן אויפן ייד, פאַרוואָס ער האָט אים נישט געגעבן קיין גמילת־חסד, ווי אַזוי ער האָט באַשלאָסן נוקם צו זיין זיך אָן אים און ווי ער האָט אַראָפּגע־ריסן אין קלויסטער די פאַרצירונגען פון די „הייליקע בילדער" און האָט זיי אַריינגעוואָרפן אין דעם קעלער פון דער כּמאַלע־פאַבריק.

מער ווי דאָס האָט מען, אייגנטלעך, נישט געדאַרפט; צו דער אויספאָרשונג וואָלט דאָס נאָך אָבער נישט געקאָנט דערגיין, ווייל גלחים טאָרן קיינעם נישט מגלה־זיין די סודות, וואָס די בעלי־עבירה־ניקעס פאַרטרויען זיי בשעתן „וידוי". דאָן איז גע־בליבן, אַז ס'איז נישטאָ קיין אַנדער מיטל, ווי נאָר, אַז דער גלח זאָל זען ווירקן אויפן וואָיט, ער זאָל עפנטלעך מודה זיין אין זיין פאַרברעכן. אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט דער גלח צו זיך געשיקט רופן דעם וואָיט און אים פייערלעך דערקלערט, אַז די „תשובה", וואָס ער האָט אים אַרויסגעגעבן נאָכן „וידוי", איז מכפּר אויף אַלע זיינע עבירות, אָבער נישט אויף דעם בלבול, וואָס ער האָט געמאַכט אויפן אומשולדיקן יידישן קרעטשמער; פאַר דער עבירה וועט זיך זיין נשמה קיינמאָל נישט אויסלייטערן, סיידן ער זאָל זען אַרויסראַטעווען פון אומ־גליק דעם ייד מיט זיין פאַמיליע. דער וואָיט האָט זיך שטאַרק דערשראָקן, האָט זיך פאַנאַנדערגעוויינט אויפן קול אין אונטער טרערן געפרעגט אַן עצה ביים גלח, וואָס צו טון. אויף דעם האָט אים געענטפערט דער גלח, אַז ס'איז נישטאָ פאַר אים קיין אַנדער עצה ווי נאָר, אַוועקצוגיין אין טשערניגאָווער גע־ריכט און זיך מודה זיין, נישט קוקנדיק אויף די רעזולטאַטן, וואָס דאָס קאָן כּצר אים האָבן. אָנפאַנגס האָט זיך דער וואָיט גע־פּרואווט קווענקלען; ער האָט געוואוסט מיט וואָס דאָס שמעקט. צום סוף האָט אים אָבער גובר געווען דער פּחד פאַר זיין נישט אויסגעלייטערטער נשמה, וואָס האָט אים כּסדר פאַרפאָלגט און נישט געגעבן קיין רו, און ער איז אַוועק און האָט זיך מודה געווען אין אַלץ...

פייגין האָט זיך וועגן דעם דערוואוסט נאָך דעמזעלבן טאָג. דעם וואָיט האָט מען באַלד אַרעסטירט, אָבער דעם קרעטשמער מיט זיין פאַמיליע האָט מען נאָך אַזוי גיך נישט באַפרייט, ווייל די זאַך האָט זיך שוין געווענדט אָן פעטערבורג. ס'איז שוין דאַן געווען אַן אַכט טאָג פאַר פסח; דאָך האָט עס פייגינען נישט אָפּגעהאַלטן און ער איז מיט אַ פּאַפּיר פון טשערניגאָווער געריכט געפלויגן קיין פעטערבורג, כּדי אַרויסצוראַטעווען דעם קרעטשמערס פאַמיליע, איז ביי אים רעכט געוואָרן האַלטן פסח אין וועג ווייט פון ווייב און קינדער.

אַן אַכט טאָג נאָך פסח איז דורך אַ טעלעגראַפישער פאַראָרדנונג פון פעטערבורג באַפרייט געוואָרן דער קרעטשמער מיט זיין הויז־געזינט פון תּפיסה. דעמזעלבן טאָג האָט מען געפונען דעם וואָיט אין אַרעסט אַן אויפגעהאָנגענעם...

ד

דידראָזיקע געשיכטע איז גיך באַקאַנט געוואָרן אין דער גאַנצער געגנט; פון דאָרט איז זי פאַרשפּרייט געוואָרן קיין ליטע און ווייס־רוסלאַנד. מיט פייגינס נאָמען האָט געגומען קלינגען ווייט און ברייט. וואו נאָר ס'האָט געטראָפן אַ צרה ביי יידן, האָט מען זיך באַלד געווענדעט צו אים, און ער האָט קיינעם נישט אָפּגעזאָגט. פון יחידישע טובות איז ער אַריבער צו כּלל־אַרבעט. ער פלעגט כּמעט קיינמאָל אינדערהיים נישט זיצן, נאָר תּמיד אַרומפאָרן וועגן ענינים פון נאָענטע און ווייטע קהלות. צוויי חדשים אין יאָר פלעגט ער פאַרברענגען אין פעטערבורג, וואו ער פלעגט פון גאַנץ פרי אַרומלויפן איבער אַלע דעפּאַרטאַמענטן מיט גאַנצע פּעק בקשות און השתדלותן, און כּמעט שטענדיק פלעגן זיי האָבן גרויס דערפאָלג.

לייכט האָט געמאַכט פייגינען זיין שתדלנישע טעטיקייט די פאָלגנדיקע, זייער אינטערעסאַנטע אַטעסטאַציע, וועלכע ער האָט באַקומען פונם העכסטן מלוכה־דעפּאַרטאַמענט:

„דער טשערניגאָווער סוחר פון דער ערשטער גילדע ליטמאַן פייגין, וועלכער פידט שוין פופצן יאָר כסדר זיינע געשעפטן אין אוקראַינע, האָט תמיד אויפריכטיק און ערלעך אויסגעפירט די מלוכה-פּאַדראַדן מיט נוצן פאַר דער מדינה.

„אין די יאָרן 1828—29, בעת ס'זענען דורכגעגאַנגען דורך טשערניגאָוו צו דער טערקישער גרענעץ גוואַרדייאישע פוס-דיוויזיעס, האָט ער זיי געטיילט אָן געלט פאַרציעס בראָנפן, און האָט דערפאַר זוכה געווען צו באַקומען אַ קייזערלעכן דאַנק.

„אין יאָר 1831, בעת ס'האָבן זיך פאַרמירט אַכט אוקראַינישע פולקן, האָט ער, נישט קוקנדיק אויף דער שווערייקייט פון דער זאַך, מיטגעהאָלפן דערין דעם אוקראַינישן מיליטער-גובערנאַטאָר צום נוצן פונם פאָטערלאַנד, וואָס נאָר דורכדעם איז מעגלעך געווען אָפּצושיקן דעמדאָזיקן חיל אינם משך פון זעקס וואָכן צו דערשטיקן דעם פוילישן בונט.

„אין דעמזעלבן 1831-טן יאָר, בעת אין טשערניגאָוו איז אויסגעבראָכן די כאָלערע, האָט ער אויסגעהאַלטן די אָרימע קראַנקע אויף זיין חשבון, האָט געגעבן אומזיסט ספּירט און איינפּאַכן בראָנפן אויף אויסצורייבן די חולאים. דידאָזיקע פייגינס מענטשן-פריינטלעכע מעלות און זיין פלייס פאַרן נוצן פון דער מלוכה, ווערן באַשטעטיקט דורכן אוקראַינישן גענעראַל-גובערנאַטאָר.

„אין יאָר 1831, בעת ס'איז פאַרגעקומען אַ גרויסע באַוועגונג פון חיל קיין פוילן, האָט פייגין, אין דעם פון אים אַרענדירטן קיעווער מיליטער-שפּיטאָל אויסגעהאַלטן מער מיט 1349 חולאים, ווי ער האָט באַדאַרפט לויטן קאָנטראַקט, נישט קוקנדיק אויף דעם גרויסן יקרות פון פּראָדוקטן און אויפן געלט-שאָדן, וואָס ער האָט דערפון געליטן. פאַר דעם האָט ער באַקומען אַ דאַנק פונם קיעווער מיליטער-גובערנאַטאָר.

„אין די יאָרן 1828—31, בעת רוסלאַנד האָט איבערגעלעבט אַזעלכע טרויעריקע געשעענישן, ווי דער טערקישער קריג, דער אויסברוך פון כאָלערע און דער פוילישער בונט, האָט פייגין אין זיינע געשעפטן אויסגעפירט אַלע פּאַדערונגען

פון דער רעגירונג מיט נוצן פאַר דער מלוכה און פאַרן פאָ-טערלאַנד. דער שבח פון זיינע דאָזיקע גוטע מעשים איז פאַר-צייכנט געוואָרן אין די באַריכטן פון פאַרשיידענע רעגירונגס-קאָמיסיעס.

אויסער דעם אַלעם באַשטעטיקן דער קיעווער גובערנאַטאָר, אַלע גענעראַלן און שטאַב-אָפיצירן, אַז דער סוחר ערשטער גילדע ליטמאַן פייגין פירט זיינע געשעפטן מיט נוצן פאַר דער געזעלשאַפט, און אַז דורכדעם האָט ער זיך דערוואָרבן אַן אויסגעצייכנטע רעפּוטאַציע און צוטרוי. די חשובסטע „דוואָ-ריאַנעס" זאָגן-עדות, אַז מיט זיינע מעשים אַלס סוחר, מיט זיין ערלעכקייט און פּראַקטישקייט האָט ער מיטגעהאָלפן צום אויפ-בוי פון אוקראַינע".

האָבנדיק אַזאַ אַטעסטאַציע אין האַנט, האָט פייגין באַ-קומען מוט אַרויסצוטרעטן אַלס שתדלן פאַרן גאַנצן רוסישן יידנטום, וואָס האָט אין יענער צייט געהאַט אויסצושטיין גע-ברענטע ליידן אין יעדער שטאָט און שטעטל. עס האָבן זיך געשאָטן גזירות אויף גזירות, אַרויסגעגעבענע פון הויכע און אויך פון די סאַמע נידריקסטע באַאַמטע, ווייל די גאַנצע לופט איז דעמאָלט געווען אָנגעזאַפּט מיט אַ גרויסער שנאה צו יידן. אין דעם האָט די רוסישע געזעלשאַפט געהאַט פאַר זיך אַלס מוסטער דעם קייזער אַליין, ניקאָלאַיען, וואָס האָט געמאַכט די יידן-פרעסעריי פאַר אַ הייליקן צוועק, וועלכן ער האָט געזוכט צו דערגרייכן מיט די גרויזאַמסטע מיטלען.

ה

אין יענער צייט האָט זיך שוין פייגין געהאַט אַריבערגע-קליבן פון טשערניגאָוו קיין אָדעס, וואו ער האָט זיך איינגע-אָרדנט אַ וואוינונג, ממש אַ פּאַלאַץ מיטן גרעסטן קאָמפאָרט. אין אָדעס איז פייגינס הויז געוואָרן אַ צענטער פון דער יידישער און נישט-יידישער אינטעליגענץ; עס האָבן ביי אים פאַרקערט

די העכסטע פערזענלעכקייטן, ציווילע און מיליטער-לייט. זיינע געשעפטן האָבן זיך אויך וואָס מער פאַנאַנדערגעבליט, און זיין עשירות איז געוואַקסן פון טאָג צו טאָג. דאָס אַלץ האָט אים צוגעגעבן מער מוט און דרייסט אין זיין קאַמף לטובת דעם יידישן פאָלק. ער האָט שוין געהאַט זיינע מענטשן אין פעטערבורג, יידן און קריסטן, וועלכע זענען געשטאַנען אויף דער וואַך אין די פאַרשיידענע דעפּאַרטאַמענטן און האָבן אים מודיע געווען פון צייט צו צייט וועגן אַלץ, וואָס עס ווערט „אין די ספערן" געפּלאַנט בנוגע יידן. באַזונדערס האָט אים אין דעם געדינט דער מיטויער גענעראַל, וועלכער האָט אים תמיד געליפערט אַלע נויטיקע ידיעות. גאַנץ אָפט פלעגט פּייגין, אויפן סמך פון דיזאָזיקע ידיעות קומען צולויפן קיין פעטערבורג, אָפּצושרייען אַ וועלכע עס איז געפּלאַנטע גזירה אָדער פועלן, מ'זאָל זי, ווייניקסטן, אָפּלייגן אויף אַ געוויסער צייט.

אין אַ געוויסן טאָג האָט זיך פּייגין דערוואוסט, אַז ביקאָלאַי קלויבט זיך צו באַשטעטיקן אַ גאַנצע ריי שווערע רעכט באַגרענעצונגען פאַר יידן, וועלכע זענען אויסגעאַרבעט געוואָרן דורך אַ באַזונדער קאָמיסיע ביים אינערן-מיניסטער. דיזאָזיקע ידיעה האָט פּייגינען דערשיטערט, ווייל זייענדיק פון דער נאַטור אָפּטימיסטיש געשטימט, האָט ער אַלץ געגלויבט, אַז די רעגירונג וועט ביי זיך נישט פועלן אַרויסצוגעבן וועגן יידן אַזעלכע דראַקאָנישע געזעצן. ער האָט דאַן דערלאַנגט אויפן קייזערס נאָמען אַן אויספירלעכן מעמאָראַנדום וועגן דער יידישער לאַגע אין רוסלאַנד מיט אַ פּלאַן, ווי אַזוי דעם יידישן מצב צו פאַרבעסערן מיט נוצן פאַר דער מלוכה, דערביי האָט זיך פּייגין באַנוצט מיט אַזעלכע דרייסטע אויסדריקן, וואָס קיין יידישער שתדלן פאַר אים האָט זיך קיינמאָל נישט דערלויבט זיי צו געברויכן.

צווישן אַנדערן האָט פּייגין געשריבן אין זיין מעמאָראַנדום:

„דאָס ווייגעשריי פונם יידישן פאָלק וועגן זיין אומגעהויער גרויסן אומגליק הערט זיך אין דער גאַנצער וועלט. אנשטאט דעם, וואָס ער האָט דאָס רעכט צו דערוואַרטן פאַרבעסערונג,

ווערט זיין לאַגע געפערליכער פון שעה צו שעה, ווייל עס זענען פאַר אים פאַרצוימט נישט בלויז אַלע בירגערליכע רעכט, נאָר אויך אַלע מיטלען צום לעבן.

„דאָס יידישע פאָלק האָט זיך געטרייסט מיט דער האָפענונג, אַז נאָך די נייע געזעצן, וואָס וועלן אַרויסגעגעבן ווערן וועגן אים, וועט דאָס אַלץ אויפהערן, און איצט האָט עס אויך דידאָזיקע האָפענונג פאַרלוירן. די רעגירונג באַטראַכט די יידן אַלס פאַרברעכער און לאָזט זיך זיי נישט אויסטענהן, אַפילו אַ יחיד קאָן מען נישט באַשולדיקן איידער מען הערט אים אויס, און מכל-שכן אַ גאַנץ פאָלק! דער ריינער אמת וועגן יידן איז אָבער אַזוי פאַרפלאָנטערט, אַז דער רעגירונג אַליין איז זייער שווער, און כמעט אוממעגליך, פאַנאַנדערצוקלויבן זיך אין דעם.

„דאָס יידישע פאָלק טראָגט אַריבער די שווערסטע באַליידיקונגען איינע נאָך דער אַנדערער, און נאָר פון „נאַטשאַלסווע". די פרידליכע קריסטליכע באַפעלקערונג האָט צו יידן גאָרנישט. איך קאָן דאָס אַלץ באַווייזן מיט ראיות".

פייגין, וועלכער האָט שוין דאַן חושד געווען ניקאָלאַיען, אַז מיט זיין אַנטיסעמיטישער פּאָליטיק איז ער נאָר אויסן צו ברענגען יידן צום שמד. זאָגט וועגן דעם אַרויס אין זיין מעמאָראַנדום די פאָלגנדיקע געדאַנקען:

„דאָס געזעץ אַרויסצוטרייבן פון רוסלאַנד יענע אויסלענדישע יידן, וואָס האָבן נישט קיין טויף-שיין, ווייזט קלאָר, אַז נישט צוליב זיינע זיטליכע חסרונות ווערט ביי אונז דער ייד פאַרפאָלגט, נאָר צוליב זיין אמונה; ווען נישט, וואָלט מען דאָך פון דעם אויסלענדישן ייד געדאַרפט פאָדערן נישט קיין שמד-שיין, נאָר אַן „אויפפירונגס-שיין". אַ פאַקט איז אָבער, אַז אַ ייד מעג זיך זיין דער ערליכסטער און דער שענסטער בירגער פון לאַנד, ווערט ער דאָך פאַריאָגט און באַטראַכט ערגער פון ציגיינער.

„אויסערדעם דערלאָזט דאָך נישט דער געזונטער מענטשליכער פאַרשטאַנד, מ'זאָל רודפן אַ מענטשן נאָר צוליב זיין גלויבן, מ'דאַרף, פאַרקערט, פאַרלאַנגען, אַז יעדער מענטש זאָל

פארבליבן ביי דער אמונה, אין וועלכער ער איז געבוירן און וועלכע איז אין אים געוואָרן איינגעזאַפּט מיט דער מוטערס מילך, און אַז דער, וואָס ווערט אומטריי זיין גלויבן, זאָל גע־רעכנט ווערן אַלס פארברעכער. באַזונדערס דאַרף דאָך גענומען ווערן אין אַכט, אַז אונדזער יידישער גלויבן ווערט אנערקענט פון אַלע פעלקער אַלס ריין פון יעדן חשד און די ערשטע פון אַלע וועלט־אמונות.

„ווען מ׳ר זאָלן אפילו זאָגן, אַז דאָס יידישע פאָלק ווערט אַזוי גרויזאַם פארפאָלגט נישט צוליב זיין גלויבן, נאָר צוליב זיינע מדות, בלייבט נאָך אַלץ אומפארשטענדלעך, ערשטנס: ווי איז דאָס גאָר מעגלעך, אַז אַ ציוויליזירטע - רעגירונג ווי אונדזערע, וועלכע האַלט זיך ביים כלל, אַז „בעסער מוחל זיין צען שולדיקע, איידער באַשטראָפן איינעם אַן אומשולדיקן", זאָל פאַרמשפטן צום שטראָף אַ מיליאָן מענטשן אויף דור־דורות פאַר דעם, וואָס צווישן זיי זענען פאַראַן פאַרברעכער וואָן נישט ווייניקער, אַלענפאַלס נישט מער ווי ביי יעדן פאָלק? צווייטנס, איז נאָך נישט געלעזט די פראַגע: צי די יידן ווערן גערודפט צוליב זייערע חסרונות, אָדער זייערע חסרונות שטאַמען פון דעם, וואָס זיי ווערן גערודפט? דריטנס: איז נאָך נישט געווען קיין ביישפּיל, אַז דורך בלויזע רדיפות זאָל מען קאָנען אויס־בעסערן חסרונות און מדות פון מענטשן".

צום סוף פונם דאָזיקן מעמאָראַנדום האָט פייגין אויפ־מערקזאַם געמאַכט דעם קייזער אויף דעם, אַז די יידן זענען אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן מיט שונאים, וואָס וואַרפן אויף זיי אָרויף אַלע מיני בלבולים, און די רעגירונג נעמט זיך נישט די מי אויסצופאָרשן אויף ווי ווייט, די באַשולדיקונגען זענען באַגרינדעט און שטימען מיט דערווירקלעכקייט. צום סוף פירט אויס פייגין:

„מ׳זאָגט, אַז עס איז שעדלעך פאַרן לאַנד, אַז יידן זאָלן וואוינען אין די הויפּט־שטעט ווי קיעוו, ניקאָלאַיעוו און כאַרקאָוו. מ׳וועט אינגיכן זאָגן, אַז מען דאַרף אַלע יידן אַרויסשיקן פון רוסלאַנד. דאָס איז אַלץ מעגלעך, כל־זמן דער ריינער אמת און

די ריכטיקע באַגריפן וועגן דעם יידישן פאָלק זענען פאַרדעקט מיט אַ געדיכטן, פינצטערן שלייער פון די אַמאָליקע אַלטע פאָראורטיילן. אונדז בלייבט נאָר צו האָפן, אַז די געטלעכע השגחה אַליין, וועלכע זאָרגט פאַר דעם קיום פונם קלענסטן ווערעמל, וועט עפענען די אויגן פון אייער קייזערלעכער מאַיעסטעט אויך אויף דעם אומשולדיק-ליידנדן פאָלק".

אַ לאַנגע צייט איז אַוועק און פייגין האָט אויף זיין מעמאָראַנדום קיין תשובה נישט באַקומען, און דערווייל איז דער יידישער מצב געוואָרן אַלץ ערגער און ערגער. דאַן האָט זיך פייגין געווענדעט מיט אַ בריוו צום מיניסטער-פּרעזידענט גראַף בעקענדאָרף און האָט אים געבעטן, ער זאָל זען דערמאַנען דעם קייזער וועגן זיין מעמאָראַנדום, וואָרום די יידן קאָנען שוין מער נישט אויסהאַלטן

„בעת דאָס יידישע פאָלק - אַזוי האָט פייגין געשריבן בעקענדאָרפן - האָט געהאָפט, אַז באַלד ווערט עס באַפרייט פון זיין שווערן מצב, שטיצנדיק זיך אויף די ווערטער פון זייער קייזער, וועלכער האָט זיך נישט איינמאָל אויסגעדריקט פאַר די יידישע פאָרשטעייער, בעת זיין נסיעה, אַז זיי וועלן „דערזען איינגיכן ווי די רעגירונג זאָרגט זיך וועגן זייער מצב", - אין דערזעלבער צייט איז זייער לאַגע געוואָרן פיל ערגער; אין ווע לי ז ש האָט די אויספאָרשונגס-קאָמיסיע אַרויסגעטראָגן איר מיינונג. אַז די יידן געברויכן אויף פסח קריסטלעך בלוט, און די שונאי-ישראל אין לאַנד זענען אויף דעם אַרויפגעפאַלן ווי אויף אַ ווילדער מציאה, און די רעגירונג קוקט און שוויגט".

נאָכדעם האָט פייגין פאַרבראַכט אין פעטערבורג פיפצן חדשים. די גאַנצע צייט איז ער אַרומגעלאָפן איבער די דעפּאַרטאַמענטן. האָט פאָרגעלייגט פּראָיעקטן, ווי מ'זאָל איינאָרדנען דאָס יידישע לעבן אין רוסלאַנד, ווי אַוועקצושטעלן די דערציאונג פון דעם יינגן יידישן דור, ווי צוציען יידן צו ערד-אַרבעט און צו פאַרשיידענע מלאכות. אומעטום האָט מען אים שיין אויפגענומען, אומעטום האָט מען אים אויסגעהערט. פון טאָג אויף טאָג האָט

ער געוואָרט צו זען גוטע רעזולטאַטן פון זיין שתדלנות. די רעזולטאַטן האָבן אָבער לאַנג געלאָזט אויף זיך וואַרטן.

אין די ערשטע פּערציקער יאָרן האָט זיך בײַ פייגינען מיטאַמאָל איבערגעדרייט דאָס רעדל. עס האָט זיך אָפּגעטון פון אים דאָס גליק. זיינע געשעפטן האָבן גענומען פאַלן, ביז ער איז ביסלעכווייז געוואָרן אַ יורד. ער האָט זיינע אָנגענומענע פּאָדראַדן נישט געקאָנט צושטעלן צום באַשטימטן טערמין און די רעגירונג האָט דאַן קאָנפיסקירט זיינע הייזער, וואָס ער האָט געהאַט אין טשערניגאָוו, קיעוו און אָדעס. דער באַוואוסטער היסטאָריקער יוליוס העסען גיט איבער אין נאָמען פונם באַראָן האָראַץ גינצבורג, אַז פייגין איז רואינירט געוואָרן דורך דעם דעמאָלטיקן רוסישן פינאַנץ-מיניסטער וראָנטשענקאָ, וועלכער האָט בײַ אים מיטאַמאָל אָפּגענומען אַלע קרעדיטן. דער דערמאָנטער פינאַנץ-מיניסטער, האָט דאָס געטון אַלס נקמה-אַקט פאַר דעם, וואָס באַזוכנדיק אַמאָל פייגינען אין אָדעס, האָט ער אים אויפגענומען נישט מיט דעם געהעריקן כבוד און אפילו נישט אויסגעטון זיין מאָרגן-כאַלאַט.

אויף דער עלטער האָט זיך פייגין אין אַ שיינעם פרימאָרגן אָפּגעשמדט. די סיבות, וועלכע האָבן אים באַוואויגן צו דעמדאָזיקן שריט, זענען ביז אויפן היינטיקן טאָג פאַרבליבן אומבאַקאַנט.

ש. ל. ציטראָן

XI

ר׳ משה מאָנטיפיאָרע
ביי ניקאָלאַי דעם ערשטן

א

אין די ערשטע פערציקער יאָרן פונם פאָריקן יאָר-הונדערט איז דער נאָמען פון ר׳ משה מאָנטיפיאָרע געווען גיט באַקאַנט אין רוסלאַנד. ער איז געווען פּאָפּולער נישט בלויז צווישן דער יידישער באַפעלקערונג, נאָר אויך אין די רעגירונגס-ספערן. מיט זיין נסיעה קיין דמשק ראַטעווען די דאָרטיקע יידן פון אַ בלוט-בלבול, האָט ער פאַר זיך געוואונען, די סימפּאַטיעס פונם גאַנצן יידישן פאָלק. מאָנטיפיאָרעס אומגעווייינלעכע ענערגיע דאָרט, וואו ס׳האָט זיך געהאַנדלט צו טון יידן טובות, אין די גרויסע אַכטונג, וועלכע ער האָט גענאָסן אין זיין פאָטערלאַנד, האָבן באַוואויגן אויך די פאָרשטייער פון דער רוסישער מאַכט צו באַציען זיך צו איר מיט כבוד.

בעת ניקאָלאַי דער 1-טער האָט זיך גענומען אינטערעסירן מיט דער יידישער בילדונג, און דער דעמאָלטיקער בילדונגס-מיניסטער אובאַראָוו האָט אַראָפּגעבראַכט פון ריגע דעם דאָקטאָר ליליענטאַל און אויסגעריכט אים איבער די שטעט פון תחום צו זען

ווירקן אויף די יידן צו שיקן זייערע קינדער אין די נייע ספע-ציעל פאַר זיי געגרינדעטע רעגירונגס-שולן, — האָט דאָס אַרויסגערופן מצד דער יידישער באַפעלקערונג גרויסע פּראָטעסטן. די דעמאָלטיקע יידישע פאָרשטייער, די רבנים און די ראשי-הקהל, האָבן זיך פאַרהאַלטן מיט שנאה צו דער וועלטלעכער בילדונג. די שווערע רעכטלעכע לאַגע פון די יידן און די פאַר זיי באַשטימטע באַזונדערע דראַקאָנישע געזעצן, דורך וועלכע ניקאָלאַי איז נאָר אויסן געווען צו ברענגען זיי צום שמד, האָבן געבראַכט צו דעם, אַז די יידישע געזעלשאַפט האָט זיך באַציִיגן מיט חשד צו יעדן נייעם אַקט פון דער רע-גירונג בנוגע יידן. אַחוץ דעם האָבן זיי מורא געהאַט, אַז די נייע שולן, וועלכע ליליענטאַל רעקאָמענדירט זיי, וועלן אונטער-גראָבן די יידישע רעליגיע.

כּדי צו דערוועקן צו זיך צוטרוי כּצד די יידן, איז לי-ליענטאַלן איינגעפאַלן צו בעטן מאָנטיפיאָרען, ער זאָל אַראָפּ-פאָרן קיין רוסלאַנד און זען ווירקן מיט זיין אויטאָריטעט אויף די יידישע מנהיגים, זיי זאָלן מסכּים זיין צו דעם קייזערלעכן שול-פּראָגראַם, וואָס איז אויסגעאַרבעט געוואָרן מיט זיין באַ-טייליקונג. מיטן הסכּם פונם בילדונגס-מיניסטער, וועלכער איז סאַנקציאָנירט געוואָרן פון ניקאָלאַיען אַליין, האָט זיך ליליענ-טאַל דאַן געווענדעט מיט אַ בריוו צו מאָנטיפיאָרען, אין וועלכן עס זענען אַרויסגעזאָגט געוואָרן, צווישן אַנדערן, פאָלגנדע געדאַנקען:

דער רוסישער קייזער און זיין מיניסטער אובאַראָוו גרייטן איצט צו אַן אַקט אויסצובעסערן דאָס אינערלעכע יידישע לעבן אַלס באַרעכטיקטע בירגער פון לאַנד. ליליענטאַל האָפט, אַז מאָנטיפיאָרע וועט זיך געוויס אָפּרופן אויף דערדאָזיקער ידיעה. אובאַראָוו שיצט מאָנטיפיאָרעס פאַרדינסטן פאַר דאָס יידישע פאָלק און פאַר דער גאַנצער מענטשהייט; נעמענדיק אין אַכט די אַכטונג, וואָס מאָנטיפיאָרע געניסט ביי פיל געקרוינטע פּער-זאָנען, און די השפּעה, וועלכע ער האָט אויף זיינע גלויבנס-ברידער, האָט אובאַראָוו באַשלאָסן באַקאַנט צו מאַכן מאָנטי-

פיאָרן, דורך ליליענטאַלן, מיט די פּלענער פון דער רעגירונג וועגן דער יידישער בילדונג און צו פאַרלאַנגען זיין מיטהילף. דאָ האַנדלט זיך וועגן אַ וויכטיקער אויפגאַבע: אויסצולייזן צוויי מיליאָן מענטשן פון דערנידערונג און געבן זיי גליק.

„טיף זענען געפאַלן אונדזערע ברידער אין דעמדאָזיקן לאַנד — אַזוי האָט ליליענטאַל געשריבן אין זיין בריוו צו מאָנטיפיאָרען — און נאָר צוליב זייער אייגענער שולד. דער חסידיזם האָט פאַרשאַרפט דעם רעליגיאָנס-קאַמף, די פירושים מיט די ביאורים האָבן פאַרדאָרבן דעם טעקסט פון תנ״ך, עס פלאַקערט דער פאַנאַטיזם אַנשטאָט דאָס שטילע, העלע ליכט פון דער ריינער אמונה. פאַרבלאָטיקט און פאַרזומפט שטייען די שולן און די בתי-מדרשים; דער גאָטעס-דינסט און אַלע רעליגיעזע צערעמאָניעס ווערן אויסגעפירט אין דער גרעסטער אומאָרדנונג. די רוסישע יידן האָבן פאַרלוירן יעדע פאָרשטעלונג וועגן דער מענטשלעכער ווערדע און די מענטשלעכע רעכט; מיט שנאה קוקן זיי אויף יעדער זאַך, וואָס געפינט זיך אויסער זייער קרייז! נישט וויסנדיק פון ערד-אַרבעט און אינדוסטריע, פון קונסט און וויסנשאַפט, בלייבן זיי פרעמד דעם פּראָגרעס און פאַרזינקען אין אָרימקייט און הילפלאָזיקייט. ביי אַזעלכע באַדינגונגען קאָן די רעגירונג נישט רעדן וועגן דער יידישער עמאַנציפּאַציע, נישט שאָדנדיק די אינטערעסן פון דער איבריקער באַפעלקערונג, אָבער נאָך דער השגחות פון אובאַראָוון מיט דער מיטהילף פונם גראַף קיסעלעוו דער פאָרזיצער פון דעם יידישן קאָמיטעט, וויל דער קייזער מיט זיין עכט-פאָטערלעכן גענאָד, צוגרייטן די מעגלעכקייט פאַר אַ פאַרבעסערונג פון דער יידישער פּאָליטישער לאַגע. אָנהויבן דאַרף מען מיט דער דערציאונג פון דער יידישער יוגנט, מ׳מוז פאַרשפּרייטן צווישן דער יידישער באַפעלקערונג מער טאָלעראַנטערע אידייען און מיינונגען, כדי די רעגירונג זאָל קאָנען פאַרווירקלעכן אירע הומאַניטאַרע פּלענער, נישט ברענגענדיק דערמיט שאָדן דער קריסטלעכער באַפעלקערונג. די רוסישע רעגירונג האָט מיך באַפולמעכטיקט צו ווירקן אויף די יידישע

קהלות צו שיקן זייערע קינדער אין די וועלטלעכע שולן, אָבער די פאַנאַטישע חסידים שטערן אין דעם און דערלאָזן עס נישט. די רעגירונג וואָלט געקאָנט דורכפירן איר פּלאַן מיט געוואַלד; זי האַלט זיך נאָך אָבער דערפון אָפּ. די עקשנות קאָן אָבער ברענגען פאַר יידן זייער טרויעריקע רעזולטאַטן".

דעם 10-טן סעפטעמבער 1842 האָט מאָנטיפיאָרע געענטפערט ליליענטאַלן. מאָנטיפיאָרעס תשובה איז געווען געשריבן דיפּלאָמאַטיש און זייער פאָרזיכטיק. נאָכדעם ווי ער זאָגט אַ גרויסן שבח דעם ווילן פון דעם קייזער און פון אובאַראָוון „צו פאַרבעסערן די לאַגע פון די רוסישע יידן דורך דעם תנוך", דריקט ער זיך קאַטעגאָריש אויס קעגן דעם, אַז די נייע שולן זאָלן האָבן דעם צוועק צו קעמפן מיט דער יידישער רעליגיע און מיטן תלמוד. „איך בין זיכער – האָט געשריבן מאָנטיפיאָרע ליליענטאַלן – אַז איר וועט זיך געבן די מיה צו פאַרשפּרייטן צווישן יידן אַזעלכע באַגריפן, וועלכע וועלן אין זיי אָפּהיטן דעם געטלעכן אמת פון אונדזערע הייליקע ספרים און די געזעצן פון אונדזערע גרויסע לערער". ווי כימפּאַטיש מאָנטיפיאָרע האָט זיך פאַרהאַלטן צו דער אידייע וועגן פאַרברייטן וועלטלעכע בילדונג צווישן די רוסישע יידן, איז אים דאָך פיל נענטער געלעגן צום האַרצן דעם קייזערס הבטחה אויפצוהייבן דעם רעכטלעכן מצב פון די יידן, און ער האָט אויסגעדריקט זיין גרייטקייט מיטצוהעלפן מיט אַלע קרעפטן דער פאַרווירקלעכונג פון די „מיטלען, וועלכע וועלן אָנגענומען ווערן צו פאַרבעסערן די פּאָליטישע און בירגערלעכע לאַגע פון מיינע ברידער". דערביי האָט מאָנטיפיאָרע געבעטן ליליענטאַלן, ער זאָל אים אויספירלעך באַקאַנט מאַכן מיט די פּלענער פון דער רוסישער רעגירונג.

אויסערדעם האָט ליליענטאַל געזען ווירקן אויף די יידישע קהלות אין די גרעסערע שטעט, זיי זאָלן זיך אויך ווענדן צו מאָנטיפיאָרן מיט דער בקשה, ער זאָל קומען קיין רוסלאַנד. ס'האָט זיך אָבער געפונען אַ הויכגעשטעלטער באַאַמטער, וועלכער איז אַרויס קעגן מאָנטיפיאָרעס קומען. דערוויסנדיק זיך,

אַז ליליענטאַל האָט געעצהט די גראָדנער יידן צו ווענדן זיך צו דעם „באַוואוסטן פּאַרטיידיקער פון די דמשקער אומגליקלעכע יידן, ר׳ משה מאָנטיפיאָרע, מיט דער בקשה צו קומען קיין פּעטערבורג״. — האָט דער ווילנער גענעראַל-גובערנאַטאָר מיר-קאָוויץ באַפוילן דעם גובערנאַטאָר צו ראַטן ליליענטאַלן אָפּצוזאָגן זיך פון זיין אויפטו, ווייל מאָנטיפיאָרעס אַרויסרוף קיין רוסלאַנד קאָן געבן אַן אויסרייד די אויסלענדישע רוסישע פיינט צו פאַרשפּרייטן ידיעות, אַז אַזוי ווי אין דמשק ווערט ער אויך דאָ אַרויסגערופן צו פאַרטיידיקן די גערודפטע יידן, און דורכ-דעם קאָן פיל ליידן דער רוסישער פּרעסטיזש. שפּעטער האָט מען אין בילדונגס-מיניסטעריום אויך באַקומען חרטה אויף דעם גאַנצן פּלאַן. אָבער באַלד נאָכדעם האָט דער רוסישער באָטשאַפ-טער אין לאָנדאָן מודיע געווען זיין רעגירונג, אַז מאָנטיפיאָרע האָט אויסגעדריקט זיין ווילן צו קומען קיין פּעטערבורג און מיטצוהעלפן מיט אַלע מיטלען און מיט זיין גאַנצער השפעה אויף די יידן, זיי זאָלן דערפילן דעם קייזערס רצון, ווען ער וועט דערהאַלטן פון קייזער די באַוויליקונג צו זיין באַזוך. גלייכצייטיק האָט מאָנטיפיאָרעס סעקרעטאַר, ד״ר לעווע, געשריבן ליליענטאַלן, אַז מאָנטיפיאָרע איז גרייט צו קומען אפילו ווינטער, נאָר ער פאַרלאַנגט, דער מיניסטער זאָל אים אַריינשיקן אַן אָפיציעלע איינלאַדונג דורך דעם רוסישן באָטשאַפטער אין לאָנדאָן און אַז מ׳זאָל אים צושטעלן פּעסער פאַר זיך און פאַר זיין פרוי און אויך פאַר לעווען.

דאַן האָט שוין אובאַראָוו געהאַט מסכים געווען אָנצונעמען דעם תנאַי, און אַריינגעשיקט אַ מעלדונג דעם קאָמיטעט איבער די יידישע ענינים, אַז מאָנטיפיאָרע וויל קומען נעמען אַן אָנ-טייל אין דער „רבנים-קאָמיסיע״, וועלכע וועט זיך האָבן צו באַשעפטיקן מיט דער יידישער שול-פראַגע. דער קאָמיטעט האָט זיך אָבער פּרינציפּיעל אַרויסגעזאָגט קעגן דער באַטייליקונג פון „זייטיקע״ יידן אין אַ קאָמיסיע, וועלכע דאַרף באַשטיין נאָר פון פיר רבנים.

מאָנטיפיאָרע איז אין יאָר 1842 קיין רוסלאַנד נישט געקומען.

ב

מאָנטיפיאָרע איז געקומען קיין רוסלאַנד ערשט אין יאָר 1846 מיטן ספּעציעלן צוועק משתדל צו זיין זיך פאַר ניקאָלאַיען, ער זאָל לייכטער מאַכן דעם גורל פונם יידישן פאָלק. אין יענער צייט איז שוין לילינטאַל אין פּעטערבורג נישט געווען. פילנדיק זיך אַנטטוישט פון זיינע האָפנונגען און דער־וואַרטונגען, איז ער אין אַ „שיינעם פרימאָרגן" אַנטלאָפן פון רוסלאַנד.

כאָטש דער רעגירונגס־פּלאַן וועגן די וועלטלעכע שולן פאַר יידן איז פאַרווירקלעכט געוואָרן מיט דער מיטהילף פון די קהלות, איז נאָך אָבער דער יידישער רעכטלעכער מצב גע־בליבן נישט פאַרבעסערט. ער איז נאָך, פאַרקערט, פיל ערגער געוואָרן. די פּאָליטיק פון רעפּרעסיעס און באַגרענעצונגען פון די יידישע רעכט האָט זיך געשטאַרקט פון טאָג צו טאָג. אין יענער צייט האָט ניקאָלאַי מבטל געמאַכט דעם „קהל". איבער־געגעבן אין די הענט פון דער רעגירונג די אַפּוטרופּסות איבער דער פליישׂ־טאַקסע און געהאַט בדעה איינצופירן נייע תקנות אין דעם ענין פון רבנות. אַחוצדעם האָט זיך שוין ניקאָלאַי דאַן אַרומגעטראָגן מיטן פּלאַן איינצוטיילן די יידן אין „ראַזראַדן". וואָלט אָט דער פּלאַן פאַרווירקלעכט געוואָרן, וואָלט מען דאַן אַ גרויסן טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג, אָט די פיל גרופּן, וואָס זענען לויט זייער שטאַנד און באַשעפטי־קונגען נישט אַנערקענט געוואָרן פאַר „נוצלעכע", געדאַרפט באַרויבן זייער פרייהייט און אָפּגעבן פאַר סאָלדאַטן.

וועגן דעדמאָזיקן שווערן יידישן מצב האָט מען זיך דערוואוסט אין אויסלאַנד, און דאַן האָט זיך מאָנטיפיאָרע באַ־שלאָסן צו פאָרן קיין רוסלאַנד. דעם 28־טן פעברואַר 1846 האָט מאָנטיפיאָרע פאַרלאָזט ענגלאַנד. אין דער באַגלייטונג פון זיין פרוי און פון זיין סעקרעטאַר ד"ר לעווס מיטברענגנדיק

אַן עמפפעלונגס-בריוו פון דער ענגלישער קעניגין וויקטאָריאַ, האָט מען אים אין רוסלאַנד געמאַכט זייער אַ וואַרעמען קבלת-פנים. דער בילדונגס-מיניסטער גראַף אובאַראָוו, האָט פאַר אים געוואונען די הערצער פון אַלע רעגירונגס-מיטגלידער. דעם 24-טן מערץ איז מאָנטיפיאָרע אָנגענומען געוואָרן אויף אַן אױדיענץ פון ניקאָלאַי דעם ערשטן. וועגן דערדאָזיקער אוידיענץ האָט מאָנטיפיאָרע דעמאָלט געשריבן צו איינעם פון זיינע לאָנדאָנער פריינט פאָלגנדיקעס:

„...מיט גאָטס הילף האָב איך געהאַט די מעגלעכקייט אָנצונעמען זיך די קשיוודע פון אונדזערע ברידער פאַר זייער אַלמעכטיקן הערשער. דעם פאַריקן דאָנערשטיק האָב איך געהאַט דעם כבוד פאָרגעשטעלט צו ווערן דעם קייזער, וועלכער האָט מיך אויפגענומען זייער גוטהערציק און מיט געדולד אויסגעהערט אַלע מיינע טענות. זיין מאַיעסטעט האָט מיר געזאָגט, איך זאָל אויפנעמען מיט צוטרוי פון אים און פון זיינע מיניסטאָרן די פאַרזיכערונג, אַז ער באַשעפטיקט זיך זייער פלייסיק מיט דער פאַרבעסערונג פון דער יידישער לאַגע אין זיין לאַנד, און אַז גראָד איצט גיט ער זיך פיל אָפּ מיט דעם ענין. זיין מאַיעסטעט האָט אויסגעדריקט דעם ווילן, איך זאָל באַזוכן מיינע ברי-דער אין די שטעט מיט אַ גרעסערער יידישער באַפעלקערונג, און האָט מיר פאָרגעלייגט צו נעמען פאַר אַ באַגלייטער איינעם פון די מיניסטאָרן".

דריי מיניסטאָרן, צווישן זיי דער פאָרזיצער פונם יידישן קאָמיטעט, גראַף קיסעלעוו, האָבן באַזוכט מאָנטיפיאָרן, כדי אים באַקאַנט צו מאַכן מיט דער רעגירונגס-פּאָליטיק בנוגע יידן. און אין דערזעלבער צייט האָט מען אין אַלע שולן און בתי-מדרשים פאָרגעלייגט פאַר דער יידישער באַפעלקערונג די נייע קייזערלעכע גזרה וועגן די „ראַזראַדן". די דאָזיקע גזרה האָט אַרויסגערופן ביי יידן גרויס טרויער. אין אַלע הייזער, און אויך אויף די גאַסן האָט מען פאַרגאָסן טייכן טרערן, און צו די יללות האָט נישט געקומען קיין סוף.

ג.

נישט קוקנדיק אויף דעם גרויסן כבוד, וואָס מאָנטיפיאָרע האָט געהאַט אין פּעטערבורג ביי די העכסטע רעגירונגס־ספערן, איז אים אויסגעקומען צו האָבן דאָרט אויך אַ סך ביטערע מינוטן. שוין בשעת זיין ערשטער אוידיענץ ביי ניקאָלײען, אין דער אַנוועזנהייט פונם מיניסטער־פּרעזידענט גראף קיסעלעוו, האָט אים דער קייזער אַליין דורכגעלייענט אַ גאַנצע רשימה מיט די שווערסטע חטאים, אין וועלכע עס ווערט באַשולדיקט דאָס רוסישע יידנטום. די הויפּט־טענות זענען באַשטאַנען אין פאָלגנדיקן: די יידן זענען אַ פויל פאָלק; זיי האָבן מער חשק צום קליין־האַנדל ווי צו ערד־אַרבעט; די יידן נאַרן אָפּ דעם פויער, פאַר אַ פלעשל בראָנפן באַראַבעווען זיי אים זיין גאַנץ פאַרמעגן. אַלע יידן וואָס וואוינען לעבן דער גרענעץ, באַשעפטיקן זיך מיט קאָנטראַבאַנד.

— נעמענדיק דאָס אַלץ אין אַכט — האָט ניקאָלײ פאַרענדיקט — האָט מיין רעגירונג פאַרבאָטן יידן צו וואוינען אויסערן „תחום", האָט זיי אַרויסגעטריבן פון די דערפער אין מאָהילעווער און וויטעבסקער גובערניעס און זיי פאַרווערט צו וואוינען אין די שטעט און שטעטלעך, וואָס געפינען זיך פופציק וויאָרסט פון דער גרעניץ.

מיט אַ צעבראָכן געמיט האָט מאָנטיפיאָרע אויסגעהערט די דאָזיקע אַלע פאָרוואורפן קעגן יידן. ער האָט זיך אָבער געשטאַרקט און געענטפערט:

— אייער קייזערלעכע מאַיעסטעט וועט מיר אַנטשולדיקן, ווען איך וועל מיך פרואוון פאַרטיידיקן מיינע ברידער. איך בין ווייט פון דעם געדאַנק, אַז אַ ייד איז ווייניקער מסוגל פון אַן אַנדערן צו שלעכטע פאַרדאָרבענע נייגונגען; כ'בין אָבער זיכער, אַז אַזאַ קלוגע און געבילדעטע רעגירונג, ווי די רעגירונג פון אייער מאַיעסטעט, האַלט נישט פאַר נערעכט צו

שטראָפן טויזנטער יידישע אונטערטאַנען פאַר די זינד פון אַ קליינער צאָל יידן. זאָל דער, וואָס היט נישט אָפּ די געזעצן פונם לאַנד, שטרענג באַשטראָפט ווערן; דער אומשולדיקער אָבער זאָל געניסן פון די רעכט, וועלכע אים קומט אַלס מענטש און בירגער. איך בעט אייער מאַיעסטעט צו נעמען אין אַכט, אַז נאָר ווייניק יידן פאַרנעמען זיך מיט מסחר, און דאָס רוב פון זיי זענען, ווי איך האָב געהאַט די מעגלעכקייט זיך צו איבער־ציינן, האַנטווערקער אָדער איינפאַכע אַרבעטער; דידאָזיקע לעצטע זענען לגמרי נישט פויל; זיי זוכן פאַרקערט, וואָס מער צו אַרבעטן און צו האָרעווען. צווישן זיי זענען דאָ שניידער, שוסטער, שמידן, גלעזער. אַנדערע באַשעפטיקן זיך מיט פיל שווערערע אַרבעטן — שלאָסערס, מוליאַרעס, סטאָליאַרעס. ס'איז דאָ אַ גרופּע מענטשן, וועלכע קאָנען גערעכנט ווערן אַלס האַנט־ווערקער — זייגערמאַכערס, און נאָך אַ גרופּע, אַ גרעסערע — דאָס זענען יענע, וואָס האַקן שטיינער אויפן שאָסיי, זעגן האָלץ, גראָבן די ערד, טראָגן וואַסער און אַלע אַנדערע שווערע משאות.

— וועגן דעם אַלץ — האָט מאָנטיפיאָרע פאַרענדיקט — האָב איך נאָך נישט קיין גרינדלעך אויסגעאַרבעטע סטאַטיסטי־שע טאַבעלן, וואָס זאָלן באַשטעטיקן מיינע דאָ אַרויסגעזאָגטע געדאַנקען. איך בעט דערום אייער קייזערלעכער מאַיעסטעט מיר צו געבן די דערלויבעניש צו באַזוכן אייניקע שטעט מיט קאָמ־פּאַקטע יידישע מאַסן, און נאָכדעם ווי איך וועל די לאַגע אויס־פאָרשן אויף די ערטער, וועל איך צושטעלן דער רעגירונג אַן אויספירלעכן מעמאָראַנדום וועגן דעם ענין.

ניקאָלאַי האָט מאָנטיפיאָרען רואיק אויסגעהערט און אים דערלויבט צו באַזוכן אַ רייע גרעסערע שטעט און פירן אונטער־האַנדלונגען מיט די פאָרשטייער פון די יידישע קהלות. באַלד האָט קיסעלעוו פאַנאַנדערגעשיקט באַפעלן צו די גובערנאַטאָרן פון די שטעט, וועלכע מאָנטיפיאָרע וועט דורכפאָרן, אַרויסצו־ווייזן אים דעם גרעסטן כבוד און צו רעכענען זיך מיט אים, ווי מיט אַ פאָרשטייער פון דער גרויסער רוסנפריינטלעכער ענגלישער מדינה.

אין דער באַגלייטונג פון זיין פרוי אין ד"ר לעווע האָט מאָנטיפיאָרע באַרייזט דעם יידישן תחום אין ליטע און פוילן. די מער גרעסערע שטעט, וועלכע ער האָט באַזוכט זענען געווען: ווילנע און ווארשע.

ד

אין ווילנע איז די גאַנצע יידישע בעפעלקערונג אַרויס מקבל פנים זיין מאָנטעפיאָרען עטלעכע וויאָרסט אונטערן שטאָט בראש זענען געשטאַרן די פרנסים, די קהלס-לייט, נאָך זיי די דעמאָלטיקע יידישע אינטעליגענץ די גרויסע העברעאישע שריפטשטעלער ווי: אָדם הכהן לעבענזאָן, מרדכי אהרן גינצבורג, קלמן שולמאַן און אַנדערע. צולעצט איז געגאַנגען דאָס „פאָלק": מאַנסביל און ווייבער, יינג און אַלט. די כראָניקער פון יענער צייט האָבן פאַרצייכנט: „ס'איז נישט געבליבן קיין קינד אין וויג"...

איבער דעם שלעכטן וועג האָט זיך מאָנטיפיאָרע פאַרשפעטיקט אויף אַ מעת-לעת. דער עולם האָט זיך אָבער נישט צוריקגעקערט אין שטאָט, און איז געבליבן אויפן פעלד. מ'האָט געמאַכט פייער און געקאָכט עסן. אויף מאָרגן, ווען ס'האָט זיך ענדלעך באַוויזן מאָנטיפיאָרע'ס קאַרעטע, האָט זיך דער המון באַלד אַ וואָרף-געטון אין געוואַלט אויסשפּאַנען די פערד און פאַרבייטן זיי מיט זיך. דאָ זענען אָבער מיטאַמאָל ווי אויס געוואַקסן פון אונטער דער ערד ביי אַ צענדליק זשאַנדאַרמען, וועלכער דער גובערנאַטאָר האָט אַרויסגעשיקט היטן די אָרדנונג. און זיי האָבן צעטריבן דעם עולם און אָפּגעפירט דעם עקיפּאַזש ביז אין שטאָט אַריין.

אין שטאָט האָט מען צוגעגרייט אַ וואוינונג פאַר מאָנטיפיאָרען און פאַר זיינע באַגלייטער ביי איינעם פון די גרעסטע ווילנער נכבדים — ר' מיכל קצין. מאָנטיפיאָרע האָט נאָך נישט באַוויזן אויסצורוען זיך פון וועג, און די ווילנער

בעלי-בתּים, פון דעם רייכסטן ביזן אָרימסטן, האָבן אים גענו-מען אַריינשיקן פלעשער ווײַן און מעד, ווי מ׳פלעגט זיך דע-מאָלט נוהג זיין בנוגע חשובֿע אורחים.

דעמזעלבן טאָג אין אָוונט האָט מאָנטיפיאָרע אָפּגעהאַלטן אַ פּאַרטרוילעכע זיצונג מיט די ווילנער ראשי-הקהל. אויף דער-דאָזיקער זיצונג האָט ער זיי דערציילט וועגן זיין אוידיענץ ביי ניקאָלאַיען און די האַרטע ווערטער, וועלכע ער האָט געהערט פון זיין מויל מכּח יידן. מאָנטיפיאָרע האָט גערעט מיט האַרץ, און אייניקע פון די צוהערער האָבן ביטערלעך געוויינט. איינער פון די דעמאָלטיקע ווילנער חשובֿים, ניסן ראָזנטאַל, האָט נאָכאַנאַנד געקלאַפּט מיט די פויסטן אָן טיש און געשריגן:

— עס איז דורכאויס ליגן! מ׳מאַכט אויף אונדז בלבולים! עס איז ממש אינקוויזיציע!

— איך ווייס, איך ווייס עס גאַנץ גוט — האָט געענטפערט מאָנטיפיאָרע טיף גערירט — מ׳דאַרף עס אָבער באַווייזן. איך קלויב איצט די נויטיקע מאַטעריאַלן. כ׳האָב עס צוגעזאָגט צו-צושטעלן דעם קייזער.

אויף מאָרגן פרי האָט זיך שוין באַגינען אָנגעהויבן אַ שטאַרקע באַוועגונג אַרום דער וואוינונג, וואו מאָנטיפיאָרע האָט זיך אָפּגעשטעלט. ביסלעכווייז זענען אַלע אַרומיקע גאַסן פול געוואָרן מיט מענטשן, מ׳איז אַרויפגעקראָכן אויך אויף די דע-כער. די הענדלער האָבן פאַרגעסן זייערע געשעפטן, די בעלי-מלאכות האָבן אַוועקגעוואָרפן זייער אַרבעט, און אַלע האָבן זיך נאָר אָפּגעגעבן מיטן פריילעכן געשעעניש.

מאָנטיפיאָרע איז געקומען קיין ווילנע דעם 4-טן אַפּריל 1846, און אויף מאָרגן באַלד נאָכן דאַווענען איז ער מיט זיין סעקרעטאַר ד״ר לעווע געגאַנגען אָפּשטאַטן אַ וויזיט דעם גענע-ראַל-גובערנאַטאָר, וועלכער האָט אים אויפגענומען מיט גרויס כּבֿוד. צוויי שעה האָט מאָנטיפיאָרע פאַרבראַכט ביים גענעראַל-גובערנאַטאָר, מיט וועלכן ער האָט געשמועסט וועגן די יידישע ענינים און וועגן דעם צוועק פון זיין נסיעה. נאָכדעם האָט ער געמאַכט אייניקע אָפיציעלע וויזיטן ביי הויכגעשטעלטע מיליטער

באַמטע. פֿאַר יעדערן פֿון זיי האָט ער הייס פֿאַרטיידיקט די יידישע רעכט, און אַלע האָבן אים מבטיח געווען מן היום והלאה זיך בעסער צו באַגיין מיט יידן. אַ צופֿרידענער און מיט אַ שטראַלנדיק פּנים פֿון גרויס שמחה, איבער די גוטע הבטחות, וואָס מ'האָט אים געגעבן, האָט זיך מאָנטיפֿיאָרע צוריקגעקערט אויף זיין קוואַרטיר.

אין עטלעכע שעה אַרום האָבן מאָנטיפֿיאָרען צוריק אָפּגעגעבן וויזיטן דער גענעראַל-גובערנאַטאָר און די אַנדערע פֿאַרשטייער פֿון דער העכערער מאַכט. דער גענעראַל-גובערנאַטאָר האָט איינגעלאַדן מאָנטיפֿיאָרען מיט זיין פֿרוי אויפֿן באַנקעט, וועלכן ער וועט מאַכן פֿון זייער כבוד וועגן דעם קומענדיקן זונטיק. מאָנטיפֿיאָרע האָט אים זייער געדאַנקט פֿאַר דער אויפֿמערקזאַמקייט, ער האָט אָבער דערביי אויסגעדריקט זיין באַדויערן, וואָס ער קען די איינלאַדונג נישט אָננעמען, ערשטנס, ווייל אַלס אָרטאָדאָקסיש-געזאָנענער ייד טאָר ער נישט עסן אין אַ קריסטלעך הויז און, צווייטנס, ווייל זיין פֿאַראַד-אוניפֿאָרם איז געבליבן אויף דער לעצטער סטאַציע און מ'האָט עס נאָך נישט געבראַכט קיין ווילנע. דער גענעראַל-גובערנאַטאָר האָט זיך אָבער נישט אָפּגעזאָגט פֿון זיין איינלאַדונג און געענטפֿערט; „אויב אַזוי, טאָ מאַכט מיר כאָטש דאָס פֿאַרגעניגן אויסצוטרינקען נאָר אַ גלעזל טיי; אייערע זאַכן וועלן אייך צוגעשטעלט ווערן צו דער צייט".

אויף מאָרגן, פֿרייטיק, האָט זיך די אַלגעמיינע באַוועגונג נאָך מער פֿאַרשטאַרקט; די גאַס, וואו מאָנטיפֿיאָרע האָט געוואוינט, איז געווען פֿאַרפֿלייצט פֿון מענטשן, ווייל ס'איז באַקאַנט געוואָרן אַז אין דעם טאָג וועט דער ענגלישער גאַסט באַזוכן די שטאָטישע יידישע און קריסטלעכע וואוילטעטיקע אַנשטאַלטן. מיט גרויס מי האָט זיך דער פּאָליציי איינגעגעבן אָפּצוהיטן די אָרדנונג אויף די גאַסן, וואו מאָנטיפֿיאָרע איז דורכגעפֿאָרן, און באַשיצן אים באַזונדערס פֿון די מאַסן אָרימעלייט פֿון די פֿאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן, וועלכע האָבן אַרומגענומען זיין קאַרעטע בעת ער האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי די

פריוטן און די שולן. ס'האָט אים אַרומגערינגלט אַ המון מענטשן מיט בקשות, און פאַר די עטלעכע טעג, וואָס ער האָט פאַרבראַכט אין ווילנע, האָט ער צעטיילט צווישן די אָרימע־לייט אַ היפּשע געלט־סומע.

צוריקקומענדיק אויף זיין קוואַרטיר, האָט מאָנטיפיאָרע געפונען אָנגעשיקטע פון די חשובסטע ווילנער בעלי־בתים אַ מאַסע טאָרטן מיט אַלערליי געבעקסן לכבוד שבת. אין אָוונט האָט מאָנטיפיאָרע געוואָלט גיין אין דער גרויסער שול צו „קבלת־שבת", אָבער ס'איז אים אוממעגלעך געווען דורכצוגיין די גאַסן איבער דעם גרויסן, געדיכטן עולם, און ער האָט זיך צוריקגעקערט אַהיים, וואו מ'האָט פאַר אים געמאַכט אַ „מנין". שבת אינדערפרי זענען אויך געווען די גאַסן פאַרנומען מיט מאַסן מענטשן, וועלכע האָבן געוואָלט כאָטש כאַפּן אַ קוק אויף מאָנטיפיאָרען. דאַן האָט מען מאָנטיפיאָרען מיט זיין פרוי אַוועקגעפירט אין שול דורך אַרומיקע וועגן. אין שול האָבן אים אויפגענומען די גרעסטע ווילנער נכבדים. אויך אייניקע פון די אָרטיקע הויכגעשטעלטע קריסטלעכע פּערזענלעכקייטן, וועלכע זענען איינגעלאַדן געוואָרן דורך קהל.

בעת מאָנטיפיאָרע מיט זיין פרוי זענען אַריין אין שול, האָט זיי באַגעגנט דער רב מיט אַ וואַרימער ברכה, און גיין יינגע מיידלעך אין ווייסע קליידער האָבן באַשאָטן זייער וועג מיט בלומען. איינע פון די מיידלעך האָט פאַר זיי פאָרגעלעזן אַ העברעאישן שיר, אין וועלכן עס האָט זיך גערעט וועגן מאָנטיפיאָרעס מסירות־נפשדיקע נסיעות לטובת דעם יידישן פאָלק. ביים דאַוונען איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן דורכן גאַנצן עולם אַ באַזונדערע תפלה פאַרן געזונט פון די הויכע געסט. נאָך קריאת־התורה האָט דער רב געהאַלטן אַ דרשה וועגן דער גרויסער באַדייטונג, וואָס מאָנטיפיאָרעס באַזוך האָט פאַר דער יידישער ווילנע.

זונטיק זענען מאָנטיפיאָרע מיט דער פרוי געפאָרן אין אַן אייגענעם עקיפּאַזש, וועלכער איז געווען באַצירט מיט אַ הערב און מיט דער צו בשריפט „ירושלים" צום גענעראַל־גובער־

נאַטאָר אויפֿן באַנקעט. אין דער הדרת־פּנימדיקער און שטאַרקער פיגור פֿון ר׳ משה מאָנטיפיאָרע, וועלכער איז געווען אָנגעטאָן אין אַ רויטער מיט גאָלד באַנייטער אוניפאָרם פֿון אַן ענגלישן שופֿט, מיט אַ שווערד, איינגעפּאַסט אין בריליאַנטן און אין אַ הוט מיט שטרויס־פעדערן, איז שווער געווען צו דערקענען יענעם באַשיידענעם פֿרומען אַלטן מאַן אין דעם איינפאַכן שוואַרצן ראָק, וועלכער האָט נעכטן מיט אַזאַ התלהבות געדאַוונט אין שול, מ׳האָט נישט געקאָנט דערקענען אויך די באַשיידענע יידישע פֿרוי יהודית מאָנטיפיאָרע, וועלכע האָט איצט געטראָגן אַ קאָסטיום פֿון אַן ענגלישער הויף־דאַמע.

אין דעם גענעראַל־גובערנאַטאָרס הויז האָט זיך שוין צוזאַמענגעקליבן, דערוואַרטנדיק די געסט, די העכסטע אָרטיקע אַריסטאָקראַטיע, די רוסישע און די פּוילישע. דער גענעראַל־גובערנאַטאָר האָט באַגעגנט די געסט ביים אַריינגאַנג אין זאַל און נאָכדעם האָט ער זיי פֿאָרגעשטעלט פֿאַר די העכסטע פֿאָרשטייער פֿון דער ווילנער קריסטלעכער געזעלשאַפֿט.

ה

כּון דער ערשטער מינוט אָן האָבן די געסט צוגעצויגן אויף זיך די אַלגעמיינע אויפֿמערקזאַמקייט; די נייגעריקייט מצד די אַנוועזנדע אויפֿן באַנקעט איז שוין אויסגעקומען אַ ביסל צו פּראָווינציעל און אונטאַקטיש. דער עולם האָט אַרומגערינגלט מאָנטיפיאָרען מיט זיין פֿרוי פֿון אַלע זייטן, באופֿן, אַז דער גענעראַל־גובערנאַטאָר האָט געצוונגען פֿאַר נויטיק אויפֿמערקזאַם צו־מאַכן די איינגעלאַדענע צו פֿאַרהאַלטן זיך צום גרויסן אויסלענדישן גאַסט מיט מער דרך־ארץ. „איר דאַרפֿט נעמען אין זכט, האָט ער זיי דערקלערט, אַז דערדאָזיקער מאַן שפּילט אַ גרויסע ראָלע אין ענגלישן הויף און האָט אַן איינפֿלוס אַפֿילו אויף דער פּאָליטיק“. איינער אַ פּוילישער גראַף האָט אויפֿמערקזאַם געמאַכט דער געזעלשאַפֿט אויף די טייערע צירונג, וואָס

פרוי מאָנטיפיאָרע האָט געטראָגן, און אַרויסגעזאָגט זיין מיינונג, אַז איינס פון אירע אייריגגלעך קאָסט מער ווי די גיטער פון אַ סך מאַגנאַטן. צווישן דעם עולם האָבן זיך געפונען אויך אַזעלכע, וועלכע האָבן נישט געקאָנט איבערטראָגן רואיק דעם כבוד, וואָס מ'האָט אָפּגעגעבן דעם „יידישן אורח", און האָבן דערפון געהאַט גרויס פאַרדרוס.

אין צוויי טעג אַרום נאָך דעם באַנקעט האָט געדאַרפט פאָרקומען אַ פייערלעכער ספעקטאַקל אין שטאָטישן טעאַטער, האָט דער גענעראַל-גובערנאַטאָר איינגעלאַדן צו אים מאָנטי-פיאָרען מיט דער פרוי. תחילת האָבן זיי זיך אָפּגעזאָגט פון דער איינלאַדונג, אָבער דער גענעראַל-גובערנאַטאָר האָט נישט אָפּ-געלאָזט, און זיי האָבן געמוזט נאָכגעבן. ער האָט זיי דערקלערט, אַז הוית ווי עס דאַרפן אינגיכן פאָרקומען וואַלן צום סיים, איז זיך צונויפגעפאָרן אין שטאָט די פּוילישע אַריסטאָקראַטישע געזעלשאַפט פון פיר גובערניעס. און זיי אַלע וואָלטן זיך געוואָלט באַקענען מיט דעם גרויסן גאַסט.

אויפן באַנקעט ביים גענעראַל-גובערנאַטאָר האָבן מאָנטי-פיאָרע מיט זיין פרוי געמאַכט אויף אַלעמען דעם בעסטן איינדרוק מיט זייער האַלטונג און ליבלעכן באַנעמען, און האָבן געוואונען די סימפּאַטיע אַפילו פון יענע פּוילישע אַריסטאָקראַטן וואָס זענען תחילת נישט געווען באַזונדערס קאָנטענט פון דעם גאַנצן פאַראַד. צום סוף האָבן זיי אַלע מסכים געווען, אַז אַזעלכע מענטשן, ווי מאָנטיפיאָרע, פאַרדינען ווירקלעך דעם כבוד, וואָס מען גיט זיי אָפּ׳

דעם גאַנצן אָוונט איז דעם דאָקטאָר לעווע אויסגעקומען צו זיין אַ דאָלמעטשער בשעת מאָנטיפיאָרעס שמועסן מיט דעם גענעראַל-גובערנאַטאָרס געסט, ווייל אין יענער צייט האָבן אין רוסלאַנד נאָר גאַנץ ווייניק מענטשן פאַרשטאַנען ענגליש, און אין ווילנע האָט אויסער דעם גענעראַל-גובערנאַטאָר קיינער די דאָזיקע שפּראַך נישט געקענט.

ו

אין אַ פּאָר טעג אַרום זענען זיך צונויפגעפאָרן קיין ווילנע די ראשי-הקהל פון דער גאַנצער גובערניע. מאָנטיפיאָרע האָט זיך ביי יעדן איינציקן באַזונדער נאָכגעפרעגט אויספירלעך וועגן דעם יידישן מצב. פון אַרום ווילנע זענען געקומען אַ סך ישובניקעס, וואָס מ'האָט זיי געהאַלטן אַרויסצוטרייבן פון די דערפער. אַלע האָבן פאַר אים געוויינט, האָבן אים פאָרגעשטעלט זייער קאַטאַסטראָפאַלע לאַגע, אויב דער גירוש וועט פאַרווירקלעכט ווערן. מאָנטיפיאָרע האָט זיך באַצויגן צו די ישובניקעס מיט גרויס מיטגעפיל און זיי מבטיח געווען, צו זען אָנווענדן אַלע זיינע קרעפטן צו פאַרהיטן זיי פון אומגליק.

דינסטיק אָוונט איז אין טעאַטער פאָרגעקומען אַ פייערלעכער ספּעקטאַקל, אין דער געגנוואַרט פון דער גאַנצער אָרטיקער העכסטער אַריסטאָקראַטיע, און דער גענעראַל-גובערנאַטאָר האָט פיל פון זיי באַקאַנט געמאַכט מיט די ענגלישע געסט.

אַ גאַנצע וואָך כסדר, ביז דעם צווייטן שבת, האָט זיך געצויגן די פרייליכע שטימונג ביי דער ווילנער יידישער באַפעלקערונג. ווילנער יידן האָבן זיך געפרייט מיט דער זכיה צו האָבן ביי זיך אַזאַ גאַסט, ווי ר' משה מאָנטיפיאָרע, און פון אַלע זייטן האָט מען אים באַשאָטן מיט ברכות פאַר די גרויסע חסדים, וואָס ער טוט מיטן כלל-ישראל. שבת האָט דער ד"ר לעווי געהאַלטן אין דער גרויסער שול אַ דרשה, אין וועלכער ער האָט גערעדט וועגן די פליכטן פון דעם יידישן פאָלק צו פאַרדינען זיין ברויט דורך אַרבעט און נישט צו פאַלן צו לאַסט דער מלוכה.

שבת-צונאַכטס איז ביי מאָנטיפיאָרען אויף דער קוואַרטיר פאָרגעקומען אַ גרויסע אַסיפה. די ווילנער פרנסים האָבן דערלאַנגט מאָנטיפיאָרען אַן אויספירלעכן מעמאָראַנדום וועגן דעם אמתן מצב פון די רוסישע יידן. די אסיפה האָט זיך פאַרצויגן

ביז פיר אַ זייגער פאַרטאָג, און עס איז אין איר אַרויסגערעדט געוואָרן אַלץ, וואָס עס האָט אויפגעקאָכט ביי די יידישע פאַר־שטייער אויף די הערצער. דער אָפּשייד פון מאָנטיפיאָרען איז געווען זייער רירנד. די ווילנער גרויע פּרנסים האָבן געוויינט ווי קליינע קינדער, און בעת דער שטאָט-מגיד ר׳ וועלוועלע האָט אַ געשריי-געטון: „מיר געזעגענען זיך מיט אייך, ר׳ משה, ווי מיט אַ טאַטן!״ — איז געוואָרן אַזאַ יללה, אַז מאָנטיפיאָרע האָט זיך דערשראָקן, טאָמער הערט מען די קולות אויפן גאַס, האָט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט, און מיט אַ פאַרשטיקטער שטים פון טרערן געזאָגט: „גענוג, ברידער! שטאַרקט אייך, ס'וועט ווערן בעסער, גאָט וועט אייך נישט פאַרלאָזן!״

באַלד נאָכדעם איז מאָנטיפיאָרע אָפּגעפאָרן פון ווילנע. פּסח האָט ער געהאַלטן אין וועג נישט ווייט פון דער רוסישער גרעניץ מיט אַ ראָטע יידישע סאָלדאַטן, וועלכע האָבן אים באַגלייט. יענער ווינטער איז געווען זייער אַ שטרענגער און אַ לאַנגער, און סוף אַפּריל זענען נאָך די טייכן ביי דער גרע־ניץ געשטאַנען אונטער אַ דיקן אייז, און דאָס האָט מאָנטיפיאָרען באַשווערט זיי וועג, און ערשט נאָך אַ סך אָנשטרענגונג האָט ער זיך צוריקגעקערט קיין לאָנדאָן.

ז

נאָך האָט מאָנטיפיאָרע נישט באַוויזן זיך אויסצורוען פון זיין נסיעה, האָט ער שוין אויף דעם יסוד פון די פאַרשיידענע מאַטעריאַלן, וואָס ער האָט צונויפגעקליבן אין וועג צוזאַמענ־געשטעלט אַ מעמאָראַנדום וועגן דעם מצב פונם רוסישן יידנטום, און האָט עס אַריינגעשיקט דעם מיניסטער-פּרעזידענט גראַף קיסעלעוו, מיט דער בקשה, איבערגעבן עס דעם קייזער. מיט פאַקטן און מיט ציפערן אין די הענט, האָט מאָנטיפיאָרע צע־קלאַפּט אַלע טענות, וואָס די רעגירונג שטעלט אַרויס קעגן יידן. דערביי האָט ער אין זייער טאַקטישע און איידעלע אויס־

דרוקן אַרויסגעזאָגט די פּירער פון דער רוסישער מלוכה אַ סך ביטערע אכתן. אַלס געניטער פּאָליטיקער האָט ער בנוגע זיין מיינונג אין דער יידן־פראַגע פאַרנומען אַ גאַנץ אַנדער שטאַנד־פּונקט פון דעם לגמרי אומפּראַקטישן ליליענטאַלן. ניין, נישט די אָרימע, הילפלאָזע יידישע מאַסע דאַרף זיך דערשלאָגן צו מענטשלעכע רעכט דורך „גוטער אויפפירונג", נאָר די רעגי־רונגס־אָרגאַנען זענען מחויב געבן יידן רעכט, אָן וועלכע דאָס יידישע פאָלק וועט נישט קאָנען דערלאַנגען צו דער געהעריקער זיטלעכער און עקאָנאָמישער הויך. נאָר פון אַ גלייכבאַרעכטיקטן בירגער קאָן מען פאָדערן, ער זאָל דערפילן די פליכטן, וואָס ווערן אַרויפגעלייגט אויף אים אַלס פרייער אונטערטאַן. אָט דער געדאַנק ציט זיך ווי אַ רויטער שניר דורך מאָנטיפיאָרעס מעמאָראַנדום, וועלכער איז געווען אינגאַנצן גענומען אַ באַשול־דיקונגס־אַקט קעגן דער רוסישער רעגירונג פאַר איר דעספּאָטישן פאַרהאַלטן־זיך צום יידישן פאָלק.

און מאָנטיפיאָרע קומט צום אויספיר, אַז די רעגירונג דאַרף וואָס צום גיכסטן מבטל זיין אַלע באַגרענעצונגען פון וואוינרעכט און פון פרייער באַוועגונג אין די גרענעצן פון די גובערניעס, וואָס זענען אָפן פאַר יידן; מבטל זיין די געזעצן, וואָס דערלאָזן נישט יידן אין פאַרשיידענע ערטער צו געוויסע באַשעפטיקונגען; דערלויבן סוחרים און זייערע אָנגעשטעלטע צו קומען צוליב געשעפט אין די אינוויינקסטע גובערניעס און צו באַזוכן ביידע הויפט־שטעט מיט דערזעלבער פרייהייט, פון וועלכער עס נעניסן אַלע אַנדערע סוחרים; צו דערלויבן צוריק איינפירן דעם „קהל", מבטל זיין די פלייש־טאַקסע און גלייכ־צושטעלן די יידן אין די פאַרשיידענע שטייערן און אָפּצאָלונגען מיט דער איבריקער באַפעלקערונג א. א. וו.

גראַף קיסעלעוו האָט איבערזעצט מאָנטיפיאָרעס מעמאָראַנ־דום פון ענגליש אין פראַנצויזיש און מיט אייניקע באַמערקונגען פון זיין זייט האָט ער אים צוגעשטעלט דעם קייזער.

דעם 17-טן מאַי 1847 האָט קיסעלעוו דערלאַנגט דעם קייזער מאָנטיפיאָרעס מעמאָראַנדום, און דעם 26־טן מאַי האָט

אים שוין ניקאָלאַי מונדלעך אָנגעוויזן די דירעקטיוון, אָן וועלכע די רעגירונג דאַרף זיך האַלטן בנוגע דער יידן־פראַגע.

אין קאַטעגאָרישע ווערטער האָט דער קייזער באַשטימט די פּאָליטיק פון דער מלוכה אין דער באַציאונג צו דער יידישער באַפעלקערונג, נישט איבערלאָזנדיק קיין אָרט פאַר קיין שום אילוזיעס. דער קייזער האָט אנערקענט, אַז מאָנטיפיאָרעס מעמאָראַנדום איז געשריבן גאַנץ טאַקטיש און אַז ער געפינט אין אים אייניקע גאַנץ ריכטיקע באַמערקונגען וועגן די סתירות אין די געזעצן, וועלכע מען דאַרף פאַרריכטן און דערגענצן, ווי, למשל, וועגן די יידישע קאָלאָניעס, וועגן דער דערלויבעניש צו קומען קיין מאָסקווע און אַנדערע ערטער נישט איינמאָל נאָר צוויי מאָל אינם משך פון דעם דערלויבטן טערמין א. א. וו.

„אָבער — האָט ניקאָלאַי שטרענג דערקלערט — ווען מאָנטיפיאָרע רעדט וועגן פאַרגלייכן די רעכט פון די יידן אין דינסט אויף איין שטייגער, ווי די קריסטן — קאָן מען דאָס נישט דערלאָזן, און כל־זמן איך לעב וועל איך דאָס ווירקלעך נישט דערלאָזן".

ווייטער האָט ניקאָלאַי געהייסן דערקלערן מאָנטיפיאָרען, אַז דער קייזער דאַרף נישט פאַרגעסן, דאָס זיין פליכט באַשטייט אין אָפּהיטן דאָס רעכט פון אַ זעכציק־מיליאָניקן פאָלק, און אַז טויזנדיק וועלכע עס איז טובות יידן. דאַרף ער דורכדעם נישט אַוועקנעמען די רעכט פון אַנדערע. „מ'קאָן נישט נעמען מיטאַמאָל און מבטל זיין אַלטע, שוין לאַנג אַרויסגעגעבענע געזעצן". פיל האָט מען שוין אויפגעטון לטובת יידן און ווי ווייט מעגלעך וועט מען מיט זיי ווייטער מטיב זיין. אָבער מאָנטיפיאָרע דאַרף דאָך מודה זיין, אַז „אונדזערע יידן קאָנען נישט צוליב זייער אָרימער בילדונג, צוליב דעם פאַנאַטיזם פון זייערע פיל סעקטעס און צוליב אַנדערע סבות. שטיין אויף איין ברעטל מיט די ענגלישע און אַנדערע אויסלענדישע יידן". אויב דער נסיון, וואָס ער ווערט איצט געמאַכט, וועט האָבן ערפאָלג, וועט די צייט אַליין פירן דערצו, אַז ביסלעכווייז וועלן בטל ווערן די איצט זייער נויטיקע, באַגרענעצונגען".

דעם 5-טן נאָוועמבער 1847 האָט גראַף קיסעלעוו אינם נאָמען פון קייזער געענטפערט מאָנטיפיאָרען אַ לאַנגן בריוו אַלס תשובה אויף זיין מעמאָראַנדום. אין דערדאָזיקער תשובה איז קיסעלעוו מודיע מאָנטיפיאָרען, אַז בנוגע יידן מוז אַלץ בלייבן ביים אַלטן סיסטעם, ביי די רעפּרעסיעס, ווייל נאָר פון זיי דערוואַרט די רעגירונג גוטע רעזולטאַטן. די יידן אַליין זענען אין אַלץ שולדיק, און כל-זמן זיי וועלן זיך נישט פאַרבעסערן קאָנען זיי נישט האָפן אויף וועלכע-עס-איז פאַרבעסערונגען אין זייער בירגערלעכן לעבן. קליינע פאַרלייכטערונגען וועלן געמאַכט ווערן, אָבער אַלס יסוד וועט פאַרבלייבן דער ביז-אַהער עקזיסטירנדיקער מצב.

קיסעלעווס בריוו האָט מאָנטיפיאָרען גוואַלטיק דערשיטערט. ער האָט זיך גאָרנישט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז נאָך דעם שיינעם קבלת-פנים, וואָס ער האָט געהאַט ביי ניקאָלאַיען און אין די העכסטע רעגירונגס-אינסטאַנצן, און נאָך די זיסע הבטחות, וועלכע ער האָט באַקומען וועגן דער פאַרבעסערונג פון דער יידישער לאַגע, זאָל בלייבן אַלץ ביים אַלטן. דאָך האָט ער געפונען פאַר גלייך נישט איבערצורייסן זיינע באַציאונגען צום רוסישן הויף, און האָט אַריינגעשיקט דורך דעמזעלבן קיסעלעוון צו ניקאָלאַיען אַ צווייטן בריוו, אין וועלכן ער האָט איבערגעחזרט זיין מיינונג וועגן דעם געדריקטן מצב פון די רוסישע יידן. דאָס מאָל האָט מאָנטיפיאָרע פון דער רוסישער רעגירונג קיין תשובה נישט באַקומען. ער האָט אָבער געהאַט דעם נחת-רוח צו הערן פונדערווייטן, אַז אייניקע פון זיינע השתדלותן ביי ניקאָלאַיען זענען דערפילט געוואָרן. די גזרה פון די „ראַזראַדן" איז נישט פאַרווירקלעכט געוואָרן. די יידן, וואָס וואוינען אין דעם פופציק-וויאָרסטיקן גרעניץ-פּאַס זענען געבליבן זיצן אויף די ערטער; מ'האָט ערלויבט יידן קויפן גיטער אין די גובערניעס פון פוילן און אין מערב-קאַנט, און עס זענען ערפילט געוואָרן נאָר אייניקע פון מאָנטיפיאָרעס השתדלותן לטובת יידן.

———

XII

ר׳ דוד לוריא

(ר׳ דודל ביכאָווער)

א

אַ צוגאָב צו די צרות און פּיין, וואָס דאָס רוסישע יידנטום איז דורך אַלערליי רעכט-באַגרענעצונגען אויסגעשטאַנען אונטער דער ממשלה פון ניקאָלאַי דעם ערשטן, זענען געווען די אָפט אַרויפגעשוואומענע עלילות-דמן. עס איז נישט אַוועק כמעט קיין איין יאָר, עס זאָל ערגיץ-וואו נישט געמאַכט ווערן אויף יידן קיין בלוט-בלבול. נישט אַלע אַזוי בלבולים האָבן געפירט צו פּראָצעסן; אַנדערע פון זיי זענען דערשטיקט געוואָרן דורך דער השתדלות פון יידן אויף די ערטער נאָך איידער זיי זענען אָנגעקומען צום געריכט. אָבער דורך די דאָזיקע השתדלות זענען בדיל-הדל געוואָרן און צו גרונט בעגאַנגען גאַנצע יידישע קהלות. די אָרטיקע סאַטראַפּן האָבן יעדן צופאַל פון אַן עלילת-דם געזוכט אויסצונוצן פאַר זייער קעשענע און אויסגעצאַפּט פון יידן דעם לעצטן גראָשן. גאַנץ

אָפּט האָבן קהלות אַראָפּגענומען און פאַרזעצט, און אַמאָל אויך פאַרקויפט, די זילבערנע „עץ־חיימס" פון די ספר־תורות, כדי משחד צו זיין דעם „איספּראַווניק" אָדער דעם פּאָליצמייסטער, ער זאָל דעם בלבול נישט געבן קיין גאַנג און נישט דערפירן אים ביז אַ משפּט. פיל ערגער איז געווען דער מצב אין יענע ערטער, וואו עס האָבן זיך דערוואוסט פון דעם בלוט־בלבול גרעסערע גרופּן מענטשן פון דער קריסטלעכער באַפעלקערונג, באופן, אַז מען האָט די זאַך נישט געקאָנט פאַררייבן און זי האָט געמוזט איבערגעגעבן ווערן אין געריכט. אין אַזעלכע פאַלן איז מען וועגן דעם באַלד דערגאַנגען אין פּעטערבורג, וואו די שטימונג בנוגע יידן איז תמיד געווען זייער אַ שלעכטע, און, פון יענער מינוט אָן האָט זיך אָנגעהויב: אַ גאַנץ פּעקל מיט די געברענטסטע ליידן פאַר יחידים און פאַרן כלל. גאַנץ אומשולדיקע מענטשן פלעגן פאַרפוילט ווערן יאָרן־לאַנג אין תפיסות, פונוואַנען זיי פלעגן זיך שוין גאַנץ אָפּט נישט אומקערן לעבעדיקע צו זייערע פאַמיליעס. צוזאַמען מיט די דאָזיקע אומגליקלעכע פלעגט יעדעס מאָל מאָראַליש ליידן דער גאַנצער כלל־ישראל; ביי יעדן פּראָצעס פון עלילת־דם פלעגט מען משפּטן דאָס גאַנצע יידישע פאָלק. שתדלנים, קלענערע און גרעסערע, פלעגן לויפן קיין פּעטערבורג אָפּזיצן דאָרט חדשים און אָפּשלאָגן די שוועלן, אין אָפּט מיט גרויס מסירת־נפש, ביי די העכסטע שררות, און זעלטן ווען האָבן זיי עפּעס באַלד געפּועלט. די פּאַפּירן פלעגן אָפּגעשיקט ווערן פון איין דעפּאַרטאַמענט צום צווייטן, אַמאָל פלעגן אויך אַראָפּפאָרן קאָמיסיעס פון פּעטערבורג, וועלכע פלעגן פאַרפירן חקירות ודרישות, און צושטעלן ראַפּאָרטן, און דער פּועל־יוצא דערפון פלעגט זיין, אַז דער ענין פלעגט נאָך מער פאַרפּלאָנטערט ווערן און דער משפּט פלעגט פאַרצויגן און פאַרשלעפּט ווערן, אין דערווייל וואָס־ווען פלעגן מענטשן אויסשטאַרבן אין די טורמעס, נאָך איידער זייער פּראָצעס איז פאָרגעקומען.

אַזאַ עלילת־דם געשיכטע, וועלכע האָט אין איר צייט אויפגערודערט דאָס גאַנצע יידישע פאָלק, האָט אין יאָר 1825

פּאַסירט אין דער טיף-רוסישער שטאָט סאַראַטאָוו. דער רושם פונם דאָזיקן בלוט-בלבול איז געווען אַזוי גרויס, אַז די באַרימטסטע יידישע פּערזענלעכקייטן פון יענער צייט: גאונים און רבנים, געלערטע און באַוואוסטע כלל-טוער זענען זיך עטלעכע מאָל צונויפגעפאָרן און אָפּגעהאַלטן כסדר באַראַטונגען וועגן דעם ענין. אויף דער לעצטער באַראַטונג איז אויסגעאַרבעט געוואָרן אַן אויספירלעכער פּלאַן, ווי אָנצוהויבן לטובת דער זאַך אַ גרויסע און פאַרצווייגטע שתדלנישע טעטיקייט. אַלס פּערזאָן וואָס זאָל שטיין בראש פון דערדאָזיקער שתדלנות-אַקציע, איז דאַן איינשטימיק אויסגעקליבן געוואָרן דער דעמאָלט ווייט און ברייט באַרימט-געוועזענער גאון און מעצענאַט ר' **דודל ביחאָווער**.

דער סאַראַטאָווער בלוט-בלבול האָט פּאַסירט אויפן פאָלגנדיקן אופן:

ב

אין סאַראַטאָוו האָט דרייסיק יאָר כסדר געוואוינט אַ ייד וועלכער האָט געשטאַמט פון מאָהילעוו און האָט געהייסן: **יענקל יושקעוויטשער**. ער האָט געהאַנדלט מיט פוטער-וואַרג און געווען — אויב נישט קיין גרויסער עושר, אָבער אַ פאַרמעגלעכער מענטש. אַלע יאָר פלעגט ער פאָרן קיין ניזשני-נאָווגאָראָד אויפן יריד איינקויפן סחורה. פאַר עטלעכע גוטע פוטערס, וועלכע ער פלעגט צעטיילן יערלעך צווישן די סאַראַטאָווער אַדמיניסטראַטאָרן, האָט ער זיך געקויפט „וואוינ-רעכט" אין דערדאָזיקער שטאָט, וואו קיין ייד האָט נישט געטאָרט אַריינקומען. יענקל איז געווען דער איינציקער „פרייער" ייד אין סאַראַטאָוו; אויסער אים האָבן נאָך דאָרט געוואוינט עטלעכע יידישע אויסגעדינטע סאָלדאַטן.

יענקל איז געווען זייער אַ פרומער ייד דערצו נאָך אַ גרויסער בעל-צדקה. באַזונדערס, האָט ער געזוכט מקיים זיין

די מצוה פון „פדיון-שבוים". אין יענער צייט פלעגט די מאַכט אַרעסטירן יעדן ייד, וואָס האָט זיך נאָר באַוויזן אין סאַראַטאָוו, בינדן אין קייטן און אַריינוואַרפן אין טורמע. אַזעלכע יידן פלעגט יענקל יושקעוויטשער תמיד זען באַפרייען פון תפיסה. יעדעס מאָל פלעגט עס אים קאָסטן עטלעכע פוטערס; ער האָט אָבער אויף דעם נישט געקוקט.

יענקלס פאַמיליע איז נישט געווען קיין באַזונדערס גרויסע; זי איז באַשטאַנען פון צוויי טעכטער — גיטל און מינע-רויזע, און דריי זון: פייוועל, אייזיק און דער דריטער — אַ משומד — פיאָדאָר יודלאָוו, וועלכער האָט זיך אַרייגעלאָזט אין שכּרות און געפירט אַ צעלאָזן לעבן. נאָכדעם ווי זיין צעלאָזנקייט האָט אים געבראַכט צום שמד, האָט אים זיין פרומער פאָטער צו זיך אויפן שוועל נישט אַרויפגעלאָזט; נאָר די מוטער, איטע-נחמה האָט זיך נישט געקאָנט אָפּזאָגן פון זון און צייטנווייז פלעגט זי זיך מיט אים זען פאַרבאָרגענערהייט.

אין סאַראַטאָוו האָבן נאָך געוואוינט פּיראָונפּערציק אויסגעדינטע יידישע סאָלדאַטן, און אַז צו זיי זענען צוגעקומען נאָך עטלעכע זעלנער, האָבן זיי זיך אויפגעבויט אַן אייגן שולכל, און האָבן אַראָפּגעבראַכט אַ שוחט, אַ מלמד און אַ שמש, און אַזוי האָט זיך ביסלעכווייז געבילדעט אין סאַראַטאָוו אַ קליינע יידישע קהלה.

אַלס פאַרמעגלעכער און פרומער ייד האָט יענקל ביי די איבריקע יידן גענאָסן פיל אַכטונג. און האָט געהאַט אויף זיי אַ גרויסע השפעה. פאַר יעדן יום-טוב פלעגט זיך יענקל משתּדל זיין פאַר דער מיליטערישער מאַכט צו באַפרייען די יידישע זעלנער פון דינסט, און זיי פאַרבעטן צו זיין טיש. ער מיט זיין זון, פייוועל און אייזיק, פלעגן תמיד גיין דאַוונען אין דער זעלנערשער שול, אויף וועלכער ער האָט זיך געלאָזט קאָסטן פיל געלט.

האָט איינמאָל געדאַרפט פאַסירן, אַז אויף אַ גאַנץ וואוך-דערלעכן אופן זענען אין סאַראַטאָוו איינער נאָך דעם אַנדערן פאַרשוואונדן געוואָרן צוויי קריסטלעכע יינגלעך, דער צען-יעריקער

פיאָדאָר שערסטאָביטאָוו און דער עלף-יעריקער מיכאאיל מאַזלאָוו. באַלד האָבן זיך געפונען אין שטאָט פינסטערע עלעמענטן, וועלכע האָבן אַרויסגעלאָזט קלאַנגען, אַז אין דעם פאַרשוואונדן פון די קינדער, זענען פאַרמישט יידישע הענט.

קיינער אַפילו פון דער שטאָטישער קריסטלעכער באַפעל-קערונג, וועלכע איז געשטאַנען גאַנץ ווייט פון אַנטיסעמיטיזם האָט נישט פאַרשטאַנען, וואָס פאַר אַ שייכות, יידן קאָנען האָבן צו דער זאַך.

אין שטאָט האָט מען געזאָגט, אַז מיט די יינגלעך האָט געטראָפן אַן אומגליק אויפן וועג אין דער שול: גייענדיק האָבן זיי זיך אַראָפּגעגליטשט פון דעם סאַקאָלער באַרג און זענען אַריינגעפאַלן אין דער וואָלגאַ.

אָבער עמיצנס פאַרברעכערישע האַנט האָט, קענטיק, באַשלאָסן אומגליקלעך צו מאַכן יענקלען, און האָט די יינגלעך מל געווען.

ווי נאָר עס איז באַקאַנט געוואָרן אין שטאָט דער פאַקט, אַז די קינדער זענען געמלט, איז פון דעם האָטעל, וואָס האָט זיך געפונען אין דעמזעלבן הויף, וואו יענקל האָט געוואוינט, אַרויס איינער אַ באַגדאַנאָוו, וועלכער האָט זיך שפּעטער אַרויס-געוויזן פאַר אַ „בראָדיאַגע", אַ גנב און אַ שכור, און האָט אַריינגערופן צו זיך יענקלען. עס איז נישט געווען קיין שום ספק, אַז ער איז געווען פון עמיצן, מעגלעך פון אַ שכן, אונטערגעשיקט, כדי צו זען, ווי יענקל ווייזט אויס און וואָס פאַר אַ פנים ער האָט.

ערב פסח, בעת יענקל איז געשטאַנען אין קיך און האָט געהאָלפן זיין פרוי שאָבן פיש, האָט ער זיך איינגעשניטן אַ פינגער. באַגדאַנאָוו האָט דעם שניט אויף יענקלס פינגער באַמערקט, און האָט דאָס שפּעטער אויסגענוצט צו זיין מסירה.

באַגדאַנאָוו האָט זיך באַנוצט מיט נאָך אַ צווייטן פאַקט. מיט אַ געוויסער צייט פריהער, איידער עס האָט זיך אָנגעהויבן די אויספאָרשונג, איז ביי אים געפגרט אַ בהמה, וועלכע דער

קוטשער האָט איבערגעדעקט מיט אַ ראָגאָזשע און שפּעט אין אָוונט אַרויסגעטראָגן פון הויף.

דער שניט אויפן פינגער און דער מיט דער ראָגאָזשע איבערגעדעקטער טויטער קערפּער — אָט דאָס זענען געווען די איינציקע צוויי יסודות, אויף וועלכע עס האָט זיך געשטיצט דער סאַראַטאָווער בלוט-בלבול.

אַז דער סאַראַטאָווער ענין איז געווען אַן אויסגעקלערטע זאַך און אַז די אַדמיניסטראַציע אַליין האָט דאָס גאַנץ גוט געוואוסט — אויף דעם ווייזט דער פאָלגנדיקער פאַקט:

בעת מען האָט שוין אין שטאָט גאַנץ שטאַרק גערעדט, אַז אין דעם פאַרשוואונדן פון די ביידע קריסטלעכע קינדער זענען שולדיק יידן, איז יענקל, גייענדיק אַמאָל מיט זיין זון אין שול אריין פאַרביי דעם גובערנאַטאָרס הויז, פּלוצלונג אָפּגעשטעלט געוואָרן אינמיטן גאַס פון אַ זשאַנדאַרם, וועלכער האָט אים געזאָגט, אַז דער גובערנאַטאָר וויל זיך מיט אים וועגן וואָס דורכשמועסן און ער בעט אים צו זיך. יענקל איז העכסט דערשטוינט געוואָרן איבער דערדאָזיקער אומגעריכטער איינלאַדונג, און נאָך שטאַרקער איז געווען זיין איבערראַשונג, הערנדיק צוליב וואָס דער גובערנאַטאָר האָט אים צו זיך גערופן, און וואָס ער האָט אים פאָרגעלייגט.

עס טראָגן זיך קלאַנגען — האָט צו אים געזאָגט דער גובערנאַטאָר — אַז דו האָסט זיך באַטייליקט אין דעם מאָרד פון די ביידע קריסטלעכע קינדער. אַלס דיינער אַ גוטער פריינט, וועלכער איז נאָך דערצו איבערצייגט, אַז דו ביזט לגמרי אומשולדיק, ראַט איך דיר תּכף צו פאַרלאָזן די שטאָט, ווען נישט, וועט דיר אויסגיין אַ שלעכטער סוף.

הערנדיק אַזעלכע ווערטער, איז יענקעל דערשיטערט געוואָרן און מיט טרערן אין די אויגן האָט ער גענומען אויס-ווייזן דעם גובערנאַטאָר, אַז ער וואוינט שוין עטלעכע צענדליק יאָר אין סאַראַטאָוו און האָט די גאַנצע צייט קיינעם נישט באַרויבט און קיינעם נישט דערהרגעט, און ער פאַרשטייט גאָר נישט, צו וואָס זאָל ער דאָס מיטאַמאָל נעמען און פאַרלאָזן

די שטאָט, מיט וועלכער ער איז פֿאַרבונדן דורך אַזוי פֿיל געשעפֿטן. אויסערדעם, קאָן זיין פֿלוצלונגער אַרויספֿאָר פֿון שטאָט נאָך מער פֿאַרגרעסערן דעם חשד קעגן אים.

— איך נויט דיר נישט, יענקל; טו זיך ווי דו פֿאַרשטייסט. פֿונדעסטוועגן איז מיין עצה, דו זאָלסט דאָך פֿאַרלאָזן די שטאָט, — האָט אים געענטפֿערט דער גובערנאַטאָר.

פֿאַרזונקען אין טרויעריקע, פֿינסטערע געדאַנקען האָט זיך יענקל קוים דערשלעפּט ביז דער שול, ביים דאַוונען האָט ער זיך פֿאַנאַנדערגעכליפּעט אויפֿן קול, ווי אַ קליין קינד. קיינער פֿון דעם אַרומיקן עולם האָט נישט פֿאַרשטאַנען, וואָס דאָס באַדייט. אַלע האָבן געקאָנט יענקלען פֿאַר דעם גליקלעכסטן ייד אין סאַראַטאָוו, און אַז ער, דער שטענדיק פֿריילעכער און צופֿרידענער, וויינט און ברעכט די הענט, איז אַ סימן, אַז דאָ איז עפּעס נישט גלאַט.

דאָס ביסל סאַראַטאָווער יידן, כמעט אַלע זעלנער, האָבן נאָך אין יענער מינוט נישט געאַהנט, אַז איבער זייערע אַלעמענס קעפּ קלויבט זיך אַ שוואַרצע כמאַרע, וואָס דראָהט זיי צו דערטרונקען אין אַ ים פֿון אומגליק...

קומענדיק אַהיים, האָט יענקל פֿעסט באַשלאָסן צו פֿאַרבלייבן אין שטאָט, ער האָט זיך גאָרנישט געקאָנט פֿאָרשטעלן, אַז אַזאַ מענטש ווי ער, וועלכער האָט קיינמאָל נישט אָנגערירט אַפֿילו קיין פֿליג אויף דער וואַנט, זאָל געמשפּט ווערן פֿאַר רציחה, בלוט־פֿאַרגיסן...

אָבער שוין אויף מאָרגן האָט מען אים אַרעסטירט און אַריינגעזעצט אין טורמע. דעמזעלבן טאָג אין אָוונט האָט מען אַהין געבראַכט, געשמידטע אין קייטן, אויך זיינע ביידע זון מיט זיין טאָכטער, מיט עטלעכע יידישע סאָלדאַטן. דאָרט האָט מען זיי צעזעצט אין באַזונדערע קאַלטע און נאַסע קאַמערן, וואו מ׳האָט זיי אָפּגעהאַלטן וואָכן לאַנג אויף ברויט און אויף וואַסער אָן אַ שום אויספֿאָרשונג און קיינער פֿון זיי האָט נישט געוואוסט, וואָס עס דערוואַרט אים.

די תּפֿוסים האָבן זיך נישט געקאָנט משער זיין, אין

וועלכע נעצן פון אינטריגעס און שקרים און בבא-מעשיות זיי זיי ווערן פאַרשטריקט אונטער זייערע פּלייצעס דורך פאַרשיידענע שונאי-ישראל, אויסוואורפן מכל המינים, וואָס וואָלטן וועלן אויסרויכערן פון דער „הייליקער" שטאָט סאַראַטאָוו איר פּאָר צענדליק יידן. מ'האָט אויסגעזוכט ממש כון אונטער דער ערד עדות, וועלכע האָבן געשוואוירן, אַז די און די יידן האָבן געשאָכטן די צוויי קריסטלעכע ייִנגלעך, כדי צו באַנוצן זיך מיט זייער בלוט צו דעם נאָענטן פסח. דער הויכער „שררה", וועלכער איז אַראָפּגעשיקט געוואָרן פון פעטערבורג אויסצופאָרשן דעם ענין, דורנאָוואָ, איז פון דער ערשטער מינוט אָן אַרונטערגעפאַלן אונטער דער השפעה פון די סאַראַטאָווער אַנטיסעמיטן, און האָט געפירט די חקירה ודרישה אין די וועגן, וואָס זיי האָבן פאַר אים אָנגעצייכנט. שווער איז אים נאָר געוואָרן צו שטיצן די באַשולדיקונג קעגן יענקלס פאַמיליע, נאָכדעם, ווי ס'האָבן זיך געפונען אין שטאָט עטלעכע קריסטן, וועלכע האָבן אים מיט זיינע קינדער פאָרגעשטעלט אַלס העכסט אָרנטלעכע לייט. דורנאָוואָ האָט אָבער ביי זיך נישט געקאָנט פועלן אַרויסלאָזן אַזוי לייכט די קרבנות פון זיינע הענט און האָט זיי אַנדערש נישט געוואָלט באַפרייען, סיידן זיי זאָלן זיך אָפּריער שמדן. צוליב דעם צוועק האָט ער באַשטעלט דעם שטאָטישן גלח סקינאַטוואָרצעוו, ער זאָל אַרומגיין איבער די חדרים פון די אַרעסטירטע און זען ווירקן אויף זיי, זיי זאָלן זיך טויפן, צוזאָגנדיק זיי דערביי „הרים וגבעות". דער אַלטער יענקל האָט דעם גלח גלייך מדחה געווען, זאָגנדיק, אַז ער איז מוכן ומזומן אַפילו צו גיין אומשולדיק אויפן עשאַפאָט און דעם גלויבן פון זיינע עלטערן וועט ער קיינמאָל נישט פאַראַטן. ער האָט אָבער מורא געהאַט, טאָמער וועט דער גלח משפיע זיין אויף זיינע ייִנגע זין, און באַזונדערס אויף זיין טאָכטער מינע-רייזל, און וועט זיי איבעררייידן צום שמד, האָט ער אַ געשריי געטאָן ווי נישט מיט זיינע כחות, באופן אַז זיין קול האָט אָפּגעקלונגען אין גאַנצן קאָרידאָר: „קינדער, געדענקט אָן גאָט און האַלט זיך פעסט!", און דערדאָזיקער אויסרוף

האָט אויף זיי געווירקט ווי אַ מאַגישע קראַפט, און בעת דער גלח איז צו זיי אַריין און גענומען מיט זיי איינטענהן וועגן שמד, האָט ער פון זיי באַקומען דעם שאַרפסטן אָפּזאָג.

נאָכדעם, ווי אַלע פּרוּוון צו פאַרפירן די אַרעסטאַנטן צו שמד, האָבן נישט געהאַט קיין דערפאָלג, האָט דורנאָוואָ פון גרויס צאָרן געזוכט צו מאַכן זייער לאַגע נאָך שרעקלעכער ווי געווען. מ׳האָט זיי געהאַלטן פאַרשפאַרט אין שטאַרק אָנגע־הייצטע בעדער, וואו זיי האָבן זיך געבראָטן אַזוי ווי אויפן פייער, זייער ברויט מיט וואַסער פלעגט מען זיי דערלאַנגען איינמאָל אין דריי טעג, צון סען האָט זיי אָנגעטאָן נאָך אַנדערע שרעקלעכע יסורים. יענקל מיט זיינע קינדער זענען אָבער פאַרבליבן פעסט און נישט געגאַנגען מיט זייער גלויבן אויף קיין שום קאָמפּראָמיסן.

און די אויספאָרשונג האָט זיך געצויגן און געצויגן.

ג

שפּעט האָבן זיך די יידישע עסקנים אין תחום דערוואוסט וועגן דעם סאַראַטאָווער געשעעניש. די עטלעכע סאַראַטאָווער יידן, אויסגעדינטע זעלנער, וועלכע זענען גאַנץ צופעליק געבליבן פאַרשוינט פון בלבול, זענען אויס מורא שטאַרק אָפּהענדיק געוואָרן און האָבן קיין זאַך נישט געטון, אום מפרסם צו מאַכן דעמדאָזיקן אויסטערלישן צופאַל אין דעם יידישן צענטר. דערגאַנגען דערפון איז מען ערשט אין אַ יאָר צרום, בעת ס׳איז באַקאַנט געוואָרן די קייזערלעכע פאַראָרדנונג אַוועקצוזעצן אין פעטערבורג אַ קאָמיסיע פון די גרעסטע רוסישע רעליגיאָנס־געלערטע צו באַטראַכטן די פראַגע, וואָס פאַר אַ ראָלע עס שפּילט בלוט אין דער יידישער טעאָלאָגיע. דידאָזיקע פאַר־אָרדנונג, וועלכע איז געקומען פאַר יידן גאָר אומגעריכט, האָט אַרויסגערופן צווישן די יידישע כלל־טוער אַ גרויסע אויפרודערונג. מ׳האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָ שטעקט עפּעס

ניקאָלאַיס אַ נייער אויפטו קעגן יידן, און מ'האָט זיך אַזוי לאַנג געגריבלט, ביז מ'האָט זיך אין אַ שיינעם פרימאָרגן דערוואוסט, אַז שוין העכער אַ יאָר צייט, ווי אין סאַראַטאָווער טורמע שמאַכטן ביי אַ צענדליק גאַנץ אומשולדיקע יידן פאַר אַ בלוט-בלבול.

אין אַ ווינטער-נאַכט זענען זיך דאַן צונויפגעפאָרן קיין וואָלאָזשין עטלעכע פון די פאָלקסטע עסקנים פון די נאָענטע גובערניעס, צווישן וועלכע עס זענען געווען אויך די בארימטע שתדלנים ר' ליפּעלע זעלצער און ר' איטשעלע מאָנאַסטירשצינער און ר' דודל ביכאָווער, און ביים דאָרטיקן ווייט און ברייט באַקאַנטן גאון ר' איטשעלע אָפּגעהאַלטן אַ ריי פאַרטרויליכע זיצונגען וועגן דעם סאַראַטאָווער ענין. אויף דער לעצטער זיצונג איז דאָס אָנגענומען געוואָרן דער באַשלוס, אָנצוהייבן לטובת די סאַראַטאָווער תפוסים אַ גרויסע הילפס-אַקציע און אַוועקצושטעלן בראש פון דער השתדלות ר' דודל לוריא, ווי מיר האָבן שוין דערציילט אין דעם ערשטן קאַפּיטל.

ד

ר' דודל לוריא, וועלכער איז געווען איינער פון די געצייכנטע גרויסע יידן אין זיין צייט, איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1798 אין אַלט-ביכאָוו, מאָהילעווער גובערניע. זיין פאָטער, ר' יודל לוריא, איז געווען אַ גאון אין לערנען, אַ גרויסער ירא-שמים און אַ גביר-אדיר. ביי זיין טיש פלעגט ער שטענדיק האָבן פאַר זיינע אורחים די גרעסטע רבנים און גאונים און כתם גרויסע מענטשן, מיט וועלכע ער פלעגט שמועסן אין דברי-תורה און זיך באַראַטן אין מאַנכע כלל-ענינים. מיט זיינע צדקות האָט געקלונגען גאַנץ ליטע און ווייס-רוסלאַנד. נישט ווייניקער האָט געקלונגען מיט זיין יינגסטן זון, דודל, וועלכער האָט זיך נאָך פון זיינע קינדער-יאָרן אַרויסגעוויזן

אַלס פענאָמען. זיינע ביאָגראַפן גיבן וועגן אים איבער די פאָלגנדיקע אויסטערלישע פרטים:

פינף יאָר אַלט איז ער שוין געווען קלאָר אין גאַנץ תנ״ך מיט די הויפּט-מפרשים רש״י און רד״ק, און געהאַט אַ גרויסע ידיעה אין דקדוק. צו זעקס יאָר האָט ער אָנגעהויבן לערנען גמרא. זיינע רביים זענען געווען די גרעסטע גאונים פון יענער צייט, וועלכע האָבן באַוואונדערט זיינע פעאיקייטן. ווען ער איז אַלט געוואָרן ניין יאָר, איז ער געווען קלאָר אויף אויסנווייניק די ערשטע צען מסכתות פון תלמוד. דאַן — דערציילט מען — האָט זיין פאָטער אַמאָל פאַרנאַכט אַריינגעפירט צו אים אין לערן-שטיבל דעם ביכאָווער דוכס. מיט אים צוזאַמען איז דעמאָלט אהין אַריין אויך דער לערער, וועלכן דער דוכס האָט אויסגעשריבן פאַר זיינע קינדער פון פאַריז. דער פראַנצויז האָט פאָרגעלייגט דעם ניין-יעריקן יינגל אייניקע קאָמפּליצירטע מאַטעמאַטישע פראַגן, אויף וועלכע ער האָט בליץ-שנעל געענטפערט. דער דוכס האָט דאַן געפּועלט ביים פאָטער, ער זאָל שיקן דאָס יינגל אַ שעה טעגלעך צו אים אין הויף צו לערנען ביי דעם לערער פאַרשיידענע שפּראַכן און וויסנשאַפטן. צו צען יאָר האָט ער געוואוסט אויסנווייניק אַלע זעקס סדרים משניות. אויפן צוועלפטן יאָר האָט אים איינער פון די גרעסטע גבירים און מיוחסים אין ווילנע גענומען צו זיך פאַר אַ חתן. אַז ער איז דעמזועלבן יאָר געקומען מיט אַ באַזוך צום מחותן, האָט ער אין דער ווילנער גרויסער שול געזאָגט אַ חלוק פאַר די גרעסטע רבנים און גאונים, וועלכע זענען אַלע דערשטוינט געוואָרן פון זיין בקיאות און חריפות. די באַוואוסטע גאונים ר׳ שאול קאַצנעלענבויגן און ר׳ אַבעלע פאָסוואָלער זענען פון אים נישט אָפּגעטרעטן און נאָכאַנאַנד פאַרבראַכט מיט אים אין לערנען. צו דרייצן יאָר האָט ער חתונה געהאַט און איז געבליבן זיצן אין ווילנע ביי זיין רייכן שווער אויף קעסט. צו זיבעצן יאָר איז ער געווען קלאָר אין ש״ס און פוסקים און האָט באַקומען סמיכה פון די באַקאַנטסטע רבנים און גאונים.

אין אַ יאָר אַרום האָט ר׳ דודל פאַרלאָזן ווילנע און איז אַריבער וואוינען קיין ביכאָוו. דאָרט האָט ער איבערגענומען דעם פאָטערס געשעפטן, און די צייט איז אים צוגעקומען גוט, אַז ער האָט ביכל אַריבערגעשטיגן דעם פאָטער אין עשירות און אין צדקות. ער האָט זיך איינגעשאַפט אַ גרויסע ביבליאָטעק פון ספרים אין פאַרשיידענע שפּראַכן. און האָט ער נאָך געהאַט אַ מינוט פרייע צייט, איז ער געזעסן און געלערנט. אין יענער צייט האָט ער שוין באַהערשט אייניקע שפּראַכן. ער האָט גלענצנד גערעדט, אויסער פויליש און רוסיש, אויך דייטש און פראַנצויזיש, געווען פיל באַלעזן און געווען גוט באַקאַנט מיט די קלאַסיקער פון די אייראָפּעאישע ליטעראַטורן. ער האָט אויסגעבויט ביי זיך אויפן הויז אַ שיינעם בית־מדרש און אויס־געהאַלטן אויף זיינע קאָסטן אַ מנין וואוילע יינגעלייט, וועלכע זענען דאָרט געזעסן יום־ולילה און האָבן געלערנט. אין די צייטן, ווען ער האָט נישט געמאַכט קיין נסיעות צוליב זיינע געשעפטן, האָט ער פאַר זיי טעגלעך אַ „שיעור" געזאָגט, צוליב וועלכן עס פלעגן אָפט אַראָפּפאָרן קיין ביכאָוו גרויסע לומדים פון די אַרומיקע שטעט.

אין אַביסל אַ קלענערן מאַסשטאַב האָט ר׳ דודל לוריא איינגעאָרדנט זיין הויז אין ביכאָוו לויטן מוסטער פון דעם באַוואוסטן גאון און מעצענאַט ר׳ יהושע צייטלין. אויך ביי זיין טיש האָבן זיך תמיד געפונען די גרעסטע יידישע פערזענ־לעכקייטן, וועלט־באַרימטע לומדים און גאונים, באַקאַנטע משכילים און געלערנטע, אַלערליי פלל־טוער פון נאָענט און פון ווייט. פאַר דידאָזיקע אַלע פאַרשיידענע עלעמענטן האָט ר׳ דודל לוריאס הויז געהאַט אַ באַזונדערע צוציאונגס־קראַפט. פאַר לומדים איז דאָס געווען אַ נעסט פון תורה, משכילים האָבן פאַר זיך געפונען אוצרות מיט חכמה אין זיין קאָלאָסאַלער ביבליאָטעק און געזעלשאַפטלעכע עסקנים האָבן פון דאָרט געשעפט ידיעות וועגן אַלץ, וואָס עס קומט פאַר ביי יידן אין לאַנד און אין דער גאַנצער וועלט. אַ חוץ זיי האָבן זיך אַרום ר׳ דודלען תמיד געדרייט גלאַט שיינע יידן, משולחים פון

ישיבות, און סתם נדבות־קלויבער, געפאַלענע בעלי־בתים, וואָס האָבן אויסצוגעבן דערוואַקסענע טעכטער, נשרפים מיט כתבים פון דער גאַנצער סביבה און דעסגלייכן און אַלע זענען פון אים אַוועק צופרידן...

מיט זיין תורה און חכמה האָט ר׳ דודל אין זיך פאַראייניקט אויך א הייס יידיש האַרץ. אויף יעדער יידישער צרה האָט ער זיך אָפּגערופן דער ערשטער. תמיד האָט זיין אויער באַלד אויפגעכאַפּט דעם יידישן קרעכץ פונוואַנען ער איז נאָר געגאַנגען, וואו נאָר אַן אומגליק פון יחידים צו פון קהלות. איז מען תכף געקומען צולויפן צו ר׳ דודלען. און ער האָט זיך קיינמאָל נישט אָפּגעזאָגט פון צו העלפן אויף וויפל ער האָט געהאַט די מעגלעכקייט. האָט מען געדאַרפט צוליב דעם פּאָרן אין גובערניע אָדער אין פּאָוויאַט, האָבן ר׳ דודלען קיינמאָל נישט אָפּגעהאַלטן די ערגסטע וועטערן, נישט קיין רעגנס און נישט קיין קעלטן. זייענדיק געוואוינט כל ימיו צו אַ פירשט־לעכן לעבן, האָט עס אים נישט געשטערט אָפּצעוואַלגערן זיך צוליב קהלשע עניים וואָכן-לאַנג אין די שמוציקסטע קרעטשמעס. ער האָט זיך ממש מפקיר געווען לטובת הכלל און נישט איינמאָל האָט ער זיך בעת זיינע נסיעות געפונען אין גרויס סכנה. אַזוי, למשל, ווערט דערציילט וועגן דעם פאָלגנדיקן אויסטערלישן צופאַל, וואָס עס האָט מיט אים אַמאָל פּאַסירט בעת ער איז געפאָרן פון ביכאָוו קיין מאָהילעוו אַרויסצוראַטעווען אַ יידישע פאַמיליע פון אַן אומגליק.

אין קרוטשע, אַ קליין שטעטל נישט ווייט פון ביכאָוו, האָט געוואוינט אַ ייד, וועלכער האָט געהאַלטן אַ שענק. ער אַליין איז געזעסן אַ גאַנצן טאָג אין בית־המדרש און האָט געלערנט. און מיט דעם שענק האָבן אָנגעפירט זיין פרוי מיט אַן עלטערער טאָכטער, אַ מיידל פון אַ יאָר אַכצן, אַ זעלטענע שיינהייט. די שענק פלעגט גאַנץ אָפט באַזוכן, און באַזונדערס אין די אָוונט-שעהן אַ יינגער שגץ, וועלכער איז געווען אַ שרייבער אין דער קאַנצעלאַריע פון דעם שטעטלדיקן „סטאַנאָוואָי פּריסטאַוו“. דערדאָזיק.ר שגץ האָט זיך פאַרקוקט אויף דעם

שענקערס טאָכטער און האָט זיך אין איר פאַרליבט. ער האָט גאַנץ גוט געוואוסט, אַז ער קאָן אויף קיין פאַל נישט האָפן צו האָבן דערפאָלג ביי דעם מיידל, און האָט גלייך די ערשטע מינוט באַשלאָסן צו דערגרייכן זיין צוועק דורך אַ טייוולשן פלאַן. אויב עס איז אים אוממעגלעך חתונה צו האָבן מיט איר מיט גוטן, וועט ער דאָס טון מיט בייזן. אויף מאָרגן אין אָוונט, ווען ער איז געקומען אין שענק, האָט ער אָפּגעהיט אַ מינוט, ווען דאָס מיידל האָט זיך אָפּגעקערט פון בופעט, און האָט בליץ-שנעל אין אַ הינטערשטן שופלאָד אַריינגעוואָרפן אַ קליין פעקל פאַלשע אַסיגנאַציעס. קומענדיק אַהיים, האָט ער גלייך אָנגעשריבן אַ מסירה, און אינדערפרי האָט ער עס גאַנץ אומבאַמערקט אַוועקגעלייגט פאַרן פריסטאַוו. אין דער אַנאָנימער מסירה איז געווען געשריבן, אַז די יידישע שענקער-קע מיט איר עלטערער טאָכטער האַנדלען-אונטער מיט פאַלשע אַסיגנאַציעס, וועלכע זיי האַלטן פאַרבאָרגן אין דעם הינטערשטן שופלאָד פון בופעט. דער פריסטאַוו האָט קיין סך נישט געקלערט און איז תיכף מיט עטלעכע פּאָליציאַנטן באַפאַלן די שענק, איז גלייך צוגעגאַנגען צו דעם אָנגעוויזענעם אָרט און האָט אַרויס-גענומען פון דאָרט דאָס פעקל פאַלש געלט. אַלס עדות האָט דער פריסטאַוו מיט זיך מיטגענומען אויסער די פּאָליציאַנטן אויך דעם שרייבער פון זיין קאַנצעלאַריע מיט אַ פּאָר פויערים פון שטעטל. דער שענקערקע מיט איר טאָכטער האָט מען גלייך אַרעסטירט און אָפּגעפירט אין „סטאַן" אַריין, אום אָפּגע-שיקט צו ווערן פון דאָרט קיין מאָהילעוו. אין שטעטל איז געוואָרן אַ „יעלה". אַלע האָבן געקאָנט דעם שענקער מיט זיין פאַמיליע און האָבן געוואוסט, אַז די גאַנצע מעשה איז נאָר אַ בלבול. דער רב מיט די שענסטע מענטשן פון שטעטל זענען געלאָפן צום פריסטאַוו און האָבן זיך דערקלערט גרייט צו שווערן פאַר דער שענקערקע מיט דער טאָכטער, אַז זיי זענען לגמרי אומשולדיק, און אַז דאָס פאַלשע געלט האָט זיי עמיץ אַ שונא אונטערגעוואָרפן אויס נקמה. דער פריסטאַוו האָט זיי אָבער נישט געוואָלט הערן און געענטפערט, אַז ער קאָן שוין

דאָ גאָרנישט העלפֿן און וואָס זיי האָבן צו זאָגן, זאָלן זיי זאָגן אין דער גובערניע. אויסן דריטן טאָג האָט אַ „קאָנוואָי" אָפּגעפֿירט די שענקערקע מיט איר טאָכטער קיין מאָהילעוו. דעם קאָנוואָי האָט באַגלייט דער שרייבער פֿון דעם פּריסטאַווס קאַנצעלאַריע, וועלכער האָט געהאַט איבערצוגעבן אין מאָהילעוו אַלע פּאַפּירן, וואָס געהערן צו דעם ענין מיט די נויטיקע דערקלערונגען. אין וועג, בעת דער „קאָנוואָי" האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי אַ קרעטשמע, האָט דער שרייבער אָפּגעוואַרט אַ פּאַסיקע געלעגנהייט און איר איינגערוימט אַ סוד אין אויער, אַז ווי ער ווייסט וועט מען זי אַוועקשיקן אין סיביר אויף אייביקע „קאַטאָרגע"; ער קאָן אָבער מאַכן, אַז מ׳זאָל איר באַפֿרייען. און וועט דאָס טאָן נאָר מיט דעם איין תּנאַי, ווען זי וועט מסכּים זיין זיך צו שמדן. דאָס מיידל, וואָס האָט זיך זייער געשראָקן פֿאַר דער שווערער שטראָף, וועלכע עס דערוואַרט איר, און איז נאָך דערצו לייכטזיניק געווען, האָט נישט פֿיל געקלערט און האָט אים תּיכּף געענטפֿערט, אַז זי איז מסכּים. דער שגץ האָט זיך איבערגעשושקעט מיט דעם קאָנוואָי, און תּיכּף האָט מען פֿון דעם מיידלס האַנט אָראָפּגענומען די קייטן. אָנגעקומען קיין מאָהילעוו, האָט מען דאָרט דאָס מיידל אָפּגעטיילט פֿון דער מוטער, וועלכע מען האָט אָפּגעשטעלט אין טורמע, און אויפֿן צווייטן טאָג אַריבערגעשיקט זי אין אַ מאָנאַסטיר, וואָס געפֿינט זיך עטלעכע וויאָרסט ווייט פֿון שטאָט.

עטלעכע טעג נאָך דעמדאָזיקן געשעעניש זענען דער קרוטשער שענקער מיט דעם רב פֿון שטעטל און אַ פּאָר שיינע בעלי-בתּים געקומען צולויפֿן קיין ביכאָוו צו ר׳ דודלען, דערציילט אים די געשיכטע און געבעטן אים אַרויסראַטעווען די יידישע פֿאַמיליע פֿון אומגליק. ר׳ דודל האָט ווי געוויינלעך, גאָרנישט געטראַכט און באַלד געענטפֿערט, אַז ער איז מוכן ומזומן צו טון אַלץ, וואָס עס ווענדט זיך נאָר פֿון אים, און אַז ער פֿאָרט תּיכּף קיין מאָהילעוו.

ביי ר׳ דודלען איז געווען איינגעפֿירט אַן אַלטער מנהג, אַז יעדעס מאָל, ווען ער פֿלעגט זיך לאָזן אין וועג אַריין

מכח אַ וועלכן עס איז אומגליק, וואָס האָט געטראָפן אַ יחיד, אָדער אַ קהלה, פלעגט ער אַפריהער אַריין צו זיך אין בית־מדרש און פאַרבריינגען עטלעכע שעה נאָכאַנאַנד צוזאַמען מיט זיין מנין וואוילע יינגעלייט, אין תהלים־זאָגן און גאָט בעטן. אַזוי האָט ער אויך געטון דאָסמאָל. און אַזוי ווי דאָס האַרץ וואָלט אים געזאָגט, אַז ער וועט היינטיקס מאָל האָבן פאַר זיך אַן אויסערגעוויינלעכע נסיעה, האָט ער זיך איבערן תהלים פאַנאַנדערגעכליפּעט אויפן קול, ווי אַ קליין קינד. אויסוויינענדיק זיך גאַנץ גוט, איז ער אַרויס פון בית־מדרש און געהייסן זיין יידישן קוטשער שפּאַנען די פערד.

ה

ס'איז געווען אַרום חנוכה־צייט. אַרויספאָרנדיק נאָכמיטאָג פון ביכאָוו, האָט אָנגעהויבן גיין אַ שניי. פון אָנהויב האָט דער שניי אויסגעוויזן צו זיין קליין, אָבער ביסלעכווייז איז ער געוואָרן גרעסער און גרעסער; געטראָגן פון אַ שטאַרקן ווינט, האָט ער זיך געדרייט און געווירבלט און פאַרשאָטן דעם וועג. אַרום און אַרום איז געווען שטאָק־פינסטער. אָפּפאָרנדיק אַ פּאָר שעה, האָט זיך דער בעל-עגלה מיטאַמאָל אַרויסגעזען, אַז זיי זיינען אַראָפּ פון וועג און זיי בלאָנדזשען. ר' דודל האָט געשיקט דעם בעל-עגלה זוכן דעם וועג און אַליין איז ער געבליבן זיצן אין שליטן אינמיטן אַ געדיכטן וואַלד. דער שניי איז געגאַנגען און געגאַנגען; ר' דודל האָט זיך איינגעאַנצן צונויפגעקאָרטשעט פון קעלט, די אברים האָבן אים גענומען פרירן. אַ שעה נאָך אַ שעה איז אַוועק און דער בעל־עגלה איז נאָך אַלץ נישטאָ. ר' דודל האָט אָבער דעם מוט נישט פאַרלוירן; ער האָט זיך געטרייסט מיט דעם געדאַנק, אַז „שלוחי מצוה אנו ניזוקין", אַז די, וואָס ווערן געשיקט אין אַ דבר-מצוה, פּאַסירט נישט קיין שלעכטס, און האָט נאָכאַנאַנד תהלים געזאָגט. פּלוצלונג האָט ער דערזען אַ שיין ווי פון צוויי

לאַמטערנעס, וועלכע נענטערן זיך אַלץ צו דעם אָרט, וואו ער געפינט זיך. ס'האָט געדויערט אַ קליינע ווײַלע און עס איז געקומען דער בעל-עגלה צוזאַמען מיט נאָך איינעם אַ קריסט, און ביידע האָבן געהאַט אין די הענט לאַמטערנעס. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז בעת ר' דודל מיט זיין בעל-עגלה האָבן פאַרבלאָנדזשעט אין וואַלד, האָט דאָסזעלבע פאַס'רט אויך מיטן מאהילעווער גובערנאַטאָר, וועלכער איז גראד אין דערזעלבער צייט אַרויסגעפאָרן פון מאהילעוו אויף אַ רעוויזיע אין דער גובערניע און איז אויך צוליב דער זאַווערוכע אַראָפּ פון וועג און איז צום סוף געבליבן שטעקן אין שניי. אַ גליק איז געווען, וואָס גייענדיק זוכן דעם וועג, האָט זיך ר' דודלס בעל-עגלה אָנגעשטויסן אָן יענעם אָרט, וואו עס האָט זיך אויפגעהאַלטן דעם גובערנאַטאָרס קאַרעטע. דער קוטשער האָט אים אָפּגעשטעלט, האָט אים דערציילט וועמען ער פירט און אים געבעטן העלפן אַרויסצונעמען די קאַרעטע פון שניי. מיט גרויסע שוועריקייטן האָבן זיי אַרויסגעשלעפּט די קאַרעטע, און דאַן האָבן זיך ביידע, דער קוטשער מיט דעם בעל-עגלה געלאָזט גיין זוכן דעם וועג. אָפּגייענדיק אַ מינוט צוואַנציק, האָבן זיי דערזען פונווייטן אַ שיין פון אַ ליכט, און לויט דער ריכטונג פונם שיין זענען זיי אין אַ קורצער ווײַלע אַרום אָנגעקומען אין אַ פויעריש הייזל. פון דעם פויערס דערקלערונגען האָבן זיי זיך דערוואוסט, אַז דער גובערנאַטאָר פון איין זייט און ר' דודל פון דער אַנדערער זייט האָבן זיך נאָר די גאַנצע צייט אַרומגעדרייט אויף איין אָרט און אַז זיי געפינען זיך באמת מער נישט ווי עטלעכע טריט פונם מאהילעוו-ביכאָווער טראַקט. אַז דער קוטשער האָט זיך צוריקגעקערט צום גובערנאַטאָר און אים דערקלערט, אַז מ'קאָן שוין פאָרן ווייטער, האָט ער זיך געהייסן אָפּפירן אין דעם פויערשן הייזל. אָנגעקומען אַהין, האָט ער גלייך אָוועקגעשיקט זיין קוטשער מיטן בעל-עגלה ברענגען אַהער ר' דודלען. דער מאהילעווער גובערנאַטאָר האָט זיך געקענט מיט ר' דודלען פון לאַנג. תמיד, ווען ער פלעגט נאָר דורכפאָרן ביכאָוו, פלעגט ער זיין ר' דודלס גאַסט; נישט איינ-

מאָל האָט ר׳ דודל דורך אים געגעבן גרויסע נדבות אויף פאַרשיידענע קריסטלעכע וואוילטעטיקע צוועקן און נישט פון איין געלט-בויט האָט ער אים אַליין אַרויסגעראַטעוועט, און דעריבער, האָט ער זיך צו אים שטענדיק פריינטלעך באַצויגן און ממלא געווען יעדעס מאָל וועגן וואָס נאָר ער האָט זיך פאַר אים משתדל געווען. הערנדיק איצט, אַז ר׳ דודל געפינט זיך אַ פאַרבלאָנדזשעטער אין וואַלד, האָט ער ביי זיך נישט געפועלט צו פאָרן ווייטער איידער ער וועט דערגיין וואָס מ׳ט אים איז.

כמעט אינגאַנצן אַ דערפרוירענעם האָבן דער בעל-עגלה מיט דעם קוטשער געבראַכט ר׳ דודלען אין דעם פויערשן הייזל. אַ פאָר שעה האָט געדויערט ביז מ׳האָט אים דערוואַרימט און געבראַכט צו זיך. אַז ער האָט אויפגעמאַכט די אויגן און דערזען וואו ער געפינט זיך און אַז איבער זיין געלעגער שטייט דער מאהילעווער גובערנאַטאָר, האָט ער נישט פאַרשטאַנען וואָס דאָ קומט פאָר און האָט געגלויבט, אַז ער זעט דאָס אַלץ אין חלום. נאָכדעם ווי ס׳איז אים אויפגעקלערט געוואָרן וואָס דאָ איז פאָרגעקומען, האָט ער פריי אָפגעאָטעמט און זיך אָפגערופן אין רוסיש:

— ווי וואונדערלעך זענען דיינע וועגן, גאָט! די ווינטן, די שנייען זענען דיינע שליחים, וועלכע פירן-אויס דיין באַגער.

— וואָס האָט איר דערמיט געוואָלט זאָגן? — האָט אים געפרעגט דער גובערנאַטאָר.

— כ׳בין איצט געפאָרן צו אייך קיין מאָהילעוו; דער אינטערעס איז זייער אַ בויטיקער, אַ גאַנצע יידישע פאַמיליע געפינט זיך צוליב אַ בלבול אין געפאַר. גראָד זייט איר אין דעם טאָג אַרויס אויף דער גובערניע, און איך וואָלט אייך נישט געפונען. גאָט וויל אָבער נישט, אַז אומשולדיקע זאָלן ליידן. וואָס טוט ער? פאַרשיט ער אונדזער וועג מיט שניי און לאָזט אונדז ביידן פאַרבלאָנדזשען, כדי צונויפצופירן אונדז דאָ אין דעם פויערשן שטיבל...

דערביי האָט ר׳ דודל דערציילט דעם גובערנאַטאָר די

געשיכטע מיט דעם קרוטשער יידישער שענקערקע און איר טאָכטער, און פאַרענדיקט:

— דאָס, וואָס איך פאַרלאַנג און וועגן וואָס איך בין זיך משתדל, איז נאָר, צו מאַכן אין דער זאַך אַ ריכטיקע אויספאָרשונג. ווען נאָר די אויספאָרשונג געפירט ווערן ווי געהעריק און יושרדיק, וועט זיך דאָן געוויס אַרויסווייזן, אַז מ'האָט דאָ צו טון נישט מיט פאַרברעכער, נאָר מיט אומשולדיק באַשולדיקטע.

אויף דעם האָט אים דער גובערנאַטאָר געענטפערט:

— די זאַך ווענדט זיך, אייגנטלעך, נישט אין מיר, נאָר אָן דעם געריכט, אָן אינסטאַנץ, אין וועלכער איך האָב קיין דעה נישט. דאָך וועל איך אייך געבן אַ בריוועלע צום „סליעדאָוואַטעל", וועלכער איז מיינער אַ גוטער באַקאַנטער, און וועל אים בעטן, ער זאָל פירן די אויספאָרשונג אין די ראַמען, וואָס איר וועט אים אָנווייזן. איך קען אייך און בין זיכער, אַז פון וועג וועט איר אים נישט אַראָפּפירן...

מחמת דעם, וואָס דער שני האָט נישט אויפגעהערט די גאַנצע צייט שיטן אינדרויסן איז געווען פינסטער. זענען דער גובערנאַטאָר מיט ר' דודלען פאַרבליבן ביים פויער אין הייזל איבערנאַכט, פאַרברייענגדיק אין אינטימע שמועסן. ר' דודל האָט זיך פאַר אים באַקלאָגט אויף דעם יידישן מצב, וואָס ווערט קריטישער פון טאָג צו טאָג. באַזונדערס אין די דערפער און די קליינע שטעטלעך, וואו זיי שטייען־אויס געברענטע ליידן פון די נידריקע באַאַמטע. ער האָט אים דער־ציילט, ווי אין פאַרשיידענע ערטער העצן די גייסטלעכע די פויערים קעגן די יידן. רעדנדיק האָט ער אים געבראַכט אייניקע ביישפילן מיט פאַקטן פון זיין אייגענער מאָהילעווער גובערניע. דערביי האָט ער פאַר אים אַנטוויקלט גאַנצע טעאָריעס און פלענער, ווי אַזוי די רוסישע רעגירונג וואָלט געקאָנט איינאָר־דנען גאַנץ גוט דעם מצב פון אירע יידן מיט נוצן פאַר זיי און פאַר דער מלוכה.

די גאַנצע צייט, וואָס ר' דודל האָט גערעדט, האָט זיך צו אים דער גובערנאַטאָר צוגעהערט זייער אויפמערקזאַם;

מינוטנווייז האָט ער צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ צום צייכן, אַז ער איז מיט אים מסכּים. צום סוף פונם געשפּרעך, האָט אים דער גובערנאַטאָר מבטיח געווען, אַז וועגן אַנדערע פּון זיינע צוועק־מעסיקערע פּלענער צו פאַרבעסערן די יידישע לאַגע וועט ער מודיע זיין קיין פּעטערבורג און וועט זיי אויך אונטערשטיצן פאַר די געהעריקע אינסטאַנצן.

אַזוי האָבן זיי ביידע פאַרבראַכט ביז אין רעכטן טאָג אַריין. דערווייל האָט דער שניי אויפגעהערט און דער הימל האָט זיך אויסגעלייטערט. דאַן האָט דער גובערנאַטאָר געהייסן שפּאַנען די פערד, און איז אָפּגעפאָרן. ביים זעגענען זיך מיט ר׳ דודלען האָט ער אים אַ פרעג געטון שמייכלענדיק:

— גלייבט איר טאַקע באמת, אַז דער נעכטיקער אומגע־הייערער שניי מיט אונדזער פאַרבלאָנדזשען האָבן געהאַט פון לכתחילה אַן דעם צוועק צוזאַמענצופירן אונדז דאָ ביידן? איר האָט דאָך אַזוי געקאָנט פאַרפרוירן ווערן און שוין אַזוי מער נישט אָנזען אייער פאַמיליע?

— כ׳וואָלט מיר דאַן רואיק געשטאָרבן מיט דעם טרייסט, אַז איך בין געפאַלן אַ קרבן אויפן וועג צו אַ דבר־מצוה, — האָט אים ר׳ דודל געענטפערט.

נאָכן גובערנאַטאָרס אָפּפאָרן איז נאָך ר׳ דודל פאַרבליבן אַ היפּשע ווײַלע אין דעם פּויערשן שטיבל. ער האָט זיך אָוועקגעשטעלט דאַווענען מיט גרויס בכיות, ווי זיין שטייגער איז, און ערשט נאָכדעם האָט ער פאַרגעזעצט זיין וועג קיין מאָהילעוו.

העכער אַ חודש איז ר׳ דודל דאָסמאָל אָפּגעזעסן אין מאָהילעוו, פאַר דער צייט האָט ער באַוויזן צו איבערצייגן דעם אויספאָרשונגס־ריכטער, אַז דאָ שטעקט די האַנט פון אַ באַהאַלטענעם מסור, וועלכן מ׳דאַרף נעמען זוכן און געפינען. פון דעמאָלט אָן האָט דער אויספאָרשונגס־ריכטער געפירט די אויספאָרשונג אין די גרעניצן פון אָט דער ליניע און האָט זיך אַזוי לאַנג געגריבלט ביז ער האָט זיך צום סוף אָנגעשטויסן דורך די האַנטשריפטן פון די קרושער פּראָטאָקאָלן אויף די

שפּורן פון שגץ. אין אָנהויב האָט דער שגץ געלייקנט „שטיין און ביין". אָבער דורך פאַרשיידענע פראַגן און באַזונדערס נאָכדעם ווי מ'האָט אים צוזאַמענגעפירט מיטן מיידל. און זי' האָט אַרויסגעגעבן אַלץ, וואָס צווישן זיי איז פאָרגעקומען, האָט מען אים צוגעקוועטשט צו דער וואַנט און ער האָט זיך מודה געווען.

שוין אויף מאָרגן זענען די שענקערקע מיט דער טאָכטער אָפּגעפאָרן באַפרייטע אַהיים קיין קרוטשע. אין מאָהילעווער גובערניע האָט מען זיך אַ לאַנגע צייט נאָכדעם איבערדערציילט איינער דעם אַנדערן מיט וואָס פאַר נסים ר' דודל לוריע האָט געראַטעוועט אַ יידישע פאַמיליע פון אַ פאַלשן בלבול, און אַ יידיש קינד — פון שמד...

ו

ר' דודל לוריע, וועלכער איז תמיד געווען קאַפּאַבעל זיך מוסר נפש צו זיין פאַר לייטן, האָט דאָך, ווי יעדער גרויסער מענטש, געהאַט פיל שונאים, וועלכע האָבן אין דער שטיל געגראָבן. ער האָט געהאַט שונאים באַזונדערס צווישן די פריצים פון די אַרומיקע הויפן, וועלכע האָבן אים נישט פאַרגינען זיין גרויסע עשירות. איינער אַזאַ פריץ, וועלכער האָט געהאַט הויף מיט ברייזער ביי ביכאָוו, האָט תמיד באַטראַכט ר' דודלען אַלס זיין קאָנקורענט און נישט איינמאָל געפּרואווט אינטריגירן קעגן אים ביי דער מאַכט. מ'האָט אָבער אין דער גובערניע צו־גוט געקאָנט ר' דודן און דעריבער האָבן דעם פריצס אינטריגעס קיינמאָל קיין דערפאָלג נישט געהאַט. דער פריץ האָט אָבער נישט גערוט און אַזוי לאַנג געגראָבן, ביז אים האָט זיך ענדלעך איינגעגעבן אונטערצוקויפן איינעם פון ר' דודלס קנעכט, אַ קריסט, וועלכער האָט ביי אים געשפּילט די ראָל פון אַ מין קאַמער־דינער. און יענער האָט אַמאָל, בעת ר' דודל איז געזעסן אין בית־מדרש ביים „שעור", אַריינגעוואָרפן צו אים אין ביכער־שראַנק צווישן זיינע שריפטן אַ כתב־יד, וועלכן

ער האָט באַקומען אין הויף און וואָס איז געווען אַ פּאַמפלעט, געשריבן אין רוסיש קעגן דער רוסישער מלוכה.

אין אַ זומערדיקן פרייטיק-צונאַכטס — אַזוי דערציילט ר' דודלס ביאָגראַפיע — זענען באַפאַלן ר' דודלס הויז פיל באַאַמטע און זשאַנדאַרמען, וועלכע זענען עקסטרע צוליב דעם אַראָפּגעפאָרן פון דער הויפּט-שטאָט, האָבן אויפגענומען זיינע פעק ספרים און כתב-ידן, און מיט אים צוזאַמען שבת פרשה שלח אינדערפרי אַוועקגעפירט קיין פעטערבורג. דאָרט האָט מען אין קעגנוואַרט פונם מיניסטער-פּרעזידענט גראַף בענקענדאָרף רעווידירט זיינע געשריבענע חבורים, און צווישן די קונטרסים פון זיין פּירוש אויפן „פרקי ר' אליעזר" האָט מען געפונען בלעטער פיל מיט די ערגסטע זידלערייען און זלזולים קעגן דעם קייזער. מ'האָט תיכף ר' דודלען געשמידט אין קייטן און אַריינגעזעצט אין שליסעלבורגער פעסטונג.

ז

ר' דודלס פלוצלונגער אַרעסט האָט געמאַכט אַ געוואַלדיקן רושם אין דער יידישער וועלט. אַלע האָבן תיכף פאַרשטאַנען, אַז אָדער דאָ איז פאָרגעקומען אַ גראָבע מיספאַרשטענדניש, וואָס מוז באַלד אויפגעקלערט ווערן, אָדער דאָ שטעקט די האַנט פון אַ פאַרבאָרגענעם שונא. יידן אין ביכאָוו און אין דער גאַנצער געגנט אַרום האָבן גוזר תענית געווען, האָבן אין די בתי-מדרשים תהלים געזאָגט און אויף די סעלדער קברים געריסן. די כלל-טוער פון די גרעסטע יידישע קהלות האָבן אויסגעריכט אַ דעלעגאַציע קיין פעטערבורג. אין דער דעלעגאַציע האָבן אַנטייל גענומען אויך ר' איטשעלע מאָנאַסטירשצינער, וועלכער איז געווען ר' דודלס אַ שותף אין זיינע געשעפטן, ר' ליפּעלע זעלצער, און נאָך אַנדערע גרויסע יידישע פּערזענלעכקייטן פון יענער צייט. די ערשטע צייט האָט געהאַט אויסגעוויזן, אַז די דעלעגאַציע וועט קיין דערפאָלג נישט האָבן

ווייל די זאַך איז שוין דערגאַנגען צו ניקאָלאַיען און ער איז זייער אויפגעבראַכט. דאַן האָט זיך דערין אַריינגעמישט דער גרויסער יידישער געלערנטער ר׳ יצחק בער לעווינזאָהן פון קרעמעניץ, וועלכער איז געווען ביי ניקאָלאַיען אַ גרויסער תקיף. אין אַן אויספירלעכן מעמאָראַנדום, וועלכן לעווינזאָהן האָט צוגעשטעלט דעם קייזער, האָט ער אים אָפגעמאָלט ר׳ דודלס מאָראַלישע פיזאָנאָמיע און אַרויסגעזאָגט וועגן אים זיין מיינונג, פאַרשטענדיק אים אַלס הייסן רוסישן פּאַטריאָט. אויסערדעם האָבן עטלעכע הויכע שררות געפועלט, מ׳זאָל אַרויסרופן קיין פּעטערבורג דעם מאָהילעווער גובערנאַטאָר, וועלכער קען ר׳ דודלען גאַנץ גוט און ווייסט אויף וויפל מ׳קאָן אים חושד זיין אין פריינטשאַפט צו רוסלאַנד. דער מעמאָראַנדום פון דעם מאָהילעווער גובערנאַטאָר האָט געהאַט אַ ווירקונג. לויט ניקאָלאַיס באַפעל, איז באַשטימט געוואָרן אַ באַזונדער קאָמיסיע אויסצופאָרשן די זאַך. אין דער קאָמיסיע איז אַריין אַלס מיטגליד אויך דער מאָהילעווער גובערנאַטאָר. פון דעם ערשטן טאָג אָן, וואָס מ׳האָט אַריינגעזעצט ר׳ דודלען אין דער שליסלבורגער פעסטונג, זענען כסדר געזעסן אין פּעטערבורג צוויי פון די מאָהילעווער נכבדים, וועלכע האָבן זיך פּאַר אים משתדל געווען, מ׳זאָל אים לייכטער מאַכן דעם רעזשים, מ׳זאָל אים נישט שטערן לערנען און שרייבן זיינע חבורים. מ׳האָט געפועלט צו האַלטן פּאַר אים אין שליסלבורג אַ באַזונדערן ייד, וואָס האָט אים באַזאָרגט מיט כשר עסן. פאַר ראש־השנה האָט דער „נאַטשאַלניק“ פון דער שליסלבורגער פעסטונג באַקומען אַ פאַראָרדנונג פון פּעטערבורג, ער זאָל דערלויבן ניין פון די יידישע סאָלדאַטן, וואָס דינען אין שטאָט, קומען ימים־נוראים צוויי מאָל טעגלעך אין ר׳ דודס קאַמער צו דאַווענען מיט אים בצבור. אפילו אַ שופר האָט מען אים צוגעשטעלט אין פעסטונג...

דער סוף איז געווען, אַז נאָכדעם ווי מ׳האָט דורכגעזישטערט און דורכגעפאָרשט ר׳ דודלס חבורים, האָט זיך אַרויסגעוויזן די גאַנצע גרונטלאָזיקייט פון דער באַשולדיקונג. מ׳האָט

איבערזעצט און אונטערגעטראָגן דעם קייזער גאַנצע קאַפּיטלען פון זיין פירוש אויף „פרקי דר׳ אליעזר“, אין וועלכע ער רעדט אויספירלעך וועגן דעם, ווי אַן ערלעכער ייד דאַרף זיך פאַרהאַלטן צום לאַנד וואו ער וואוינט, און צו זיין מושל. ביקאָלאַי האָט תיכף געהייסן ברענגען ר׳ דודלען קיין פּעטערבורג און אָפּשיקן אים פון דאָרט אויף די הוצאות פון דער מלוכה אַהיים, קיין ביכאָוו.

„פרייטיק פרשה בא — אַזוי דערציילט זיין ביאָגראַף — איז ר׳ דודל אָנגעקומען קיין מאָהילעוו, וואו די גאַנצע שטאָט איז אים אַרויס אַנטקעגן. שבת-צו-נאַכטס איז ער אָפּגעפאָרן קיין ביכאָוו, די דערפער און די קליינע ישובים אויפן וועג זענען געווען באַלויכטן מיט פאַקלען. די גאַנצע ביכאָווער באַפעלקערונג, יונג און אַלט, מאַנסלייט און פרויען, זענען אים אַרויס מקבל-פּנים. זיין מיט אָנגעצונדענע וועקסענע ליכט אין די הענט און קוואַלן מיט פרייד זענען געווען אויסגעגאָסן איבער דער שטאָט. ר׳ דודל איז גלייך מיט זיין קאַרעטע צוגעפאָרן צו דער שול. דאָרט איז ער אַרויף אויף דער בימה און האָט פאַר א טויזנט-קעפּיקן עולם געהאַלטן אַ דרשה, אין וועלכער ער האָט אָפּגע-דאַנקט גאָט פאַר דעם גרויסן חסד, וואָס ער האָט מיט אים געטון. נאָכדעם האָט ר׳ דודלס פאָטער, ר׳ יודל לוריא, וועלכער איז שוין דאַן געווען אַ זקן פון אַ בן-שמונים, פאַרבעטן צו זיך דעם גאַנצן עולם אויף אַ מאָלצייט לכבוד דער וואונדער-לעכער באַפרייאונג פון זיין זון. פון יענעם מאָמענט אָן האָט זיך ר׳ דודל פאַרשפאַרט ביי זיך אין צימער און איז פון אים נישט אַרויס גאַנצע פיר חדשים. דערמיט האָט ער מקיים געווען אַ נדר, וואָס ער האָט געגעבן: אַז אויב ער וועט באַפרייט ווערן פון דער שליסלבורגער פעסטונג, זאָל ער מיט קיין מענטשן נישט רעדן ביז ער וועט באַווייזן איבערצוחזרן גאַנץ „אַלפס“ די לעצטע פערציק מאָל, וואָס פעלן אים נאָך ביז הונדערט מיט איין מאָל...“

ח

פון דעמאָלט אָן האָט זיך אין ר׳ דודלס לעבן אַלס געזעלשאַפטלעכער עסקן אָנגעהויבן אַ נייע תקופה. דורך זיין שליסלבורגער אַרעסט איז ער געוואָרן באַקאַנט אין די פּעטערבורגער הויכע ביוראָקראַטישע ספערן און ביי אַנדערע פון זיי האָט ער שטאַרק נושא־חן געווען, באַזונדערס האָט ער אויסגענומען מיט זיין גרויסער ערודיציע אין וועלטלעכער בילדונג. אַ ייד מיט אַזוי פיל קענטניש איז געווען אין יענע צייטן יקר־המציאות. ער האָט אָנגעהויבן פאָרן עטלעכע מאָל אין יאָר קיין פּעטערבורג, און האָט דאָרטן דעריבער שטענדיק נעוואוסט, וועלכע ווינטן עס בלאָזן אין דער רוסישער פּאָליטיק בנוגע יידן. צוריקפאָרנדיק אַהיים, פלעגט ער זיך אויפן וועג אָפּשטעלן אויף געציילטע טעג אין די גרעסערע יידישע צענטרן, ווי ווילנע, גראָדנע, מינסק, מאָהילעוו, איבערגעבן זיינע ידיעות די יידישע כלל־טוער אויף די ערטער און אָפּהאַלטן מיט זיי זיצונגען וועגן פאַרשיידענע פאָלקס־ענינים. צו דידאָזיקע זיצונגען פלעגן ביי באַזונדערע צופאַלן איינגעלאַדן ווערן אויך די גרעסטע גאונים פון די אַרומיקע שטעט.

אַזאַ צופאַל האָט פּאַסירט אין אָנהויב פון די פערציקער יאָרן. דאַן איז ר׳ דודלען אויסגעקומען צו זיין אין פּעטערבורג. באַזוכנדיק דאָרט דעם דירעקטאָר פונם דעפּאַרטאַמענט איבער די פרעמדע אמונות, גראַף טאָלסטאָי, האָט אים יענער אַ פרעג געטון, צי אים איז באַקאַנט אַ העברעאיש ווערק אונטערן נאָמען: „נתיבות עולם?“

ר׳ דודל האָט נאָך דאַן וועגן דעמדאָזיקן אַנטיסעמיטיש ווערק נישט געהערט און האָט געפרעגט, וואָס איז דאָס אַזוינס פאַר אַ ספר.

— אָט האָט איר אים אין ענגליש, — האָט אים דער גראַף געענטפערט און דערביי מוסיף געווען:

— דאָס איז אַ בוך, אויף וועלכן מיר האָבן לאַנג געוואַרט. מיר האָבן אין אונדזער מלוכה אַזוי פיל יידן און נישט מיר קאָנען זיי און נישט מיר קאָנען זייער תורה. אָט דאָס ווערק האָט אונז געעפנט די אויגן, נעמט עס און לייענט עס איבער, דערנאָך וועלן מיר רעדן דעם שמועסן.

דער „נתיבות עולם" אין דער ענגלישער איבערזעצונג האָט ר׳ דודלען גוואַלדיק דערשיטערט. דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן זעט ער פאַר זיך אַ ווערק, וואָס זאָל זיין אָנגעזאַפּט מיט אַזוי פיל אַנטיסעמיטישן גיפט קעגן דאָס יידישע פאָלק און קעגן דעם תלמוד, און וואָס איז אין גרונט גענומען דורכאויס געבויט אויף שקרים און בלבולים. און אויף אַזאַ ספר האָט מען אין רוסלאַנד לאַנג געוואַרט! און אויף אַזאַ ספר זאָגט אַ רוסישער מיניסטער, אַז ער האָט אים געעפנט די אויגן!

דידאָזיקע געדאַנקען האָבן אים אַ גאַנצע נאַכט נישט געלאָזט רוען. אויף מאָרגן האָט ער זיך משתדל געווען און באַקומען אַן אוידיענץ ביים גראַף טאָלסטאָי, וועמען ער האָט פייערלעך דערקלערט, אַז דאָס ווערק איז פון דער ערשטער ביז דער לעצטער שורה איין גרויסער ליגן און אַז אויב די רעגירונג וועט דאָס פאַרלאַנגען, וועט דאַן דאָס גאַנצע יידישע פאָלק זיין גרייט צו שווערן פאַר דער גאַנצער וועלט, אַז ס׳איז נישטאָ אין דעם ספר קיין איין איינציק וואָרט אמת. אויף דעם האָט אים דער גראַף אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז קיין שבעות וועלן דאָ גאָרנישט קאָנען העלפן, ווייל דער מחבר ברענגט אויף יעדן שריט ראיות פון די יידישע הייליקע ביכער, אַנהויבנדיק פון תלמוד, און דעריבער ווענדט זיך דאָ נאָר אין דעם, צי עס וועלן זיך געפינען ביי יידן אַזעלכע, וועלכע וועלן זיין ביכולת אָפּצעשלאָגן די ראיות און אויפווייזן, אַז זיי זענען נישט ריכטיק.

דאַן האָט אים ר׳ דודל שטאָלץ געענטפערט:

— מיר נעמען זיך דאָס אונטער. נישט איצט נאָר אין אַ געוויסע צייט. דערווייל וואָלט איך געבעטן, נישט צו דערוועקן אין דעפּאַרטאַמענט קיין פראַגע וועגן דעם ספר. איר ווייסט

דאָך וויפל שונאים מיר, יידן, האָבן, וואָס קוקן אויס און לויערן אויף אַזעלכע ווערק. פאַר אַזעלכע וועט דער „נתיבות עולם" זיין אַן אבן-טוב... אַט וואַרט אָפּ ביז מיר וועלן אייך צושטעלן אונדזער תשובה, וועט איר דאַן זען, וואָס פאַר אַ ווערט דער ספר האָט.

דער גראַף, וועלכער איז גראָד נישט געווען קיין אויס-געשפראָכענער שונא-ישראל, האָט צוגעזאָגט ר' דודלען ממלא צו זיין זיין בקשה, כאָטש אים וועט דאָס זיין אַביסל שווערלעך, ווייל, ווי אים איז באַקאַנט, האָט דער קייזער אויך באַקומען צוגעשיקט פון לאָנדאָן אַן ענגלישן עקזעמפּלאַר פון „נתיבות עולם", און ער וואַרט טעגלעך, אַז ניקאָלאַי זאָל וועגן דעם מאַכן אַן אָנפראַגע אין דעפּאַרטאַמענט פאַר די פרעמדע אמונות.

פאָרנדיק צוריק פון פּעטערבורג, האָט ר' דודל צונויפ-גערופן קיין ווילנע אַ פאַרטרויליכע זיצונג פון די גרעסטע נכבדים, רבנים און גאונים און האָט אָפּגעהאַלטן מיט זיי אַ באַראַטונג, וואָס צו טון. די ידיעה וועגן דעם „נתיבות-עולם", פון וועלכן קיינער פון די פאַרזאַמלטע האָט קיין שום אַהנונג נישט געהאַט, האָט צעבראָכן אַלעמענס געמיטער. שעהן-לאַנג האָבן זיך געצויגן די וויכוחים. אַנדערע האָבן פאָרגעלייגט, אַז וועלט-באַרימטע רבנים און גאונים זאָלן אַרויס קעגן דעם „נתיבות-עולם" מיט אַן עפנטלעכן פּראָטעסט. ר' דודל האָט זיי אָבער דערוויזן, אַז פּראָטעסטן וועלן דאָ קיין שום ווירקונג נישט האָבן און האָט אַרויסגעזאָגט זיין מיינונג אָנצושרייבן אין דער רוסישער שפּראַך אַ ווערק, וואָס זאָל נאָכגיין דעם „נתיבות-עולם" טריט ביי טריט און אויפווייזן אַלע זיינע פאַלשקייטן. די מיינונג איז אָנגענומען געוואָרן צוזאַמען מיט דעם באַשלוס, איבערצוגעבן שרייבן דאָס ווערק דעם באַ-וואוסטן יידישן געלערנטן ר' יצחק בער לעווינזאָהן, און באַ-שטימען אים אַלס מיטהעלפער אין דער אַרבעט דעם יינגן יידישן סטודענט פון דער קיעווער אוניווערזיטעט ראובן קולישער, וועלכער איז שוין דעמאָלט געווען באַקאַנט אַלס גרויסער

קענער אין דער תּלמודיש־רבּנישער ליטעראַטור *). צונויפקלויבּן דעם נויטיקן סכום געלט אויף צו דרוקן דאָס ווערק, — דאָס האָבּן איבּערגענומען אויף זיך די צוויי באַקאַנטע עסקנים ר׳ איטשעלע מאָנאַסטירשצינער און ר׳ ליפּעלע זעלצער, וועלכע האָבּן זיך אויך באַטייליקט אין יענער זיצונג.

באַלד ווי ר׳ דודל איז געקומען אַהיים קיין ביכאָוו, האָט ער זיך וועגן דעם צונויפגעשריבּן מיט ר׳ יצחק בּער לעווינזאָהנען און מיט ראובן קולישערן און בּיידע האָבּן צעטיילט צווישן זיך די אַרבּעט: לעווינזאָהן האָט אָנגעשריבּן דאָס ווערק אין העבּרעאיש, און קולישער האָט עס געדאַרפט איבּערזעצן אין רוסיש. לויט ווי עס זעט זיך אַרויס פון דער קאָרעספּאָנדענץ, וואָס ר׳ דודל האָט געפירט וועגן דעם ענין מיט לעווינזאָהנען, האָט ר׳ דודל אויסגעאַרבּעט דעם גאַנצן פּלאַן פון דעם ספר. און די איבּערזעצונג איז געמאַכט געוואָרן אונטער זיין פּערזענלעכער השגחה. ר׳ דודל האָט אָנגעצייכנט לעווינזאָהנען די איינצלנע ערטער אין דעם „נתיבות־עולם״, אויף וועלכע מען דאַרף זיך באַזונדערס און אויספירלעכער אָפּשטעלן, כדי אָנוועקצושטעלן בּיים קעגנער דאָס געווער. מאַנכע שטעלן, וועלכע זענען אים אויסגעקומען נישט אַזוי קלאָר, האָט ער איבּערגעאַנדערשט און איבּערגעפּאָרמט.

ט

ר׳ יצחק בּער לעווינזאָהן האָט דאָס זייניקע געטון. אין צוויי העבּרעאישע ווערק „זרובבל״ און „אחיה השלוני״ האָט ער דעם מחבר פון „נתיבות־עולם״ אינגאַנצן צעשלאָגן. צי עס זענען דידאַקטיש בּיידע ווערק פּאַרעפנטלעכט געוואָרן אויך אין קולישערס רוסישער איבּערזעצונג — דאָס איז געבּליבּן

*) ראובן קולישער (געבּוירן 1828 און געשטאָרבּן 1896) איז געווען דער צווייטער יידישער סטודענט אין רוסלאַנד, וועלכער האָט נאָכדעם געענדיקט זיין שטודיום אַלס מיליטער־אַרצט.

אומבאַקאַנט. ווי עס ווייזט זיך אַרויס פון ר׳ דודלס אַ בריוו צו לעווינזאָהנען, האָבן די יידישע עסקנים בשום-אופן נישט געקאָנט צונויפקלויבן דאָס געלט אויפן דרוק. אַ פאַקט איז אָבער, אַז דער דעפּאַרטאַמענט פאַר די פרעמדע אמונות האָט איבער געוויסע טעמים געפונען פאַר נויטיק נישט צו מאַכן קיין וועזן פון „נתיבות-עולם", און האָט די זאַך פאַרשוויגן.

בעת ס'איז אַרויפגעשוואומען דער סאַראַטאָווער פּראָצעס און ר׳ דודל לוריע איז אויסגעקליבן געוואָרן איינשטימיק אָנצופירן פאַר דער מאַכט די שתדלות אין דער זאַך. איז ער פאַרבליבן ביי זיין אַלטן געדאַנק, אַז עס איז נישטאָ קיין אַנדער מיטל קעגן די פאַרשיידענע בלבולים, וואָס מ׳מאַכט אויף יידן, ווי נאָר אויפקלערן דורך באַזונדערע בראָשורן און ביכער, געשריבן אין רוסיש דורך פאַכלייט. דאָסמאָל איז ער שוין אַליין אַרומגעפאָרן איבער די גרעסטע יידישע צענטרן צו קלויבן געלט אויף דעם צוועק. און זיינע נסיעות האָבן געהאַט גרויס דערפאָלג. ער האָט צוזאַמענגעקליבן אַ היפּשע געלט-סומע און אַוועקגעזעצט אַ גאַנצע רייע באַוואוסטע פּובליציסטן, יידן און קריסטן, וועלכע האָבן געהאַט אויפצואווייזן די לעכערלעכקייט און די געמיינהייט פון דעם בלוט-בלבול.

אין יאָר 1846 איז ר׳ דודל צראָפגעפאָרן מיט דעם גאון ר׳ איטשעלע וואָלאָזשינער קיין ווילנע, וואו זיי האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפן מיט ר׳ משה מאָנטיפיאָרען און אָפּגעהאַלטן מיט אים אייניקע באַראַטונגען וועגן דעם מעמאָראַנדום; וואָס די רוסישע יידן האָבן זיך דאַן מכין געווען צו דערלאַנגען דורך אים ניקאָלאַיען.

נאָך דעם טויט פונם וואַרשעווער רב הגאון ר׳ חיים דאַווידזאָן, האָט די וואַרשעווער יידישע קהלה אַריינגעשיקט ר׳ דודלען אַ כתב-רבנות. ר׳ דודל האָט אָבער צוליב זיין כלל-אַרבעט נישט געוואָלט אָננעמען די וואַרשעווער רבנות.

דעם אויסגאַנג פון דעם סאַראַטאָווער פּראָצעס, פאַר וועלכן ער האָט אַוועקגעלייגט אַזוי פיל כחות, האָט ער נישט דערלעבט. אין יאָר 1856 איז ער געשטאָרבן.

XIII

יעקב יצחק אַלטאַראַס

I

ניקאָלאַי דער ערשטער האָט גלייך נאָך זיין טראָן־באַשטייגונג אָנגעהויבן פירן אַן אויסגעשפּראָכענע אַנטיסעמיטישע פּאָליטיק. ער האָט נישט געמאַכט קיין סוד פאַר קיינעם, אַז ער וועט זען שטרעבן דערצו, וואָס מער צו פאַרקלענערן אין זיין לאַנד די צאָל פון דער יידישער באַפעלקערונג, און האָט באַלד טאַקע אָנגענומען די נויטיקע מיטלען דערצו. באַזונדערס האָט ער געצילט, צו צווינגען יידן צום שמד. קודם־כל האָט ער דורך פאַרשיידענע גזרות געוואָלט פאַרניכטן די יידישע רעליגיעזע ספרים. אין יאָר 1841 דאָט ער אַרויסגעגעבן אַ באַפעל צו פאַרברענען אויך אַזעלכע ביכער, וואָס די צענזור האָט זיי נישט אנערקענט פאַר שעדלעך. אין יאָר 1845 האָט ער פאַרמאַכט אַלע יידישע דרוקערייען און איבערגעלאָזט נאָר צוויי, אין ווילנע און אין זשיטאָמיר, וועלכע ער האָט אָפּגעגעבן אין אַרענדע פאַר אַ גרויסן אָפּצאָל לטובת דער מלוכה. חוץ דעם האָט ער אַרויפגעלייגט אַן אומגעהייער שווערן שטייער אויף די יידישע ספרים, וואָס ווערן אַריינגעפירט פון אויסלאַנד

ער האָט גערעכנט, אַז דאָס וועט מאַכן אַ תּל פון דער יידישער רעליגיע און עס וועט ממילא ברענגען יידן אונטערן צו ווערן זייער גלויבן און זיך שמדן. דערצו האָבן, לויט ניקאָלאַיס אויסרעכנונג, געדאַרפט פירן אויך די דראַקאָנישע געזעצן וועגן די יידישע רעקרוטן און וועגן די קאַנטאָניסטן. פאַרנעפּלט איז געווען דאָס לעבן פון די רוסישע יידן אין דער קעגנוואַרט, און נאָך פינסטערער האָט זיך פאָרגעשטעלט דער אומבאַוואוסטער מאָרגן, און אויפן באָדן פון דערדאָזיקער אומבאַוואוסטקייט זענען אַנטשטאַנען פאַרשיידענע קלאַנגען, וואָס ווי משונהדיק און ווילד זיי זענען געווען, האָבן זיי דאָך אָנגעוואָרפן אַ פחד אויף דער אָנגעשראָקענער יידישער מאַסע. ס'האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז ס'איז דאָ אַ פּלאַן איבערצופירן אַלע יידישע מיידלעך אין די מלוכה־פאַבריקן און אָפּגעבן אַלע יידישע ייִנגלעך פאַר סאָלדאַטן. מ'האָט אויך שטאַרק גערעדט וועגן דעם, אַז די יידן, וואָס וועלן זיך אַרויסווייזן אָן אַ וועלכער־עס־איז פּראָפעסיע, וועלן פאַרשיקט ווערן קיין סיביר. די פיל באַגרענעצונגען, די סך גרויסע ספּעציעל אויף יידן אַרויפגעלייגטע שטייערן, די אָפטע גרושים פון די דערפער און אויך פון אַנדערע שטעט, האָבן געבראַכט דערצו, אַז די יידישע באַפעלקערונג איז זייער פאַראָרימט געוואָרן. געשיכטס־שרייבער פון יענער צייט ווייסן צו דערציילן פון אַ שרעקלעכן דלות, וועלכער האָט דעמאָלט געהערשט אין אַ גאַנצע רייע יידישע קהלות.

די דאָזיקע לאַגע פון די רוסישע יידן האָט ענדלעך אַרויסגערופן אַ שטאַרק מיטגעפיל ביי זייערע אויסלענדישע ברידער. און די אויסלענדישע יידישע צייטונגען האָבן זיך גענומען דרוקן כסדר אַרטיקלען און קאָרעספּאָנדענציעס וועגן דעם רעכטלעכן און עקאָנאָמישן מצב פון די יידן אין רוסלאַנד. באַזונדערס האָט זיך מיט דעם אָפּגעגעבן די בערלינער „אַלגעמיינע צייטונג דעס יודנטומס". אין אַ לייט־אַרטיקל, וואָס איז געווען געדרוקט אין דער דערמאָנטער צייטונג אָנהויב יאָר 1846, האָט דער רעדאַקטאָר, ד"ר ל. פיליפּזאָן, אַרומריידנדיק

אויספירלעך דעם שווערן צושטאַנד פון די רוסישע יידן געפונען, אַז ס'איז נישטאָ קיין אַנדער מיטל, ווי נאָר צו פּועלן בײַ דער רוסישער רעגירונג, זי זאָל געבן איר דערלויבניש אויף אַ גרויסער יידישע מאַסן־עמיגראַציע קיין אַמעריקע און אַנדערע לענדער. פיליפּזאָנס אַרטיקל איז באַלד אונטערגעכאַפּט געוואָרן אויך פון אַנדערע יידיש־דײַטשע צײַטונגען, און אינגיכן האָט מען אים איבערזעצט אויף פראַנצויזיש און ענגליש און פאַרשפּרייט אין הונדערטער עקזעמפּליאַרן צווישן יידן אין פראַנקרייך און ענגלאַנד. אומעטום האָט פיליפּזאָנס אַרטיקל געמאַכט אַ גרויסן רושם. ס'האָט זיך דאַן פאַראינטערעסירט מיט דער פראַגע די פּאַריזער „חברה כל ישראל חברים", און אין די בלעטער זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן ידיעות, אַז אין אַמעריקע האַלט זיך בײַם גרינדן אַ באַזונדער קאָמיטעט, וועלכער זאָל איבערנעמען די גאַנצע זאַך אויף זיך. לאָנדאָנער צײַטונגען ווידער האָבן געבראַכט די ידיעה, אַז אינגיכן וועט אַראָפּפאָרן קיין פּעטערבורג דער באַוואוסטער פילאַנטראָפּ ר' משה מאָנטיפיאָרע, וועלכער וועט זיך משתדל זײַן פאַר ניקאָלאַיען, ער זאָל ענדערן זײַנע באַציאונגען צו יידן און זאָל זיך מיט זיי בעסער באַגיין, זיי זאָלן נישט דאַרפן קלערן וועגן פאַרלאָזן רוסלאַנד און אויסוואַנדערן אין פרעמדע לענדער. ס'איז אָבער אַוועק אַ געוויסע צײַט און קיינער פון דידאָזיקע ידיעות האָט זיך נישט באַשטעטיקט. נישט עס האָט זיך געגרינדעט אַ קאָמיטעט אין אַמעריקע און נישט מאָנטיפיאָרע האָט נאָך דעמאָלט געהאַט בדעה צו פאָרן קיין רוסלאַנד, און דער פריערדיקער טומל אין די יידישע אויסלענדישע בלעטער האָט אויך מיטאַמאָל אויפגעהערט, און די יידישע לאַגע אין רוסלאַנד איז דערווייל געוואָרן קריטישער און אומדערטרעגלעכער פון טאָג צו טאָג.

אין דעמדאָזיקן שווערן מאָמענט האָט מיטאַמאָל אַ שײַן געטון פאַר די רוסישע יידן אַ פונק האָפנונג, אויסגעלייזט צו ווערן פון זייערע צרות. דידאָזיקע האָפנונג האָט אין זיי דערוועקט אַן אויסלענדישער ייד מיט אַ הייס יידיש האַרץ,

וואָס, דערווייסנדיק זיך אין אַ שיינעם פרימאָרגן וועגן די ליידן פון זיינע ברידער אין רוסלאַנד, האָט ער באַלד אָנגענומען דעם באַשלוס צו ווערן פאַר זיי אַ שתדלן ביי ניקאָלאַיען און ברענגען זיי די געוואונטשטע דערלייזונג.

ב

דערדאָזיקער שתדלן, וועלכער האָט געהייסן יעקב יצחק אַלטאַראַס, און איז געווען דער זון פון אַ באַרימטן רב אין ארץ-ישראל, איז געבוירן אין יאָר 1786 אין דער שטאָט אַלעפּאָ (אין פּאַרצייטן: אורס צובא). אין דער ייגנט האָט ער באַקומען אַן עקסט-אָרטאָדאָקסישע דערציאונג, האָט געלערנט אַ סך גמרא און פוסקים. נאָכן טויט פון זיינע עלטערן האָט ער זיך גענומען צו וועלטלעכער בילדונג און איז נאָכהער אָנגעקומען צו אַ גרויסן אַרכיטעקטאָר. צוזאַמען מיט זיין פּרינציפּאַל איז ער אַריבער וואוינען אין דער פראַנצויזישער שטאָט מאַרסעל. דאָרט האָט ער זיך באַשעפטיקט מיט שיף-בויעריי און איז דערפון זייער רייך געוואָרן. ער האָט דאַן געגרינדעט אַ גרויס עקספּאָרט-הויז, וואָס האָט אינם משך פון אַ קורצער צייט דערוואָרבן אַ וועלט-באַדייטונג. ביסלעכווייז האָט אַלטאַראַס אָנגעהויבן שפּילן אַ גרויסע ראָלע אין דעם מאַרסעלער געזעלשאַפטלעכן לעבן, האָט מנדב געווען קאָלאָסאַלע סומען אויף פאַרשיידענע וואוילטעטיקע צוועקן, איז געוואָרן פריער אַ מיטגליד און דערנאָך פאָרזיצער אין אייניקע פילאַנטראָפּישע און בילדונג-אינסטיטוציעס. פאַר דער צייט האָט ער באַוויזן חתונה צו האָבן מיט אַ פרוי פון אַן אַריסטאָקראַטישער יידישער משפחה אין אַלזשיר, וועלכע האָט אים געבוירן אַ פּאָר שיינע און זייער געראָטענע קינדער. אַלטאַראַס האָט געפירט אַ גליקלעך פאַמיליען-לעבן און איז אַלץ מער געוואַקסן אין עשירות און אין כבוד.

אין יאָר 1846 איז אין מאַרסעל אויסגעבראָכן אַן

אַנשטענקנדיקע ק־אַנקהייט. מ'האָט דאַן גערעדט, אַז דאָס איז אַ מין טשומע, וועלכע איז אַהין פאַרשלעפּט געוואָרן דורך אַ שיף פון אינדיען. די דערמאָנטע קראַנקהייט האָט אַוועקגערויבט ביי דער מאַרסעלער באַפעלקערונג אַ סך קרבנות. צווישן אַנדערע זענען דאַן געשטאָרבן אויך אַלטאַראַסעס יינגע פרוי מיט זיינע צוויי קינדער. פון גרויס עגמת־נפש איז אַלטאַראַס דאַן שיער אַראָפּ פון זינען. וואָכן־לאַנג איז ער אַרומגעגאַנגען ווי אַ צעדולטער און האָט בשום אופן נישט געקאָנט קומען צו זיך. אַלע טרייסט־ווערטער פון גוטע פריינט האָבן נישט געהאָלפן. ער איז געבליבן פאַרטרויערט און פאַרצאָגט, און מ'האָט זיך שוין כמעט ווי מיאש געווען פון אים.

אין איין טאָג האָט ער זיך אָבער גאַנץ אומגעריכט צוריק אויפגעמונטערט. דידאָזיקע פלוצלונגע ענדערונג האָט אַרויסגערופן ביי לייטן גרויס וואונדער. מ'האָט נישט געקאָנט פאַרשטיין, פונוואַנען האָט זיך עס מיטאַמאָל ווידער צו אים גענומען זיין פריערדיקע ענערגיע מיט זיין פריערדיקער אויפגעלייגטקייט, און מ'האָט עס באַטראַכט, ווי אַ גרויס רעטעניש. באַלד האָט זיך אָבער געפונען דער פתרון צום דאָזיקן רעטעניש. אין אַ מארסעלער צייטונג האָט אַלטאַראַס פאַרעפנטלעכט אַ גרויסן אַרטיקל איבער דעם שווערן מצב פון די רוסישע יידן מיט אַ פלאַמענדיקן אויפרוף צו דער געזעלשאַפט, זי זאָל קומען צו הילף דידאָזיקע פון זייער גורל אַזוי א'מרחמנותדיק פאַריאָגטע מענטשן און זאָל צושטיין צו דער גרויסער הילפס־אַקציע, וואָס ער קלערט איינגיכן אונטערצונעמען לטובת זיינע אומגליקלעכע ברידער, דערביי האָט ער דערציילט, אַז נעמענדיק אין אַכט דעם פלאַן פון ד"ר פיליפּזאָן, האָט ער באַשלאָסן אָפּצוגעבן זיין גאַנץ פאַרמעגן מיט אַלע זיינע כחות צו פאַרווירקלעכן אים אין לעבן. ער וועט צוציען צו זיך נאָך עטלעכע גרויסע יידישע קאַפּיטאַליסטן, ווי די ראָטשילדס און אַנדערע און אַלע צוזאַמען וועלן זיי אַרויספירן די יידן פון רוסלאַנד, וואו זיי גייען אונטער פון טאָג צו טאָג, און באַזעצן זיי אין אַן אַנדער לאַנד. ער געפינט, אַז דער בעסטער און פּאַסנדסטער

אָרט אויף דעם איז אַלזשיר, וואו עס געפונען זיך אַזויפיל לעדיקע ערד-שטחים, וועלכע די פראַנצויזישע רעגירונג וועט געוויס געבן אָפּגעבן לטובת די און זייער פאַטערלאַנד גערודפטע און געפלאָגטע יידן. דעמדאָזיקן אַרטיקל האָט אַלטאַראַס פאַרענדיקט מיט דעם, אַז ער האָפט אין דערדאָזיקער גרויסער נאַציאָנאַלער אַרבעט צו געפונען אַ טרייסט פאַר זיין צעבראָכענעם פאַמיליען-לעבן און אויפצושטעלן דורך איר אַן אייביקן דענקמאָל זיינע אַזוי פרי פאַרלוירענע פרוי און קינדער.

ג

צווישן די יידן אין רוסלאַנד האָבן זיך געגומען פאַרשפרייטן אומקלאָרע פאַרנעפּלטע ידיעות, אַז ביי די גרויסע אויסלענדישע יידן בחדרי-חדרים ווערט עפּעס פאַר זיי געטון. וואָס עס ווערט געטון — דאָס האָט קיינער נישט געוואוסט. אין די גרעסערע יידישע קהלות, ווי ווארשע און ווילנע, האָבן אַנדערע, יחידי-סגולה, עפּעס יאָ געוואוסט, און זיי האָבן עס זאָגאַר איבערגעגעבן איינער דעם אַנדערן. אָבער פון דעם גרויסן עולם, פון די פאָלקס-מאַסן, האָט מען עס געהאַלטן בסוד. מ'האָט מורא געהאַט פאַר אַ שלעכט אויג, און נאָך מער פאַר אַ שלעכטן מויל...

אין ווילנע, למשל, האָבן געציילטע מענטשן געקראָגן צו לייענען דעם פאָלגענדיקן בריוו, וואָס דער באַוואוסטער ביבליאָגראַף ב ן - י ע ק ב, וועלכער האָט זיך דאַן אויפגעהאַלטן אין לייפּציג, האָט געשריבן צום באַרימטן העבראַישן דיכטער אד"ם הכהן ל ע ב ע נ ס אָ ן:

„נעכטן אין אָוונט איז צו מיר געקומען ד"ר פ י ר ש ט, דער רעדאַקטאָר פון „אָריענט", וועגן אַ געוויסן ענין. נאָכדעם ווי מיר האָבן אָפּגערעדט וועגן אונדזער זאַך, זענען מיר אַוועק צוזאַמען אין דער סינאַגאָגע, און דאָרט האָט ער מיר דער-

ציילט פאָלגנדיקעס: פּאָריקע וואָך האָט מיך באַזוכט אַן אָנגע-זעענער מאַן, וועלכער איז געווען זייער איינפאַך געקליידט. אַז איך האָב אים געפרעגט, מיט וואָס איך קאָן אים דינען? — האָט ער מיר געענטפערט אין פראַנצויזיש, אַז ער באַהערשט נישט די דייטשע שפּראַך, און ער פאַרלאַנגט פון מיר, צו ריידן מיט אים פראַנצויזיש. מיר האָבן זיך פאַנאַנדערגערעדט, ער האָט מיר דערלאַנגט אַ בריוו, פון וועלכן איך האָב זיך צו מיין גרעסטן וואונדער דערוואוסט, אַז פאַר מיר שטייט אַ הויכגעשטעלטער פראַנצויזישער ייד, וועלכער איז שוין אַ יאָר פערציק דער פאָרזיצער פון האַנדלס-געריכט און שוין עטלעכע יאָר ווי ער איז דער פּרעזידענט פון דער קאָנסיסטאָריע. דער בריוו ענטהאַלט אַ בקשה פון די איינפלוס-רייכסטע פּער-זענלעכקייטן, אַז צו וועמען דער מאַן וועט זיך נאָר ווענדן, זאָל מען אים העלפן אין דער אַקציע, וואָס ער נעמט אונטער. נאָכדעם ווי איך האָב אויסגעדריקט מיין גרייטקייט אים ביי'הילפיק צו זיין אין אַלץ, וואָס וועט מיר נאָר מעגלעך זיין האָט ער מיר דערציילט פאָלגנדיקעס:

„איך בין אַן אומגליקלעכער מאַן, איך האָב פאַרלוירן מיין פרוי און מיינע קינדער. גאָט האָט מיר אָבער געבענטשט מיט אַ גרויס פאַרמעגן. די ידיעות, וועלכע עס זענען צו אונדז דערגאַנגען וועגן דעם מצב פון אונדזערע ברידער אין רוס-לאַנד, באַוועגן מיך אָפּצוגעבן מיין גאַנץ אייגנטום צו פאַר-לייכטערן זייער לאַגע. נאָכדעם ווי איך האָב באַקאַנט געמאַכט מיט מיין געדאַנק די חשובסטע מענטשן פון אונדזער שטאָט, האָב איך באַגעגנט פון זייער זייט דאָס גרעסטע מיטגעפיל און הבטחה, מאַטעריעל די זאַך אונטערצושטיצן, אויב מיין אייגענער קאַפּיטאַל וועט זיך אַרויסווייזן פאַר צו-ווייניק. מיר האָבן באַהאַנדלט דידאָזיקע פראַגע און לויט דעם אַלגעמיינעם באַשלוס, בין איך אָפּגעפאָרן קיין פּאַריז, כדי אַריינצוגיין אין אונטערהאַנדלונגען מיט די דאָרטיקע גרויסע יידן און באַקומען דורך זייער הילף אַן אוידיענץ ביים קעניג. אין פּאַריז האָט מען מיר אויפגענומען מיט גרויס סימפּאַטיע, אַ באַדייטנדן

דערפֿאָלג האָב איך געהאַט אויך אין די העכסטע ספֿערן... איצט פֿאָר איך קיין פּעטערבורג. אויב ס'וועט זיך מיר דאָרט נישט איינגעבן אויפֿצוטון עפּעס פֿאַרן גאַנצן יידישן פֿאָלק, וועל איך מיך באַנוצן מיט אַ קלענערער זאַך: איך וועל דערלאַנגען אַ בקשה, מען זאָל מיר דערלויבן אַרויספֿירן פֿון רוסלאַנד פֿערציק טויזנט יידישע פֿאַמיליעס און באַזעצן זיי אין אַלזשיר, וואו עס וועלן פֿאַר זיי צוגעגרייט ווערן גרויסע ערד־שטחים מיט אַלע נויטיקע מכשירים. בשעת מיין אוידיענץ ביים פֿראַנצויזישן קעניג האָט ער מיר געזאָגט, אַז פֿאַר אַזאַ צאָל פֿאַמיליעס וועט זיך געפֿונען אין אַלזשיר גענוג פֿרוכטבאַרע ערד. נאָר טאָמער וועל איך מיך אָנשטויסן אויף וועלכע־עס־איז שטערונגען, וועל איך דאַן זען באַזאָרגן דער־ווייל נישט די גאַנצע ציפֿער, וואָס איך האָב אייך דאָ אָנגעגעבן, נאָר טויזנט אָרימע פֿאַמיליעס פֿון די, וואָס ליגן ווי אַ שווערע לאַסט אויף די קהלות. איך בין גרייט אַריינצוטראָגן פֿאַר יעדן עמיגראַנט טויזנט פֿראַנק אין דעם רוסישן מלוכה־אוצר. דידאָזיקע טויזנט פֿאַמיליעס וועל איך באַזעצן אויף ערד־חלקים, וועלכע כ'וועל קויפֿן מיט מיינע מיטלען; אין פֿאַרלויף פֿון די ערשטע דריי יאָר וועל איך זיי אויסהאַלטן מיט אַלע זייערע הצטרכותן. כ'וועל אויף דעם נישט גיין בעטן קיין שטיצע ביי אונדזערע יידן, ווייל, ווי איך האָב אייך שוין דערציילט, גאָט האָט מיך געבענטשט מיט עשירות און איך בין א יי ן מענטש אַליין".

די ווילנער משכילים זענען פֿון דעמדאָזיקן בריוו אַריינ־געקומען אין גרויס התפּעלות. איינער פֿון זיי, דער באַוואוסטער העברעאישער שריפֿטשטעלער מרדכי אהרן גינצבורג, האָט דאַן געשריבן:

„מיר שטייען דאָ פֿאַר אַן אויסטערלישער געשעעניש. ווער ווייסט, צי דאָס וועט נישט זיין קיין צווייטע יציאת מצרים.."

ס'איז גאָר ביי קיינעם פֿון זיי קיין ספֿק נישט געווען, אַז ניקאָלאַי, וועלכן ס'ווילט זיך אַזוי פּטור ווערן פֿון זיינע יידן, וועט זיך אָנכאַפּן אָן דעם פֿאָרשלאַג מיט גרויס צופֿרידנהייט,

און בפרט, אז ער וועט נאָך באַקומען פאַר יעדן יידישן עמיגראַנט אַ געוויסע סומע אויסקויף־געלט.

ווי געזאָגט, האָט מען תחלת די גאַנצע זאַך געהאַלטן פאַר־באָרגן פון דעם ברייטן יידישן עולם. די משכילים צווישן זיך האָבן דאָן דאָס דערקלערט דערמיט, וואָס אַלטאַראַס אַליין פאַרלאַנגט, אַז ביז וואָס־ווען זאָל זיין פּלאַן נישט אַרויס אין דער עפנט־לעכקייט. ס'האָבן זיך אָבער אין גיכן אָנגעהויבן דרוקן וועגן דעם אַרטיקלען מיט בריוו אין די בערלינער צייטונגען. דאָרט האָט עס געהייסן, אַז „דער פראַנצויזישער ייד, דער וועלט־מיליאָנער אַלטאַראַס, איז אַרויסגעפאָרן קיין פעטערבורג, כדי מעתדל צו זיין זיך פאַר ניקאָלאַיען, פריייצולאָזן די יידן פון זיין לאַנד, און אַז ער פירט צו אים און צו זיינע מיניסטאָרן רעקאָמענדאַציעס פונם פראַנצויזישן קעניג, פון דעם אויסערן־מיניסטער גיזאָ, און פון אַנדערע הויכע שררות". באַלד איז די ידיעה פאַרשפּרייט געוואָרן איבער גאַנצן יידישן תחום און ס'האָבן זיך געפונען מענטשן, וועלכע האָבן נאָך די זאַך צען מאָל פאַרגרעסערט, מ'האָט זאָגאַר אין אַנדערע ערטער דער־ציילט, אַז אַלטאַראַס איז שוין געוועזן אין פעטערבורג, וואו ער איז אויפגענומען געוואָרן פון ניקאָלאַיען בכבוד גדול און באַלד אויפן אָרט האָט ער ביי אים געפועלט אַלץ, וואָס זיין האַרץ האָט נאָר באַגערט.

ד

אין די יידישע פינסטערע געסלעך איז געוואָרן שמחה וששון. די פערעכפעקטיוו, אַז עס האַלט דערביי, אַז יידן זאָלן אויסגעלייזט ווערן פון דעם שווערן, אומדערטרעגלעכן ניקאָלאַיאישן רעזשים, האָט אָנגעפילט אַלע הערצער מיט פרייד. דאָס איז אפילו געווען אַ פאַרבאָרגענע שמחה, וועלכע מ'האָט מורא געהאַט אַרויפצוברענגען אויף די ליפּן; זי איז אָבער געלעגן אויף די פּנימער. אין די קלויזן און אין די

בתּי-מדרשים האָבן יידן איינער דעם צווייטן באַגריסט מיט דער גאָענטער גאולה, און פון טאָג צו טאָג האָט מען גזוואָרט אויף ידיעות פון ווילנע, ווייל די דאָרטיקע כלל-טוער זענען געווען די איינציקע, וואָס האָבן געהאַט די מעגלעכקייט צו דערגיין פון פאַרשיידענע קוועלן, ווי עס האַלט מיט דעם ענין.

די ווילנער יידישע אינטעליגענץ, וועלכע האָט זיך פון דער ערשטער מינוט אָן זייער פאַראינטערעסירט מיט דער אונטערנעמונג פונם פראַנצויזיש-יידישן שתדלן, האָט די גאַנצע צייט, וואָס ער האָט זיך געפונען אויפן וועג קיין פעטערבורג, נאָכגעפאָרשט דורך באַקאַנטע אין די פאַרשיידענע שטעט וועגן אַלע זיינע באַוועגונגען, מיט וועמען ער זעט זיך אין יעדער שטאָט, וועמען ער נעמט-אויף און ווי ער זאָגט זיך אַרויס. וועגן זיינע פּלענער. אין ווילנע האָט מען קוים דערלעבט צו הערן, אַז אַלטאַראַס איז שוין אָנגעקומען קיין פעטערבורג. מ'האָט גערעכנט, אַז דורך די פעטערבורגער עסקנים וועט מען שוין דערגיין, ווי זיינע שתדלנות אַנטוויקלט זיך און צי זי האָט אַ וועלכע-עס-איז אויסזיכט אויף דערפאָלג. אַלטאַראַס האָט אָבער די גאַנצע צייט, וואָס ער האָט פאַרבראַכט אין פעטערבורג, נישט צוגעלאָזט צו זיך קיינעם פון די דאָרטיקע יידן. מ'האָט נאָר געוואוסט, אַז ער שלאָגט אָפּ כסדר די שוועלן פון די שררות, אַז אומעטום איז ער זיך משתדל, און ער האָט שוין זאָגאַר איינמאָל געהאַט אַן אוידיענץ ביי ניקאָלאַיען אַליין. קיינער האָט אָבער נישט געהאַט די קלענסטע אַהנונג וועגן דעם מצב פון דער זאַך און צי עס איז דאָ אַ האָפנונג אויף דערפאָלג. אַלץ איז געווען פאַרצויגן, ווי מיט אַ געדיכטן שלייער.

ס'האָבן זיך אָנגעהויבן טראָגן פאַרשיידענע קלאַנגען, וועלכע האָבן סותר געווען איינער דעם אַנדערן. אינם נאָמען פון איינעם, וואָס איז געקומען פון פעטערבורג קיין ווילנע, האָט מען דערציילט, אַז די רוסישע רעגירונג האָט מסכים געווען צו דערלויבן אַרויספאָרן נאָר הונדערט פאַמיליעס. פון

דער צווייטער זייט האָט מען דערציילט וועגן אַ בריוו, אין וועלכן אַ געוויסער מינסקער עסקן, וו. טשלענאָוו, האָט געשריבן וועגן דעם אויפטו פונם פראַנצויזישן שתדלן פאַלגנד קעס:

„זיין מיסיע האָט זיך פאַרענדיקט, גאָט צו דאַנקען, מיטן בעסטן דערפאָלג. איצט איז ער אָפּגעפאָרן קיין וואַרשע, פון דאָרט פאָרט ער קיין לאָנדאָן, וואו ער וועט אַרומשמועסן דעם ענין מיט ר׳ משה מאָנטעפיאָרע; דערנאָך וועט ער אָפּקערן קיין אַלזשיר, און פון דאָרט וועט ער אויף דאָס נייעס מאַכן אַ רייזע קיין אָדעס און קיין פעטערבורג".

פון אַן אַנדער קוועלע האָט מען געמעלדעט, אַז די השתדלות האָט שוין געהאַלטן גאָר נאָענט צו פאַרווירקלעכט ווערן, צלך איז שוין געגאַנגען אויף אַ דרך, האָבן זיך אָבער אַריינגעמישט די אָרטאָדאָקסן און די זאַך קאַליע געמאַכט. די אָרטאָדאָקסן געפונען, אַז אַלטאַראַס איז נישט אַזוי רעליגיעז און זיי זענען חושד, אַז ער איז אויסן מיט זיין פּלאַן אָראָפּ-צופירן יידן פון וועג.

יידן אויף די ערטער זענען פון גרויס אומגעדולד דענער-ווירט געוואָרן. מ׳האָט נישט געוואוסט, וואָס איבערצוקלערן. פון שטעט און שטעטלעך זענען געפלויגן בריוו קיין ווילנע און פון ווילנע. די ווילנער משכילים האָבן זיך דאַן געווענדט קיין וואַרשע, וואו אַלטאַראַס זאָל האָבן פאַרבראַכט גאַנצע דריי וואָכן בעת זיין צוריקפאָרן פון פעטערבורג. דורך די ידיעות, וואָס זענען דערהאַלטן געוואָרן פון וואַרשע, איז ערשט אַרויס-געשוואומען דער ריינער אמת, לויט וועלכן דער גאַנצער ספור-המעשה וועגן דער השתדלות שטעלט זיך פאַר אַט ווי:

אַלטאַראַס איז געקומען קיין פעטערבורג מיט דער פולמאַכט פון די ברידער ראָטשילד, וועלכע האָבן אויף זיך גענומען דעם גאַנצן געלט-ענין פון דער זאַך. די פראַנצויזישע, ענגלישע און דייטשע גבירים האָבן צוגעזאָגט נאָר אַ קליינע שטיצע. מיט מאָנטיפיאָרען האָט זיך אַלטאַראַס געזען אין פראַנקפורט צם-מאַין, פאָרנדיק קיין פעטערבורג. מאָנטיפיאָרע

איז דאָרט דאַן געלעגן קראַנק, און דעריבער האָט אַלטאַראַס נישט געהאַט די מעגלעכקייט צו ריידן מיט אים וועגן דעם אויספירלעך. מאַנטיפיאָרע האָט אים נאָר געזאָגט אין קורצן, אַז לויט זיין מיינונג וועט זיין נסיעה קיין פעטערבורג נישט האָבן קיין דערפאָלג, אַז זיין השתדלות וועט זיין אומזיסט און מער ווי אַנטטוישונג וועט ער דערפון נישט האָבן. ער האָט אָבער מבטיח געווען אַלטאַראַסן, אַז ווען די זאַך וועט נאָר גיין אויף אַ וועג, וועט ער אים שטיצן מיט אַלע קרעפטן.

אין פעטערבורג האָט אַלטאַראַס ביי ניקאָלאַיען קיין אוידיענץ נ י ש ט באַקומען. ער איז דאָרט אויפגענומען געוואָרן דורכן פאָרזיצער פון מיניסטאָרן־ראַט, גראַף נ ע ס ע ל ר אָ ד ע, וועלכער האָט אים געזאָגט, אַז דער קייזער איז איצט זייער באַשעפטיקט, און דעריבער וועט ע ר מיט אים אונטערהאַנדלען אין זיין נאָמען וועגן דעם ענין, צוליב וועלכן ער איז געקומען.

אַלטאַראַס האָט דאַן אַנטוויקלט פאַר נעסעלראָדען אויספירלעך זיין גאַנצן פּלאַן וועגן דער יידישער אויסוואַנדערונג פון רוסלאַנד. נעסעלראָדע האָט אים אויסגעהערט גאַנץ אויפמערקזאַם און נאָכדעם האָט ער אים געגעבן דעם פאָלגנדיקן ענטפער:

— די השתדלות קאָן דערפילט ווערן, קודם כל, נאָר מיטן תנאי, אַז פאַר יעדן ייד, וואָס וועט פאַרלאָזן רוסלאַנד, זאָלט איר אַריינטראָגן אין מלוכה־אוצר זעכציק רובל. איר וועט אָבער דאַרפן מאַכן אַ נסיעה אין יידישן תחום, כדי צו איבערצייגן זיך, צי ווילן גאָר יידן עמיגרירן פון רוסלאַנד בכלל.

דערביי האָט גראַף נעסעלראָדע געראַטן אַלטאַראַסן פאָרן צוערשט קיין פוילן, וואו עס געפינט זיך אַ גרויסער קאָנטינגענט יידן, און וואו ער וועט דעריבער גיכער זיך באַקענען מיט דער יידישער שטימונג בנוגע דער אויסוואַנדערונג. אַלטאַראַס האָט אָנגענומען די עצה און איז גלייך אויף מאָרגן אָפּגעפאָרן קיין וואַרשע, פירנדיק מיט זיך אַ בריוו פון נעסעלראָדען צום פירשט פאַסקעוויטש, דער דעמאָלטיקער „נאַמיעסטניק" פון פוילן. אין דעם בריוו, האָט נעסעלראָדע געבעטן פאַסקעוויטשן,

בייהילפיק צו זיין אַלטאַראַסן אין אַלץ, וואָס ער וועט פון אים פאַרלאַנגען, און געבן אים די מעגלעכקייט אומגעשטער׳ט אַרומצופאָרן איבער די שטעט און שטעטלעך און אָפּצוהאַלטן פאַ־זאַמלונגען מיט די דאָרטיקע יידן.

פּאַסקעוויטש, וועלכער איז געווען אַ ליבעראַל־געזאָנענער מאַן, האָט אַרויסגעוויזן אַלטאַראַסן גרויס כּבוד, אָבער הערנדיק פון אים, צוליב וועלכן צוועק ער איז אַהער געקומען, האָט ער אים באַלד די ערשטע מינוט אָפּהענדיק געמאַכט און געזאָגט, אַז זיין פּלאַן האָט קיין שום שאַנסן נישט אויף דערפאָלג, ווייל אים איז גאַנץ גוט באַקאַנט די שטימונג אין די ספערן און ער ווייסט גאַנץ גוט, אַז ניקאָלאַי וועט קיינמאָל נישט מסכּים זיין אַרויסצולאָזן די יידן פון רוסלאַנד, נישט מחמת דעם, וואָס ער האָט זיי אַזוי ליב און קאָן זיך פון זיי נישט שיידן, נאָר צוליב גאַנץ אַנדערע טעמים, און באַזונדערס צוליב דעם, וואָס ער וואָלט זיך דאַן געדאַרפט שעמען פאַר איירָאָפּע.

לויט אַן אַנדער ווערסיע האָט אַלטאַראַס אַרויסגעטראָגן פון פּוילן דעם איינדרוק, אַז דאָרט איז די יידישע לאַגע בעסער אין פיל פּרטים ווי אין רוסלאַנד, און בכן איז מיט די פּוילישע יידן בכלל נישטאָ וואָס צו ריידן וועגן עמיגרירן.

אַלטאַראַס איז אָפּגעפאָרן צוריק קיין פראַנקרייך זייער טרויעריק געשטימט איבער דעם, וואָס פון זיין גראַנדיעזן פּלאַן האָט זיך גאָרנישט אויסגעלאָזט. פאַר די רוסישע יידן, וועלכע האָבן שוין געהאַלטן די גאולה כּמעט ווי אין קעשענע, איז דאָס געווען אַ גוואַלטיקע אַנטוישונג. זייער איינציקע טרייסט איז געווען די ידיעה, אַז ר׳ משה מאָנטיפיאָרע קלויבט זיך פאָרן צו ניקאָלאַיען.

XIV

יוסף (יאָסיף איזראַעלעוויטש) הײלפּערין.

א

מיט דער טראָן-באַשטײגונג פון ניקאָלאַי דעם ערשטן זענען אָנגעשטאַנען פאַר די רוסישע יידן זייער-שווערע טעג. נאָך אַלס פּרינץ האָט שוין ניקאָלאַי אַרויסגעוויזן אַ גרויסע אַנטיפּאַטיע צו יידן. כאָטש ער האָט יידן ווייניק געקענט, האָט ער פונדעסטוועגן געהאַט וועגן זיי די ערגסטע מיינונג, וועלכע ער האָט גאַנץ אָפט אַרויסגעזאָגט אין געשפּרעכן מיט זיינע מקורבים. געשטאַמט האָט עס פון דער עקסטרעם-רעליגיעזער דערציאונג, וואָס ער האָט באַקומען פון קינדווייז אָן און אַדאַנק וועלכער ס׳איז פון אים אויסגעוואַקסן אַ שטאָק-פינסטערער רעאַקציאָנער. נאָך פון דער יוגנט האָט זיך איינגעזאַפּט אין אים אַ שטאַרקע שנאה צו יידן, וועלכע האָט זיך געלאָזט פילן כמעט פון דער ערשטער מינוט אָן, וואָס ער איז געוואָרן קייזער. זייענדיק פון דער נאַטור אַ האַרטער און שטרענגער מענטש מיט דעספּאָטישע נייגונגען, האָט ער יידן באַזונדערס געגעבן „שמעקן פולווער“, צו די ספּעציעלע „ניקאָלאַיס גזרות“ וועלכע האָבן מוסיף געווען אין דער געשיכטע פונם רוסישן יידנטום אַ סך בלעטלעך, געטובלט אין בלוט און

טרערן, וועלן מיר זיך נאָך אומקערן אין די ווייטערדיקע קאַפּיטלעך. דערווייל ווילן מיר נאָר באַצייכנען דעם פאַקט, אַז אונטער דער השפעה פון זיין אַנטיסעמיטישער פּאָליטיק, האָבן זיך אַלע באַאַמטע אויף די ערטער, פון די העכסטע ביז די נידריקסטע, באַצויגן צו יידן זייער פיינטלעך און האָבן זיי אָנגעטון די גרעסטע נגישות. דאָס האָט ממילא אַרויסגערופן ביי יידן אַ גרויס באַדערפעניש אין שתדלנות, אַזוי אַז כמעט יעדע קהלה האָט זיך געהאַט איר שתדלן.

אַ באַזונדערס גרויסע ראָלע אין דער שתדלנישער וועלט פאַר ניקאָלאַיס צייטן האָט געשפּילט דער באַוואוסטער בערדיטשעווער באַנקיר יוסף היילפּערין. ער איז געווען פון העכסטן יחוס, אַ היפּשער למדן און אויך מיט אַ געזונטן פּראַקטישן פאַרשטאַנד. דערצו האָט ער באַזעסן אַ הייס יידיש האַרץ מיט אַן אייזערנער ענערגיע. דער דעמאָלטיקער בערדיטשעווער גאָראָדניטשי (אַ מין היינטיקער פּאָליציימייסטער), גראָמעקאָ׳ גיט אין זיינע זכרונות, וועלכע זענען געדרוקט אין „סאָווערמעניק״ פאַרן יאָר 1858, די פאָלגנדיקע כאַראַקטע־ריסטיק וועגן היילפּערינען: „ער האָט נישט קיין אָפיציעלע באַרייטונג, ער פאַרמאָגט נישט קיין אייגענע דערוואָרבענע מאַכט, און דאָך איז ער זייער אַ מעכטיקער מאַן. דער המון גלויבט אַפילו, אַז ביי יוסף היילפּערינען געפינט זיך אַ מונדיר, אינגאַנצן אַרומגענייט מיט ריינעם גאָלד, וועלכן ער באַנוצט ביי זיינע נסיעות קיין פּעטערבורג, און היילפּערין האָט געהאַט דאָס פולע רעכט צו פאַרדינען אַזאַ הויכע מיינונג וועגן זיך ביי זיינע גלויבנס־גענאָסן. איך האָב נישט געזען קיין אַנדער ייד, וואָס זאָל אַזוי ליבן זיינע פאָלקס־ברידער און וואָס זאָל זיך מער פון אים באַטייליקן אין זיינע געזעלשאַפטלעכע אינטערעסן און נויטן. אין דער צייט פון כאָלערע, פון שרפות און אַנדערע פאָלקס־אומגליקן, איז זיין הויז שטענדיק פול מיט אומגליקלעכע, און קיינער גייט נישט אַוועק אָן הילף. דער ערשטער מנדב אויף וועלכע־עס־איז וואוילטעטיקן צוועק לטובת די אַלגעמיינע באַדערפענישן פון שטאָט, איז יאָסיף איזראַעלעוויטש. און ווען

עמק וואָלט אים אין אַזעלכע פֿאַלן מקדם געווען, אָדער געגעבן אַ גרעסערע נדבה פֿאַר אים, וואָלט עס פֿאַר הײַלפֿערינען געווען ממש אַ טויט-קלאַפּ. עס זענען דאָ אין שטאָט אַנדערע סוחרים פֿון דער ערשטער גילדע. עס זענען דאָ אַ סך באַנקירן מיט קאַפּיטאַלן, נישט קיין קלענערע, קאָן זײַן, פֿון הײַלפֿערין, אָבער קיינער פֿון זיי קומט נישט צו אים אין פּראַקטישער פּקחות און ברייטהאַרציקייט. קיין אייגענע, דאָס הייסט: פּערזענלעכע אינטערעסן האָט ער נישט, און האָט זיי אויך קיינמאָל נישט געהאַט, קיינער האָט נישט געזען און קיינער וועט נישט זען קיין איין פֿון אים אויפֿן פּאַפּיר אָנגעשריבענע בקשה; ווי מעכטיק איז אָבער דערפֿאַר זײַן איטלעכס וואָרט! אָבער מיט ווערטער ריזיקירט ער אויך נישט אומזיסט: קומט ער אַליין עפּעס בעטן וועגן אַן עניו, הייסט עס, אַז דער עניו וועט שוין זײַן פֿאַרעגדיקט און אונטערגעשריבן לויט זײַן רצון".

דער אין זײַן צײַט באַרימט געוועזענער רוסיש-יידישער זשורנאַליסט און געשוואָרענער אַדוואָקאַט מנשה מרגלית ברענגט וועגן הײַלפֿערינען די ווײַטערדיקע זייער אינטערעסאַנטע פּרטים: ער איז געווען אַן אומדערגרייכבאַרע קראַפֿט נישט בלויז אין דער שטאָט, וואו ער האָט געוואוינט, נאָר אויך אין גאַנצן דרום-מערב קאַנט. אַרײַנדרינגענדיק אין דעם גייסט פֿון דער פֿאָלקס-מאַסע און איר פּסיכאָלאָגיע, האָט ער פֿאַרשטאַנען, אַז כּדי צו געניסן בײַ איר גלויבעכיקייט, איז פֿאַר אים נויטיק צו ווערן אַ פֿאַרבערענטער אָנהענגער פֿון די „גוטע יידן" און צו זײַן פֿאַר זיי אַ מליץ יושר בײַ דער מאַכט, און ער איז דאָס געוואָרן. באַלד האָבן די צדיקים פֿון דעם גאַנצן דרום-מעריב-קאַנט, וועלכע האָבן געהאַט אין די אויגן פֿון המון אַ גרויסן רעליגיעזן אויטאָריטעט, אָנגעהויבן מיטב צו זײַן מיט הײַלפֿערינען: אַלע פֿרײַע און נישט פֿרײַע קאַפּיטאַלן זענען אײַנגעלייגט געוואָרן אין הײַלפֿערינס באַנק. דער צוטרוי צו אים מצד דעם פֿאָלק איז געוואַקסן נישט פֿון טאָג, נאָר פֿון שעה. מען דאַרף באַמערקן, אַז אין יענער צײַט האָט בערדיטשעוו, וועלכע האָט זיך גערעכנט פֿאַר דער הויפּט-שטאָט פֿון וואָלין

פארנומען אין עקאָנאָמישן זין זייער אַ גרויס אָרט. זי האָט געהאַט עטלעכע באַנק-קאָנטאָרן, וועלכע זענען געווען אויסגעלייגט איבער די באַלקאָנען פון אַ גאַנצער שורה דריי-גאָרנדיקע מויערן. פון דעם האָט זיך עס באַקומען דער נאָמען: „די גאָלדענע גאַס". פאַר דער רייכסטער באַנק האָט זיך אָבער תּמיד גערעכנט הײלפּערינס, און צו זײַן באַלקאָן זענען תּמיד אָלעמענס בליקן געווען געווענדט מיטן גרעסטן יראת-הכבוד. אויבן און אונטן, אינעווייניק און אינדרויסן, אויף רעכטס און אויף לינקס, האָט דאָרט שטענדיק געקאָכט, ווי אין אַ קעסל. מ'איז אַהין געקומען נישט בלויז וועגן געשעפטלעכע אינטערעסן, נאָר אויך וועגן געזעלשאַפטלעכע ענינים. דער איז געקומען אָנזאָגן וועגן אַ נייער גזרה, אַ צווייטער האָט געוואָלט דערגיין, צי מ'האָט עפּעס געפּרואווט טון, כּדי מבטל צו מאַכן די גזרה, אַ דריטער איז געקומען מודיע זײַן, אַז ס'האָט זיך איבערגעריסן דער „עירוב", אַ פערטער האָט פאַרלאַנגט ידיעות וועגן נאַבאָר א. אַז. וו.

הײלפּערין אַליין פלעגט זיך זייער זעלטן באַווייזן אויפן באַלקאָן, נאָר יעדעס מאָל, ווען ער איז אַהין אַרויס, האָבן זיך אַלע אָפּגערוקט אין אַ זייט, און ס'איז דאָרט קיינער נישט פאַרבליבן חוץ אים מיט זײַן נאָענטן אַדיוטאַנט. די גאַנצע גאַס פלעגט זיך דאַן אַרומקלויבן אַרום באַלקאָן, כּדי אָנצוקוקן זייער מנהיג. אויף די אַנדערע באַלקאָנען פלעגט זיך אויך מערקן אַ באַוועגונג; אַלע פלעגן נייגעריק זײַן צו זען ווי ר' יוסף הײלפּערין שטייט, ווי ער שמועסט מיט זײַן אַדיוטאַנט, ווי ער וויצלט זיך מיט אים און טרייבט מיט אים קאַטאָוועס. דאָס אַלץ פלעגט זיך פאַנאַנדערטראָגן בליץ-שנעל איבער אַלע בערדיטשעווער גאַסן, און ס'איז דאָרט נישט געווען קיין איין ייִד, וועלכער האָט נישט געוואוסט דאָס, וואָס ס'איז פאָרגעקומען אויפן „באַלקאָן". מ'האָט שוין אַפילו נישט געדאַרפט מוסיף זײַן און זאָגן: „אויף ר' יוסף הײלפּערינס באַלקאָן", ווײַל אַלע האָבן שוין אָן דעם אויך גאַנץ גוט געוואוסט וועגן וועמען דאָ רעדט זיך.

צו היילפּערינען האָבן זיך באַצויגן מיט גרויס אַכטונג ניט בלויז יידן, נאָר אויך קריסטן. נישט בלויז דער נייער יונגער „גאַראָדניטשי" פלעגט צו אים אריין מיט אַ וויזיט, נאָר אויך דער גענעראַל-גובערנאַטאָר יעדעס מאָל, ווען ער האָט באַזוכט בערדיטשעוו. מ'האָט זיך געקאָנט פאָרשטעלן, וואָס ס'האָט זיך דאַן געטון אין שטאָט, בעת די יידן האָבן דאָס געזען מיט זייערע אויגן, בעת זיי האָבן געזען אויך דאָס, ווי דער „גאָראָדניטשי", דערדאָזיקער „גאָטס-שטראָף" פון יענער צייט, פון וועלכן זיי פלעגן, באַגעגנענדיק אים, אַנטלויפן פאַר הונדערט וויאָרטט, כדי ער זאָל זיך נאָך, חלילה, צו עפּעס וואָס נישט טשעפּען, ער זאָל ביי זיי נישט אונטערהאַקן די לאַנגע קאַ=אָטע און אַזוי ווייטער, – ווי דערדאָזיקער שרעקלעכער „גאַראַדניטשי" גייט אַרום אויף די שפּיץ פינגער איבערן באַלקאָן, אָפּוואַרטנדיק דעם אַרויסגאַנג פונם גענעראַל-גובערנאַטאָר. און אויפן אַנדערן טאָג נאָכדעם האָבן זיי גאָר אויפדאָסניי מורא געהאַט פאַר אים ווי פריער, נאָר פונדעסטוועגן פלעגן זיי אַלץ טראַכטן ביי זיך מיט גרויס שטאָלץ: „ער גייט דאָך אָבער פאָרט אַרום אויף אונדזער ר' יוספס באַלקאָן, נישט האָבנדיק די העזה אַריינצוגיין אָפּילו אין פאָרצימער". ס'איז קיין ספק נישט, אַז דעם גענעראַל-גובערנאַטאָרס וויזיט האָט בעווירקט אויפן „גאָראָדניטשי", ער זאָל זיך באַציען מיט גרויס אַכטונג צו דער פּערזאָן פון ר' יוסף היילפּערין, וועלכער האָט זיך מיט דעם געוואוסט צו באַנוצן. און באַנוצט האָט ער זיך מיט דעם נישט פאַר זיך פּערזענלעך, נאָר פאַר אַלע יידן, ווען ס'האָט זיך נאָר געהאַנדלט וועגן אַ וועלכער ס'איז געזעלשאַפטלעכער נויט, האָט ער זיי באַלד געאיילט צו הילף, און דער „גאַראָדניטשי", געוויינלעך, איז אים תמיד געקומען אַנטקעגן.

ב

ניט בלויז ביי זיך אין שטאָט, נאָר אין אַלע דריי גובערניעס: קיעווער, פּאָדאָליער און וואָלינער, האָט הײַלפּערין געהאַט איבערגעגעבענע פריינט, און אומעטום, וואו ס'איז אים אויסגעקומען אויפצוטון עפּעס לטובת אַ געזעלשאַפטלעכן אינטערעס, האָט ער פאַרשטאַנען ווי אויסצונוצן זיין לאַגע, ניט צו דערלאָזן צו צעשטערן יענע רעכט, וואָס עס קומט דעם יידישן קהל לויט דעם געזעץ. זיין טעטיקייט איז מייסטנס באַשטאַנען אין באַשיצן די יידישע ענינים. אין יענער „גליקלעכער" צייט, בעת איטלעכער האָט געקאָנט אומבאַשטראָפט טרעטן מיט די פיס אויף יענע מיקראָסקאָפּישע רעכט, וועלכע יידן האָבן דאַן געהאַט, איז זייער וויכטיק געווען, אַז ס'זאָל זיך פאַר זיי אָננעמען אַ מענטש מיט איינפלוס און מיט מאַכט. אמת טאַקע, אַז כדי ניט אויפצובערענגען אויף יידן יענע פּערזאָנען, וועלכע האָבן זיי געקאָנט אָנטון צרות, פלעגט ער זיך באַנוצן מיט זיין איינפלוס און מיט זיין מאַכט, קלוג אויסגערעכנט, און גאַנץ אָפט פלעגט ער לאָזן אין גאַנג אויך העכסט פרידלעכע מיטלען, ווי אונטערקויפן די שררות דורך מתנות און דורך אַנדערע מינים שוחד, און תמיד פלעגט ער דאָס מאַכן אַזוי איידל און אַזוי דעליקאַט, אַז אפילו יענע, וועלכע פלעגן אים דאַרפן אָפּטרעטן דעם וועג, פלעגן אים מוחל זיין און ניט האָבן צו אים קיין טענות. האָט אים אָבער ווער עס זאָל ניט זיין געשטערט אין אַ גערעכטער זאַך, איז ער דאַן געוואָרן אומברחמנותדיק. אין אַזעלכע פאַלן האָט ער ניט געקאַרגט קיין שום מיטלען, מאַטעריעלע און מאָראַלישע, און ווי איז געווען דעם, וואָס האָט אַרויסגעוויזן איינגעשפּאַרטקייט, אָדער וואָס האָט זיך אַוועקגעשטעלט קעגן זיין ווילן. פון זיין באַלקאָן־אַראָפּ האָט הײַלפּערין געלאָזט פילן זיינע נעגל אפילו דעם איינפלוסרייכסטן קעגנער. אַלע האָבן געוואוסט, אַז קיין אומדערפאָלגן האָט הײַלפּערין קיינמאָל ניט געהאַט: ער האָט אָדער גאָר ניט אָנגעהויבן, אָדער, ווען ער האָט זיך באַשלאָסן

צו נעמען אַ וועלכן־עס־איז ענין, איז שוין ביי אים דער דערפאָלג געווען אויסגערעכנט פון פאָרויס מיט אַ מאַטעמאַטישער פינקטלעכקייט.

אין אַלע געזעלשאַפטלעכע ענינים האָט הײלפערין געאַרבעט נאָר אויף זיין אייגענער אחריות. ס'איז נאָר נויטיק געווען, ער זאָל זיין איבערצייגט אין דער נוצלעכקייט פון אַן ענין, איז ביי אים רעכט געווען אויסגעבן אויף דעם פון זיין קעשענע הונדערטער טויזנטער רובל. אין די ערשטע פערציקער יאָרן, בעת עס איז אַרויס פון ניקאָלאַיען אַ גזרה, מ'זאָל אַרויסטרייבן יידן פון די דערפער, איז דאָן הײלפערין געווען דער אײנציקער, וועלכער האָט אונערמידלעך געקעמפט פאַר אַלע רוסישע יידן, נישט עצהנעגדיק זיך וועגן דעם מיט קיינעם, כדי צו האַלטן די זאַך בסוד פון דער עפנטלעכקייט. ער האָט אַזוי פיל געאַרבעט, ביז אים האָט זיך איינגעגעבן צו ברענגען דערצו, אַז פון אַלע זייטן האָבן מיטאַמאָל אָנגעהויבן פליען קיין פעטערבורג בקשות פון גובערנאַטאָרן, מ'זאָל מבטל מאַכן די גזרה, ווייל דורך איר זענען זיי עלול צו ווערן בדיל-הדל און קומען צו אַן אומגעהויער גרויסן עקאָנאָמישן חורבן.

אײנציק און אַליין איז הײלפערין געשטאַנען אויפן קאַמפּס־פּלאַץ אויך בשעת ניקאָלאַי האָט געפּלאַנט אײנצוטיילן די יידן אין קלאַסן, אין אַזוי־גערופענע „ראַזראַדן“. לויט דערדאָזיקער איינטיילונג, ווען זי וואָלט פאַרווירקלעכט געוואָרן, וואָלטן דאַן כמעט 75 פּראָצענט פון די רוסישע יידן געדאַרפט אנערקענט ווערן אַלס ליידיקגייער און אָן אַ משפּט אַוועקגעשיקט ווערן אין די ווייטע סיבירער סטעפּעס. נאָר הײלפערין אַליין, נישט האַלטנדיק זיך מיט קיינעם קיין עצות, נאָר דורך זיין אייגענעם איינפלוס, דורך זיין אייגענער אייזערנער ענערגיע, מיט זיינע מיטלען, מיט זיין פילאָזאָפישן, געזונטן פאַרשטאַנד האָט ער אָפּגעהאַלטן די פאַרווירקלעכונג פון פאַרשיידענע גזרות, וועלכע האָבן זיך פּראָיעקטירט קעגן כלל־ישראל. יעדעס מאָל האָט ער צוזוי לאַנג געאַרבעט ביז ער האָט געבראַכט צו דעם, אַז די גזרה זאָל אויף אַ געוויסער צייט אָפּגעלייגט ווערן.

ג

אין די העכערע ביוראָקראַטישע ספערן, וואו מ׳האָט מיט ייִדן גאַנץ ווייניק סימפּאַטיזירט, פלעגט מען ריידן מיט גרויס פאַרוואונדערונג וועגן עפּעס אַן אומבאַוואוסטער, פאַרבאָרגענער קראַפט, וואָס לאָזט נישט צו, אַז די געוואונטשענע גזרות זאָלן פאַרווירקלעכט ווערן אין לעבן. דידאָזיקע פאַרבאָרגענע קראַפט איז געווען נישט קיין אַנדערער, ווי יאָסיף איזראַעלעוויטש היילפּערין, וועלכער האָט סיסטעמאַטיש טאָג און נאַכט געאַרבעט לטובת דעם ייִדישן פאָלק. אַזאַ אַרבעט איז אים אויסגעקומען באַזונדערס שווער, ווייל נישט באַזיצנדיק קיין שום אייראָפּעאישע בילדונג, האָט ער געמוזט אָנקומען צו פרעמדער הילף, דאָס רוב נישט צו ייִדישער, ווייל ייִדן האָבן וועגן דעם נישט געדאַרפט וויסן, כדי זיי זאָלן זיך נאָך נישט אויסריידן אין קאַליע מאַכן דורכדעם דעם גאַנצן ענין. ער האָט געמוזט פירן אַן אָרגאַניזירטע אַטאַקע אויף אַלע פּונקטן, צו פאַרווענדן אויף דעראָזיקער אַטאַקע אומגעהויער גרויסע ק״עפטן, און אַליין בלייבן שטיין פונדערווייטנס, כדי נישט באַמערקט צו ווערן — נישט בלויז פון אייגענע, נאָר אויך פון פרעמדע.

גאָך אַזאַ טעטיקייט איז שוין קיין וואונדער נישט, אַז אין אַלע פאָלקס-אומגליקן האָט זיך היילפּערין אַרויסגערוקט אויפן ערשטן פּלאַן. דאָס פאָלק האָט געוואוסט, אַז אין אַזעלכע פאַלן איז ער אי אַ בעל-טובה, אי אַ טרייסטער, און קומענדיק צו אים אויפן „באַלקאָן“, איז מען געווען זיכער, אַז מ׳וועט פון דאָרט נישט אַוועקגיין אָן אַ טובה און אָן אַ טרייסט. אין דעם איז באַשטאַנען די סיבה פון דעם גרויסן יראת-הכבוד, מיט וועלכן דאָס פאָלק האָט זיך צו אים באַצויגן. ס׳איז געקומען דערצו, אַז ווען מען פלעגט עמיצן פון המון אַ פרעגן וועגן ר׳ יוסף היילפּערינען פלעגט ער אויף דעם מיט טרערן אין די אויגן ענטפערן: איז דען דאָ נאָך אַזאַ ייִד, ווי ער אויף דער גאַנצער וועלט?!

היילפּערינס שתדלנישע טעטיקייט האָט זיך אָנגעהויבן

גאַנץ פרי. ער איז נאָך אַ יונגער מאַן געווען, נאָר-וואָס אין ער אַראָפּ פון שווערס קעסט, און שוין איז ער צוויינגעצויגן געוואָרן אין דעם שטאָרם פון דער יידישער כלל-טועריי. געבראַכט האָט אים דערצו די הייסע צייט, וועלכע איז דאַן אָנגעשטאַנען אינם לעבן פון רוסישן יידנטום. יידן האָבן זיך דערוואוסט, אַז ניקאָלאַי האָט באַשלאָסן נישט צו באַפרייען זיי מער פון מיליטער-דינסט פאַר אַ געוויסן געלט-אָפּצאָל, ווי עס האָט זיך געפירט ביז אַהער, נאָר נעמען פון זיי זעלנער ווי פון די רוסן. די דאָזיקע ידיעה האָט אַרויסגערופן ביי יידן זייער אַ שטאַרקע אויפרעגונג, ווייל זיי האָבן זיך געשראָקן, אַז דער נייער תקון, וואָס ניקאָלאַי וויל איינפירן, איז עלול אונטערצוגראָבן זייער רעליגיעז און אויך עקאָנאָמיש לעבן. ס'האָבן אָנגעהויבן פליען שתדלנים קיין פעטערבורג, מ'האָט געפירט אונטערהאַנדלונגען מיט שררות, מיט די גרעסטע ביוראָקראַטן, פאַרוואַלטער פון פאַרשיידענע דעפּאַרטאַמענטן; ווי עס ווייזט אויס, האָט מען געפּרואווט לאָזן אין גאַנג אויך אומגעהויער גרויסע געלט-סומעס. ווען מען נעמט אין באַטראַכט, אַז מיט אַזעלכע מיטלען קעגן מיליטער-דינסט האָבן זיך דאַן און שפּעטער באַנוצט כמעט אַלע פרעמדע פעלקער אין רוסלאַנד, ווי די טאָטערן, אַרמענער און אַנדערע, איז דאָס מצד די יידן מיט זייער אייגנאַרטיקן לעבנס-שטייגער געווען גאַנץ באַגרייפלעך...

אויף אַ צייט האָבן זיך די צוגרייטונגס-אַרבעטן אין די קאַנצעלאַריעס מיטאַמאָל אָפּגעשטעלט. די סיבה דערפון איז געווען דאָס, וואָס צווישן די מיניסטאָרן און די מיטגלידער פון מלוכה-ראַט זענען פאָרגעקומען מיינונגס-פאַרשיידנהייטן וועגן דער פראַגע. צי עס איז צוועקמעסיק צו כאַפּן איינפירן פאַר יידן מיליטער-דינסט לויטן אַלגעמיינעם פּראָגראַם. דאָס אויסאַרבעטן דעם פּראָיעקט איז צוגעגאַנגען זייער לאַנגזאַם. אָבער ניקאָלאַי דער ערשטער האָט נישט געקאָנט סובל זיין קיין תירוצים און קיין פאַרשלעפּענישן אין אַן ענין, וואָס פאַר אים פערזענלעך איז ער שוין לאַנג געווען אַ באַשלאָסענער, כאָטש די זאַך האָט געמעגט צעטרייסלען די לעבנס-יסודות פון אַ גאַנץ

פאָלק. אים האָט געערגערט די לאַנגזאַמקייט פֿון די קאַנצע־לאַריעס, דאָס קלויבן פון די אין אַזאַ ענין זייער וויכטיקע סטאַטיסטישע ידיעות א. אַז. וו. אַרויסגייענדיק אַמאָל פון געדולט, האָט ער אין אַ שײנעם פרימאָרגן איינפאַך באַפוילן דעם מיניסטער צוצוגרייטן אים צום אונטערשרייבן אַן „אוקאַז" וועגן מיליטער־דינסט פאַר יידן.

זייער אינטערעסאַנטע ידיעות, ווען אַפילו באַאַרבעט מיט אַ ביסל אַנטיסעמיטיזם, וועגן דעם, וואָס ס'איז דעמאָלט פאָר־געקומען אין די פעטערבורגער ביוראָקראַטישע ספערן, געפונען מיר אין די דערציילונגען פון אַ געוויסן צ י פ ר י נ ו ס, וואָס זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין „רוסקי אַרכיוו" פאַרן יאָר 1872. דערדאָזיקער ציפרינוס איז געווען אַ באַאַמטער, וועלכער האָט דאַן געדינט אין דער קאַנצעלאַריע פונם אינערן־מיניסטער, אין דער ערשטער אָפּטיילונג, ווי ס'האָבן זיך הויפּטזעכלעך קאָנצענטרירט אַלע מאַטעריאַלן בנוגע איינפירן מיליטער־דינסט פאַר יידן.

דער קייזער ניקאָלאַי — אַזוי דערציילט דער דערמאָנטער באַאַמטער — האָט באַלד נאָך זיין טראָן־באַשטייגונג מודיע געווען דעם דעמאָלטיקן אינערן־מיניסטער, אַז ער וויל נישט אַנדערש נאָר מ'זאָל ביי יידן אויך נעמען סאָלדאַטן, ווי ביי אַנדערע. ווייל דער איינציקער טייל פון דער מדינה, וואו יידן האָבן געמעגט וואוינען, דער גאַנצער מערב־קאַנט, האָט זיך געפונען אונטער דער הויפּט־פאַרוואַלטונג פון דעם קייזערס ברודער, קאָנסטאַנטין פּאַוולאָוויטש, דער „נאַמיעסטניק" פון וואַרשע, האָט דעריבער די העכערע ביוראָקראַטיע איינגעזונען, אַז ווי פעסט ס'זאָל נישט זיין דעם קייזערס רצון צו פאַר־ווירקלעכן די זאַך תיכף ומיד, פאָדערט אָבער די מלוכה־העפ־לעכקייט מודיע צו זיין וועגן דעם פריער דעם גרויספירשט און אָנפרעגן זיין מיינונג. אינגיכן איז פון קאָנסטאַנטינען אָנ־געקומען אַ תשובה, אַז ער האָט די זאַך איבערגעגעבן דעם סענאַטאָר נ אָ וו אָ ס י ל צ ע וו, וועלכער איז באַקאַנט פון דער באַגעגעניש מיט דעם לעבן פון דער יידישער באַפעלקערונג אין די

גובערניעס פון דעם מערב און דרום-מערב-קאַנט און פון ווייס-רוסלאַנד, און ווי דער סענאַטאָר וועט נאָר אַרויסטראָגן זיין מיינונג וועגן דעם ענין, וועט ער עס תיכף מודיע זיין דעם מיניסטער, אים פאַרצוליגן עס פאַר זיין מאַיעסטעט דעם קייזער.

דער קייזער האָט פון דער זאַך נישט געמאַכט קיין סוד. אַלע האָבן געוואוסט און אַלע האָבן צווישן זיך געשמועסט, אַז גאָר גיך וועט מען אָנהייבן נעמען יידן צום מיליטער. יידן האָבן שוין פון לאַנג געוואוסט, וואָס פאַר זיי גרייט זיך, און האָבן געהאַט אין פעטערבורג זייערע אַגענטן, כדי דעם קלאַפּ אָפּצעווענדן, אָדער, צום ווייניקסטן, אָפּלייגן אים אויף אַ צייט. און זיי וואָלטן אין דעם געוויס געהאַט דערפאָלג, ווי זיי האָבן געהאַט דערפאָלג אין זייערע פיל אַנדערע ענינים, ווען דער געדאַנק וואָלט נישט אָנגעהערט דעם קייזער אַליין און ווען ער וואָלט אויף אים נישט באַשטאַנען אַזוי פעסט און מיט אַזאַ אומבויגעוודיקן ווילן.

אין יענער צייט — אַזוי דערציילט דער באַאַמטער ווייטער — פלעגט מיך אָפט באַזוכן אַן אָנגעזעענער ייד, וועלכער איז געווען אַ רב אין גראָדנער גובערניע און האָט געהייסן מרדכי לייבאָוויטש. ער האָט מיר געבראַכט אַ בריוו פון מיינעם אַ דאָרטיקן פריינט. דער ייד איז געווען זייער אַ געבילדעטער מאַן, און באַזונדערס אַ גרויסער תלמודיסט. איך האָב מיך דעמאָלט פיל באַשעפטיקט מיט שטודירן די יידישע קבלה, אין וועלכער לייבאָוויטש האָט געהאַט אַ גרויסע ידיעה. איך האָב אים איינגעלאַדן צו באַזוכן מיך און פלעג מיט אים גאַנצע אָוונטן אָפּשמועסן וועגן ענינים, וואָס האָבן אַ שייכות צו דערדאָזיקער געהיימער וויסנשאַפט און צו דער יידישער רעליגיע בכלל. ער איז מיר געווען זייער נוצלעך ביי מיינע פאָרשונגען, דערקלערנדיק מיר פאַרשיידענע טונקעלע פראַגן. אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן צווישן אונדז אַ קענטעניש התקרבות, וועלכע האָט זיך אויסגעדריקט מצד דעם רב אין אַ ביי-טער אָפנהערציקייט. ער האָט, דוכט מיר, אַפילו געהאָפט, אַז ער וועט מיר גובר זיין אין אונדזערע ויכוחים און וועט מיך מאַכן

פאַר אַ יידן, און איך, כּדי נאָך מער אים אויסצופּאָרשן, האָב אים זיין אילוזיע נישט צעשטערט.

ווייל וועגן דעם יידישן מיליטער־דינסט האָבן שוין אַלע געוואוסט, האָבן מיר אָפּט מכח דעם געשמועסט. דער רב איז געווען אַ גרויסער שונא פון דער זאַך, ער האָט געזאָגט, אַז דאָס איז זייער אַ שווערע באַדריקונג, און ער איז געווען זיכער, אַז אָדער עס וועט דערפון בכלל גאָרנישט ווערן, אָדער דאָס וועט נישט אַזוי גיך פאַרווירקלעכט ווערן, און דערווייל וואָס־ווען — אַזוי האָט ער געזאָגט — קאָן זיך דער מצב אינגאַנצן ענדערן, זיין מיינונג איז געווען, אַז ווען עמיץ וואָלט דער־קלערט דעם קייזער דעם גאַנצן מהות פון דער זאַך, וואָלט ער זיך דאָן געוויס אָפּגעזאָגט פון זיין געדאַנק.

איך האָב, נאַטירלעך, נישט דערציילט, וואָס עס קומט פאָר אין מיניסטעריום, נאָר ס׳איז געווען קענטיק, אַז ער איז געווען איינער פון די פּעטערבורגער אַגענטן און האָט אויך אָן מיר אַלץ געוואוסט, ער איז אָבער געווען אויף אַזוי פיל דעליקאַט, אַז ער האָט מיך נישט געוואָלט ברענגען צו אַ נסיון. אַז איך פלעג אים אַמאָל אַ זאָג־טון אין אַ וויץ, אַז איינער פון זיינע זין וועט נאָך זיין אַ סאָלדאַט, פלעגט ער תמיד ענטפערן מיט אַ הײמלעכן שמייכל; „נו, מיר וועלן זען“.

דערווייל זענען אַריבער אַ וואָכן זעקס, און באַוואָסילצעווס מיינונג וועגן דער יידן־פראַגע, וואָס דער גרויספירשט האָט מבטיח געווען אַריינצושיקן, איז נאָך אַלץ נישט אָנגעקומען. דער קייזער פלעגט ביי יעדן ראַפּאָרט פרעגן וועגן דעם אומגעדולדיק דעם מיניסטער, און הייסן מאַכן אַ נייע אָנפראַגע אין וואַרשע. אויף דעם האָט דער גרויס־פירשט געענטפערט, אַז דער סענאַטאָר קלויבט די גויטיקע ידיעות אויפן אָרט. עס זענען אַוועק נאָך אַ וואָכן דריי ביז ס׳האָט ביים קייזער ענדלעך געפּלאַצט די געדולט און ער האָט באַפוילן דעם מיניסטער, מער אַ מינוט נישט צו וואַרטן און צו פאַרפאַרטיקן תיכף אָן „אוקאַז“ צום סענאַט, אַז צום ערשטן אַלגעמיינעם „נאַבאָר“ זאָלן גערופן ווערן די יידן גלייך מיט אַלעמען.

ש. ל. ציטראָן

ד

אין צוויי וואָכן אַרום, נאָכדעם, ווי עס זענען פון סענאַט פּאַנאַנדערגעשיקט געוואָרן די „אוקאַזן" וועגן דעם יידישן „גאַבאַר" צו אַלע גובערנאַטאָרן און אויך צו דעם גרויספירשט אַלס העכסטער פּאַרוואַלטער איבער די מערבדיקע, דרום-מערבדיקע און ווייסרוסישע גובערניעס, איז אין מיניסטעריום אָנגעקומען פון קאָנסטאַנטין פּאַוולאָוויטש אַ תשובה מיט אַ ביי געלייגטן ראַפּאָרט פון סענאַטאָר נאָוואָסילצעוו.

אין דעמדאָזיקן ראַפּאָרט האָט נאָוואָסילצעוו אויספירלעך אַרומגערעדט דעם פּראָיעקט וועגן נעמען יידן צום מיליטער-דינסט, און האָט אים דערקלערט פאַר זייער נוצלעך. דערביי האָט ער באַמערקט, אַז די יידן זענען פון תמיד אָן טריי דער רוסישער רעגירונג, אַז זיי האָבן פון איר גרויסע פאַרדינסטן. זיין אויספיר איז אָבער געווען, אַז ס'איז נאָך נישט געקומען די צייט צו פאַרווירקלעכן דעם פּראָיעקט, און אַז אַפריער דאַרפן דורכגעפירט ווערן פאַרשיידענע פאַראָרדנונגען, וועלכע זאָלן מכין זיין די יידן צו אַזאַ שווערער איבערקערעניש אין זייער לעבן א. א. וו.

ניקאָלאַי האָט דידאָזיקע מיינונג נישט גענומען אין אַכט, אָבער אויף נאָוואָסילצעוון האָט מען אַרויסגעלאָזט אַ קלאַנג, אַז די וואַרשעווער יידן האָבן אים אונטערגעקויפט מיט אַ גרויסער מטבע.

בכלל זענען פאַרשפּרייט געוואָרן אַ סך לעגענדעס, דורך אַנטיסעמיטן, געוויינלעך וועגן דעם, ווי די יידן האָבן אָפּ-געשלאָגן די שוועלן ביי די גרעסטע שררות און זיי געוואָלט אָפּשיטן מיט גאָלד, אַבי נאָר זיי זאָלן זיך אַרויסזאָגן קעגן יידישן מיליטער-דינסט; יענע האָבן אָבער דאָס געלט נישט גענומען, ווייל זיי זענען געווען גרויסע בקי-פּפימניקעס...

באַזונדערס כאַראַקטעריסטיש איז איינע פון די לעגענדעס װעגן דעם, װי אַזױ ניקאָלאַיעװ איז איינגעפאַלן נעמען קליינע יידישע קינדער פאַר סאָלדאַטן. דידאָזיקע לעגענדע װערט געבראַכט כמעט אין אַלע רוסישע היסטאָרישע זשורנאַלן, אָבער אין פאַרשיידענע װאַריאַנטן, אַזױ אַז בײַ יעדן שריפטשטעלער װערט אָנגערופן דער הױפּט-העלד פון דער געשיכטע מיט אַן אַנדער נאָמען. דער יסוד איז אָבער בײַ אַלעמען איינער און דערזעלבער. אין „איסטאָריטשעסקי װיעסטניק", למשל, דערציילט אַ מעמואַריסט פון יענער עפּאָכע, אַ געװיסער ג. י. אַ ר י ס ט אָ װ, פאָלגנדיקעס:

„מיט גרויס שרעק האָבן יידן דערהערט דידאָזיקע ביטערע נייעס; בליץ-שנעל האָט זיך פאַנאַנדערגעטראָגן איבער אַלע קהלות אין רוסלאַנד די ידיעה װעגן דער גרויסער סכנה. אומעטום האָט מען אויסגערופן תעניתים און געקליבן נדבות. אין פאַרלויף פון אַ חודש האָט מען צונויפגעזאַמלט עטלעכע הונדערט טויזנט רובל. דידאָזיקע סומע איז באַשטימט געװאָרן אויף משחד צו זיין די איינפלוסרייכסטע ביוראָקראַטן אין פעטערבורג, זיי זאָלן זיך משתדל זיין, נישט צו דערלאָזן איינפירן מיליטער-דינסט פאַר יידן. די יידישע גבירים, די אָנפירער פון די קהלות האָבן גענומען דאָס געלט און זענען אַװעקגעפאָרן אָפּצושטון דעם עסק; אין דאָס רוב פאַלן זענען זיי געװוען צופרידן, װייל זייער השתדלות האָט געהאַט דערפאָלג.

אַ גרויס שטערניש האָבן זיי אָבער באַגעגנט אין דעם אומאייגננוציקן, ערלעכן גראַף מ אָ ר ד װ י נ אָ װ, מיט װעלכן עס האָט געהאַלטן דער קייזער. „װאָלט ער כאָטש אַ ביסל געװען מיט אונדז, אָדער װען ער װאָלט צוליב אַ קראַנקהייטס-פאַל נישט געקומען אין מלוכה-ראַט, אָדער װען ער װאָלט, איינפאַך, בײַ דער זיצונג געזעסן און געשװיגן, דאַן װאָלטן מיר געװויס אויסגעפירט". אַזױ פלעגן ריידן צװישן זיך די הויף-שררות. און די יידישע פאָרשטייער האָבן גענומען באַטראַכטן, װי אַזױ זיי זאָלן קאָנען צוקומען צום אַדמיראַל מאָרדװינאָװ.

מיט אַ פּאָר טעג פריער, איידער עס האָט געדאַרפט

פאַרקומען אין מלוכה-ראַט די זיצונג וועגן יידישן מיליטער-דינסט, זענען געקומען שליחים צום גראַף און האָבן געבעטן, ער זאָל זיי באַווייזן צו שענקען אַביסל צייט. מאָרדווינאָוו איז צו זיי אַרויס און האָט זיי געגומען אויפמערקזאַם אויס-הערן, אַלס טפּיש מענטשן-קענער, האָבן זיי לכתחלה באַרירט די הומאַניסטישע סטרונע, און האָבן, צווישן אַנדערן, געטענהט: „וואָס פאַר אַ פאַרדינסט וועט דאָס זיין פאַר אייער דורכלויכט, ווען מיליאָנען אונטערטאַנען פון דעם קייזער אין גאַנץ רוסלאַנד וועלן אויפהייבן אַ געוויין און אַ קלאָג און וועלן שעלטן מיט טויטע קללות יענע, וואָס זענען שולדיק אין זייער אומגליק".

— זאָלן זיך בעסער אויף מיין קאָפּ שיטן די יידישע קללות, — האָט מאָרדווינאָוו געזאָגט מיט אַ שמייכל, — איידער אויסצוהערן טענות פון מיינע אייגענע פּראַוואָסלאַווע ברידער, וועלכע זענען די בעלי-בתים פון דער רוסישער ערד און פאַרדינען יעדע פאַרלייכטערונג.

דאַן זענען די יידן צוגעטרעטן צו דעם, לויט זייער מיינונג, וויכטיקסטן פּראַקטישן מיטל און האָבן אָנגעהויבן פאַרצולייגן דעם גראַף אומגעהייער גרויסע געלט-סומעס, כדי נאָר ער זאָל נישט שטערן יענע, וואָס וועלן אין מלוכה-ראַט אַרויסטרעטן קעגן דעם פּראָיעקט.

— איך האָב ביז-אַהער נישט געהאַנדלט, נישט מיטן אמת און נישט מיט מיין געוויסן!... — האָט זיי מאָרדווינאָוו שטאָלץ איבערגעריסן.

— אייער דורכלויכט! וועמען איז דאָס נישט באַקאַנט, אַז אייך מיט ספּעדאַנסקין קאָן מען נישט אונטערקויפן? היתכן, אַז איר האַלט אונדז פאַר אַזוי נידריק און קליין, אַז מיר וועלן האָבן די העזה צו בעטן אייך, איר זאָלט מאַכן געשעפט מיט די אומשעצבאַרע אוצרות פון אייער נשמה? מיר לייגן אייך פאַר צוויי הונדערט טויזנט רובל נאָר דערפאַר, איר זאָלט שווייגן אין מלוכה-ראַט, און פאַר דערדאָזיקער סומע קאָנט איר דאָך טון פיל טובות און חסדים.

— דאָס הייסט, אַז איר גיט מיר צוויי הונדערט טויזנט

רובל נאָר פאַר דעם, איך זאָל שווייגן? — האָט זיי דער אַדמיראַל איבערגעפרעגט — האָב איך אייך ריכטיק פאַרשטאַנען?

— גאַנץ ריכטיק, נאָר פאַרן שווייגן; קיין אומרעכט דאַרף דאָ נישט געטון ווערן פון אייער זייט.

— אויב אַזוי, טאָ גיט אַהער דאָס געלט; פאַר דער גאַנצער צייט, וואָס עס וועט אין מלוכה-ראַט באַהאַנדלט ווערן די פראַגע וועלכע אינטערעסירט אייך אַזוי, וועל איך נישט אַרויסלאָזן פון מיין מויל קיין איין-איינציק וואָרט, נישט פאַר אייך און נישט קעגן אייך.

— אייער דורכלויכט חוזקט נישט פון אונדז? — האָבן געפרעגט די שליחים פון קהל, וועלכע האָבן, ווי עס ווייזט-אויס, נישט געגלויבט זייערע אויערן.

— וואָס זאָל דאָ זיין פאַר אַ חוזק? איך בין אייך מבטיח און גיב אייך מיין עהרן-וואָרט, אַז איך וועל טון, ווי איך האָב געזאָגט.

זייער שנעל און פינקטלעך האָבן זיך די יידן פאַנאַנדער-געזעגנט מיט מאָרדווינאָוון און זענען און גרויס התפעלות אַוועק אהיים, זייענדיק זיכער, אַז זיי האָבן זייער זאַך געוואונען.

די זיצונג אין מלוכה-ראַט איז פאָרגעקומען צו דער באַשטימטער צייט מיט דער באַטייליקונג פון אַלע מיטגלידער. דאָסמאָל איז דער קייזער אַליין אויך געקומען צו דער זיצונג. מ'האָט אָנגעהויבן באַהאַנדלען די פראַגע וועגן יידישן מיליטער-דינסט. דאָס רוב מיטגלידער האָבן גענומען איינער נאָך דעם אַנדערן אויפווייזן מיט באַגייסטערונג און מיט התלהבות, וואָס פאַר אַ גרויסער שאָדן עס וועט אַרויסקומען פאַר דער רוסישער מיליטערישער דיסציפלין, ווען מ'וועט נעמען יידן פאַר זעלנער. מאָרדווינאָוו האָט זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט און — געשוויגן.

אַלץ שטאַרקער האָבן זיך פאַנאַנדערגעפלאַקערט די וכוחים און דאָס האַמפּערניש, און כסדר לטובת יידן. מאָרדווינאָוו זיצט ווי פריער, שטיל. ער רעדט נישט קיין וואָרט. עפעס ווי די פראַגע וואָלט אים גאָרנישט אינטערעסירט. דער קייזער האָט נישט איינמאָל שאַרף אַ קוק-געטון אויף אים, וועלנדיק, אַז

ער זאָל זיך אַריינמישן אין די דעבאַטן און זאָל אָפּוואַרפן די אַרויסגעזאָגטע מיינונגען פון די מיטגלידער פון מלוכה-ראַט. דער גראַף האָט אָנגעהויבן אויסמיידן דעם קייזערס בליקן און געקוקט אָן אַ זייט. ענדלעך האָט ניקאָלאַי אין זייער אַ שאַרפן טאָן באַמערקט מאַרדווינאָוון:

— דו הויפּטזעכלעך ביסט באַשטאַנען אויף דעם, אַז מ'זאָל צוציען יידן צום מיליטער-דינסט; איצט ווערט באַהאַנדלט אַזאַ וויכטיקע פראַגע, דו הערסט, אַז פיל זענען מיט דעם נישט מסכּים און זאָגן, אַז די פאַרווירקלעכונג פון דעם פּראָיעקט וועט ברענגען שאָדן, פאַרוואָס רעדסט דו גאָרנישט?

— איך קאָן נישט, אייער קייזערלעכע מאַיעסטעט!

— וואָס הייסט: „איך קאָן נישט“? — האָט זיך פאַרוואונדערט דער קייזער — וואָס זאָל עס באַדייטן?

— איך האָב געגעבן מיין עהרנוואָרט נישט צו ריידן, און איך מוז עס האַלטן.

דער קייזער האָט זיך נאָך מער פאַרוואונדערט און פאַרוואָרפן דעם אַדמיראַל מיט פראַגן: „וועמען האָסטו געגעבן דיין וואָרט? פאַרוואָס?“ א. א. וו.

מאַרדווינאָוו האָט געענטפערט:

— כדי איך זאָל שוויגן בעת ס'וועט זיך באַהאַנדלען אין מלוכה-ראַט די יידישע פראַגע, האָט מען מיר געגעבן אַ גרויסע סומע געלט.

דערביי האָט מאַרדווינאָוו אַרויסגענומען פון זיין פּאָרטפעל דאָס געלד און עס דערלאַנגט דעם קייזער.

— דאָ איז ריכטיק צוויי הונדערט טויזנט רובל! — האָט מאַרדווינאָוו געזאָגט, — אויב מיר האָבן די יידן פאַרן איין שווייגן געגעבן אַזאַ גרויסע סומע, טאָ וויפל האָבן שוין געגעבן יענע מיטגלידער פון מלוכה-ראַט, וועלכע האָבן דאָ לטובת די יידישע אינטערעסן אַזוי שיין און מיט אַזאַ התפּעלות געדרשנט?...

דער קייזער האָט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט, האָט געהייסן די

צוויי הונדערט טויזנט רובל איבערגעבן אין דעם אינוואַלידן־פאָנד און געשלאָסן די זיצונג.

אויף מאָרגן האָט ניקאָלאַי פאַר גרויס כעס נאָך שטאַרקער געמאַכט די גזרה מיט דעם, וואָס ער האָט באַפוילן צו נעמען פון יידן קליינע קינדער פאַר סאָלדאַטן".

וויפל לעגענדישער עלעמענט ס'זאָל זיך נישט געפונען אין דידאָזיקע אַלע מעשיות, איז אָבער אַ פאַקט, אַז דער פּראָיעקט וועגן מיליטער־דינסט האָט אין זיין צייט געטראָפן די רוסישע יידן ווי אַ דונער, און אַז זיי האָבן פון אָנהויב געגלויבט, אַז מיט געלט וועט זיך זיי איינגעבן די זאַך צו פאַרדרייבן. און צוליב דעם צוועק זענען זיך צונויפגעפאָרן געוויסע יידישע כלל־טוער קיין פעטערבורג.

צווישן דידאָזיקע עסקנים זאָל זיך האָבן געפונען אויך דער דעמאָלט נאָך גאַנץ יינגער יוסף היילפּערין. ער איז אָבער געוויס נישט געקומען אונטערקויפן די שררות. צו־ערלעך און צו־שטאָלץ איז ער געווען, ער זאָל זיך באַנוצן מיט שוחד. גיכער איז דער צוועק פון זיין קומען קיין פעטערבורג געווען, משתדל צו זיין זיך לטובת די יידן פון אַלט־קאָנסטאַנטינאָוו, וואָלינער גובערניע, אויף וועלכע מ'האָט, צוליב אַ נאַרישקייט, דערלאַנגט ניקאָלאַיען אַ פאַלשע מסירה, אַז אין דעם טאָג, ווען עס איז פאַרעפנטלעך געוואָרן דער „אוקאַז" וועגן יידישן מיליטער־דינסט, האָבן זיי זיך, אַלס צייכן פון פּראָטעסט, צעבונטעוועט און געבראַכט צו אומרוען. אויף דעם סמך פון דער מסירה האָט ניקאָלאַי אַרויסגעגעבן אַ באַפעל צום גרויספירשט, ער זאָל די יידישע בונטאָווטשיקעס איבערגעבן צום מיליטער־געריכט. אָבער דאָס, וואָס עס האָט פּאַסירט אין אַלט־קאָנסטאַנטינאָוו, איז געווען אין אמתן עפּעס־וואָס אַנדערש. אונטער דעם דערשיטערנדן איינדרוק פון „אוקאַז", האָבן די יידישע איינוואוינער, דורכאויס חסידים, געפאַסט און געוויינט אין די שולן, און צום סוף האָבן זיי זיך געכאַפּט פאַר אַ „וויכטיק" מיטל: זיי האָבן אָנגעשריבן אַ בקשה מיט אַן אָנקלאַגע צום רבונו של עולם, און האָבן דאָס פּאַפּיר איבער־

געגעבן אין די הענט פון איינעם אַ קהלס-מאַן, וועלכער איז אין יענע טעג געשטאָרבן, ער זאָל עס אָפּגעבן וואו מען דאַרף.

דידאָזיקע נאַאיווע אָנקלאַגע צום הימלשן קייזער אויפן ערדישן, האָט די אַלט-קאָנסטאַנטינאָווער אַדמיניסטראַציע באַטראַכט פאַר אַ „בונט״. אַלס פאָרשטייער פון דער וואָלינער יידישער באַפעלקערונג, האָט דער אַלט-קאָנסטאַנטינאָווער צופאַל אָנגערירט היילפערינען טיף אין האַרצן, און פון דעמאָלט אָן זאָל זיך עס האָבן אנגעהויבן זיין שתדלנישע טעטיקייט.

ה

אין יענער צייט האָבן זיך געגומען ווייזן אויף וואָלין קליינע הייפלעך אַזויגערופענע „משכילים״, וועלכע האָבן מיט זייער אויפפירונג אַרויסגערופן גרויס פאַרביטערונג ביים אָרטאָדאָקסישן עולם. דער אין זיין צייט באַוואוסטער יידיש-רוסישער זשורנאַליסט און געשוואוירענער אַדוואָקאַט מנשה מרגלית גיט אין זיינע דעראינערונגען וועגן דידאָזיקע משכילים פאָלגנדיקע, זייער אינטערעסאַנטע כאַראַקטעריסטיק:

„ווער עס האָט נאָר עפּעס פאַרזוכט פון בילדונג, האָט באַלד געפונען פאַר זיין חוב אויסצעטיילן זיך פון זיינע גלויבנס-ברידער. עובר צו זיין עפנטלעך אויף די הייליקסטע טראַדיציעס, אָפּצוטון אַלערליי אַפּיקורסישע שטיקלעך און גאַנץ אָפט זינדיקן אפילו קעגן דער זיטלעכקייט. דער אָרימער משכיל האָט זיך נאָך ווי-עס-איז באַהאַלטן מיט זיינע פרייהייטן, דער רייכער האָט זיך אָבער נישט געשעמט צו טון אַלץ פאַר אַלעמען אין די אויגן. וואָלטן זייערע מעשים באַרירט נאָר די ספערע פון דער רעליגיע, וואָלט מען נאָך געקאָנט מיינען, אַז דאָס זענען, אמת׳ע, פרייגעזאָננע, אָבער אויפריכטיקע, ערלעכע מענטשן. זיי זענען אָבער דערצו געווען אויך נישט קיין בעלי-מדות, האָבן זיך מיאוס אויפגעפירט אין זייער הויזלעכן לעבן, זענען זיך באַגאַנגען סקאַנדאַליעז מיט

זייערע פרויען, און דורכדעם האָבן זיי געוואָרפן אַ פינסטערן שאָטן אויף דער „השכלה". אַלץ דאָס שלעכטס, וואָס דידאָזיקע לייט האָבן אָפּגעטון, האָבן די אָרטאָדאָקסן געשטעלט אויפן חשבון פון זייער בילדונג. ס'איז דאָן נישט געווען קיין איין אויטאָריטעטער נאָמען, קיין איין מענטש מיט אַן ערנסטער, וויסנשאַפטלעכער בילדונג, וואָס וואָלט געקאָנט אַרויספירן אויפן ריכטיקן וועג די זיך אויפוואַכנדיקע בילדונגס-אינסטינקטן. וואָס פאַר אַ ווערט האָבן דידאָזיקע משכּילים געקאָנט האָבן אין די אויגן פון אַזאַ קלוגן, פּראַקטישן פילאָזאָף, מיט אַזאַ טרייער איבערגעגעבנקייט צו די אינטערעסן פונם יידישן פאָלק, ווי ס'איז געווען יאָסיף איזראַעלעוויטש היילפּערין ?

און וואָס ס'האָט געדאַרפט געשען, איז געשען. היילפּערין האָט די „משכּילים" דערקלערט קריג, קריג אויף לעבן און אויף טויט. . . אויף דערדאָזיקער מלחמה האָט ער פאַרוואַנדעט אַ סך פון זיין צייט, פון זיין ענערגיע און פון זיין געלט. די „משכּילים" זענען אויך נישט געבליבן זיצן מיט פאַרלייגטע הענט. זיי האָבן זיך באַלד גרופּירט אַרום אַ געוויסער פּערזאָן, וואָס האָט זיך געשטעלט בראש פון זיי אַלס היילפּערינס פאַרביטערטער קעגנער.

וועגן דערדאָזיקער „געוויסער פּערזאָן" גיט איבער מרגלית פאָלגנדיקע פּרטים :

„היילפּערינס קעגנער איז געווען אַ מענטש מיט אַן איבערפלעכלעכער בילדונג, וועלכער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אַלע אייגנשאַפטן פון זיין טיפּ. ער האָט זיך געשטעלט בראש פון דער פּאַרטיי, נאָר אַ דאַנק זיין גרויסער עשירות און זיין פאַרנעם אין דער געזעלשאַפט, אָבער נישט ווייל ער האָט געהאַט וועלכע-עס-איז מאָראַלישע פאַרדינסטן. זיין גאַנצע פּאַרטיי איז באַשטאַנען פון עטלעכע מענטשן, פון וועלכע אַנדערע, אַלס אָפּהענגיקע, האָבן געאַרבעט געהיים, און אַנדערע, וועלכע זענען פון קיינעם נישט געווען אָפּהענגיק, זענען געווען ווייניק ענערגיש ; דערצו האָבן זיי נאָך געאַרבעט צעזייט און צעשפּרייט אָן אַ וועלכן-עס-איז סיסטעם. אויב די פּאַרטיי האָט

חען-עס-איז געהאַט אַ שטיקל נצחון, איז דאָס געשען – אָדער דורך אַ צופאַל, אָדער דורך יענע צוויי, דריי טריט פאָרויס, וואָס היילפּערין האָט איר גערן אָפּגעטראָטן, כדי אַרויפצוּוואַרפן זיך אויף איר נאָכדעם פעסטער און בעסער איר אויסברעכן די ביינער. דער אָנפירער מיט דער משכּילים-פּאַרטיי האָט פאַר דעם הויפּטצוועק פון דער מלחמה געהאַלטן נישט די דערגרייכונג פון געזעלשאַפטלעכע צילן, ווי דאָס איז געווען דער דעוויז פון ר׳ יוסף היילפּערין; ער איז נאָר אויסן געווען די פּערזענלעכע מפּלה פון היילפּערינען אַליין, אונטער-צוגראָבן זיין קרעדיט אין די אויגן פון דער רעגירונג, און באַזונדערס אין דער פינאַנסיסטישער וועלט, אָדער, פּשוט גערעדט; אויסהאָבן אים פון „באַלקאָן"...

וועגן היילפּערינס מלחמה מיט דער משכּילישער פּאַרטיי, וועלכע האָט אים צום סוף אומגליקלעך געמאַכט, ווי דער לעזער וועט זען אין דעם ווייטערדיקן קאַפּיטל זענען נאָך עד היום פאַרשפּרייט אין וואָלינער און פּאָדאָליער גובערניעס פאַרשיידענע מעשׂיות, וואָס קלינגען העכסט אַנעקדאָטיש. צווישן אַנדערע ווערן דערציילט אויך פאָלגנדיקע פאַקטן:

דורך פאַרשיידענע וועגן האָט היילפּערין תּמיד געוואוסט, וואָס זיינע קעגנער פּלאַנעווען צו טון, און יעדעס מאָל פלעגט ער זיך מקדים זיין און צעשלאָגן זייערע פּלענער. בעת ניקאָלאַי דער ערשטער האָט אַרויסגעגעבן דאָס געזעץ, אַז די טראַדי-ציאָנעלע יידישע קליידונג זאָל אומגעביטן ווערן אין דער אייראָפּעאישער, האָבן די וואָלינער „משכּילים" באַשלאָסן אונטערצוזאָגן „נאַטשאַלסטוואָ", אַז דער שטאָק-פינסטערער היילפּערין וועט געוויס נישט וועלן דערלאָזן, אַז דיזאָזיקע העכסט-נוצלעכע רעפאָרם זאָל פאַרווירקלעכט ווערן. דערוויסנדיק זיך באַצייטנס וועגן דעם, האָט היילפּערין מודיע געווען דורך דעם בערדיטשעווער „גאָראָדניטשי", אַז ער שענקט עטלעכע טויזנט אַרשין טוך, כדי צו געבן אָרימע יידן די מעגלעכקייט וואָס גיכער ממלא צו זיין דאָס וואוילטעטיקע געזעץ פון דער רעגירונג. דער גענעראַל-גובערנאַטאָר האָט באַלד היילפּערינען

אַריינגעשיקט אַ דאַנק פאַר זיין וואוילגעניגטער אויפמערק־זאַמקייט צו די געזעצן פון דער רעגירונג, און מ'קאָן זיך לייכט פאָרשטעלן, מיט וואָסערע אוינן דערזעלבער גענעראַל־גובערנאַטאָר האָט דערנאָך אָנגעקוקט די דורך היילפּערינס געניטער האַנט אויפגעהאַלטענע, און דעריבער פּערספּעקטיווע דערקלערונג פון דער משכּילישער פּאַרטיי וועגן היילפּערינס קעגנערישער באַציאונג צו דעם רעגירונגס־געזעץ מכּח די יידישע מלבושים. דאָס איז געווען דער ערשטער קלאַפּ, דורך וועלכן די קעגנער האָבן פאַרזוכט דעם טעם פון היילפּערינס שאַרפע נעגל.

בעת ניקאָלאַי דער ערשטער האָט זיך אָנגעהויבן אינטע־רעסירן מיט דער יידישער בילדונג, האָבן דאַן אין בערדיטשעוו געדאַרפט געעפנט ווערן צוויי קרוין־שולן פאַר יידישע קינדער. אַ לאַנגע צייט האָט זיך די משכּילים־פּאַרטיי משתדל געווען, מ'זאָל וואָס גיכער עפענען דידאָזיקע שולן, אָבער אָן דערפאָלג: מ'האָט אין שטאָט נישט געקאָנט געפונען פאַר זיי די נויטיקע בנינים. דאָסמאָל האָבן אָבער די משכּילים אָפּגעהאַלטן דעם נצחון. מיט דער הילף פון דער שול־אַדמיניסטראַציע, מיט וועלכער היילפּערין האָט נאָך נישט באַוויזן באַקאַנט צו ווערן, האָבן זיי זיך אין געהיים צוזאַמענגערעדט מיט אַ בעל־הבית, וועלכער האָט אויסגעבויט אַ גרויס געמויערט הויז, און האָבן ביי אים געפּועלט, ער זאָל זיי פאַרדינגען עטלעכע צימערן. פאַרבייסנדיק די ליפּן, האָט היילפּערין באַלד פאַר זיך פאַננ־דערגעעפנט די טירן פון דער שול־אַדמיניסטראַציע, און האָט דאָרט דורכגעפירט זיינע מיינונגען מיט דעמזעלבן גרויסן דערפאָלג, ווי אין אַלע איבעריקע רעגירונגס־אינסטיטוציעס. אָנגעהויבן האָט זיך עס פון דעם, וואָס אויפן הויף פונם הויז, וואו ס'האָט זיך געפונען די שול, האָט מען אויפגעשטעלט אַן אומגעהייער גרויס גלאָק אויף צונויפצורופן די קינדער. די בערדיטשעווער יידן האָבן אין דעם דערזען אַ מנהג פון אַ קלויסטער און האָבן געמאַכט „יעלות‟ די משכּילישע פּאַרטיי האָט דידאָזיקע „יעלות‟ באַטראַכט אַלס וואונטש אונטערצוגראָבן די יסודות פון דער „השכּלה‟ און האָבן זיך אָנגעכאַפּט פאַר דער גלאָק מיטביידע

העגט. אין עטלעכע טעג אַרום האָט מען אָבער די גלאָק אַראָפּגענומען, און די תּלמידים זענען געקומען אין שול צו דער צייט אויך אָן דער גלאָק. אין שול אַליין האָט מען ביי די פֿריערדיקע אָקטן נישט געקאָנט זויסן, ווער עס האָט דאָרט פֿאַרנומען דעם אויבן־אָן, צי דער „גאַראָדניטשי", צי די קרייז־ריכטער, אָדער ר׳ יוסף היילפּערין. דער „גאַראָדניטשי" און דער ריכטער האָבן עקזאַמינירט די קינדער אין די אַלגעמיינע ידיעות, און ר׳ יוסף היילפּערין האָט זיי עקזאַמינירט אין די העברעאישע למודים. בכלל האָט היילפּערין דאָ אויך געשאָטן מיט גרויסע נדבות, כּדי אָפּצוּוואַרפן פֿון זיך יעדן חשד, אַז ער באַציט זיך קעגנעריש צו די דערפֿאָלגן פֿון דער בילדונג, און די משכּילים־פּאַרטיי האָט געשפּילט אין דער שול נישט קיין חשובע ראָלע, וועלכע זי האָט געדאַרפֿט שפּילן לויט איר באַרוף.

היילפּערין האָט פֿון דער משכּילים־פּאַרטיי נישט אַראָפּגעלאָזט זיין אויג, און ער האָט איבער איר געפֿירט אַ שטרענגע קאָנטראָלע. אַלע שבת פֿלעגן זיך די „משכּילים" צוזאַמענקלויבן הינטער דער שטאָט אין אַ הויף. דאָרט פֿלעגן זיי זיך דערלויבן רויכערן, שפּילן אין קאָרטן א. א. היילפּערין האָט זיך מיט דידאָזיקע שבתדיקע פֿאַרוויילונגען פֿון די „משכּילים" זייער פֿאַראינטערעסירט, און תּמיד האָט ער וועגן זיי געקליבן ידיעות, נישט אויס נייגעריקייט, נאָר כּדי צו שטודירן דעם כאַראַקטער פֿון זיינע קעגנער און כּדי ער זאָל קאָנען ביי אַ געלעגנהייט פֿון זיי אָפּחוזקן. פֿאַר די ענינים פֿון הי[illegible]ל האָט ער געהאַט אַ באַזונדער אַדיוטאַנט, וועלכער האָט געהייסן „קאַצע דער טויבער". ער איז געווען אַ מענטש אַ „יודע ספר", אַליין אַ גרויסער אַפּיקורס, וועלכער האָט געקאָנט נישט בלויז מחלל־שבת זיין, נאָר אויך עובר זיין אויף דער גאַנצער תּורה. אים האָט אָבער היילפּערין אַלץ מוחל געווען, ווייל ער האָט דאָך באַמת נישט געקאָנט שיקן שבת אין הויף אַ ייד אין אַ יאַרמולקע מיט לאַנגע פּאות. אָט דער קאַצע פֿלעגט אַלע שבת נאָכשפּיאָנירן די משכּילים־פּאַרטיי און שוין אויף מאָרגן, זונטיק, פֿלעגט ער אָפּראַפּאָרטירן היילפּערינען ווער וויפֿל פּאַפּיראָסן האָט

אויסגערויכערט, ווער עס האָט געשפּילט אין קאָרטן א. א. וו. אַלע זונטיק האָט שוין היילפּערין אָפּגעוואַרט זיין טויבן אַדיוטאַנט, כדי אויסצוהערן זיין ראַפּאָרט. ס'האָט אַמאָל פּאַסירט, אַז קאַצע, וועלכער איז געווען זייער באַשעפטיקט (ער פלעגט שרייבן „פּאַפּירן"), האָט זיך ערגיץ־וואו געווילט און האָט זיך געוואָלט ורכגליטשן דורך דער „גאָלדענער גאַס", אַז היילפּערין זאָל אים נישט באַמערקן, אָבער דעם באַנקירס שאַרפער בליק האָט אים אויפגעזוכט אין דעם טויזנט־קעפּיקן המון, און פון באַלקאָן האָט אַראָפּגעקלונגען היילפּערינס מעכטיקע שטים: „קאַצע! קאַצע!", אָבער קאַצע, איילנדיק זיך קענטיק, וועגן אַן עקסטרא־ענין, האָט זיך אָפּגעקערט מיטן געזיכט צו היילפּערינען, און, מאַכנדיק מיט די הענט אין דער ריכטונג צו אים, האָט ער זיך פאַנאַנדערגעשריגן אויפן קול: „מ'האָט גערויכערט, גערויכערט!" און איז אַוועק ווייטער און פאַר־שוואונדן געוואָרן אין המון.

ו

אויסער קאַצן האָט נאָך היילפּערין געהאַט אַ פּערזענלעכן אַדיוטאַנט — הערש־מאיר העלד האָט ער געהייסן. אָן אים האָט היילפּערין ערגיץ קיין טריט נישט געטון. הערש מאיר האָט אים אומעטום באַגלייט. פרייטיק בייטאָג איז ביי היילפּערינען געווען דער מנהג אַריינצופאָרן צו זיינע אויסגעצבענע טעכטער און פאַרזוכן ביי זיי זייערע שבתדיקע פיש. ער האָט נישט געהאַלטן קיין אייגענע פערד, ווייל ער איז געווען געוואוינט צו פּראָסטקייט און קיין מותרות האָט ער נישט געליבט. אָבער פאָרנדיק אַפילו אויף אַן איינפאַכער דראָזשקע, האָט ער פונדעסטוועגן תמיד געצויגן אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט פון דעם פאַרבייגייענדיקן עולם, וועלכער האָט אים שטענדיק מיט גרויס יראת־הכבוד אָפּגעטראָטן דעם וועג. אויפן גאַנצן וועג האָט זיך געהערט ווי איינער גיט־איבער שטילערהייט דעם אַנדערן: „אָט פאָרט ר' יעקב יוסי, אָט איז ער, קוקט!". דערביי

איז תמיד לעבן אים געזעסן הערש-מאיר, וועלכער האָט זיך געשעצט פאַר דעם גליקלעכסטן מענטשן אין דער וועלט, און האָט דערלויבט דעם פריילעך געשטימטן היילפערינען צו וויצלען זיך איבער אים און טרייבן מיט אים קאַטאָוועס. הערש-מאיר האָט אָבער קיין שום געזעלשאַפטלעכע ראָלע נישט געשפּילט. אַלס היילפערינס פערזענלעכער אַדיוטאַנט האָט ער זיך נאָר שטענדיק נעפונען בײַ אים; אין זײַנע אינטערעסן האָט ער זיך אָבער קיינמאָל נישט געמישט.

איינער פון די באַרימטע בילדונגס-טוער פון יענער צייט דערציילט, אַז זייענדיק אַ שילער פון זעקסטן קלאַס פון זשיטאָמירער ראַבינער-שול, איז אים אַמאָל אויסגעקומען צו באַזוכן היילפערינען אין בערדיטשעוו. וועגן דעם שטאַרקן אײַנדרוק, וואָס היילפערין האָט אויף אים געמאַכט, גיט ער איבער די פאָלגנדיקע כאַראַקטעריסטישע פּרטים:

„אַרײַנגייענדיק אין קאַנטאָר, וועלכע איז געווען גאַנץ איינפאַך מעבלירט, איז צו מיר ארויס אַ מאַן, וואָס האָט מיר געגעבן די האַנט און מיר אָנגעוויזן אַשטול צו זעצן זיך קעגן אים. דאָס איז געווען היילפערין, אַ מאַן פון מיטעלן וואוקס, אין אַ לאַנגער קאַפּאָטע, מיט אַ יאַרמולקע אויפן קאָפּ. די ברילן זענען בײַ אים געווען אַרויפגערוקט אויפן שטערן, און די אויגן האָבן געבליצט מיט פּקחות. מיר האָט זיך געדוכט, אַז ער שטעכט מיך דורך מיט זײַנע בליקן. נאָכפרעגנדיק זיך בײַ מיר גאַנץ דעליקאַט וועגן דעם, וואָס עס הערט זיך אין ראַבינער-שול, האָט ער מיט מיר גענומען ריידן וועגן דעם פאַלשן מצב, אין וועלכן די משכילים-פּאַרטיי שטעלט זיך אַליין. פאַרזיכערנדיק מיר, אַז ער האָט גאָרנישט קעגן די געבילדעטע יידן, האָט ער אויסגעדריקט נאָר דעם פאַרלאַנג, זיי זאָלן זיך באַציען מיט מער סבלנות צו דעם גלויבן פון פאָלק. צייטנווייז האָט ער מיך ממש באַצויבערט מיט דער וויכקייט פון זײַן ריידן און מיט דעם אונערשעפּלעכן קוואַל פון זײַן ענערגיע. אַלץ האָט אין אים געריידט, און זײַנע רייד האָבן זיך פּלאַסטיש אָפּגעשפּיגלט אין די באַוועגונגען פון זײַן קערפּער. אויסער

די אויגן — אַזוי האָט זיך מיר געדאַכט — האָט ער אין מיר אַריינגעשטאָכן אויך גייסטיקע בליקן, וועלכע זענען געגאַנגען פון מאַרך דורך די אויפן שטערן אַרויפגערוקטעברילן. איך האָב אים דערקלערט, אַז די אמתע בילדונג האָט גאָרנישט קעגן דעם גלויבן פון פאָלק, און אַז יענע ביישפּילן, וועלכע ער האָט פאַר די אויגן האָבן מיט בילדונג גאָרנישט צו טון.

— טראַכטן זיי דען וועגן זייער פאָלק? — האָט ער געפרעגט מיט אַ בייזער, און אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער אַ זאָג-געטון מיט התפעלות:

— האָט איר דען, יינגערמאַן, אַ שטיקל באַגריף וועגן דעם וואָס עס וואָלט געווען מיט אונדזערע יידן, ווען די גזרה וועגן די „ראַזוראַדן" וואָלט פאַרווירקלעכט געוואָרן? איך האָב מיט מיין נשמה פאַר זיי געליטן; איך האָב קיין נעכט נישט געשלאָפן, איך האָב געאַרבעט און אָנגעשטרענגט אַלע מיינע קרעפטן, ביז איך האָב די דאָזיקע גזרה מבטל געמאַכט. האָט זיך ווער פון די דאָזיקע שלעפערס באַטייליקט מיט מיר אין דער דאָזיקער אַרבעט? וואָס פאַר אַ רעכט האָבן זיי צו האַלטן זיך פאַר די פאָרשטייער פון פאָלק? איך האָב איבערגעטראָגן אויף זיך זיין פעקל צרות, און איר ווייסט דאָך געוויס מיט וועמען איך האָב מלחמה געהאַלטן, און אויסגעפירט האָב איך, אַ דאַנק גאָט — האָט ער פאַרענדיקט מיט אַ טיפן זיפץ — וואָס ער האָט מיר באַשאָנקען מיט אַן ענערגיע צום קאַמף, איך בין געווען נאָר זיין באַפולמעכטיקטער.

איך האָב נאָך דאַן געהאַט זייער אַ שוואַכע פאָרשטעלונג וועגן „ראַזוראַדן"; איך האָב נאָר געוואוסט, אַז דאָס איז דאַן באַטראַכט געוואָרן פאַר זייער אַ שרעקלעכע גזרה. איך בין געווען טיף גערירט, הערנדיק די ענערגישע רייד פון דעם אויפריכטיקן ייד. ער איז אָבער פיבערהאַפט אַריבער פון איין קעגנשטאַנד צום אַנדערן. ס'איז קענטיק געווען, אַז ער האָט געוואָלט אויסנוצן די מינוט, אום אויסצוגיסן פאַר מיר זיין האַרץ.

פאַר מיין אַוועקגיין האָט מיר היילפּערין דערלאַנגט די

וואָרטער: „אויב איר קאָנט באמת דידאָזיקע געבילדעטע פּאַרטיי, טאָ גייט נישט אין אירע וועגן. זי וועט נאָך אייך פאַרפירן גאָט ווייסט וואוהי׳ן".

ממש אַ טויט-קלאַפּ פאַר די וואָלינער משכילים איז געווען די ידיעה, וואָס עס האָט זיך דערהאַלטן, אַז דער בילדונגס-מיניסטער אובאַראָוו רופט אַרויס קיין פּעטערבורג אַ קאָמיסיע פון עטלעכע יידישע פאָרשטייער, מיט וועלכער ער וועט זיך באַראַטן וועגן די נייע שולן, און אַז אין דערדאָזיקער קאָמיסיע איז באַשטימט געוואָרן אַלס פאָרשטייער פון וואָלינער יידנטום יאָסיף איזראַעלעוויטש הײלפּערין. ביי זיי איז גאָר קיין שום ספק נישט געווען, אַז הײלפּערין וועט שוין אויסזוכן און געפונען מיטלען, ווי אַזוי אונטערצושטיצן אַביסל די רעגירונגס-שולן. דאָך פיל געוויסער איז געוואָרן זייער מורא, נאָכדעם ווי זיי האָבן זיך דערוואוסט, אַז אין דער קאָמיסיע האָט אובאַראָוו איינגעלאַדן אויך דעם ליובאַוויטשער גוטן ייד, ר׳ מענדיל שניערסאָן, וועלכער איז געווען וויט און ברייט באַקאַנט אַלס קעגנער פון ניקאָלאַיס שול-רעפאָרמען. איינגיכן האָבן אָנגעהויבן פליען קיין פּעטערבורג פאַרשיידענע אַנאָנימע מסירות אויף הײלפּערינען, וועלכע האָבן אָבער נישט געבראַכט צו קיין רעזולטאַט, ווייל מ׳האָט אין מיניסטעריום גאַנץ גוט פאַרשטאַנען דאָס שטאַמט, דערפאַר אָבער האָבן געהאַט אַ שטיקל ווירקונג די פּאַסקווילן, וועלכע ס׳זענען דערהאַלטן געוואָרן וועגן ר׳ מענדעלי ליובאַוויטשער. דידאָזיקע פּאַסקווילן זענען פונם בילדונגס-מיניסטער איבערגעגעבן געוואָרן צום אינערן-מיניסטער, וועלכער האָט ר׳ מענדעלין אַוועקגע-שטעלט אונטער דער געהיימער השגחה פון דער מאָהילעווער פּאָליציי. פון זיין אַנטייל אין דער פּעטערבורגער קאָמיסיע האָט עס אים אָבער נישט געשטערט.

וועגן דער עצם נסיעה פון הײלפּערינען מיט ר׳מענדעלין קיין פּעטערבורג, דערציילט מען אייניקע זייער אינטערעסאַנטע פּרטים. לויט אַ פּריערדיקן מדובר איז הײלפּערין אַריינגעפאָרן קיין ליובאַוויטש נעמען מיט זיך דעם רבין. אין ווילנע האָבן

ייי זיך אָפּגעשטעלט אויף א פּאָר טעג און אָפּגעהאַלטן באַראַ־טונגען מיט די דאָרטיקע כּלל־טוער. בשעת די דאָזיקע באַראַטונגען האָבן זיך אַרויסגעוויזן שטאַרקע חילוקי־דעות. ר׳ מענדעלי און היילפּערין זענען געווען פאַר דעם, אז די אָנפירונג מיט דער דערציאונג פון דער יידישער יוגנט זאָל איבערגעגעבן ווערן נאָר אין די הענט פון די אָרטאָדאָקסיש־געשטימטע יידן און נישט אָנטרויען איר בשום־אופן די משכּילים. קעגן דעם פּראָיעקט זענען אָבער שאַרף אַרויסגעטרעטן עטלעכע פון די ווילנער אָרטאָדאָקסן, וועלכע האָבן געטענהט, אַז מען דאַרף טאַקע פּאָדערן פון דער רעגירונג אַ שטרענג־רעליגיעזע דערציאונג פאַר די יידישע קינדער, אָבער די משכּילים טאָר מען נישט מרחיק זיין, ווייל די אמתע פּעדאַגאָגישע קענטענישן געפינט מען נאָר ביי זיי. צום סוף איז געבליבן, מ׳זאָל זיך אַראָפּפאָרן מיישב זיין חעגן דעם מיט דעם גרויסן גאון און וועלט־חכם ר׳ איטשעלע וואָלאָזשינער.

דאָ האָט זיך דערוועקט די פראַגע: ווער זאָל פאָרן קיין וואָלאָזשין? היילפּערין האָט זיך באַלד אויסגערופן, אַז ער איז מוכן ומזומן צו פאָרן, נאָר בתנאי, אַז ר׳ מענדעלי, וועלכער פאַרטרעט איין שטאַנדפּונקט מיט אים, זאָל אויך צושטיין צו דער נסיעה. ר׳ מענדעלי האָט זיך תחילת שטאַרק געקווענקלט; ער האָט אָבער נישט דערקלערט פאַרוואָס ער זאָגט זיך אָפּ. דער עולם האָט אָבער פאַרשטאַנען, אַז דאָ גייט דעם ליובאַוויטשער גוטן ייד בלויז אום כּבוד און אַז ער האָט מורא, אַז זיין וויזיט ביים מתנגדישן גאון קאָן אפשר שאָדן זיין רביאישן פּרעסטיזש. דאַן האָט זיך אויפגעשטעלט איינער אַ ווילנער זקן, אַ פאַרברענטער מתנגד, וועלכער האָט אַנטיילגענומען אין דער באַראַטונג, און זיך אָפּגערופן, ווענדנדיק זיך באַזונדערס צו ר׳ מענדעלין:

– איך אַליין בין געווען אַן עד־ראיה, ווי אַמאָל ווינטער, אין אַ גרויסן, ברענענדיקן פראָסט, איז ר׳ איטשעלעס פאָטער, ר׳ חיים וואָלאָזשינער, זכרונו־לברכה, געקומען אינגאַנצן אַ צעבראָכענער אַהער קיין ווילנע, כּדי מקבל־פּנים צו זיין און צו

טרייסטן אייער פאָטער, ר׳ שניאור זלמן, זכרונו לברכה, בעת ער איז געקומען שוין אַ צווייט מאָל אויסטענהן זיך מיט די ווילנער גאונים און האָט ביי קיינעם קיין געהער נישט געפונען. איר מעגט, כ׳לעבן, רבי, אָפּצאָלן איצט ר׳ איטשעלען דעם חוב, וואָס אייער פאָטער איז געבליבן שולדיק זיין פאָטער פון לאַנג-אָן...

די ווערטער האָבן געווירקט. און ר׳ מענדעלי מיט אַ פּאָר פון די ווילנער עסקנים זענען אַראָפּגעפאָרן אויף אַ ישוב-הדעת צו ר׳ איטשעלען קיין וואָלאָזשין.

ווי נאָר ר׳ איטשעלע האָט זיך דערוואוסט וועגן ר׳ מענדעליס אָנקומען קיין וואָלאָזשין, איז ער תיכף אַוועק צו אים אויף דער אכסניא און האָט אים מיט וואַרימע ווערטער אָפּגעדאַנקט פאַר דעם גרויסן כבוד, וואָס ער האָט אים אָנגעטון, אַראָפּפאָרנדיק צו אים קיין וואָלאָזשין. ר׳ מענדעלי איז פונם דאָזיקן ערשטן קבלת-פנים געבליבן שטאַרק צופרידן.

אין דעמזעלבן אָוונט האָט אָבער ר׳ איטשעלע אין אַ פּאַרטרוילעכער זיצונג זייער שאַרף אָפּאַנירט ר׳ מענדעליס מיינונג וועגן מרחיק זיין די משכילים פונם יידישן שול-וועזן. ר׳ איטשעלע האָט געוואָרנט, אַז דאָס איינרייסן מיט די משכילים אויף אַזאַ אופן, איז עלול אַרויסצורופן אַ פּירוד-הדעת, וועלכער קאָן ווירקן קאַטאַסטראָפאַל אויפן גאַנצן רוסישן יידנטום. מיט גוטן וועט מען דאָך אפשר מיט די משכילים קאָנען דורכקומען, אָבער מיט בייזן זענען זיי שטאַרקער, ווייל מיט זיי האַלט ניקאָלאַי...

דאָ — דערציילט מען — האָט זיך הייליפּערין נישט געקאָנט איינהאַלטן, האָט געגעבן מיט דער האַנט אַ שטאַרקן קלאַפּ איבערן טיש און אויסגערופן אויפן קול:

— ס׳איז נישט אַזוי, רבי! ניקאָלאַי איז נישט מיט זיי, נאָר מיט אונז!...

אויף דעם זאָל אים ר׳ איטשעלע האָבן געענטפערט:

— נעמט נישט פאַר אומגוט, ר׳ יעקב-יוסי; באַטראַכט נאָר, אַז ניקאָלאַי שמדט אָפּ אונדזערע קליינע קינדער...

— ווער אַזעלכער איז דאָס ניקאָלאַי ? — האָט היילפּערין אויסגעשריגן — ניקאָלאַי איז דער „גאָראָדניטשי", און מיט אַ „גאָראָדניטשי" קאָן מען מאַכן וואָס מ'וויל; איך ווייס עס פון דער פּראַקטיק...

דער סוף איז געווען, אַז געזיגט האָט ר' איטשעלעס מיינונג און ס'איז באַשלאָסן געוואָרן נישט אָפּצוטרעטן פון די אָרטאָדאָקסישע פּאָזיציעס. אָבער זוכן יעדעס מאָל אַריינצוגיין אין אַ קאָמפּראָמיס מיט די מעסיקע משכּילישע פאָרשטייער. דערדאָזיקער באַשלוס איז נאָך געוואָרן פעסטער, נאָכדעם, ווי היילפּערין מיט ר' מענדעלין זענען געקומען צוריק קיין ווילנע און האָבן זיך דאָרט דערוואוסט, אַז מצד די משכּילים ווערט זיך באַטייליקן אין דער קאָמיסיע דער אָדעסער שול-טוער און פּעדאַגאָג, בצלאל שטערן, וועלכער איז געווען באַקאַנט אין די ברייטע יידישע קרייזן אַלס ווייניקער ראַדיקאַל פון אַנדערע בנוגע די דערציאונגס-פּראָבלעמען.

אָנגעקומען קיין פּעטערבורג, האָט היילפּערין שוין אויפן צווייטן טאָג באַקומען אַן אוידיענץ ביים בילדונגס-מיניסטער גראַף אובאַראָוו.

מען דערציילט, אַז בשעת דערדאָזיקער אוידיענץ זאָל היילפּערין, צווישן אַנדערן, האָבן געזאָגט דעם מיניסטער אויך פּאָלגנדיקעס:

— מיר, יידן, דאַנקען אייך זייער פאַר די טובות און חסדים, וואָס איר טוט מיט אונדזערע קינדער; מיר וואָלטן אייך אָבער געוואָלט בעטן, צו-פיל מיט זיי נישט מיטיב צו זיין, ווייל זיי קאָנען נאָך, חלילה, אַוועק פון אונדז...

ז

זינט מ'האָט היילפּערינען אויסגעקליבן אַלס מיטגליד פון דער שול-קאָמיסיע איז די שנאה צו אים מצד די ווילנער משכּילים געוואָרן נאָך פיל גרעסער. אַ היפּשע ראָלע האָט אין

דעם געשפּילט אויף די אַמביציע. זיי איז זייער נישט אָנגע־שטאַנען, אַז דווקא זייער פאַרביסנסטער קעגנער האָט צו זאָגן אַ דעה אין די ענינים פון דער יידישער בילדונג. אָט האָבן זיי גענומען פון אַלע זייטן רודפן היילפּערינען פּערזענלעך. אויף די קאָנטראַקטן אין קיעוו האָט מען פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז עס זענען ביי אים אַוועק שלעכט די געשעפטן און אַז ער האַלט ביים אָנזעצן. מיטאַמאָל האָבן אַלע קרעדיטאָרן אָנגע־הויבן פאָדערן ביי אים זייער איינגעלייגט געלט. אויף וויפל ס׳איז געווען מעגלעך, האָט ער געצאָלט, דערנאָך האָט זיך די מאַשין אָפּגעשטעלט. מיטן פאַלן פון היילפּערינס באַנק, זענען איינגעפאַלן פיל פרעמדע אונטערנעמונגען און אַ סך מענטשן זענען געוואָרן בדיל־הדל. היילפּערין איז דערקלערט געוואָרן אַלס אָנזעצער, און זיינע קרעדיטאָרן האָבן אים אַריינגעזעצט אין טורמע.

„ווען איך דערמאָן מיך איצט — אַזוי דערציילט מנשה מרגלית — וואָס פאַר אַ סוף ס׳איז אויסגעגאַנגען דעמדאָזיקן העלד פון זיין תקופה, און ביי וועלכע באַדינגונגען ער איז אַראָפּ אין קבר, ווערט מיר מיין האַרץ פאַרגאָסן מיט בלוט. אַ מענטש, וואָס האָט געהאַלטן אין זיינע הענט אַ גאַנצן קאַנט וואָס האָט פאַרגעשריבן לייטן געזעצן, וואָס האָט געקעמפט מיט דערפאָלג מיט די גרעסטע שררות, נישט פאַר זיך, נאָר פאַר זיין פאָלק — אָט דער מענטש האָט פאַרענדיקט זיין לעבן אין טורמע, איינזאַם, פון אַלעמען פאַרלאָזן, און ערשט פאַר זיין טויט האָט מען אים אויף אַ טורמע־בעטל אַריבערגעטראָגן ערגיץ־וואו, אָבער נישט צו אים אַהיים, כדי נישט צו לאָזן אים שטאַרבן צווישן פאַרברעכער. היילפּערין איז געשטאָרבן ווי אַ העלד, אַזוי ווי ער האָט העלדיש געלעבט. קיינער האָט נישט באַפּוצט זיין קבר מיט בלומען־קרענץ, קיינער האָט נאָך אים קיין פאָלקס־טרער נישט פאַרגאָסן; דער אָן־האַרציקער המון, פאַר וועלכן ער האָט געליטן, זיך געפּייניקט און פאַר־אַ׳מגליקלעכט געוואָרן, האָט אים נישט דערמאָנט מיט אַ גוט וואָרט. מ׳האָט מיר אויך איבערגעגעבן, אַז בעת ער איז קראַנק

געוואָרן אין טורמע און איז נאָך געווען ביים באַוואוסטזייז, האָבן אים די אומבארחמנותדיקע קרעדיטאָרן געוואָלט באַפרייען ער האָט אָבער מיט פאַראַכטונג אָפּגעוואָרפן זייער פאָרשלאַג, און האָט אויסגעדריקט זיין ווילן אויסצוטרינקען דעם ביטערן בעכער ביזן דעק: זיין שטאָלצע נשמה האָט אים נישט דערלויבט צו באַנוצן זיך מיט אַ חסד, און האָט געלאָזן זיינע קעגנער מקבל־נחת צו זיין ביז צום סוף פון זיינע יסורים. דאָס איז געווען אַן אמתער העלד״...

XV

ר׳ יענקעלע קאָוונער.

א

מיטן סוף פונם קרימער קריג און מיטן טויט פון ניקאָלאַי דעם ערשטן האָט אויסגעוויזן, אַז די שתּדלנות אַלס פּאָליטישער יידישער אינסטיטוט הויבט אָן פאַרלירן אונטער זיך דעם באָדן.

מיט דעם טראָן-באַשטייגונג פון אַלעקסאַנדער דעם צווייטן, וועלכער איז געווען פון דער נאַטור אַ ווייכער מענטש און ליבעראַל געזאָנען, האָבן אַ בלאַז געטון אין רוסלאַנד נייע פרייע ווינטן, די געזעצגעבונג בכלל איז געוואָרן פּראָגרעסיווער, הומאַנער. באַלד האָט זיך עס אָנגעהויבן פילן אויך אין יידישן לעבן. דער באַזונדערער דעספּאָטיזם, מיט וועלכן מען איז זיך מיט זיי באַגאַנגען אין ניקאָלאַיס צייטן, האָט אויפגעהערט. מ׳האָט שוין מער נישט גענומען ביי יידן קיין קליינע קינדער צום מיליטער, און די אָפּגעגעבענע יידישע סאָלדאַטן האָט מען נישט געגויט צום שמד. מ׳האָט מער נישט געטריבן קיין יידן פון די דערפער; ביסלעכווייס האָט מען געעפנט פאַר יידן די טויערן פון בילדונג, מ׳האָט זיי אויפגענומען אָן פּראָצענטן אין די מיטעלע און אין די הויכשולן. געוויסע קאַטעגאָריעס יידן, באַזונדערס די דיפּלאָמירטע, האָבן באַקומען ברייטע רעכט, און לויט דער ענדערונג צום גוטן, וואָס איז פאָרגעקומען אין דער באַציאונג פון דער רעגירונג צו די יידן האָט מען געקאָנט האָפן, אַז מיט דער צייט וועט זייער מצב ווערן אַלץ בעסער און בעסער.

בײַ אַזעלכע באַדינגונגען זענען די שתדלנים כמעט ווי איבעריק געוואָרן. די קהלות האָבן נישט געהאַט קיין באַדערפעניש צו האַלטן אין פעטערבורג באַזונדערע שתדלנים, וואָס זאָלן זיך משתדל זײַן פאַר דער רעגירונג לטובת ייִדן בײַ יעדער עת־צרה. מ׳האָט געקאָנט מיינען, אַז די רעגירונג אַליין שטייט אויף דער וואַך פון די ייִדישע אינטערעסן באופן, אַז מ׳דאַרף איר שוין גאָרנישט דערמאָנען, וואָס זי האָט צו טון.

אָבער אויך דעמאָלט איז נאָך די ייִדישע שתדלנות נישט בטל געוואָרן. זי האָט זיך נאָר אַ רוק־געטון פון דער הויפּט־שטאָט אין דער פּראָווינץ, פון די העכסטע רעגירונגס־אינסטאַנצן צו די מיטעלע. דער אַנטיסעמיטישער גייסט, מיט וועלכן עס איז געווען אָנגעזאַפּט די פּאָליטיק פון ניקאָלאַי דעם ערשטן בנוגע ייִדן האָט נאָך געשוועבט אין דער לופט פון דער פּראָווינץ. די פאַרשיידענע אַדמיניסטראַטאָרן אויף די ערטער, די גענעראַל־גובערנאַטאָרן אין די גובערניעס פונם „תחום" האָבן זיך נישט געקאָנט שיידן מיטן געדאַנק, אַז צו ייִדן דאַרף מען זיך באַציִען ווי צו בירגער פון אַ נידעריקער מדרגה, און תמיד געהעצט פון דער אָרטיקער קריסטלעכער באַפעלקערונג, האָבן זיי צייטנווײַז אָפּגעשיקט קיין פעטערבורג זייער נישט קיין פרײַלעכע באַריכטן וועגן די ייִדישע מאַסן און אויפגעפאָדערט די רעגירונג אָנצואווענדן צו זיי אַ באַזונדערס שטרענגע רעפּרעסיווע פּאָליטיק. ס׳האָבן געטראָפן פאַלן, ווען איינצעלנע גענעראַל־גובערנאַטאָרן האָבן פאָרגעלייגט דער רעגירונג גאַנצע פּראָיעקטן קעגן ייִדן. די רעגירונג האָט זיך אפילו נישט געאײַלט די פּראָיעקטן אָנצונעמען; זי האָט זיי אָבער איבערגעגעבן פאַרשיידענע קאָמיסיעס, און דאָס אַליין האָט אויך זייער נישט געלוינט פאַר ייִדן.

נעמענדיק דאָס אין אַכט, האָבן די גרעסערע ייִדישע קהלות אין ליטע און ווײַסרוסלאַנד, און אויך אין פּוילן, געפונען פאַר נויטיק צו האָבן באַזונדערע שתדלנים בײַ די גענעראַל־גובערנאַטאָרן. די פונקציע פון דיזיקע שתדלנים איז געווען אויפצוקלערן דעם גענעראַל־גובערנאַטאָר וועגן דעם ייִדישן

לעבן. אויפמערקזאַם צו מאַכן אים אויף די אינטריגעס פון די יידישע שונאים, און מוסיף זיין דערצו אַמאָל הייסע בקשות אונטער זיפצן און טרערן, און אַמאָל – אַזעלכע פאַלן זיינען פאָרגעקומען נישט זעלטן – אַ וועלכע עס איז מתנה אים אַליין, אָרעד דער פרוי. וועלכע האָט זיך תמיד אַרויסגעוויזן אַלס פיל גוטהערציקער פון איר מאַן...

צווישן דיזאָזיקע פּראָווינציעלע שתדלנים, וואָס דאָס ליטווישע און דאָס ווייסרוסישע יידנטום איז זיי פאַרבליבן אויף אייביק דאַנקבאַר, האָט זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט דער גאון ר׳ י ע נ ק ע ל ע קאָוונער אין ווילנע, ווי דער לעזער וועט זען אין די ווייטערדיקע קאַפּיטלען.

ב

ר, יענקעלע קאָוונער איז געבוירן אין יאָר 1757 אין ס י מ נ ע, אַ קליין שטעטל אין סובאַלקער גובערניע. זייענדיק אַ קינד פון פינף יאָר, האָט מיט אים געלערנט זיין פאָטער, אַ ייד אַ למדן, און נאָך דאַן האָבן זיך שוין אַרויסגעוויזן זיינע וואונדערלעכע פעאיקייטן. באַזונדערס אויפפאַלנד איז געווען די אומגעהויערע קראַפט פון זיין זכרון. צו אַכט יאָר האָט ער גע־קענט אויף אויסנווייניק גאַנץ תנ״ך און די 6 סדרים „משניות״. דאַן האָט אים דער פאָטער אָפּגעגעבן צו אַן אַלטן מאַן, אַ למדן מופלג, וועלכער איז כל־ימיו געזעסן על התורה ועל העבודה אינם שטעטלדיקן בית־מדרש. ביי ד ע ם זקן האָט דאָס ייגגל אָפּגעלערנט פיר „זמנים״, און פאַר דעם משך צייט איז ער קלאָר געוואָרן אין צוויי סדרים גמרא. פון דעמאָלט־אָן האָט ער שוין געלערנט אַליין. צו צוועלף יאָר זענען אים אָפּגעשטאָרבן זיינע עלטערן, און ער איז געבליבן אַן עלנטער יתום. פערצן יאָר אַלט איז ער געקומען קיין קאָוונע. אַן אַ גראָשן אין טאַש האָט ער אַרומגעבלאָנקעט איבער די גאַסן, ביז ער האָט זיך פאַרשלעפּט אין דאָס פאָרשטעטל סלאַבאָטקע און איז דאָרט אַריין

אין בית-מדרש, וואו ער האָט דערזען עטלעכע צענדליק בחורים זיצן אַרום אַ טיש, און אַן עלטער מאַן זאָגט פאַר זיי אַ „שיעור". באַלד האָט ער זיך אַריינגעמישט אין לערנען און האָט אַלעמען אַריינגעבראַכט אין גרויס דערשטוינען מיט זיין גאונישן מח. פון דעמאָלט-אָן האָט אים דער ראש-ישיבה אַריינגענומען צו זיך און אויסגעהאַלטן מיט אַלע הוצאות.

דריי יאָר האָט ר' יענקעלע פאַרבראַכט אין סלאָבאָדקער ישיבה. די גאַנצע צייט האָט ער געלערנט מיט גרויס התמדה זעכצן שעה נאָכאַנאַנד אין מעת-לעת. צו אַכצן יאָר איז ער געווען קלאָר אין גאַנץ ש"ס און פוסקים. דאַ האָבן זיך אויף אים געפונען אין קאָוונע אַ סך בעלנים, וועלכע האָבן אים געוואָלט נעמען פאַר אַן איידעם, דען אויסער זיין גייסטיקער גרויסקייט, איז ער אויך געווען זייער אַ שיינער, געהאַט אַ פיינעם וואוקס מיט אַנציענדע מאַניערן, און האָט ווייט נישט אויסגעקוקט ווי די דעמאָלטיקע אויסגעמאָגערטע און אָפּגעשוואַכטע וואוילער-נערס. אין יענעם יאָר האָט זיך מיט אים מתחתן געווען איינער פון די קאָוונער גבירים, אַ ייד אַ מיוחס פון דער פאַמיליע באַריט. זעקס גליקלעכע יאָר האָט ער פאַרבראַכט אין דעם הויז פון זיין רייכן שווער. אינם משך פון דער צייט איז ער נאָך מער אויסגעוואַקסן אין לערנען און אויך אין וועלטלעכער בילדונג. קאָוונע, אַלס נאָענטע שטאָט פון דער דייטשער גרעניץ איז שוין דאַן געווען אָנגעשמעקט מיט דער אַזוי-גערופענער „השכלה" און דאָס האָט געהאַט אַ ווירקונג אויך אויף דעם יונגן ר' יענקעלען. ער האָט זיך דערוואָרבן אַ גרויסע ידיעה אין רוסיש אין דייטש אין פראַנצויזיש און אין פאַרשיידענע וויסנשאַפטן, באַזונדערס אין מאַטעמאַטיק, אַלגעמיינע געשיכטע און געאָגראַפיע, צו וועלכע ער האָט אַרויסגעוויזן אַ שטאַרקע נייגונג. אויפן זיבעטן יאָר נאָך דער חתונה איז אים אָפּגעשטאָרבן זיין פרוי, און דאַן איז ער אַרויס וואוינען קיין ווילנע, וועלכע איז שוין דעמאָלט געווען אַ גרויסער צענטער פון תורה און חכמה.

אויך אין ווילנע האָט מען באַלד דערקענט די גאונות

פון דעם פינפאונצוואַנציק־יעריקן ר׳ יענקעלע קאָוונער, און אינגיכן איז ער דאָרט געוואָרן אַ גרויסער מקורב צו אַזעלכע אין יענער צייט באַרימטע פערזענלעכקייטן ווי ר׳ חיים נחמן פּרנס, דער ווילנער שטאָט־מגיד ר׳ פּייוול, די גאונים ר׳ יחזקאל לאַנדא און ר׳ יצחק שירווינטער און אַנדערע.

אין ווילנע האָט ר׳ יענקעלע גענומען אַ צווייטע פרוי, אַ טאָכטער פון אַ גרויסן עושר. ער האָט אָבער נישט געוואָלט עסן קיין קעסט, ווי דער דעמאָלטיקער מנהג, און האָט זיך מיטן גדן געעפנט אַ בראָנפן־ברויז. דאָס געשעפט איז אים גוט אָנגעקומען, און ער האָט געהאַלטן פון אים נתעשר צו ווערן: האָט אָבער ניקאָלײַ דער ערשטער אין יאָר 1845 אַרויסגעגעבן אַ באַפעל אָפּצונעמען בײַ אַלע יידן די ברייזער, צוליב דערדאָזיקער גזרה איז ר׳ יענקעלע גיך פאַראָרימט געוואָרן און איז געבליבן כמעט אָן ברויט.

גראָד האָט ר׳ חיים נחמן פּרנס אין יענער צייט געעפנט אַ ישיבה פאַר יינגעלייט, וועלכע שניידן זיך אויף רבנות, און קענענדיק ר׳ יענקעלען פאַר אַ גרויסן גאון און אויסגעצייכנטן בעל־מסביר, האָט ער אים אויסגעקליבן אַלס ראש־ישיבה. די נייע, מאָדערנע תקונים, וואָס ר׳ יענקעלע האָט איינגעפירט אין דעם „סדר־הלמודים״, זיין קאַמף קעגן דעם פּלפּול און די האָר־שפּאַלטעריי, זיין אופן לערנען לויט דער ריינער, געזונטער לאָגיק, אָן קונצן און בויך־סברות, האָבן צוגעצויגן צו זיין ישיבה תלמידים פון נאָענט און וויט. צווישן די תלמידים, וואָס האָבן איבערגענומען זיין נייעם שטייגער לערנען, האָבן זיך באַזונדערס געמאַכט אַ שם אין דער וועלט די ווילנער מורה־הוראות, די גאונים ר׳ בצלאל און זיין ברודער ר׳ שלמה.

ר׳ יענקעלעס פּאָפּולאַריטעט איז געוואַקסן פון טאָג, און דאַן האָבן זיך געפונען אייניקע שטעט, וואָס האָבן אים געוואָלט נעמען פאַר אַ רב. ער האָט זיך אָבער תמיד אָפּגעזאָגט פון רבנות און יעדעס מאָל געענטפערט: איך וויל אַליין זיין אַ בעל־הבית אויף זיך, און וויל נישט, אַז אַנדערע זאָלן אויף מיר האָבן אַ דעה. אַזוי זענען אַוועק פיל יאָר און ער האָט

בשום-אופן קיין רבנות נישט געוואָלט אָננעמען. אָבער אין יאָר 1858 האָט זיך די לאָמזשער קהלה פאַרגענומען נישט אַנדערש, אַז זי מוז באַקומען ר׳ יענקעלע קאָוונער פאַר אַ רב. די גרעסטע לאָמזשער גבירים האָבן אים תחילת פאַרוואָרפן מיט בריוו. נאָכדעם האָבן זיי אָנגעהויבן שיקן צו אים אַ דעלעגאַט נאָך אַ דעלעגאַט מיט איינלאַדונגען, און אַזוי האָבן זיי אים ממש קיין רו נישט געגעבן, ביז ער האָט צום סוף מסכים געווען, און האָט שוין אויך גענומען מאַכן הכנות צום וועג.

ווי נאָר מ׳האָט זיך אין שטאָט דערוואוסט, אַז ר׳ יענקעלע קאָוונער האַלט ביים אַרויספאָרן קיין לאָמזשע, זענען צו אים אַוועק די מנהיגים פון דער ווילנער קהלה און אים געבעטן, ער זאָל זיי נישט אָנטון די חרפּה און זאָל זיי נישט פאַרלאָזן, נאָכדעם ווי ער האָט צווישן זיי אָפּגעוואוינט אַזוי פיל יאָר. באַלד אויפן אָרט האָבן זיי אים דערלאַנגט אַ כתב אַלס מורה-הוראה מיט אַ מאָנאַטלעכן געהאַלט פון קהל. פון דעמאָלט אָן איז ר׳ יענקעלע פאַרבליבן אויף ביידע שטעלעס: אַלס מורה-הוראה און ראש-ישיבה.

ג

ר׳ יענקעלע האָט זיך אָבער נישט איינגעשלאָסן אין די פיר איילן פון תורה און עבודה. פון דער נאַטור איז ער געווען באַשאָנקען מיט אַ חוש פאַר געזעלשאַפטלעכער אַרבעט. זיין גרויסע פּקחות און זיין פּראַקטישער פאַרשטאַנד האָבן געבראַכט דערצו, אַז פון גאַנצן שטאָט האָט מען צו אים אָנגעהויבן גיין צו האַלטן מיט אים עצות וועגן פאַרשיידענע ענינים. נאָכדעם ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער באַזיצט אַ זעלטענע פעאיקייט פאַנאַנדערצוקלויבן זיך אין די פאַר־פּלאָנטערסטע פראַגן, איז ער געוואָרן דער איינציקער בורר אין שטאָט, צו וועלכן עס האָבן זיך געווענדעט מענטשן פון אַלערליי קלאַסן און שטאַנדן מיט דער בקשה זיי אויסצוגלייכן

אין זייערע געשעפטלעכע כּבֿוסים. אויך קריסטן, וואָס האָבן זיך פּראָצעסירט מיט יידן, פלעגן זיך פאַרלאָזן אויף דעם פּסק־דין, וואָס ר׳ יענקעלע פלעגט אַרויסטראָגן. איידער צו גיין משפטן זיך אין געריכט, איז בעסער דער ווילנער עולם געגאַנגען צו ר׳ יענקעלע קאָוונער.

דער ביאָגראַף פון ר׳ יענקעלע קאָוונער גיט די פאָלגנ־דיקע אינטערעסאַנטע כאַראַקטעריסטיק וועגן זיין הויז:

„ביי אים איז געווען דער צענטר פון דער גאַנצער פּיל־פּאַרביקער ווילנער יידישער אינטעליגענץ. אין איין ווינקל זענען געזעסן די גרעסטע רבנים און גאונים און האָבן זיך מפלפל געווען אין דברי תורה, און אין אַ צווייטן ווינקל האָבן צווישן זיך געפירט שמועסן שריפטשטעלער און געלערנטע בּכּח ענינים פון ליטעראַטור און וויסנשאַפט, און וואו נאָר אַ שווערע פראַגע, וואו נאָר אַ פאַרפּלאָנטערט פּראָבלעם, הן אין לערנען, הן אין השכלה, האָט מען זיך געווענדט צו ר׳ יענקעלען נאָך הילף. און אויסער די אַלע האָט מען ביי ר׳ יענקעלען תמיד געקאָנט געפונען אַלערליי עלנטע, געדריקטע מענטשן, וועלכע זענען געקומען אויסגיסן פאַר אים זייערע פאַרביטערטע הערצער און בעטן ביי אים שטיצע, און ער האָט קיינעם נישט אָפּגעזאָגט, פאַר אַלעמען האָט ער זיך משתדל געווען און יעדערן האָט ער געהאָלפן ווי וויט ער האָט נאָר געהאַט דערצו די מעגלעכקייט“.

אין יאָר 1847, בעת די רעגירונג פון ניקאָלאַי דעם ערשטן האָט געעפנט אין ווילנע די ראַבינער־שול און באַשטימט אַ קריסט אַלס דירעקטאָר, איז ר׳ יענקעלע קאָוונער געווען כּמעט דער איינציקער, וועלכער האָט געהאַט אין זיך די דרייסטקייט אויסצודריקן אין דער עפנטלעכקייט זיין גרויסע אומצופרידנהייט מיט דעם, וואָס די דערציאונג פון דער יידישער יוגנט ווערט איבערגעגעבן אין פרעמדע הענט. שפּעטער האָט מען אים אויסגעקליבן אַלס עקזאַמינאַטאָר פון תּלמוד און שולחן־ערוך אין די העכערע קלאַסן פון ראַבינער־שול. די גע־ענדיקטע אַלס קאַנדידאַטן אויף ראַבינער־שטעלעס פלעגן מוזן

פון אים באַקומען אַ מין „סמיכה", אַז זיי זענען באַהאַוונט ווי געהעריק אין די יידיש-רעליגיעזע למודים. ער האָט פאַרשטאַנען ברענגען צו דעם, אַז די קריסטלעכע פאַרוואַלטונג פון ראַבינער-שול האָט זיך גערעכנט מיט זיין אויטאָריטעט, און דער דירעק-טאָר מיטן אינספּעקטאָר פלעגן זיך גאַנץ אָפט קומען באַראָטן מיט אים וועגן פאַרשיידענע פּעדאַגאָגישע פראַגן.

ר' יענקעלע קאָוונער איז געווען דער איינציקער צווישן די רבנים און גאונים אין ליטע און וייס-רוסלאַנד, וואָס האָט גערעדט פּליסיק רוסיש. דורכדעם איז ער געוואָרן זייער פּאָ-פּולער, און שפּעטער אויך באַליבט, ביי דער העכערער מאַכט פון קאַנט, ביי די ווילנער גענעראַל-גובערנאַטאָרן און גובער-נאַטאָרן איז ער געווען תּמיד אַ גאַנצער „בן-בית", און פלעגט ביי זיי יעדעס מאָל אויספּועלן אַלערליי טובות פאַרן יידישן כלל און פאַר יחידים.

——————

די לעצטע פערציקער יאָרן איז די יידישע לאַגע אין רוסלאַנד געוואָרן באַזונדערס שווער צוליב די אָפטע גזירות און באַגרענעצונגען אין מסחר און אין וואוינרעכט. יידן האָבן זיך ממש געטרונקען אין צרות, און מ'האָט געזען באַשיינפּערלעך, ווי זיי גייען צו גרונט פון טאָג צו טאָג. דערצו האָט נאָך אַלעמען געדריקט די מורא פאַר דער גזירה פון די „ראַזראַדן", וועלכע האָט געדראָט מאַסן יידן פאַרשיקט צו ווערן קיין סיביר. דאָס הייסע יידישע האַרץ פון ר' יענקעלע קאָוונער האָט זיך באַגאָסן מיט בלוט פון זאָרג פאַרן ביטערן גורל פון זיינע ברידער. טאָג און נאַכט האָט ער זיך געעצהט מיט ווילנער שטאָט-פרנסים וואָס צו טון. ער האָט אָבער קיין עצה נישט געפונען.

האָט גראָד געדאַרפט פּאַסירן, אַז אין אַ געוויסן טאָג איז ר' יענקעלע דערגאַנגען פון דעם דעמאָלטיקן ווילנער גובערנאַטאָר, ב י ב י ק אָ וו, אַז איינגיכן דאַרף ניקאָלאַי דורכפאָרן ווילנע אויפן וועג קיין ה אָ מ ע ל. באַלד האָט ביי ר' יענקעלען אויפגעבליצט דער געדאַנק, אַז די יידן דאַרפן זען אויסצונוצן

דעם קייזערס נסיעה און אויסריכטן צו אים אַ דעפּוטאַציע, וועלכע זאָל אים דערלאַנגען אַ מעמאָראַנדום וועגן דער יידישער לאַגע מיט אַ בקשה מבטל מאַכן די גזרות. נאָך אין דעמזעלבן אָוונט האָט ר׳ יענקעלע צונויפגערופן צו זיך די גרעסטע יידישע פּערזענלעכקייטן אויף אַ פּאַרטרויליכער זיצונג, אויף וועלכער ס׳איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז די דעפּוטאַציע דאַרף באַשטיין פון אויסגעקליבענע נישט בלויז פון ווילנער יידן, נאָר פון אַלע ליטווישע און ווייס־רוסישע קהלות. שוין אויף מאָרגן האָט מען פון ווילנער קהל אַרויסגעשיקט עקסטראַ־שלוחים אין די גרעסערע יידישע צענטרן, און אין משך פון עטלעכע טעג זענען דורכגעפירט געוואָרן די וואַלן פון די דעפּוטאַטן, בסך־הכל צען פּערזאָן. מיטאַמאָל האָט זיך אָבער ר׳ יענקעלע דערוואוסט, און אַלץ פון דעמזעלבן ביביקאָוון, אַז דער קייזער האָט געענדערט דעם מאַרשרוט פון זיין נסיעה, און אַז ער וועט פאָרן פון פעטערבורג קיין האָמעל נישט דורך ווילנע, נאָר דורך וויטעבסק. ר׳ יענקעלע איז געוואָרן צעטומלט, האָט אָבער באַלד געפּאַסט מוט און באַשלאָסן זיך לאָזן מיט דער דעפּוטאַציע קיין וויטעבסק, אָבער שוין נישט אַלע צען, נאָר זאַלבעדריט: ער און נאָך צוויי. אין וויטעבסק האָט אָבער ניקאָלאַי נישט געוואָלט אָננעמען די דעפּוטאַציע, און איר געהייסן דורך זיין אַדיוטאַנט פאַרשטעלן זיך פאַר אים אין האָמעל. אָנגעקומען קיין האָמעל, האָט ניקאָלאַי אָנגענומען אויף אַ פינף־מינוטיקער אוידיענץ מער נישט ווי ר׳ יענקעלען אַליין. די פּרטים פון דער דאָזיקער אוידיענץ זענען פאַרבליבן בסוד. אין ליטע גייען וועגן דעם אַרום פאַרשיידענע לעגענדעס. מען דערציילט, למשל, אַז ניקאָלאַי האָט אַ פרעג געטון ר׳ יענקעלען:

— פאַרוואָס זאָל דאָס יידישע פאָלק אַזוי פיל ליידן, בעת עס קאָן אין איין קליינער ווילע פּטור ווערן פון זיינע צרות ?

— ווי אַזוי דהיינו ? — האָט אים ר׳ יענקעלע געפרעגט.

— עס דאַרף זיך נאָר לאָזן באַשפּריצן מיטן הייליקן וואַסער, — האָט אים ניקאָלאַי געענטפערט.

אויף דעם זאָל ר׳ יענקעלע האָבן געזאָגט:

— בוימאייל לאָזט זיך נישט צעמישן מיט וואַסער...

— אַזוי?! — האָט ניקאָלאַי אויסגערופן גאַנץ אויפגעבראַכט — זיך האַלט איר פאַר בוימאייל און אונדז פאַר וואַסער?

— ניט מיר — איז געווען ר׳ יענקעלעס תשובה — האַלטן אונדז אַזוי, נאָר אונדזערע גרויסע, אונדזערע תלמודיסטן האָבן פאַרגליכן דאָס יידישע פאָלק צו איילבערטן, וועלכע מען דריקט, מען שטיקט און מען קוועטשט פון זיי אַרויס זייער זאַפט...

און נאָך אַזעלכע לעגענדעס.

אַ פאַקט איז, אַז קיין ווילנע האָט זיך דאַן ר׳ יענקעלע צוריקגעקערט מיט דער גוטער בשורה, אַז די גזרה וועגן די „ראַזראַדן" וועט נישט פאַרווירקלעכט ווערן. און די גזרה איז טאַקע באמת געבליבן נאָר אויפן פאַפיר...

————————

אין יאָר 1855 האָט די רוסישע רעגירונג פּראָיעקטירט איבערצוגעבן די יידישע רעליגיעזע אינטערעסן אין די הענט פון אַ קאָנסיסטאָריע, אין וועלכער עס זאָלן אַריינגיין אַלס מיטגלידער די חשובסטע גאונים און תלמוד-געלערנטע. די רעגירונג האָט דאַן באַפולמעכטיקט דעם באַוואוסטן קאַראַאימער געלערנטן אברהם פירקאָוויץ אַרומצופאָרן איבערן תחום און אויסזוכן דאָרט די פּאַסיקע פּערזאָנען פאַר דעמדאָזיקן הויכן אַמט. קומענדיק קיין ווילנע, האָט ער זיך באַלד אָפּגעשטעלט אויף ר׳ יענקעלע קאָוונער, און דער דעמאָלטיקער דאָרטיקער גענעראַל-גובערנאַטאָר נאַזימאָוו האָט דערצו גלייך מסכים געווען.

דערזעלבער נאַזימאָוו האָט שטאַרק געהאַלטן פון ר׳ יענקעלעס פּקחות און ער פלעגט צו אים גאַנץ אָפט אַריינפאָרן באַראַטן זיך מיט אים וועגן פאַרשיידענע אַדמיניסטראַטיווע ענינים. ר׳ יענקעלע האָט פאַרשטאַנען אויסצונוצן נאַזימאָווס גענויגטקייט צו אים לטובת הכלל. דאָס ווייכטיקסטע, וואָס ר׳ יענקעלע האָט געפועלט ביי נאַזימאָוון איז געווען, צו עפענען

פאַר די ווילנער יידן די עטלעכע קריסטלעכע גאַסן, אין וועלכע זיי האָבן ביז אַהין נישט געטאָרט וואוינען און אויך צו באַזעצן זיך אין טראָק, וואוהין די קאַראַאימער, די מערהייט פון שטעטל האָבן זיי קיינמאָל נישט צוגעלאָזט.

צוליב פאַרשיידענע נישט-אויפגעקלערטע סבות איז די רוסישע רעגירונג שפּעטער אָפּגעשטאַנען פון איר פּלאַן וועגן גרינדן אַ יידישע קאָנסיסטאָריע: דערפאַר האָט זי אָבער אין יאָר 1858 צונויפגערופן קיין פּעטערבורג אַ קאָמיסיע פון רבנים אונטער דער אָנפירונג פונם אינערן-מיניסטער. זיבן מיטגלידער האָט מען געדאַרפט קלייבן אין דער קאָמיסיע, און פון ווילנע איז אויסגעקליבן געוואָרן ר׳ יענקעלע קאָוונער. ער איז שוין דאַן געווען אַ זקן פון אַ יאָר עטלעכע און זעכציק, און דאָך האָט עס אים נישט אָפּגעהאַלטן צו אונטער-נעמען מיט פערד אַזאַ שווערע נסיעה, וועלכע האָט געדויערט העכער דריי וואָכן. אין פּעטערבורג האָט זיך דאַן ר׳ יענקעלע זייער באַפריינדעט מיט דעם דעמאָלט שוין זייער פּאָפּולער געוועזענעם כלל-טוער באַראָן יודיל גינצבורג, וועלכער האָט באַקומען אַ באַזונדערע איינלאַדונג פון דער רעגירונג אנטייל צו נעמען אין די באַראַטונגען פון די רבנים. פון דאַן אָן האָט באַראָן גינצבורג נישט אונטערגענומען קיין שתדלנות לטובת הכלל וואו ער האָט זיך פריער נישט מישב געווען וועגן דעם ענין מיט ר׳ יענקעלע קאָוונער.

אין דער רבנים-קאָמיסיע, וואָס איז פאָרגעקומען אין דער קעגנוואַרט פון די העכסטע רעגירונגס-באַאַמטע, האָט ר׳ יענקעלע געמאַכט גרויס אויפזען מיט זיין שאַרפן אַרויס-טרעטן קעגן די, וועלכע זענען איינגעגאַנגען אויף פשרות בנוגע איניקע פּראָיעקטירטע רעליגיעזע רעפאָרמען. שטאָל און אייזן איז ער געשטאַנען פאַר דער קאָמפּעטענץ פון די רבנים אין אַלע קהלשע ענינים, וואָס האָבן אַ שייכות מיט דער אמונה. זיינע פּלאַמיקע רעדעס וועגן דער יידישער עטיק האָט געמאַכט אויף אַלעמען אַ געוואַלטיקן איינדרוק.

זעקס חדשים איז ר׳ יענקעלע אָפּגעזעסן דאָס ערשטע

מאָל אין פעטערבורג. אין פאַרלויף פון דער צייט האָט ער זיך באַקאַנט געמאַכט אין די העכסטע רעגירונגס-ספערן, וואו אים איז אויסגעקומען וויפל מאָל אויסצוטענהן זיך לטובת יידן קעגן שונאים און בייזע צינגער. תמיד האָבן זיינע ווערטער געמאַכט אַ רושם, און יעדעס מאָל האָט ער עפּעס אויסגעווירקט פאַר יידן. וויפל מאָל האָט פּאַסירט, אַז הויכגעשטעלטע פּערזאָנען האָבן אים ספּעציעל פאַרבעטן צו זיך, אום צו באַלויכטן זיי פאַרשיידענע יידישע ענינים.

ד

אין יאָר 1862, בעת מ'האָט אין גאַנצן לאַנד געפייערט דעם טויזנט-יעריקן יובליי פון דער רוסישער מלוכה, האָט די ווילנער יידישע קהלה אויסגעריכט קיין פעטערבורג ר' יענקעלען מיט אַ באַגריסונגס-אַדרעס צו אַלעקסאַנדער דעם צווייטן. ר' יענקעלע איז דאַן אָנגעקומען קיין פעטערבורג ערב ראש-השנה, און דעמזעלבן טאָג האָט ער באַקומען אַ מעלדונג פונם אינערן-מיניסטער גראַף וואַלויעוו, אַז דער קייזער וועט אים אָננעמען אויף אַן אוידיענץ איבערמאָרגן פיר אַזייגער נאָכמי-טאָג אין צאַרסקאָיע סעלאָ.

איבערמאָרגן, דעם צווייטן טאָג ראש-השנה, האָט ר' יענקעלע אָפּגעדאַוונט אין זיין אכסניא ביחידות און, קוים עפּעס איבערגעביסן, האָט זיך דער עלטער און זעכציק-יעריקער זקן אַוועקגעשלעפּט צו-פוס קיין צאַרסקאָיע סעלאָ, אַ מהלך פון אַ ווייאָרסט צוואַנציק. „גאָט – אַזוי האָט ר' יענקעלע נאָכהער געשריבן צו דעם באַרימטן גאון ר' העשל לעווין פון וואָלאָזשין – האָט אין מיר אַריינגעגעבן דעם וואונדערלעכן כח אָנצוקומען קיין צאַרסקאָיע סעלאָ נאָך מיט אַ שעה פריער, איידער עס איז פאָרגעקומען די אוידיענץ".

דער קייזער האָט זייער פריינטלעך אָנגענומען דעם אַדרעס פון דער ווילנער קהלה און געהייסן ר' יענקעלען אָפּגעבן אין

זיין נאָמען אַ גרויסן דאַנק דער יידישער באַפעלקערונג. ר׳ יענקעלע האָט פאַרבראַכט אין פּלאַץ ביז אין אָוונט, און דאַן האָט מען אים אין אַ הויף־קאַרעטע אָפּגעפירט צוריק קיין פּעטערבורג.

גראָד איז אין יענער צייט געקומען קיין פּעטערבורג דער ווילנער גענעראַל־גובערנאַטאָר נאַזימאָוו. ר׳ יענקעלע איז גלייך צו אים צוועק און אין אַ לאַנגן שמועס וועגן דעם יידישן מצב האָט ער אים אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז ס׳וואָלט זיך אפשר געלוינט אויסצונוצן דעם קייזערס גוטע שטימונג צוליב דעם יובילײַ לטובת דעם יידישן פאָלק. אויף דעם האָט אים נאַזימאָוו געענטפערט:

– וועלכע הנחת, למשל, וואָלטן יידן איצט פאַרלאַנגט פון קייזער?

ר׳ יענקעלע האָט נישט פיל געקלערט און געזאָגט:

– יידן ליידן באַזונדערס פיל דורכדעם, וואָס די אינוויי־ניקסטע גוברניעס און די צוויי רעזידענץ־שטעט זענען פאַר זיי פאַרשלאָסן. דאָס צווינגט קאָמפּאַקטע יידישע מאַסן צו קאָנצענטרירן זיך אין צפון־מערב־קאַנט, און די ענגשאַפט איז אַן אומדערטרעגלעכע! איינער ביים צווייטן נעמט אַוועק זיין פּרנסה, די קאָנקורענץ איז גרויס און דער מסחר איז געפאַלן. כוחרים האָבן נישט וואו אָפּצוזעצן זייערע סחורות, בעלי־מלאכות גייען אום ליידיק, און דער גאַנצער האַנדל און וואַנדל האָט זיך אָפּגעשטעלט. דעריבער וואָלט גוט געווען, אַז די רעגירונג זאָל צום ווייניקסטן געבן וואוינרעכט אין די אינערע גובערניעס און אין די צוויי הויפּט־שטעט דידאָזיקע דריי קאַטעגאָריעס: א) אויסגעדינטע סאָלדאַטן, ב) בעלי־מלאכות און ג) סוחרים פון ערשטער און צווייטער מדרגה.

נאַזימאָוו האָט פאַרגעלייגט ר׳ יענקעלען צו דערלאַנגען אים וועגן דעם אַ באַזונדער מעמאָראַנדום, צו וועלכן ער וועט צולייגן זיינעם אַ בריוו צום מיניסטער־פּרעזידענט בלוקאָוו, און ער האָפט, אַז די זאַך וועט האָבן דערפאָלג.

און עס איז ווירקלעך אַזוי געווען. ר׳ יענקעלעס מעמאָראַנדום צוזאַמען מיט נאַזימאָווס בריוו האָבן אין די העכסטע מלוכה־ספערן געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק. דעם 3-טן יולי 1862 איז אַרויס אַ קייזערלעכער „אוקאַז" — אַפּריער וועגן דעם פרייען וואוינרעכט אין גאַנץ רוסלאַנד פון די יידישע סאָלדאַטן, און שפּעטער האָבן דיזעלבע רעכט באַקומען אויך בעלי־מלאכות און סוחרים.

די יידישע באַפעלקערונג האָט דאַן פרייער אָפּגעאָטעמט. מ'האָט עס געהאַלטן פאַר אַ צייכן, אַז דידאָזיקע גוטע התחלה וועט נאָך פירן צו גרעסערע מעשים מצד דער רוסישער רעגירונג.

ר׳ יענקעלע האָט דעמאָלט באַקומען ברכות פון אַלע יידישע קהלות, וועלכע האָבן אים גערופן אין די בריוו: „מלאך מושיע"...

אין יאָר 1863 איז נאַזימאָוו באַשטימט געוואָרן אַלס מיטגליד אין מלוכה־ראַט, און אויך כון פּעטערבורג האָט ער כסדר קאָרעספּאָנדירט מיט ר׳ יענקעלען, וועלכער האָט זיך צו אים גאַנץ אָפט געווענדעט מיט פאַרשיידענע בקשות וועגן יידן. אין יאָר 1872, בעת נאַזימאָוו האָט געפייערט דעם פופציקיעריקן יובילייִ כון זיין מלוכה־דינסט, האָט ער צו דער פייערלעכקייט איינגעלאַדן אויך ר׳ יענקעלען. ר׳ יענקעלע האָט זיך שוין דאַן געפילט זייער אַלט און שוואַך, וועלנדיק אָבער אויסנוצן נאַזימאָוון לטובת יידן, האָט ער דאָך אונטערגענומען די שווערע נסיעה קיין פּעטערבורג. אין דעם טאָג פונם יובילייִ, בעת נאַזימאָווס פּאַלאַץ איז געווען פול מיט די גרעסטע שררות, איז אַריין דער שווייצער און האָט אים געמאָלדן, אַז אַן אַלטער ייד איז געקומען. נאַזימאָוו איז אים תיכף אַרויסגעלאָפן אַנטקעגן אין קאָרידאָר, איז אים אַרויפגעפאַלן אויפן האַלז און

האָט זיך מיט אים ברידערלעך צוק׳שט. דערנאָך האָט ער א׳ם גענומען אונטערן אָרעם און אריינגעפירט אין זאַל, וואו ער האָט אים פאָרגעשטעלט פאַר די אַנוועזנדע מיניסטאָרן און העכסטע גענעראַלן אַלס דעם גרעסטן זון פונם יידישן פאָלק, וועלכן ער האָט דעם כבוד צו האָבן פאַר אַ פריינט.

גאַנצע אַכט טאָג האָט דאַן ר׳ יענקעלע פאַרבראַכט אין פעטערבורג, וואו ער האָט זיך טעגלעך געזען מיט נאַזימאָוון און אויסגעפועלט ביי אים אַ סך טובות פאַרן כלל־ישראל.

אין יאָר 1869 האָט זיך אויפן רוסישן יידנטום אָנגערוקט אַ גאַנץ אומגעריכטע צרה. דער טרויעריק־באַוואוסטער משומד בראַפמאַן האָט זיך דאַן באַזעצט אין ווילנע, וואו עס איז אין יענער צייט געווען גענעראַל־גובערנאַטאָר גענעראַל קויפמאַן. אויף דעמדאָזיקן קויפמאַנען, וועלכער איז געווען אַ גאַנץ נאַאיווער מענטש, האָט בראַפמאַן פאַרשטאַנען צו מאַכן מיט זיינע גיפטיקע מסירות אויף יידן אַ שטאַרקן רושם, און האָט ביי אים געפועלט, ער זאָל זעצן אַ באַזונדערע קאָמיסיע, וועלכע זאָל באַהאַנדלען די יידן־פראַגע. גענעראַל קויפמאַן האָט זיך געלאָזט איינרעדן און האָט אויסגעקליבן אַזאַ קאָמיסיע פון לויטער קריסטן, אונטערן פאָרזיץ פון אַ געוויסן ספאַסקי, אַ הויכער באַאַמטער אין דער אַדמיניסטראַציע פונם צפון־מערב־קאַנט. פאַר דערדאָזיקער קאָמיסיע האָט בראַפמאַן באַשולדיקט יידן אַלס די גרעסטע פיינט „פון גאָט און פון קייזער״, וואָס היטן נישט אָפּ די געזעצן פון דער מלוכה, וועלכע עקספּלאָאַטירן די פוערים, זויגן־אויס פון זיי דעם זאַפט און לעבן אויף זייער חשבון. דערביי האָט דער צורר־היהודים פאָרגעלייגט פאַרשיי־דענע פלענער, ווי פטור צו ווערן פון יידן. ער האָט פאָרגע־לייגט, מ׳זאָל פאַרשליסן פאַר זיי די גרעסטערע שטעט, מ׳זאָל זייע־רע קינדער נישט צולאָזן אין די מלוכה־שולן, און אַזוי ווייטער.

די קריסטלעכע מיטגלידער פון דער קאָמיסיע, וועלכע האָבן געהאַלטן בראַפמאַנען, דעם מחבר פון „קניגא קאַהאַלאַ" פאַר דעם גרעסטן קענער פון יידן און יידישקייט, זענען תחילת געווען נוטה צו רעכענען זיך מיט בראַפמאַנס מיינונגען און אָנצונעמען זיינע פּראָיעקטן. די ווילנער יידישע פאָרשטייער האָבן זיך דערפון דערוואוסט, און פון זיי איז פאַרשפּרייט געוואָרן די ידיעה צווישן דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג און אין שטאָט איז געוואָרן חשך. דער אַלטער ר׳ יענקעלע איז מיט זיינע לעצטע כחות געלאָפן צום גענעראַל קויפמאַן און צו ספּאַסקין מיט בקשות, זיי זאָלן צולאָזן אין דער קאָמיסיע אויך יידישע מיטגלידער, וועלכע זאָלן זיך אויסטענהן מיט בראַפמאַנען און ענטפערן אויף זיינע באַשולדיקונגען. ער האָט אָבער גאָרנישט געפועלט. דאַן האָט ר׳ יענקעלע צונויפגערופן קיין ווילנע אַן אסיפה פון די באַרימטסטע יידישע פערזענלעכ־קייטן פון פאַרשיידענע שטעט און האָט זיך מיט זיי באַראַטן וועגן די מיטלען, וועלכע מ׳דאַרף אָננעמען קעגן דער גרויסער געפאַר, וואָס דראָט דעם גאַנצן רוסישן יידנטום.

ה

פאַרצווייפלט זענען אַרומגעגאַנגען די יידישע פאָרשטייער. נאָך אַלע באַראַטונגען, וואָס זיי האָבן אָפּגעהאַלטן צוזאַמען מיט די גרעסטע יידישע פערזענלעכקייטן פון ליטע און ווייס־רוסלאַנד, האָבן זיי אַלץ קיין ריכטיק מיטל נישט געפינען, ווי אַזוי אָפּצושוואַכן בראַפמאַנס השפעה אויף דער קאָמיסיע. אַלע אויגן זענען געווען געווענדט אויף ר׳ יענקעלען; מ׳האָט געהאָפט, אַז אַזוי ווי תמיד, וועט ער אויך איצט געפינען אַן אויסוועג פון דער קריטישער לאַגע. דאָסמאָל האָט זיך אָבער אויך ר׳ יענקעלע צו קיין זאַך נישט געקאָנט דערקלערן.

דערווייל האָט געדאַרפט פאַסירן, אַז מ׳האָט קויפמאַנען אַרויסגערופן קיין פּעטערבורג אָפּצוגעבן דאָרט אַ דין־וחשבון

וועגן דעם מצב אין צפון-מערב-קאַנט. קויפמאַן האָט דאַן איינגעלאַדן צו זיך אייניקע פון די יידישע און קריסטלעכע פאָרשטייער און מיט זיי פאַרפירט אַן אויספירלעכן שמועס וועגן די נויטן פון ווילנער געגנט. צוערשט האָט ער אָפּגעפּטרט זיין געשפּרעך מיט די קריסטן, און נאָכדעם האָט ער אַריינגערופן צו זיך די יידן. מיט דער געלעגנהייט האָט זיך באַנוצט ר׳ יעקעלע און קונציק אַרויסגעפירט דאָס געשפּרעך אויף דער אַרבעט פון דער קאָמיסיע. דערביי האָט ער באַקאַנט געמאַכט קויפמאַנען מיט בראַפמאַנס מאַראַלישן מהות און ביי אים געפועלט, עס זאָלן צוגעלאָזט ווערן צו דער קאָמיסיע אויך יידישע מיטגלידער, וואָס זאָלן קאָנען ענטפערן אויף די באַשולדיקונגען און די בלבולים. קויפמאַן האָט תיקף די זיצונגען פון דער קאָמיסיע איבערגעטראָגן אין זיין פּאַלאַץ און פאַראָרדנט, ס׳זאָלן צו זיי איינגעלאַדן ווערן אויך צען מיטגלידער, וואָס די יידן אַליין וועלן צווישן זיך אויסקלייבן. אין פאַרלויף פון צוויי וואָכן זענען שוין די צען יידישע דעפּוטאַטן געווען אויסגעוויילט און בראש פון זיי ר׳ יעקעלע קאָוונער.

שוין אויף דער ערשטער זיצונג, וואָס איז פאָרגעקומען אין דער קעגנוואַרט פון גענעראַל קויפמאַן, האָט בראַפמאַן איבערגעחזרט זיין גיפטיקן באַשולדיקונגס-אַקט קעגן דער יידישער אמונה און האָט געמאַכט תורת-משה צו אַש און צו בלאָטע און אַלס קוואַל פון דעמאָראַליזאַציע און אַלערליי מדות רעות. די יידישע דעלעגאַטן, וועלכע האָבן זיך גאָרנישט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז אַ געוועזענער ייד זאָל אַזוי טרעטן מיט די פיס און מאַכן צו שפּאָט און צו שאַנד דאָס אַלער-הייליקסטע, זענען געזעסן בלייך, ווי די וואַנט, און פון גרויס צעטומלעניש און האַרץ-קלעמעניש האָבן זיי נישט געקאָנט עפענען קיין מויל. דער איינציקער, וועלכער האָט זיך נישט פאַרלוירן, איז געווען דער זיבעציק-יעריקער ר׳ יעקעלע קאָוונער. גאַנץ קאַלטבלוטיק האָט ער אָפּגעענטפערט בראַפמאַנען און מיט לאָגישע באַווייזן צעקלאַפּט זיינע טענות איינע נאָך דער אַנדערער. דאָס האָט שוין צוגעגעבן מוט אויך די איבעריקע

דעפּוטאַטן און יעדער פון זיי האָט גענומען דאָס וואָרט און אויפגעוויזן, ווי ווייט דעם משומדס באַשולדיקונגען האָבן נישט קיין ממשות זייענדיק באַגרינדעט אויף די גרעבסטע פאַלסיפיקאַציעס.

נישט אַזוי גיך האָט אָבער בראַפמאַן פאַרלאָזט דעם קאַמף־פּלאַץ. ער האָט גענומען נישטערן דעם תּלמוד און די רבנישע ליטעראַטור און שטיצנדיק זיך אויף די מסירות פון די באַוואוסטע שונאי־ישראל, ווי אייזענמענגער און פּעפּערקאָרן האָט ער געשטאָטן פּעך און שוועבל אויפן „שלחן־ערוך" און „חושן־משפט", וועלכע האָבן זיך געקליגט נאָר אַלץ מער צו לערנען דעם יידן, ווי אָפּצונאַרן דעם קריסט און אויסזויגן פון אים דעם זאַפט.

די יידישע דעפּוטאַטן זענען געזעסן, ווי אויף הייסע קוילן; איטלעכער פון זיי האָט געציטערט, אַז טאָמער געלינגט בראַפמאַנען צו ווירקן אויף קויפמאַנען, איז די זאַך פאַרלוירן. נאָר ד' יענקעלע צליין האָט נאָך די האָפענונג נישט אויפגעגעבן.

פּלוצלונג איז געשען אַ זאַך, וואָס קיינער האָט נישט דערוואַרט. קויפמאַן האָט זיך אויפגעהויבן פון אָרט און אויסגערופן:

— איך באַפעל, מ'זאָל דאָ וועגן רעליגיעזע פראַגן מער נישט דיסקוטירן. די רעגירונג וויל זיך כלל נישט מישן אין אַזעלכע ענינים. איר אינטערעסירן נישט די אמונה־אַנגעלעגנ־הייטן. דעריבער קאָן זיך די קאָמיסיע באַשעפטיקן נאָר מיט דעם, וואָס איז נוגע די יידן אַלס פאָלק.

דעראָזיקער באַפעל איז געווען פאַר בראַפמאַנען אַ טויט־קלאַפּ. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז דורכדעם האָט ביי אים קויפמאַן אָפּגענומען זיין גאַנצן כלי־זיין און האָט צעראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.

דער פאָרזיצנדער פון דער קאָמיסיע, ספּאַסקי, האָט דאַן צעראָפּגעפירט די ויכּוחים אויף דאָס טעמע וועגן דעם מהות פון די יידן אַלס פאָלק. בראַפמאַן האָט זיך נאָך געפּרואווט

וואָרפן מיט בלבולים אויפן גאַנצן יידנטום. אָבער דאָ האָט ער אויף יעדן טריט געהאַט אַ מיאוסן אָפּשניט פון די יידישע דעפּוטאַטן, און באַזונדערס פון ר׳ יענקעלען, וועלכער האָט אים אָנטפּלעקט אַלס גרויסן עם-הארץ, וואָס האָט נישט קיין שום ידיעה אין דער יידישער געשיכטע און אין די שוואַרצע פּינטעלעך בכלל. אויף דער לעצטער זיצונג האָט ר׳ יענקעלע געהאַלטן אַ דריי-שעהדיקע רעדע וועגן דער באַדייטונג פונם יידישן פאָלק און דער ראָלע, וואָס אים איז אויסגעקומען צו שפּילן צווישן די אַנדערע פעלקער, און דידאַקטיקע רעדע, וועלכע האָט אַרויסגערופן גרויס אויפזען און געמאַכט אויף די קריסטלעכע מיטגלידער אַ געוואַלטיקן רושם, האָט געהאַט אַ דעצידירנדע ווירקונג אויף דער גאַנצער אַרבעט פון דער קאָמיסיע. לויט ספּאַסקיס אַ באַזונדערער פאַראָרדנונג זענען ר׳ יענקעלעס תשובות צוזאַמען מיט זיין לעצטער רעדע פאַרפּראָטאָקאָלירט און אונטערגעשריבן געוואָרן דורך דער גאַנצער קאָמיסיע.

נאָכדעם ווי די קאָמיסיע האָט זיך געשלאָסן, האָבן זיך די יידישע דעפּוטאַטן פאָרגעשטעלט פאַרן גענעראַל קויפמאַן און אים אויסגעדריקט זייער דאַנק פאַר זיין אָביעקטיווער באַציאונג צו דער יידן-פראַגע. אין זיין פריינטלעכן ענטפער האָט זיי קויפמאַן אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז זיי האָבן פאַר אַלץ צו פאַרדאַנקען נאָר ר׳ יענקעלען, וועלכער האָט מיט זיינע קלוגע, לאָגישע רייד צונישט געמאַכט דעם קעגנערס טענות. אויף מאָרגן האָט ספּאַסקי אָפּגעשטאַט אַ וויזיט ר׳ יענקעלען און אים איבערגעלאָזט זיין פאָטאָגראַפיע צום אנדענקען. דערביי האָט ער אים דערציילט, אַז גענעראַל קויפמאַן פירט-אָפּ מיט זיך די פּראָטאָקאָלן פון דער קאָמיסיע קיין פּעטערבורג, וואו ער וועט זיי פאָרלייגן דעם העכסטן מלוכה-ראַט און, לויט זיין מיינונג, וועט דאָס ברענגען צו אַ נייער ווענדונג מצד דער רעגירונג אין איר באַציאונג צו דער יידן-פראַגע.

די רעזולטאַטן פון דער קאָמיסיע האָבן אַרויסגערופן ביי יידן גרויס פרייד. ר׳ יענקעלע איז געוואָרן דער העלד פון טאָג. פון אַלע יידישע קהלות האָט מען אים אַריינגעשיקט דורך באַזונדערע דעלעגאַציעס האַרציקע ברכות. פון וואָלאָזשין זענען געקומען די גאונים ר׳ יוסף בער סלוצקער און ר׳ הירש ליב. אַלע זענען געווען איינשטימיק אין דעם, אַז אויב בראַפמאַנס אינסינואַציעס האָבן פאַרלוירן זייער איינפלוס אויף דער קאָמיסיע, איז דאָס געווען נאָר אַ דאנק די קלוגע תשובות פון ר׳ יענקעלע קאָוונער און זיינע שאַרפע איינפאַלן. מען דער־ציילט צווישן אַנדערן וועגן דעם פאָלגנדיקן דיאַלאָג, וועלכער איז פאָרגעקומען אויף איינער פון די זיצונגען צווישן ר׳ יענקעלען מיט בראַפמאַנען:

בראַפמאַן האָט שטאַרק אָפּעריִרט מיט דעם ווערטל: „טעות גוי מותר״, פון וועלכן ער האָט געוואָלט דרינגען, אַז אַ ייד מעג אָפּנאַרן אַ קריסט. אויף דעם האָט אים ר׳ יענקעלע געפרעגט:

— פונוואַנען האָט איר עס גענומען דאָס ווערטל?

— פון אייער גמרא! — האָט זיך בראַפמאַן אַרויסגעכאַפּט.

— מיינע הערן! — האָט זיך ר׳ יענקעלע געווענדט גאַנץ געלאַסן צו דער קאָמיסיע — אויב ס׳געפינט זיך אַזאַ מימרא אין אונזער גמרא, וועל איך זיין דער ערשטער, וואָס וועט מסכים זיין מיט אַלע אויספירונגען פונם הער בראַפמאַן.

ספּאַסקי, דער פאָרזיצנדער פון דער קאָמיסיע, האָט אויסגעגלאָצט אַ פּאָר אויגן אויף בראַפמאַנען, ווי איינער זאָגט: נו, וואָס האָט איר אויף דעם צו ענטפערן? בראַפמאַן איז געבליבן זיצן גאַנץ רואיק, ווי נישט אים מיינט מען עס, און נאָכהער האָט ער זיך אָפּגערופן, ווענדנדיק זיך צו ר׳ יענקעלען:

— איר יידן, האָט שוין אַן אַלטע טבע אָפּצולייקענען אפילו דאָס, וואָס עס שטייט געשריבן שוואַרץ אויף ווייס.

אויף דעם האָט ר׳ יענקעלע געזאָגט:

— און איר, משומדים, האָט שוין אַן אַלטע טבע צו באַנוצן זיך מיט גאָלע שקרים און כּל־ערליי ליגנס.

דאַן האָט ער מוסיף געווען:

און פון דער געהערטער קאָמיסיע פאַרלאַנג איך צו פאָדערן פון אונדזער באַשולדיקער שוין תיקף דאָ אויפן אָרט אַנצואווייזן וואו עס געפינט זיך דאָס ווערטל „טעות גוי“, אויף וועלכן ער האָט אָנגעבויט אַזוי פיל מסירות אויף דער יידישער תורה?

בראַפמאַן האָט געמאַכט דעם אָנשטעל, ווי ער פילט זיך באַליידיקט פון דעם, וואָס מען גלויבט נישט אַזאַ אויטאָריטעט, ווי ער, אויפן וואָרט, און מען פאָדערט פון אים באַווייזן. נאָכדעם ווי מ׳האָט אים צוגעקוועטשט צו דער וואַנט, האָט ער געזאָגט, אַז ער האָט די מימרה אַמאָל געזען אין אַ ספר; ער געדענקט שוין אָבער היינט נישט אין וועלכן...

בראַפמאַנס לעצטע ווערטער האָבן אַרויסגערופן אין זאַל אַ גרויס געלעכטער, און דאָס האָט שוין באַדייט דעם אָנהויב פון זיין מפלה.

ווינטער 1873 איז ר׳ יענקעלע פּלוצלונג פּאַראַליזירט געוואָרן. אים האָט אָפּגענומען די רעכטע האַנט מיטן רעכטן פוס. מ׳האָט אים דאַן ווי עס איז אויסגעהיילט. נישט געמענדיק אין אַכט דעם פאַרבאָט פון די דאָקטוירים, איז ער געגאַנגען אין בית-מדרש דריי מאָל אַ טאָג דאַווענען און זאָגן דאָס בלאַט גמרא פאַרן עולם. אין יאָר 1877 האָט ער באַקומען אַ פּאַראַליטש אין מוח און איז געבליבן אָן לשון. אין דעמדאָזיקן שווערן צושטאַנד האָט ער זיך געפּונען גאַנצע זעקס יאָר. געשטאָרבן איז ער אַלס זעקס און אכציק-יעריקער זקן אין מיטן ווינטער 1883.

ר׳ יענקעלעס טויט האָט אַרויסגערופן גרויס טרויער ביים גאַנצן ליטווישן און ווייסרוסישן יידנטום; און אַלע הספדים, וואָס מ׳האָט נאָך אים געמאַכט, האָט הויך געקלונגען דער שמערצלעכער אויסרוף:

— ס׳איז געשטאָרבן אונדזער „מלאך מושיע!"...

XVI

באַראָן יוזיל גינצבורג

אונטער די רעגירונגען פון די רוסישע קיסרים אַלעקסאַנדער דער צווייטער און אַלעקסאַנדער דער דריטער האָט זיך קאָנצענטרירט די יידישע שתדלנות כמעט נאָר אין די הענט פון די באַראָנען גינצבורג. די גינצבורג׳ס דער פאָטער, ר׳ יוזיל (יוסף) און זיין זון האָראַץ, זענען אינם משך פון אַ האַלבן יאָרהונדערט געווען די איינציקע פאָרשטייער פונם רוסישן יידנטום פאַר דער רעגירונג זייענדיק אין זיינער צייט די הויפּטזיילן פון דער רוסישער פינאַנץ-וועלט, האָבן זיי פאַרשטאַנען אויסצונוצן זייער הויכן מעמד לטובת דער יידישער באַפעלקערונג וועלכע האָט זיך צו זיי געווענדט אין יעדער עת-צרה. תמיד זענען זיי געשטאַנען אויף דער וואַך פון די יידישע אינטערעסן און מיט זייער וואָלזאַם אויג האָבן זיי אין פיל פאַלן פאַרהיט דעם כלל ישראל פון אַלערליי סכנות, ווי עס וועט דערציילט ווערן אין די ווייטערדיקע קאַפּיטלעך.

ר׳ יוזיל גינצבורג איז געבוירן אין יאָר 1812 אין וויטעבסק ביי בעל-הבתישע עלטערן וועלכע האָבן אים געגעבן אַ העכסט טראַדיציאָנעלע דערציאונג. צו זעכצן יאָר האָבן זיי אים שוין חתונה געמאַכט. אַראָפּגייענדיק פון קעסט, האָט ער באַקומען די שטעלע פון אַ קאַסיר ביי אַ רייכן רוסישן גוטס-באַזיצער, לעבן זווענינאָראָדקע, קיעווער גובערניע, וועלכער

האָט געהאַט בראָנפן-פּרייזער. אין יענער צייט האָט די רוסישע רעגירונג אָפּגעגעבן דעם בראָנפן-האַנדל אין מאָנאָפּאָל פאַר-שיידענע אונטערנעמער, דאָס רוב קריסטן. דורך אַ רעקאָמענדאַציע פון זיין פּרינציפּאַל האָט ר׳ יוזיל באַקומען פון דער רעגירונג דעם „אָטקופּ" (אַזוי האָט געהייסן דער בראָנפן-מאָנאָפּאָל) אין אַ רייע גובערניעס פון יידישן „תחום", און אין אָנהויב פון די פערציקער יאָרן האָט ער שוין געהאַט אונטער זיך ביי אַ הונדערט יידישע „אַקציזניקעס", וועלכע זענען אַרומגעפאָרן איבער „דער פּראָווינץ און רעווידירט די שענקען. צוליב דעם פלעגט גינצבורגן אויסקומען גאַנץ אָפט צו זיין אין פּעטער-בורג, וואו ער האָט געהאַט פאַרבינדונגען אין די העכסטע ספערן, און באַזונדערס מיט די דאָרטיקע פינאַנסיסטן. ער האָט זיך שוין דעמאָלט שטאַרק אינטערעסירט מיט דער יידישער לאַגע. און יעדעס מאָל, ווען ער פלעגט זיך אויפהאַלטן אין פּעטערבורג, פלעגט ער מיט זיך מיטברענגען פאַרשיידענע השתדלותן וועגן יידישע רעכט. וועלכע זענען תמיד דערפילט געוואָרן.

נאָך דעם קרימער קריג, אָנהויבנדיק פון יאָר 1858, האָט זיך גינצבורג גענומען משתדל זיין מיט אַ באַזונדער ענערגיע, מ׳זאָל געבן יידישע סוחרים שטענדיקע וואוינרעכט אויסערן „תחום", און דיזאָזיקע השתדלות האָט געהאַט דערפאָלג. אין יאָר 1859 האָט גינצבורג געגרינדעט אין פּעטערבורג אַ באַנק-הויז, וועלכעס איז אין אַ גאַנץ קורצער צייט אויסגעוואַקסן צו איינעם פון די גרעסטע הויפּט-שטאָטישע פינאַנס-אינסטיטוטן. גינצבורגס באַנק האָט אַרויסגעראַטעוועט די רעגירונג פון אַ סך געלט-נויטן, זי האָט פאַרשטאַרקט דעם פּרעסטיזש פון די רוסישע פינאַנציעלע אָפּעראַציעס אין אויסלאַנד, און באַזונדערס מיטגעהאָלפן דער רעאַליזאַציע פון די אייזנבאַן-הלוואות.

צוליב דער קרענקלעכקייט פון זיין פרוי האָט זיך גינצבורגס פאַמיליע אין אָנהויב פון די זעכציקער יאָרן אַריבערגעקליבן קיין פּ אַ ר י ז. נאָר ער מיט זיין עלטערן זון

האָראָץ פּלעגן גאַנץ אָפֿט אַראָפּפֿאָרן קיין פּעטערבורג. אין יענער צייט האָט זיך ר׳ יוזיל גינצבורג זייער פיל אָפּגעגעבן מיט יידישע כּלל-אינטערעסן, ביז ער איז אַזוי-אַרום געוואָרן דער אָפיציעלער יידישער פאָרשטייער אין דער רעזידענץ.

אין יאָר 1862 האָט יוזיל גינצבורג דערלאַנגט דער רעגירונג אַן אויספירלעכן מעמאָראַנדום וועגן דעם מצב פון די יידן אין רוסלאַנד מיט אַן אַלזייטיקער דערקלערונג וועגן דער נויטיקייט צו פאַרברייטערן זייערע רעכט. נעמענדיק אין אַכט דעמדאָזיקן מעמאָראַנדום, האָט די רעגירונג דאַן געמאַכט די ערשטע אָפיציעלע אַנקעטע מכּח דעם ענין און אָנגעפרעגט ביי אַלע גענעראַל-גובערנאַטאָרן און גובערנאַטאָרן פון יידישן תּחום זייער מיינונג וועגן דער זאַך. כּמעט פון אַלע קאַנצעלאַריעס האָט מען דעמאָלט געענטפערט, אַז ס׳וואָלט געווען אַ יושר צו האַלטן זיך ביי דעם פּרינציפּ פון דער יידישער גלייכבארעכטיקונג. אָבער ביז די תּשובות פון די ערטער זענען איבערגעקוקט געוואָרן אין פּעטער-בורג, האָט זיך אין די העכסטע רעגירונגס-ספערן אָנגעהויבן פילן אַ רעאַקציאָנערע שטימונג, כאָטש אפילו נאָך אַביסל פאַרדעקט, און גינצבורגס מעמאָראַנדום האָט בלויז געבראַכט דערצו אַז מ׳האָט אַריינגעטראָגן אין דעם מלוכה-ראַט נישט זיין גאַנצן פאָרשלאַג וועגן דער באַוועגונגס-פרייהייט פון דעם יידישן כּלל, נאָר פון געצעלטע קאַטעגאָריעס, ווי מעכאַניקער, מייסטערס און פאַרשיידענע האַנטווערקער.

איינע פון יוזיל גינצבורגס גרעסטע אויפטון איז געווען זיין השתּדלות אָנהויב די זיבעציקער יאָרן, בעת ס׳איז אין די העכסטע מלוכה-ספערן אויסגעאַרבעט געוואָרן דאָס נייע געזעץ וועגן דער אַלגעמיינער מיליטער-פליכט. אין יענעם מאָמענט איז געווען באַזונדערס נויטיק דערשלאָגן זיך צו דעם, עס זאָלן פאַר יידן נישט איינגעפירט ווערן קיין באַזונדערע אויסנאַמס-פּאַראַגראַפן. יוזיל גינצבורג האָט זיך דערוואוסט, אַז אין די העכסטע מלוכה-ספערן באַציט מען זיך מיט אומצוטרוי צום יידישן מיליטער-דינסט, און אַז מ׳האָט דעריבער בדעה אַוועק-צושטעלן יידן אין דער הינזיכט אונטער ספּעציעלע שווערע

באַדינגונגען. ווען דאָס וואָלט פּאַרווירקלעכט געוואָרן, וואָלט עס אָוועקגעשטעלט די רוסישע יידן אין גרויס געפאַר. גינצבורג האָט דאָס נישט געקאָנט דערלאָזן, אין גינצבורגס אַרכיוו, וועלכן מ'האָט פאַנאַנדערגענומען נאָך זיין טויט, האָט מען געפונען מאָסן מאַטעריאַלן, וועלכע באַווייזן וויפל מי און אָנשטרענגונג ער האָט אָוועקגעלייגט, אום דורכצופירן אין די געהעריקע ספערן דעם געדאַנק, אַז בנוגע מיליטער־דינסט מוזן יידן אָוועקגעשטעלט ווערן אויף אַ גלייכער מדרגה מיט דער איבעריקער באַפעלקערונג פונם לאַנד. דער געזונטער פאַרשטאַנד האָט גינצבורגן דיקטירט, אַז יידן וועלן נאָר דאַן האָבן דאָס רעכט צו פאָדערן פאַר זיך גלייכבאַרעכטיקונג, אויב זיי וועלן גלייכגעשטעלט ווערן מיט אַנדערע אין דער אַרמיי. גינצבורגס מיינונג איז דעמאָלט אונטערשטיצט געוואָרן פון דעם קריגס־מיניסטער מיליוטין און אויך פון דעם פאָרזיצער פון דער קאָמיסיע, וועלכע האָט אויסגעאַרבעט דעם סטאַטוט וועגן דעם מיליטער־דינסט, דער גרויספירשט קאָנסטאַנטין ניקאָלאַיעוויטש.

זייענדיק אָרטאָדאָקסיש געזאָנען, איז דער אַלטער גינצבורג דאָך געווען אַ גרויסער אָנהענגער פון דער השכלה־באַוועגונג, און לויט זיין איניציאַטיוו האָט זיך דאַן באַקומען די דערלויבעניש פון דער רעגירונג אויף צו גרינדן די יידישע בילדונגס־געזעלשאַפט, וועלכע ער האָט די ערשטע עטלעכע יאָר פון איר עקזיסטענץ אויסגעהאַלטן אויף זיינע הוצאות. ער איז געווען אַ פאַרהערער פון דעמאָלטיקע העברעאישע שריפטשטעלער און נישט איינעם פון זיי האָט ער געגעבן שטיצע אויף אַרויסצוגעבן זייערע ווערק.

בעת די צאָל יידן אין פעטערבורג האָט זיך אָנגעהויבן פאַרגרעסערן, און זיי האָבן נישט געהאַט קיין אנשטענדיק אָרט וואו צו דאַוונען, האָט גינצבורג אָוועקגעלייגט פיל קרעפטן, ביז ער האָט געפועלט, אַז דער מיניסטאָרן־קאָמיטעט זאָל דערלויבן בויען אַ סינאַגאָגע אין דער רעזידענץ־שטאָט. תחילת איז מען אין די מלוכה־ספערן צו דעם נישט געווען בענויגט; מ'האָט נישט געוואָלט האָבן אין פעטערבורג קיין

יידישע קהלה. גינצבורג האָט אָבער מנצח געווען אַלע שטרויכ־לונגען, וואָס מ׳האָט פון פאַרשיידענע זייטן געלעגט אין זיין וועג. ער האָט געבראַכט דערצו, אַז די רעגירונג האָט לעגאַ־לעזירט די פעטערבורגער יידישע קהלה און אָפּגעגעבן אַ שיין אָרט פאַר דעם בנין פון דער סינאַגאָגע. קיין אָפענע אַנטיסע־מיטישע פרעסע איז נאָך דאַן אין רוסלאַנד אַפילו נישט געווען, דאָך האָבן זיך אין פעטערבורג געפינען אַזעלכע, וועלכע האָבן אַ לאַנגע צייט נאָכאַנאַנד געהעצט אינדערשטיל קעגן דער סינאַגאָגע. די העצער האָבן געהאַט געבראַכט דערצו, אַז אין די ספערן איז אַרויפגעשוואומען דער געדאַנק אָפּצושטעלן די אַרבעט אינמיטן. גינצבורג איז אָבער וועגן דעם דערגאַנגען באַצייטנס און האָט געגעבן אָנצוהערעניש וועמען מען באַדאַרף, אַז אויב מ׳וועט נישט דערלאָזן פאַרענדיקן דעם בנין פון דער סינאַגאָגע, וועט מען דאַן נישט אַזוי גיך געפינען קיין בעלנים אויסצוקויפן די אַקציעס פון געוויסע מלוכהשע פינאַנסיעלע אונטערנעמונגען. דידאָזיקע שטילע התראה האָט געווירקט און מ׳האָט די פראַגע וועגן דאָס אָפּהאַלטן בויען די סינאַגאָגע אַראָפּגענומען פון סדר־היום.

דער דערפאָלג פון זיינע פאַרשיידענע השתדלותן לטובת יידן האָט אָפּגעקאָסט דעם אַלטן גינצבורגן גרויסע קאַפּיטאַלן. אַ סך הלוואות אויף באַדייטנדע געלט־סומעס זענען אים פאַר־לוירן געגאַנגען ביי אַלערליי הויכגעשטעלטע פערזאָנען און ביוראָקראַטן, פון וועלכע ער פלעגט אָפט אַרויסבאַקומען די בויטיקע ידיעות וועגן דעם גאַנג פון זיינע השתדלות׳. ער האָט זיך אַפילו כל ימיו אָפּגעהיט פון אָנצובאָטן וועמען עס זאָל נישט זיין קיין מתנות פאַר אַ וועלכער עס איז טובה, אָבער מיט „גמילות חסדימס״, וועלכע ער האָט קיינמאָל צוריק נישט אָנגעזען אין די אויגן, האָט ער זיך געוואָרפן אויף רעכטס און אויף לינקס.

דורך זיינע פינאַנציעלע אָפּעראַציעס האָט יוזיל גינצבורג זיך באַקענט מיטן פרינץ אַלעקסאַנדער פון העסען, דער ברודער פון דער דעמאָלטיקער רוסישער קייזערין מאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ,

וועלכער האָט געדינט אין דער רוסישער אַרמיי. דאָס האָט געבראַכט דערצו, אַז אין יאָר 1872 האָט דער גרויס-הערצאָג פון העסען באַשאַנקען גינצבורגן מיט זיין פאַמיליע מיט דעם טיטול „באַראָן".

די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן האָט יוזיל גינצבורג פאַרבראַכט אין פאַריז, פונוואַנען ער האָט פאָרטגעזעצט מיט דעמזעלבן פלייס זיין כלל-אַרבעט, וועלכע איז נאָך זיין טויט, אין יאָר 1878, איבערגעגאַנגען אין די הענט פון זיין עלטסטן זון האָראַץ (נפתלי הערץ).

מיט האָראַץ גינצבורג האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייער עהרנפולער קאַפּיטל, וועלכער איז אויך געווען דער לעצטער אין דער געשיכטע פון דער יידישער שתדלנות אין רוסלאַנד.

XVII

האָראַץ גינצבורג

א

האָראַץ גינצבורג איז געבוירן אין זוועניגאָראָדקע, קיעווער גובערניע. פון זיין פריעסטער יוגנט אָן האָט ער באַקומען זייער אַ זאָרגפעלטיקע הויזלעכע דערציאונג אונטער דער אָנפירונג פון די בעסטע לערער. העברעאיש און תלמוד האָט ער געלערנט ביי דעם, אין זיין צייט באוואוסטן געלערנטן סוכאָסטאַווער, אַ געחעזענער לערער פון זשיטאָמירער ראַבינער־שול. דערדאָזיקער סוכאָסטאַווער האָט באַקאַנט געמאַכט דעם יונגן גינצבורגן מיט דעם באַרימטן העברעאישן פּאָעט יעקב אייכענבוים. וועלכער פלעגט נאַכהער פאַרברענגען יערלעך אין זייער הויז די זומערדיקע חדשים. אונטער אייכנבוימס השפעה האָבן זיך אין גינצבורגן אויסגעבילדעט אַ הייס יידיש נאַציאָנאַל־געפיל מיט אַ טיפער איבערגעגעבנהייט צו די יידישע קולטורעלע ווערטן. צו צוואַנציק יאָר האָט גינצבורג חתונה געהאַט מיט זיינס אַ שוועסטער־קינד. די טאָכטער פונם פּאָפּולערן קיעווער עושר און נדבן העשל ראָזענבערג. אַ פרוי מיט די זעלטנסטע מעלות, וועלכע האָט שפּעטער געהאַט אַ גרויסן איינפלוס אויף איר מאַן און אויך אויף איר שוועך יוזיל ביצבורג.

נאָך גאַנץ יונג איז גינצבורג געוואָרן דער הויפּט-העלפער און מיטאַרבעטער פון זיין פאָטער הן אין זיינע סוחרישע און פינאַנציעלע געשעפטן און הן אין זיין געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט.

אין יאָר 1859 בעת דער אַלטער יוזיל גינצבורג האָט געגרינדעט אין פּעטערבורג זיין באַנק-הויז, איז האָראַץ תיכף געוואָרן דער פאַקטישער פאַרוואַלטער פון דער אונטערנעמונג, וואָס האָט זיך בליץ-שנעל אַנטוויקלט און פאַרנומען אינגיכן זייער אַ חשוב אָרט אין דער רעזידענץ. האָראַצעס פּערזענלעכע מעלות האָבן געבראַכט דערצו, אַז די פירמע איז באַלד אַריין אין באַציאונגען מיט די רעגירונגס און פינאַנציעלע קרייזן און האָט באַקומען אַ גרויסן נאָמען אין פּעטערבורג און אויך אין אייראָפּע.

אָנהויב די זעכציקער יאָרן האָט זיך גינצבורג קונה שם געווען אַלס מעצענאַט, וואָס רופט זיך הייס אָפּ אויף די באַדערפענישן פון וויסנשאַפט און קונסט. גינצבורגס הויז איז געוואָרן אַ צענטר פאַר די אָנגעזעענסטע פּערזענלעכקייטן פון דער בעסטער פּעטערבורגער געזעלשאַפט. צווישן די פאַרשיידענע פאָרשטייער פון דער וויסנשאַפט, קונסט און ליטעראַטור, האָט מען זיך דאָ געקאָנט באַגעגענען מיט די באַרימטעסטע רעדאַקטאָרן און שריפטשטעלער, מיט די פּאָפּולערסטע געלערנטע און פּראָפעסאָרן, מאַלער און קינסטלער. באַזונדערס נאָענט זענען געשטאַנען צו גינצבורגן די באַוואוסטע בעלעטריסטן טורגעניעוו גאָנטשאַראָוו און סאַלטיקאָוו-שצעדרין, די קאָריפייען פון דער מוזיקאַלישער וועלט אַנטאָן רובינשטיין, דאַווידאָוו, אויער און אַנדערע. שפּעטער, בעת אויפן פּעטערבורגער האָריזאָנט האָט זיך באַוויזן דער גרויסער דענקער און פילאָזאָף סאָלאָוויאָוו, איז ער אויך געוואָרן פון גינצבורגס שטענדיקע איינגייער און איז אַזאַ פאַרבליבן זיין גאַנץ לעבן. עס איז נישט געווען קיין איין טאַלענט אויף וועלכן גינצבורג האָט געוואָרפן אַן אויג, וואָס האָט פון אים נישט באַקומען קיין רייכלעכע אונטערשטיצונג. ער האָט אויסגעהאַלטן אויף זיין חשבון, צענדליקער

סטיפּענדיאַנטן אין קאָנסערוואַטאָריום, און קונסט־אַקאַדעמיע־ אין אוניווערזיטעט און אין די פאַרשיידנסטע דערציאונגס־אַנ־ שטאַלטן. נאָר אַ דאַנק גינצבורגן האָט דער באַרימטער סקולפּטאָר אַנטאָקאָלסקי געהאַט די מעגלעכקייט צו באַקומען אַן אַקאַדעמישע אויסבילדונג און אַנטוויקלען זיין קאָלאָסאַלן טאַלענט. אַ סך יידישע באַרימטהייטן האָבן דערגרייכט זייער הויכע מדרגה אין דער געזעלשאַפט נאָר אויף די מיטלען, וואָס גינצבורג האָט זיי געגעבן. עס איז נישט געווען אין פּעטערבורג קיין איין גרויסע קולטורעלע אונטערנעמונג, אין וועלכער גינצבורג זאָל זיך נישט האָבן באַטייליקט הן מיט זיינע אומגעהויער גרויסע נדבות און הן דורך זיין פּערזענלעכער טעטיקייט. פיל זייער חשובע פּעדאַגאָגיש־דערציערישע און וואוילטעטיקע אינסטיטוציעס זענען בעגרינדעט געוואָרן מיט זיין הילף. דער הויפּט־תנאי, וואָס גינצבורג פלעגט שטעלן ביי זיין באַטייליקן זיך אין אַ וועלכער עס איז קולטורעלער און וואוילטעטיקער אַנשטאַלט, איז געווען נאָר דאָס איינציקע, אַז עס זאָל אין איר נישט געמאַכט ווערן קיין אונטערשייד צווישן די פאַרשיידענע אמונות.

אַ לאַנגע צייט איז גינצבורג געווען אַ מיטגליד פון דער פּעטערבורגער דומע. און האָט פאַרלאָזט דעם פּאָסטן ערשט אין יאָר 1892. בעת עס איז פאַרבאָטן געוואָרן יידן אנטייל צו נעמען אין די שטאָטישע זעלבסטפאַרוואַלטונגען אין יאָר 1888 איז גינצבורג באַשטימט געוואָרן אַלס מיטגליד אין דעם ראַט פאַר האַנדל און מאַנופאַקטור, און איז אין אים פאַרבליבן ביז זיין טויט. שפּעטער האָט מען אים אויסגעקליבן פאַר אַ מיטגליד אין דער פּעטערבורגער פאַנדן־בערזע.

אין די העכסטע מלוכה־ספערן האָט מען זיך צו גינצבורגס טעטיקייט באַצויגן מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט. אין יאָר 1889 האָט ער באַקומען דעם טיטול „ווירקלעכער געהיימראַט" און איז באַשאָנקען געוואָרן מיט די העכסטע אָרדנס אויפן פינאַנ־ ציעלן געביט איז באַשטאַנען גינצבורגס טעטיקייט באַזונדערס אין גרינדן ערשטקלאַסיקע קרעדיט־אינסטיטוציעס. גינצבורגס באַנק־הויז איז געווען דער פאָרשטייער פון די וויכטיקסטע

פינאַנץ־הייזער אין אייראָפּע. אין דער האַנדלס־וועלט האָט זיך גינצבורג דערוואָרבן אַ גרויסן נאָמען דורך זיינע גאָלד־גריבער. וואָס ער האָט געהאַט אין פאַרשיידענע ערטער אין סיביר די פירמע גינצבורג האָט געגאָסן גרויס צוטרוי אין די פאַרשיידנסטע קרייזן. אין יאָר 1892 איז גינצבורגס באַנק־הויז געווען גע־צוואונגען צוליב דעם דעמאָלטיקן אַלגעמיינעם קריזיס און אויך צוליב דעם, וואָס די רוסישע רעגירונג האָט אים אויפגעהערט צו שטיצן, אָפּצושטעלן זיינע צאָלונגען. מ׳האָט דאַן איבער זיינע עסקים באַשטימט אַ קאָנקורס־אַדמיניסטראַציע: אָבער קורץ אַרום האָט מען די אַדמיניסטראַציע מבטל געמאַכט, און די פירמע גינצבורג האָט באַצאָלט אַלע אירע חובות ביז צום לעצטן גראָשן. פונדעסטוועגן האָט זיך די פירמע פון דעמאָלט אָן שוין מער נישט באַשעפטיקט מיט באַנק־אָפּעראַציעס.

פון דעם וועלן מיר איבערגיין צו גינצבורגס שתדלנישער טעטיקייט.

ב

זיין גרויסע געזעלשאַפטלעכע ראָלע און זיינע פּערזענלעכע פאַרבינדונגען אין די רעגירונגס־ספערן האָבן גינצבורגן געגעבן די מעגלעכקייט צו פאַרווירקלעכן דעם הויפּט־ציל, וואָס ער האָט זיך געשטעלט אין זיין לעבן — לייכטער צו מאַכן דעם מצב פון די רוסישע יידן. תיכף האָט ער זיך גענומען פאַרטזעצן די שתדלנישע טעטיקייט, וואָס זיין פאָטער האָט אָנגעהויבן. מיט אַן אייזערנער ענערגיע, וועלכע האָט אים נישט פאַרלאָזן זיין גאַנץ לעבן, האָט ער זיך אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט פאַר יידן און יידישקייט. דעם גאַנצן איינפלוס פון זיין פּערזענלעכ־קייט, וועלכע האָט ממש באַצויבערט יעדן, אפילו נישט־יידן, וואָס איז מיט אים געקומען אין דער קלענסטער באַרירונג, האָט ער געזוכט צו פאַרברויכן לטובת דעם יידישן פאָלק. זיין חשיבות אין די רעגירונגס־ספערן האָט ער אויסגענוצט אויף

אויסצופועלן פאַר יידן געוויסע רעכטלעכע הנחות, און גאַנץ אָפט אויך אויף אַרויסצוראַטעווען זיי פון צרות און אומגליקן. די ברייטע יידישע מאַסן האָבן אים אנערקענט פאַר זייער איינציקן פאָרשטייער, און אַזוי האָט אויף אים געקוקט אויך די העכסטע אַדמיניסטראַציע, וועלכע פלעגט זיך יעדעס מאָל ווענדן צו אים מיט פאַרשיידענע אָנפראַגן בנוגע ספעציעל-יידישע ענינים, וואָס האָבן זי אינטערעסירט. פערציק יאָר נאָכאַנאַנד האָט גינצבורג נישט אויפגעהערט משתדל זיין זיך ביי דער רוסישער רעגירונג, זי זאָל פאַרגרינגערן דעם רעכטלעכן מצב פון די יידן.

אָנגעהויבן זיין שתדלנישע טעטיקייט האָט גינצבורג אַלס מיטהעלפער פון זיין פאָטער בעת עס איז אויסגעאַרבעט געוואָרן דער סטאַטוט וועגן אַלגעמיינער מיליטער-פליכט, און עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן דעם, עס זאָלן נישט געשאַפן ווערן פאַר יידן קיין אויסנאַמס-געזעצן. דאַן האָט דער אַלטער יוזיל דערלאַנגט דער רעגירונג דעם הויפט-מעמאָראַנדום וועגן דעם ענין. און האָראַץ האָט אים דערנאָך אַלזייטיק באַלויכטן אין זיינע געשפּרעכן מיט דעם דעמאָלטיקן קריגס-מיניסטער מיליוטין. אויפן סמך פון דידאָזיקע שמועסן האָט מיליוטין שפּעטער אין מלוכה-ראַט פאַרטיידיקט און דורכגעפירט גינצבורגס שתדלנות וועגן דער יידישער גלייכבאַרעכטיקונג ביים מיליטער-דינסט.

פון דעמאָלט אָן האָט זיך גינצבורג זיין גאַנץ לעבן שטאַרק אינטערעסירט מיט דער פראַגע וועגן דעם יידישן מיליטער-דינסט. דידאָזיקע פראַגע איז געוואָרן ווי זיין ספּעציאַליטעט. עס פלעגט נישט אַוועק קיין יאָר, גינצבורג זאָל נישט דערלאַנגען דער רעגירונג קיין מעמאָראַנדום וועגן יידן אין דער אַרמיי. שטענדיק איז זיין קאַנצעלאַריע געווען באַשעפטיקט מיט קלויבן מאַטעריאַל מכח יידן אין מיליטער. די אָפיציעלע רעגירונגס-צייטונג „פּראַוויטעלסטוועני וויעסטניק" כאַפּן אין האַנט מיט אַ פיבערדיקער געשווינדקייט דעם בליישטיפט, און אונטערציען דעם סך-הכל: תיכף נאָכדעם פלעגט ער באַ-

פּעלן זיינע מיטאַרבעטער צו באַאַרבעטן די ציפערן פון דידאָזיקע באַריכטן, און אויף מאָרגן פלעגט שוין זיין פאַרטיג אַ מעמאָ־ ראַנדום, וועלכער האָט געוואָרפן אויפווייזן מיט פרייד פון נצחון דעם אָדער יענעם הויכגעשטעלטן ביוראָקראַט, אַז אויך אין דעם פּאָריקן יאָר האָבן יידן געדינט אין דער אַרמיי אין אַ סך גרעסערן פּראָצענט, ווי עס קומט אויס אויף זייער חלק, און אַז די ציפערן פון „נאָוואָיע וורעמיא"-ווירטשאַפטלעכער "לייקענען אָפּ דעם בלבול, וואָס דיזעלבע צייטונג מאַכט אויף יידן, אַז זיי דרייען זיך אַרויס פון צו דערפילן זייער מיליטער-פליכט.

אַ באַזונדער ענערגיע פלעגט האָראַץ גינצבורג אַרויס- ווייזן יעדעס מאָל, בעת עס פלעגן זיך אין די מלוכה-ספערן דערוועקן ערנסטע פראַגן וועגן דער יידישער אמונה און דער יידישער מאָראַל. זייענדיק אַליין אַ באַגייסטערטער ייד און שטרענג אָרטאָדאָקסיש געזאָנען, האָט ער זיך שטענדיק באַמיט צו באַווייזן די באַזונדערע דערהויבנקייט פון דער יידישער עטיק. בעת עס האָבן אָנגעהויבן פאָרצוקומען אין רוסלאַנד פאָרפאַלן פון עלילת-דם, האָט ער אויף זיינע אייגענע קאָסטן געלאָזט אָפּדרוקן דאָס באַוואוסטע ווערק פון פּראָפעסאָר כוואָלסאָן וועגן דער באַשולדיקונג, וואָס מען וואַרפט אַרויף אויף יידן, אַז זיי געברויכן אויף מצות קריסטלעך בלוט. אין יאָר 1879, בעת עס איז פאָרגעקומען דער פּראָצעס פונם קוטאַאיסער בלוט-בלבול, מיט וועלכן די אַנטיסעמיטן האָבן זיך באַנוצט אַוועקצושטעלן אויף דער באַשולדיקונגס-באַנק דאָס גאַנצע יידישע פאָלק, האָט דאַן גינצבורג אַוועקגעשיקט צום משפט אויף זיינע הוצאות צוויי פון די אין יענער צייט באַרימטסטע אַדוואָקאַטן, קופּערניק און אַלעקסאַנדראָוו, וועלכע האָבן געוואונען דעם פּראָצעס און דערוויזן דער וועלט דעם שפּינוועבס, אויף וועלכן עס איז געבויט דער גלויבן אין עלילת-דם.

בעת דער משומד בראַפמאַן איז אַרויס מיט זיינע פּאַמ- פלעטן געגן דעם תלמוד און דער רבנישער ליטעראַטור, האָט מען דאַן פון גינצבורגס קאַנצעלאַריע געפירט אַ גרויסע קאָרעס- פּאָנדענץ מיט די וועלט-באַרימטע רבנים און גאונים אין די

פאַרשיידענע לענדער וועגן דעם גויטיקן מאַטעריאַל, וועלכער דאַרף אויפגעזאַמלט ווערן, כדי אָפּצושלאָגן אין דער עפנטלעכ־קייט זיינע בלבולים און אינסינואַציעס. צוליב דעם צוועק האָט גינצבורג באַשטעלט ביי דעם געלערטן ישראל מיכל ראַבינאָ־וויטש אין פּאַריז איבערצוזעצן אין פראַנצויזיש דעם תלמוד און האָט נאָכהער עטלעכע מסכתות אָפּגעדרוקט אויף זיינע הוצאות.

אין די לעצטע יאָרן פון אַלעקסאַנדער דעם צווייטן איז שוין אפילו געווען צו מערקן אין רוסלאַנד אַ רעאַקציאָנערע שטימונג, דאָך זענען פאַר דער צייט קיין באַזונדערע באַגרע־נעצונג-געזעצן וועגן יידן נישט אַרויסגעגעבן געוואָרן. דעם פערטן אַפּריל 1880 איז נאָך פאַרקערט, פאַרעפנטלעכט געוואָרן דער באַוואוסטער צירקולאַר פונם אינערן-מיניסטער מאַקאָוו, וועלכער דערלויבט צו בלייבן וואוינען אויסערן „תחום“ אַלע יידן, וואָס האָבן זיך פריער באַזעצט אומגעזעצלעך. נאָך מאַקאָוון איז אָנגעשטאַנען דער ליכטיקער פּעריאָד פון לאָריס מעליקאָוו, עס האָבן זיך דערוועקט האָפנונגען אויף אַ בעסערער צוקונפט און אין דער לופט האָט שוין אָנגעהויבן שמעקן מיט אַ נייעם פרילינג, וועלכער האָט געדאַרפט אַריינפירן רוסלאַנד אין אַ נייער תקופה...

ס׳איז אָבער אָנגעקומען דער 1-טער מערץ פון יאָר 1881, אין וועלכן אַלעקסאַנדער דער צווייטער איז דערמאָרדעט געוואָרן דורך טעראָריסטן, און אין פרילינג פון דעמזעלבן יאָר האָבן אויסגעבראָכן אין דרום-רוסלאַנד די ערשטע יידישע פּאָגראָמען, אָדער ווי עס האָט דאַן אָפיציעל געהייסן: „אַנטי־יידישע אומ־אָרדנונגען“. דאָסדאָזיקע געשעעניש איז געווען אַזוי אומער־וואַרטעט, אַז זי האָט צעדולט ביי יידן די מחות. מ׳איז געוואָרן אַזוי צעטומלט, אַז עס איז אַפילו נישט איינגעפאַלן קיינעם צו מאַכן די געהעריקע אויספאָרשונג, ווי אַזוי די זאַך איז פאָר־געקומען.

ג

די דרום-רוסישע פאָגראָמען זענען געווען פאַר די יידישע פאָרשטייער, באַזונדערס פאַרן באַראָן גינצבורג, וועלכער האָט אַלץ נישט אויפגעהערט צו האָפן אויף בעסערע צייטן, אַזאַ אומגעריכטער, גאַנץ אומדערוואַרטעטער קלאַפּ, אַז מ'האָט זיך גאָרנישט געכאַפּט אויספאָרשן און דערגיין פונוואַנען ס'האָט זיך מיטאַמאָל אָנגעצונדן דאָסדאָזיקע העלישע פייער. ס'איז אויסגעקומען, אַז מ'האָט זיך געדאַרפט פאַרלאָזן אויף די אָפּי-ציעלע דערקלערונגען פון די נידעריקע פאָליצייאישע אָרגאַנען, וועלכע זענען, ווי ס'האָט זיך דערנאָך אַרויסגעוויזן, צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן זייער טענדענציעז. די מאַכט אויף די ערטער האָט אָנגעווענדט אַלע קרעפטן אַזוי צו פאַרדרייען די פאַקטן און די געשעענישן, אַז ס'האָט זיך באַקומען דעם איינדרוק, אַז די פאָגראָמען זענען געווען אַ נקמה-אַקט מצד די פויערים, וועלכע ווערן אומברחמנותדיק עקספּלואַטירט פון די יידישע הענדלער, און בכן איז דאָס נאָר אַן אויסברוך פון פאָלקס-צאָרן, און עס איז דעריבער לגמרי נישטאָ וועמען איבערצוגעבן צום געריכט און וועמען צו באַשטראָפן.

אַזוינע דערקלערונגען וועגן די סבות פון די פאָגראָמען זענען אָנגעקומען קיין פעטערבורג פון גאַנץ דרום-רוסלאַנד, און אויפן סמך פון דידאָזיקע ראַפּאָרטן האָט דאָס אינערן-מיניסטעריום אויסגעאַרבעט אַ גאַנצע שיטה וועגן דעם שאָדן, וואָס דאָס יידישע פאָלק ברענגט דער קריסטלעכער באַפעלקערונג אין דאָרף און אין שטאָט, און האָט עס פאָרגעלייגט פאַר דעם ניי-געקרוינטן קייזער, אַלעקסאַנדער דעם דריטן.

ווי ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן נאָך אַ גאַנצע ריי יאָרן, זענען שוין אויך דידאָזיקע ערשטע יידישע פאָגראָמען געווען אין זייער צייט אָרגאַניזירט נישט דורך קיין אַנדערן ווי נאָר דורך דער רוסישער רעגירונג אַליין, וועלכע האָט געוואָלט דערשטיקן אין יידיש בלוט דעם קאָנסטיטוציאָנעלן גייסט, וועלכער האָט זיך דאַן גענומען טראָגן אין דער לופט און וואָס

איז אונטערשטיצט געוואָרן פונם ליבעראַלן מיניסטער־פּרעזידענט לאָריס־מעליקאָוו. די רעגירונג האָט אָבער דאַן געמאַכט דעם אָנשטעל, ווי זי נעמט אָן פאַר ריכטיק די ווערסיע פון יענע, וואָס באַהויפּטן, אַז די פּאָגראָמען זענען אַרויסגערופן געוואָרן בלויז דורך דער יידישער עקספּלואַטאַציע, און אויף דעם סמך האָט זי מיט דער סאַנקציע פון אַלעקסאַנדער דעם דריטן אַרויסגעגעבן אַ פאַראָרדנונג דורכצופירן אין גאַנצן לאַנד אַ גרינדלעכע אויספאָרשונג וועגן דעם, אויף ווי ווייט עס דער־גרייכט די שעדלעכקייט פון דעם יידישן עלעמענט פאַרן רוסישן פאָלק, און וועלכע מיטלען עס דאַרפן אָנגענומען ווערן קעגן דעם. דידאָזיקע אויספאָרשונג איז איבערגעגעבן געוואָרן באַ־זונדערע קאָמיסיעס אין יעדער גובערניע.

אַלעקסאַנדער דער דריטער איז נאָך אָבער מיט דעם אַליין נישט געווען יוצא, און נאָך איידער די קאָמיסיעס זענען צוגעטרעטן צו זייער אַרבעט, האָט ער אויסגעריכט פון זיך איינעם פון זיינע אַדיוטאַנטן, דעם גענעראַל דאָנדוקאָוו־קאָרסאַקאָוו, אַרומצופאָרן אַלס פון אים באַפולמעכטיקטער שליח מיוחד אין די פּאָגראָמירטע ערטער, אום צו דערגיין אויף ריכטיק די סבות פון די „אומאָרדנונגען“. ווי עס ווייזט אויס, האָט זיך דער רוסישער קייזער אויף די קאָמיסיעס אַליין נישט געוואָלט פאַרלאָזן, און האָט דעריבער געוואָלט הערן די מיינונג אויך פון אַן „אייגענעם“ צוטרוילעכן מענטשן.

דעם באַראָן גינצבורג האָט דער אויסברוך פון די פּאָ־גראָמען אינגאַנצן צעדולט. דער מענטש האָט די לעצטע טעג כסדר געוואַרט אויף בלויזע „ישועות“, און מיטאַמאָל אַזאַ אַנטטוישונג! און זיין אַנטטוישונג איז געוואָרן פיל גרעסער נאָך דער אורטייל, וואָס ער האָט געהאַט ביי אַלעקסאַנדער דעם דריטן בראש פון אַ יידישער דעפּוטאַציע, וועלכע איז צו אים געקומען בעטן „רחמים“, און איז פון אים אַוועק מיט אַ גרויסן ווייטיק אין הארצן. אַ דערשיטערנדיקן איינדריק האָט אויף אים געמאַכט די פאַראָרדנונג וועגן די קאָמיסיעס. ער האָט פאַר־שטאַנען, אַז די קאָמיסיעס וועלן לכתחילה צוזאַמענגעשטעלט

ווערן נישט פון יידן-פריינטלעכע עלעמענטן, און טאָמער וועלן אין יעדער פון זיי אַריין צוויי, צי דריי יידן, וועלן זיי נישט שפּילן קיין שום ראָלע, און זייערע מיינונגען וועלן נישט גענומען ווערן אין אַכט. גינצבורג האָט געפונען פאַר נויטיק באַקאַנט צו ווערן געננוי מיט דעם צוזאַמענשטעל פון יעדער קאָמיסיע, כדי געוואויר צו ווערן באַצייטנס די באַציאונגען פון די איינצלנע מיטגלידער צו די אויפגאַבן, וועלכע זיי האָבן צו לעזן. צוליב דעם צוועק האָט ער אַרומגעשיקט באַזונדערע פאַרטרוילעכע מענטשן אין אַלע גובערניעס, וועלכע האָבן פאַר אים דורך פאַרשיידענע מיטלען באַקומען די פאַר אים נויטיקע ידיעות. דורכדעם האָט גינצבורג באַקומען אַ ריכטיקע פאָרשטעלונג וועגן דעם מאָראַלישן פּרצוף פון יעדער קאָמיסיע און וועגן דער מיינונג, וואָס זי וועט אַרויסטראָגן בנוגע דער יידן-פראַגע.

מיט דעם אַליין האָט זיך נאָך אָבער דער באַראָן גינצבורג נישט באַנוגנט. דערוויסנדיק זיך, אַז גענעראַל דאָנדוקאָוו-קאָרסאַקאָוו האָט זיך שוין צוריקגעקערט פון זיין אויספאָרשונגס-רייזע און געפינט זיך אין זיין גוט, לעבן טשערניגאָוו, וואו ער באַאַרבעט די מאַטעריאַלן, וואָס ער האָט צוזאַמענגעקליבן אין וועג, און שטעלט צונויף דעם מעמאָראַנדום, וועלכן ער דאַרף אינגיכן פאָרשטעלן דעם קייזער, האָט זיך אים שטאַרק פאַרוואָלט צו דערגיין מיט וועלכע מסקנות וועגן די פּאָגראָמען און זייערע סבות דער דאָזיקער מלוכה-מאַן איז געקומען, און וואָס ער האָט בדעה פאָרצושלאָגן דעם קייזער, כדי צו פאַרהיטן אויף ווייטער פון אַזעלכע געשעענישן.

ס'איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז צו דערגיין אַזאַ זאַך פון דעם „בעל-דבר" אַליין, איז פאַר גינצבורגן געווען לגמרי אוממעגלעך. גינצבורג איז אָבער פון זיין ווילן נישט אָפּגעשטאַנען: נישט אַנדערש, אַז ער מוז זיך באַקענען מיט דעם אינהאַלט פון דאָנדוקאָוו-קאָרסאַקאָווס מעמאָראַנדום נאָך איידער ער וועט פאָרגעלייגט ווערן פאַר אַלעקסאַנדער דעם דריטן.

גינצבורג האָט זיך ממש געבראָכן דעם מח, ווי-אַזוי צו דער-גרייכן זיין וואונטש, און ער האָט אים ענדלעך דערגרייכט.

ווי מען דערציילט, איז די זאַך פאָרגעקומען אויפן פאָלגנדיקן אופן :

צווישן גינצבורגס פאַרטרויטלעכע ידידים האָט זיך געפונען אַ געוויסער ייד פון פּאָדאָליער גובערניע, שמואל זאַנוויל בערליאַנד האָט ער געהייסן. דערדאָזיקער שמואל זאַנוויל, אַ ייד אַ למדן און אַ גרויסער פקח אין הויות-העולם מיט אַ „רוסישער צונג", האָט אין דער יוגנט געדינט אינם „אָטקופּ" פון דעם אַלטן ר׳ יוזילען, און נאָכהער האָט ער יאָרן-לאַנג אָנגעפירט מיט גינצבורגס עסקים אין קליין-רוסלאַנד. ביי די גינצבורגס האָט מען בערליאַנדן געהאַלטן פאַר אַן אייגענעם מענטשן, און גאַנץ אָפט, באַזונדערס ביי שווערע אנגעלעגנהייטן, האָבן זיי אים אַרויסגערופן אויף אַ ישוב-הדעת קיין פּעטערבורג. זיי האָבן אים אויך אויסגעריכט אין פאַרשיידענע שליחותן, הויפּטזעכלעך, בעת ס'האָט זיך געהאַנדלט אויסצופירן באַזונדערס וויכטיקע און קאָנדיפיציאָנעלע ענינים, וועלכע מ'האָט נישט געקאָנט אָנפאַרטרויען אַבי-וועמען.

אויך איצט, בעת האָראַץ גינצבורג האָט זיך פאָרגענומען אויסצופירן אַזאַ שווערע זאַך, האָט ביי אים אויפגעבליצט דער געדאַנק מישב צו זיין זיך וועגן דעם מיט בערליאַנדן, אפשר וועט ער געפונען דערצו דעם ריכטיקן וועג.

בערליאַנד האָט גינצבורגן נישט אָפּגערעדט פון זיין גע-פּלאַנטן אויפטו און האָט זיך אויך אָנגענומען אַליין דאָס דורכ-צופירן, און האָט עס באמת דורכגעפירט, און זייער גלענצנד. גלייך אויף מאָרגן איז ער אָפּגעפאָרן אין דאָנדוקאָוו-קאָרסאַקאָווס גוט, און שוין אין אַכט טאָג אַרום האָט ער דערלאַנגט דעם באַראָן גינצבורג אַ גענויע איבערגעשריבענע קאָפּיע פון דעם מעמאָראַנדום וועגן די דרום-רוסישע פּאָגראָמען, וועלכן דער דערמאָנטער גענעראַל האָט צוגעגרייט פאַר אַלעקסאַנדער דעם דריטן.

וועגן דעם, ווי־אַזוי בערליאַנדן האָט זיך איינגעגעבן צו באַקומען די קאָפּיע פונם מעמאָראַנדום, גייען אַרום פאַרשיידענע לעגענדאַרישע ווערסיעס, פון וועלכע איך וועל דאָ איבערגעבן נאָר די, וועלכע לייגט זיך גיכער אויפן שכל.

שוין אויפן וועג קיין טשערניגאָוו האָט זיך בערליאַנד דערוואוסט, אַז ביי דעם גוט פון דאָנדוקאָוו־קאָרסאַקאָוו וואוינט אַ יידישער פאַכטער, וואָס שטעלט צו טעגלעך מילכיקס אין הויף. בערליאַנד איז גלייך פאַרפאָרן צו דעמדאָזיקן פאַכטער, פון וועלכן ער איז באַלד ביים ערשטן שמועס דערגאַנגען, אַז דעם גענעראַלס פאַמיליע געפינט זיך אין אויסלאַנד — דאָס איז געווען זומער־צייט — און מיט אים צוזאַמען וואוינט נאָר זיין קאַמער־דינער, וועלכער איז אַן „אוהב־בצע” און אַ גרויסער טרינקער. דורך דעם פאַכטערס פאַרמיטלונג איז בערליאַנד באַלד באַקאַנט געוואָרן מיט דעם קאַמער־דינער, וועלכן ער האָט פאַרטרויט דעם צוועק פון זיין קומען, און פאַרגעלייגט אים דערביי אַ געוויסע געלט־סומע, ווען ער וועט אים ביי־הילפיק זיין ביי דער זאַך. דערויף האָט אים דער קאַמער־דינער געענטפערט, אַז דאָס איינציקע, וואָס ער קאָן פאַר אים טון, איז נאָר דאָס: אַזוי ווי דער גענעראַל פאָרט אַרויס אַ פּאָר מאָל אין דער וואָך אויף יאַגד און ער זוימט זיך אָפּ אין וואַלד פון אינדערפרי ביז שפּעט אין אָוונט, בכן וועט ער אים, בערליאַנדן, אין דידאָזיקע טעג אַריינלאָזן צו אים אין קאַבינעט, וואו ער וועט געוויס געפינען דעם מעמאָראַנדום ליגנדיק אויפן טיש, און וועט אים קאָנען אָפּשרייבן.

ד

אַ גרויסע איבערראַשונג איז געווען פאַרן באַראָן גינצבורג, בעת דער אַלטער בערליאַנד איז צו אים אַריין מיט דער איבערגעשריבענער קאָפּיע פון דאָנדוקאָוו־קאָרסאַקאָווס מעמאָראַנ־דום. ער האָט זיך גאָרנישט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז אַזוי גיך

וועט זיך געפונען אין זיין האַנט יענער געהיימער דאָקומענט וועלכן ער האָט אַזוי געגאַרט צו זען און צו באַקענען זיך מיט זיין אינהאַלט, כדי צו באַזאָרגן זיך באַצייטנס מיט די נויטיקע מאַטעריאַלן אויפן פאַל, טאָמער קומט־אויס אויף וואָס־עס־איז צו רעאַגירן, וואָס־עס־איז אָפּצעלייקענען אָדער פאַרצושטעלן אין זיין ריכטיקער געשטאַלט. ער איז געווען זיכער, אַז מ׳וועט אַלעקסאַנדער דעם דריטן דעם ריינעם אמת נישט דערציילן, אַז מ׳וועט אים געוויס אונטערטראָגן וועגן יידן און יידישקייט אַלערליי בבא־מעשיות, און ער האָט געוואָלט זיין צו יעדער צייט צוגעגרייט מיט די געהעריקע תשובות.

שלעכטע, טרויעריקע ידיעות האָט גינצבורג כסדר דערהאַלטן וועגן דער אַרבעט פון די קאָמיסיעס אין די פאַרשיי־דענע גובערניעס. כמעט אין יעדער קאָמיסיע האָט זיך אַרויס־געוויזן די מערהייט פעסט אַנטיסעמיטיש. אומעטום זענען געהאַלטן געוואָרן העצערישע דרשות, אין וועלכע מ׳האָט יידן באַצייכנט אַלס עקספּלואַטאָרן און בלוטזויגער, וואָס זענען העכסט־געפערלעך פאַר דער מדינה, און אומעטום האָבן זיך אויסגעאַרבעט פּראָיעקטן, ווי אַזוי און מיט וואָס אָפּצעשוואַכן די שעדלעכע ווירקונג פון דידאָזיקע אומגעוואוטשענע עלעמענטן. די טענות פון די פאָר יידישע מיטגלידער האָבן געמאַכט אַ גאַנץ קנאַפּן רושם.

גינצבורג איז געווען די גאַנצע צייט זייער נערוועז און האָט פאַר זיך ממש קיין אָרט נישט געפונען. ער האָט זיך אויסגעטון פון אַלע זיינע געשעפטן און זיך אָפּגעגעבן אויסשליסלעך דער יידישער זאַך. אין זיין קאָרעספּאָנדענץ, וועלכע ער האָט געפירט מיט עטלעכע פון די גרעסטע גאונים. און באַזונדערס מיט דעם קאָוונער רב ר׳ יצחק אלחנן ספּעקטאָר, האָט ער נישט פאַרהוילן דעם מסוכנדיקן מצב פון דער יידן־פראַגע. דאָס האָט געפירט דערצו, אַז כמעט אין אַלע גרע־

סערע שטעט האָבן די רבנים גוזר-תענית געווען. דער עולם האָט פאַרפולט די קלויזן און די בתי-מדרשים, וואו מ'האָט געזאָגט סליחות. געדאַוונט אונטער בכיות און יללות און געלייענט „ויחל״ די יידישע פאָלקס מאַסן זענען געוואָרן זייער דענערווירט, מ'איז אַרומגעגאַנגען מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ און געציטערט פאַר דעם מאָרגנדיקן טאָג.

אין דערזעלבער צייט האָט זיך באַראָן גינצבורג דערוואוסט, אַז נאָך איידער די קאָמיסיעס וועלן פאַרענדיקן זייער אַרבעט און צעשטערן זייערע רעזאָלוציעס, וועט די רעגירונג דערווייל אַרויסגעבן אַ געזעץ, וואָס וועט פאַרבאָטן יידן צו באַזעצן זיך נאָך דעם 3 מאַי 1882 מחוץ די שטעט און שטעטלעך פון „תחום״. דידאָזיקע ידיעה האָט גינצבורגן דערשיטערט. ער איז געווען פון יענע, וואָס האָבן געהאָפט, אַז ביסלעכווייז וועט זיך אַנטוויקלען ביי יידן דאָס שטרעבן צו ערד-אַרבעט, וואָס וועט זיי ענדלעך באַפרייען פון זייערע ווינט-פּרנסות און די שונאי-ישראל וועלן דאַן נישט האָבן קיין אַרגומענטן צו זייערע העצעס דאָס דערמאַנטע געזעץ, וואָס זיין איינציקער צוועק איז „אויס-צוריכערן״ יידן פון די דערפער, באַגראָבט אָבער דידאָזיקע האָפענונג לעולם ועד. צוגלייך איז גינצבורג דערגאַנגען אויך דאָס, אַז דער הויפּט-איניציאַטאָר פונם דאָזיקן געזעץ איז נישט קיין אַנדערער, ווי נאָר דער אינערן-מיניסטער גראַף איגנאַטיעוו אַלע מיני השתדלותן, וועלכע גינצבורג האָט דאַן געפּרואווט אָנגעווענדן, אַליין אין דורך אַנדערע, אַז איגנאַטיעוו זאָל זיין פּראָיעקט אָפּהאַלטן און נישט אַריינטראָגן אין מלוכה-ראַט, האָבן נישט געהאַט קיין דערפאָלג. גינצבורג האָט זיך דערפון געפילט זייער געדריקט און נידערגעשלאָגן.

איינער אַ משומד, אַ געוויסער זילבערמאַן, דער דעמאָל-טיקער רעדאַקטאָר פון „סעלסקי וויעסטניק״, וועלכער איז געווען פון איגנאַטיעווס מקורבים, האָט דאַן אין אַ געשפּרעך מיט גינצבורגן געגעבן אָנצוהערעניש, אַז מיט אַ גרויסער געלט-סומע וואָלט מען געקאָנט ווייטער מאַכן דעם גראַף און פועלן ביי אים צוריקצוציען זיין פאָרשלאָג. הערנדיק דאָס, האָט גינצבורג

באַקומען אַ נערוון-אַטאַק און קומענדיק צו זיך, האָט ער אויף דעם געענטפערט, אַז יידן זענען ווייט פון דעם געדאַנק צו קויפן זייערע רעכט פאַר געלט.

איגנאַטיעווס געזעץ-פּראָיעקט איז איינגיכן פון קייזער באַשטעטיקט געוואָרן. אָפיציעל האָט עס געהייסן „צייטווייליקע אַרויסגעגעבן", די צייטווייליקייט האָט זיך אָבער געצויגן און געצויגן אָן אַ ברעג און אָן אַ סוף, און דערווייל האָט דאָס דראַקאָנישע געזעץ רואינירט ביזן גרונט הונדערטער טויזנטער יידישע פאַמיליעס. פאַר די נידריקע באַאַמטע אויף די ערטער איז דאָס געוואָרן אַ גוטע פּרנסה, דען נאָר אָן זיי האָט זיך דאָס געווענדט אָנצוערקענען, צי נישט אָנצוערקענען, אַז דער און דער ייד האָט זיך באַזעצט אין דאָרף פאַר דעם 3-טן מאַי 1882. געוויינלעך האָבן זיי דאָסדאָזיקע רעכט אויסגענוצט לטובת זייער קעשענע אויפן ברייטסטן אופן. די פון די דערפער אַרויסגעטריבענע יידן האָבן גינצבורגן פאַרשאָטן ממש מיט בקשות, ער זאָל זיי זען ראַטעווען פון אומגליק. כמעט צו יעדער בקשה איז געווען צוגעלייגט אַן אָנקלאַגע אויף די פאַלשקייטן פון דער פּאָליציייאישער מאַכט. מיט דידאָזיקע אָנ־קלאַגעס פלעגט גינצבורג אַרומלויפן אין די פאַרשיידענע דעפּאַר־טאַמענטן. באַאַרבעטנדיק אַפריער דורך זיינע מענטשן דעם ביי־טיקן מאַטעריאַל, אויף וועלכן עס האָט זיך ביי יעדן פאַל געבויט זיין השתדלות. דערביי האָט ער זיך שטענדיק באַמיט צו דער־ווייזן די צוועקלאָזיקייט פונם דאָזיקן געזעץ. ער האָט צום סוף דערפירט דערצו, אַז קיין איינס פון די צייטווייליקע געזעצן האָט אין די מלוכה־ספערן נישט דערוועקט אַזוי פיל ספקות אין זיין נוצלעכקייט פאַר דער מדינה ווי איגנאַטיעווס געזעץ און מ'האָט דעריבער באַשטימט קאָמיסיעס אויף קאָמיסיעס, וועלכע האָבן געהאַט די אויפגאַבע צו רעווידירן די „צייטווייליקע כללים" פון 3־טן מאַי. יעדעס מאָל האָט גינצבורג צונויפגע־קליבן נייע מאַטעריאַלן און האָט אויף אַ מינוט נישט אויפגע־הערט צו פאַרפאָלגן מיט אַ באַזונדער אויפמערקזאַמקייט די אַרבעט פון די קאָמיסיעס, און יעדעס מאָל פלעגט ער בלייבן

אנטטוישט אין זיינע האָפענונגען. דאָס געזעץ פונם 3-טן מאַי האָט גינצבורגן איבערגעלעבט.

ווי גינצבורג האָט דערוואַרט, האָבן אַלע גובערניאַל-קאָמיסיעס אַרויסגעטראָגן רעזאָלוציעס ג ע ג ן יידן. אַלע האָבן זיי אנערקענט, אַז די יידן זענען שעדלעך פאַר דער מדינה, שעדלעך שוין דורך זייער אמונה, וועלכע איז נישט צוגעפּאַסט צו דעם אַלגעמיינעם בירגערלעכן לעבן. דידאָזיקע מיינונג האָבן די מיטגלידער לכתחילה מיטגעבראַכט מיט זיך אין די קאָמיסיעס. אַן אויסנאַמס-פאַל האָט פּאַסירט אין דער מאָהילע-ווער קאָמיסיע. בשעת ס'איז דאָרט באַהאַנדלט געוואָרן די פראַגע, וואָס איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן אין דעם מיניסטערס צירקולאַר, אין וואָס דריקט זיך אויס דער שאָדן, וואָס די יידן ברענגען דער קריסטלעכער באַפעלקערונג, האָט איינער אַ מיט-גליד פון דער קאָמיסיע אויפגעוויזן, אַז עס איז נייטיק פריער צו אונטערזוכן, אויב עס עקזיסטירט בכלל אַזאַ שאָדן אין דער ווירקלעכקייט. דער פאָרזיצער פון דער קאָמיסיע, דער מאָהי-לעווער גובערנאַטאָר האָט אָבער נישט דערלאָזט אַוועקצושטעלן אַזאַ פראַגע, געפינענדיק, אַז דאָס וואָלט מותר געווען דעם מיניסטערס פאַראָרדנונג, וועלכע באַטראַכט דעם שאָדן פאַר אַ געוויסע זאַך, וואָס שטייט העכער פאַר יעדן צווייפל, און הייסט באַר אַרומריידן די פראַגע, אין וואָס דערדאָזיקער שאָדן באַשטייט.

די רעזאָלוציעס פון די קאָמיסיעס זענען באַלד פאַרעפנט-לעכט געוואָרן אין דער פרעסע, די אַנטיסעמיטישע צייטונגען האָבן עס „צעלייגט אויף טעלערלעך” און אַזוי אַרום אַרויסגע-רופן אין גאַנצן לאַנד אַ שאַרפע שטימונג געגן יידן. ביי אַזאַ שטימונג האָט דעמאָלט אָנגעהויבן איר אַרבעט די הויפּט-קאָמיסיע אונטער דער אָנפירונג פונם גראַף פּאהלען, וועלכע איז באַשטימט געוואָרן פון קייזער צו באַאַרבעטן די מאַטעריאַלן פון די גובערניאַל-קאָמיסיעס. גינצבורגן האָט זיך אָבער איינ-געגעבן אויסצואווירקן ביים גראַף פּאהלען, וועלכער איז געווען אַ העכסט ליבעראַלער מאַן, איינצולאַדן אין דער קאָמיסיע צו דער באַהאַנדלונג פון געוויסע פראַגן אויך אייניקע אויטאָריטעטע

פערזענלעכקייטן פון יידישער זייט. פּאַהלען האָט דאַן צוגעצויגן צו דער קאָמיסיע, אויסער דעם באַראָן גינצבורג אויך דעם באַוואוסטן געלערנטן פּראָפעסאָר באַקסט און דעם פּאָרזיצער פון דער פּעטערבורגער יידישער קהלה אברהם וואַרשאַווסקי. גינצבורגס עובדה איז געווען צוצושטעלן אין דער קאָמיסע אַלע נויטיקע מאַטעריאַלן וועגן דעם יידישן מיליטער-דינסט און געבן איר די געהעריקע אויפקלערונגען, וועגן די פאַרשיידנאַרטיקע געזעצן, וואָס די רוסישע מלוכה האָט פּאַר דער גאַנצער צייט פון איר עקזיסטענץ אַרויסגעגעבן וועגן יידן. אויסערדעם, האָט ער זיך צו-הילף אַרויסגערופן פון אָדעס דעם באַוואוסטן זשורנאַליסט און געשוואוירענעם אַדוואָקאַט מ נ ש ה מ ר ג ל י ת, וועלכער איז געווען ווייט און ברייט באַקאַנט אַלס גרויסער קענער פון דער יידן-פראַגע אין רוסלאַנד. אזוי האָט גינצבורג געבראַכט דערצו, אַז אַלע פראַגן, וואָס זענען אַרויפגעשוואומען אין דער קאָמיסיע, זענען באַהאַנדלט געוואָרן נישט אויף דעם סמך פון איינזייטיקע, דאָס רוב אַנטיסעמיטישע, באַלויכטונגען, נאָר אויך אויפן יסוד פון די מאַטעריאַלן, וואָס האָבן זיך באַקומען פון יידישער זייט.

דידאָזיקע גרונטלעכע ערלעדונג פון דער יידן-פראַגע האָט געמוזט צום סוף אַרויספירן פּאַהלענס קאָמיסיע אויף דער מסקנא, נישט נעמענדיק אין אַכט די שאַרפע פּראָטעסטן מצד אייניקע אַנטיסעמיטיש-געשטעלטע מיטגלידער, אַז ס'איז נויטיק צו פאַרברייטערן די יידישע רעכט. אָבער דידאָזיקע מסקנא האָט באַגראָבן די קאָמיסיע. די יידן-פרעסערישע פּרעסע האָט געמאַכט אַ געוואַלט, וואָס איז באַלד אויפגעכאַפּט געוואָרן פון די פינסטערע כחות אין גאַנצן לאַנד, און דער סוף איז געווען, אַז אונטערן איינפלוס פון דידאָזיקע עלעמענטן איז, אויף אַ קייזערלעכן באַפעל פּאַהלענס קאָמיסיע איבערגעריסן געוואָרן אין מיטן איר אַרבעט.

ה

די שליסונג פון פאהלענס קאמיסיע אינמיטן איר ארבעט איז געווען ווי א התחלה צו דער שארפער אומענדערונג צום שלעכטן, וועלכע איז פון יענעם מאמענט אן פארגעקומען אין דער באציאונג פון די העכסטע מלוכה־ספערן צו דער יידן־פראגע. אויפן יסוד פון די מאי־געזעצן האבן זיך באלד אנגעהויבן מאסן־גירושים פון די דערפער, און אלע אנקלאגעס מצד די ארויסגעטריבענע יידן זענען געבליבן ליגן אונטער דעם גרינעם טישטוך פון סענאט. מ'האט אויך גענומען בודק זיין די זכיות פון די יידישע סוחרים, און וואו ס'האט זיך נאר געמאכט א שטיקל ספק, האט מען ארויסגעטראגן א הארבן באשלוס. באלד נאך דעם האט זיך אונטערגערוקט א נייע סכנה פאר אייניקע קאטעגאריעס יידן. נאכדעם ווי עס האט זיך צוגעמאכט פאהלענס קאמיסיע האט אלעקסאנדער דער דריטער ארויסגעגעבן א באפעל איבערצוקוקן די מער וויכטיקערע פראגן בנוגע די געזעצן וועגן יידן אין א באזונדער קליינעם ראט אונטער דעם פארזיץ פונם דעמאלסדיקן געהילף פונם אינערן־מיניסטער, דער שפעטער אזוי טרויעריק בארימט געווארענער וו. ק. פ ל ע װ ע. פלעווע, וועלכער איז שוין דאן געווען א גרויסער צורר־היהודים, האט נישט לאנג געארבעט און פאר א גאנץ קורצער צייט האט ער באוויזן אריינצוטראגן די פאלגנדיקע דריי פראיעקטן: מ'זאל די צייטווייליקע כללים פונם דריטן מאי מאכן פאר שטענדיקע געזעצן און געבן די פויערים־קהלות די פולמאכט אנצונעמען באשלוסן וועגן ארויסטרייבן פון די דערפער אויך אזעלכע יידן, וועלכע האבן זיך דארטן באזעצט נאך פאר דעם 3־טן מאי 1882, מ'זאל איבערגעבן צום קרימינאל־געריכט די יידן, וועלכע וועלן ארומגיין דעם געזעץ וועגן זייער וואוינרעכט אין די דערפער, און אויך די, וואס וועלן זיי אין דעם העלפן; באזונדער אכזריותדיק איז דער געזעץ־פראיעקט, אז די קינדער

פון די יידן, וועלכע האָבן וואוינרעכט אין די דערפער, זאָל מען ווי זיי ווערן נאָר מינדיק, אַפּרייסן פון די עלטערן און אַרויסטרייבן זיי אין די שטעט אַריין. צו יעדער פּראָיעקט איז געווען צוגעלייגט פּלעוועס אַן דערקלערונג וועגן דער יידישער שעדלעכקייט אויף די פאַרשיידענע געביטן פונם בירגערלעכן לעבן. עס האָט שוין געהאַלטן דערביי, אַז די דערמאָנטע פּלעוועס פּראָיעקטן און נאָך אַנדערע זאָלן ווערן אָנגענומען און פאַרווירקלעכט.

„איך פּערזענלעך — אַזוי דערציילט דער באַוואוסטער פּעטערבורגער כּלל־טוער און געשוואוירענער אַדוואָקאַט ס ל י אָ ז ב ע ר ג — האָב מיך צוגעקוקט, ענדע די אַכציקער און אָנהויב די ניינציקער יאָרן, וועלכע שווערע, טרויעריקע טעג האָראַץ אָסיפּאָוויטש האָט דעמאָלט איבערגעלעבט. מען האָט געקאָנט אָן אים באַמערקן עפּעס אַזוי ווי ער וואָלט זיך געפילט אויפן ברעג פון אַ געפערלעכן תהום. ער איז געווען אינגאַנצן דורכגעדרונגען פון דעם באַוואוסטזיין, אַז דאָס גאַנצע רוסישע יידנטום געפינט זיך אין אַן אומגעהויער גרויסער געפאַר. זיין גאַנצע צייט איז ער געווען אַריינגעטון נאָר אין דער איין מחשבה, ווי אָפּצוהיטן יידן פון דער סכנה. ס'איז נאָך נישט געקומען די צייט צו דערציילן די פּרטים וועגן אַלץ, וואָס גינצבורג האָט אויפגעטון בנוגע פּלעוועס פּראָיעקטן. מ'דאַרף נאָר קאָנסטאַטירן, דאָס נאָר גינצבורגס איבערמענטשלעכע אָנשטרענגונגען האָבן געבראַכט צו דעם, אַז פּלעוועס פּראָיעקטן זענען צום יידישן גליק קיינמאָל נישט באַשטעטיקט געוואָרן אַלס געזעצן. ווען באַראָן גינצבורג וואָלט נישט אַרויסגעטראָטן אַלס יידישער שתדלן נישט פאַר דעם און נישט נאָך דעם, און זיין איינציקער פאַרדינסט וואָלט געווען נאָר דאָס, וואָס ער האָט אָפּגעווענדט די סכנה, וועלכע האָט געדראָט דעם רוסישן יידנטום דורך פּלעוועס פּראָיעקטן, וואָלט דאָס אַליין שוין געווען גענוג, אַז דער נאָמען פון האָראַץ גינצבורג זאָל פאַרבלייבן איינגעקריצט אויף אייביק אין דעם זכרון פון די רוסישע יידן“

———————

באַראָן גינצבורג איז אָבער בײַ דעם אַלײן נישט געבליבן שטײן. אַ גרויסע און אַ ברייטע פעלד פון שתדלנישער טעטיקייט האָט זיך פאַר אים געעפנט באַזונדערס אין אָנהויב פון די נײַנציקער יאָרן. אין יענער צײַט האָט זיך דער אַנטיסעמיטיזם שטאַרק פאַנאַנדערגעוואָקסן אין די העכערע פעטערבורגער רעגירונגס־ספערן. די שוואַרצע קליקע מיט פּאָביעדאָנאָסצעוו, דער אויבער־פּראָקוראָר פונם הייליקן סינאָד, בּראָש, האָט אײַנגעשמועסט אַלעקסאַנדער דעם דריטן, דאָס דער נס, וואָס איז אים מיט זײַן פאַמיליע געשען בײַ דער אײַזנבאַן־קאַטאַסטראָפע אויף דער סטאַציע באָדקי, איז אַ פינגער פון גאָט, וועלכער ווײַזט אים, אַז זײַן חוב איז צו ראַטעווען רוסלאַנד פון רעפאָרמען און פירן איר אין דעם וועג פון דער פּראַוואָסלאַווער אמונה. אונטער דעמדאָזיקן מיסטישן נעפּל האָבן זיך פאַנאַנדערגעבליט אַלע פינסטערע רעאַקציאָנערע כחות, און צווישן זיי די שנאה צו יידן. אין יאָר 1890 האָט איינער אַ הויכער ביוראָקראַט צוגעשטעלט דעם קייזער אַ מעמאָראַנדום וועגן די יידישע צרות מיט אַ דערקלערונג, אַז עס וואָלט געווען אַ יושר אָפּצושטעלן בנוגע צו זיי די פּאָליטיק פון רעפּרעסיעס. אונטער דעמדאָזיקן מעמאָראַנדום האָט דער קייזער דאַן אָנגעשריבן די פאָלגנדיקע באַמערקונג: „מיר דאַרפן אָבער קיינמאָל נישט פאַרגעסן, אַז די יידן האָבן געקרייציקט אונזער משיח און פאַרגאָסן זײַן טייער בלוט". אין דערזעלבער צייט האָט דער הויף־גלח יאַנישעוו עפנטלעך דערקלערט, אַז אַ קריסט דאַרף נישט אַרײַן אין באַציאונגען מיט יידן און טאָר זיך מיט זיי נישט חברן, ווייל אַזוי איז דאָס געבאָט פון עוואַנגעליום: „האַסן די מערדער פון דעם דערלייזער". מ'האָט געזען באַשײַנפּערלעך, אַז די רעגירונג איז נאָר אויסן צו מאַכן דאָס יידישע לעבן ווי מעגלעך שווערער, און טרייבן זיי דורך דעם צו עמיגראַציע.

„מ'האָט געדאַרפט האָבן — אַזוי דערציילט סליאָזבערג — אַן אײַזערנע ענערגיע און אַ אומענדלעכע ליבע צום פאָלק כדי צו קענען אַרבעטן אומדערמידלעך אין אַזאַ פרײַנטלעכער

און אין אַזאַ אומדאַנקבאַרער אַטמאָספערע. דאָס איז געווען אין דער צייט בעת ס'איז אַרויס דאָס געזעץ אַרויסצוטרייבן פון מאָסקווע די יידישע האַנדווערקער און די אויך אַלטע ניקאָלאַיעווסקע סאָלדאַטן; דאָס איז געווען אין דער צייט, בעת פאַר די אויגן פון גאַנץ אייראָפּע זענען אָפּגעטאָן געוואָרן גרויזאַמקייטן, וועלכע האָבן נישט זייער בייספּיל אפילו אין דער געשיכטע פון דער יידישער מאַרטיראָלאָגיע אין רוסלאַנד. די פּרעסע האָט געשוויגן; צו פאַרעפנטלעכן די פאַקטן איז שטרענג פאַרבאָטן געוואָרן; די איינציקע צייטונגען, וועלכע האָבן זיך גערופן ליבעראַלע, האָבן נישט געשריבן לטובת יידן אַפילו קיין איין האַלב שוואַכן וואָרט. בלויז איין האָראַץ גינצבורג מיט זיין קליינער גרופּע מיטאַרבעטער האָבן אויסגעהאַלטן דעם גאַנצן שטורם פון דער שלעכטער צייט. אַלע הענט האָבן זיך געצויגן צו אים; און קיין איין אומגליק, אַ יחידישער אָדער אַ קהלשער, איז אים נישט געבליבן פרעמד. אויף אַלץ האָט ער זיך אָפּגערופן. שטענדיק האָט ער געאיילט צו הילף. אַז מען דערמאָנט זיך אָן יענער צייט, שטעלט מען זיך עפּעס פאָר ווי אַ מגפה, וואָס שניידט אויף רעכטס און אויף לינקס, און צווישן די פאַלנדיקע און די אין חלשות-געבליבענע דערהויבט זיך בלויז די העלדישע געשטאַלט פון האָראַץ גינצבורג, וועלכער איילט אומעטום צו הילף, איילט אומעטום צו לינדערן דעם ווייטאָג און אָפּצווישן די טרערן...

די זאָרג וועגן דער יידישער לאַגע איז נישט געווען ביי גינצבורגן קיין נעבן-זאַך. ער האָט זיך באַשעפטיקט מיט די יידישע אינטערעסן טאָג און נאַכט. ס'איז נישט געווען קיין איין פּערזענלעכער אינטערעס, ווי וויכטיק ער זאָל נישט זיין, וועלכן ער האָט נישט אָפּגעלייגט. ווען ס'האָט זיך נאָר גע-האַנדלט וועגן יידן, אָדער, ווי ער פלעגט זיך געווייינטלעך אויס-דריקן: „וועגן מ יי נ ע יידן". ס'איז גענוג צו זאָגן, אַז אין איינעם פון די סאַמע ביטערסטע טעג פאַר זיין פּערזענלעכן לעבן, אין דעם טאָג, וואָס זיין באַנק-הויז האָט אָפּגעשטעלט די צאָלונגען, בעת ס'האָט זיך געדוכט, אַז אָט, אָט פאַלט

אויף אים איין דער הימל, — אפילו אין דעם טאָג האָט ער אויסגענוצט דעם וויזיט, וואָס איינער אַ פּראָווינציעלער וויצע־גובערנאַטאָר האָט ביי אים געמאַכט און אין אַ צוויי־שעהדיקן שמועס האָט ער אים אויפגעוויזן אויף די אומגערעכטע שווע־ריקייטן, וועלכע מען מאַכט יידן אין זיין גובערניע. די זאָרג לטובת יידן איז ביי אים געווען ווי אַ צווייטע נאַטור. וועגן זיינע אייגענע, פּערזענלעכע אינטערעסן האָט ער זיך פאַר קיינעם קיינמאָל נישט משתדל געווען און ביי קיינעם קיין זאַך נישט געבעטן; דערפאַר אָבער האָט ער זיך נישט אויפגעהערט משתדל צו זיין און צו בעטן בעת עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן יידן.

גינצבורג איז געווען איינער פון די ערשטע, וועלכע האָבן פאַרשטאַנען די גרויסע באַדייטונג, וואָס עס האָט דער קאַמף פאַר די יידישע רעכט. מיט מאַטעריעלער הילף און מיט זיין פערזענלעכן איינפלוס האָט ער געהאָלפן טויזנטער אין דער פּראָווינץ צו קעמפן פאַר זייערע גערויבטע רעכט ביז אין די לעצטע אינסטאַנציעס.

אינם משך פון כמעט צוואנציק יאָר — אַזוי שרייבט סליאָזבערג — איז אַריבער פאַר מיינע אויגן די טעטיקייט פונם באַראָן גינצבורג, און דידאָזיקע גאַנצע פאַרשיידנאַרטיקע, אַמאָל זייער וויכטיקע און אַמאָל ווייניקער וויכטיקע אַרבעט, איז באַשטאַנען כסדר אין דעמדאָזיקן קאַמף פאַר די יידישע רעכט. אַפילו אין אַזעלכע פאַלן, ווען עס איז געווען קלאָר, אַז די מלחמה איז אַ פאַרשפּילטע, אַז מיט קיינע טעמים און אַרגומענטן וועט זיך אים נישט איינגעבן צו איבערצייגן מענטשן טויבע און בלינדע, און מיינסטנס מענטשן, וואָס ווילן נישט זען און הערן, — אַפילו דאַן האָט גינצבורג געהאַלטן פאַר זיין חוב צו פירן דעם קאַמף מיט אַלע אים צוגענגלעכע מיטלען, צו דער־ווייזן, צו איבערצייגן; נישט זעלטן איז מיר אויסגעקומען פון אים אויך אַזאַ טעם: „אַט זאָל בלייבן אַ שפּור אין די מאַ־טעריאַלן". זיין הויפּט־זאָרג איז געווען צו דערווייזן די אומ־גערעכטיקייט פון די, וואָס באַקלאָגן זיך אויף דער יידישער באַפעלקערונג, אַז זיי זענען אַ שעדלעכער עלעמענט אינם עקאָ־

באַמישן זיך, צו דערווייזן, אַז די יידן זענען פעאיק צו פראָ־דוקטיווער אַרבעט ווי די אַלע אַנדערע עלעמענטן פון דער באַ־פעלקערונג, אַז אין דער יידישער אמונה און אין דער יידישער עטיק איז נישטאָ קיין שעדלעכעס, איז נישטאָ קיין זאַך, וואָס זאָל זיי נישט דערלאָזן צוזופאַסן זיך צו דער רוסישער ביר־גערלעכקייט".

ו

באַראָן האָראַץ גינזבורג האָט תמיד געוואוסט, וואָס עס ווערט געטראַכט און פּראָיעקטירט וועגן יידן אין די העכסטע מלוכה־ספערן. ער האָט געהאַט צווישן די הויכגעשטעלטע ביוראָקראַטן געוויסע פּאַרטרויטע פּערזאָנען, וועלכע האָבן אים פון צייט צו צייט מיטגעטיילט איבער אַלץ, וואָס עס פּלאַנט זיך בנוגע יידן אין די קאַבינעטן פון די פאַרשיידענע דעפּאַר־טאַמענטן. אין באַזונדערס שווערע פאַלן, בעת גינצבורג האָט געפילט, אַז מיט זיינע אייגענע קרעפטן וועט ער גאָרנישט דערגרייכן, פלעגט ער אויסגיסן זיין ביטער האַרץ פאַר די גרויסע רוסישע פּערזענלעכקייטן פון דער ליטעראַרישער און קינסטלערישער וועלט, די שטענדיקע באַזוכער פון זיין סאַלאָן אַזוי, למשל, איז געווען אין די ערשטע ניינציקער יאָרן, בעת מיט דער רוסישער אינערלעכער פּאָליטיק האָבן אָנגעפירט אַזוינע דריי אויסגעשפּראָכענע שונאי־ישראל, ווי פּאָביעדאָ־נאָסצעוו, דורנאָוואָ און פּלעווע. דידאָזיקע דריי זיילן פון אַנטיסעמיטיזם אין רוסלאַנד זענען כסדר געזעסן און געטראַכט ווי מער שווערער און אומדערטרעגלעכער צו מאַכן דאָס לעבן פון די יידן.

פאַר גינצבורגן איז דאָס קיין סוד נישט געווען, און ער האָט זיך שטענדיק געפונען אין גרויס שרעק פאַרן מאָרגנדיקן טאָג. אין אַ שמועס, וואָס ער האָט דאַן געהאַט מיט דעם גרויסן רוסישן דענקער און פילאָזאָף וולאַדימיר סאָלאָוויאָוו,

האָט ער אים דערקלערט, אַז ביי אַזאַ מצב קאָנען יידן אַליין פאַר זיך גאָרנישט אויפטון, און אַז גיכער דאַרפן דאָ אויפהויבן זייער אויטאָריטעטן קול די ערלעך דענקנדע רוסישע מענטשן. דער פועל-יוצא פון דעם געשפרעך איז געווען, אַז סאָלאָוויאָוו האָט באַשלאָסן צו פאַרעפנטלעכן אַ פּראָטעסט פון די גרעסטע רוסישע שריפטשטעלער און געזעלשאַפטלעכע טוער קעגן דעם אַנטיסעמיטישן קורס פון דער רעגירונג. מיט גרויס מי האָט זיך אים איינגעגעבן אויפצוקלייבן אונטערן פּראָטעסט זעקס און זעכציק חתימות אין מאָסקווע און העכער פופציק אין פעטערבורג. צווישן זיי זענען געווען די אונטערשריפטן פון לעוו ניקאָלאַיעוויטש טאָלסטאָי, וולאַדימיר קאָראָלענקאָ און פון נאָך אַזעלכע ליטעראַרישע קאָרפייען. אָבער ווי ווייך אין דער פאָרם דער פּראָטעסט איז געווען צוזאַמענגעשטעלט, האָט ער דאָך איבער די דעמאָלטיקע צענזור באַדינגונגען נישט געקאָנט פאַרעפנטלעכט ווערן.

ווי מ'איז נאָכהער דערגאַנגען, האָט דערצו גורם געווען דער מאָסקווער פּראָפעסאָר אילאָווייסקי, אַ באַוואוסטער יידן-פיינט, וועלכער האָט אַריינגעשיקט קיין פעטערבורג אַ מסירה, אַז מען קלייבט אין מאָסקווע חתימות אונטער אַ „יודאָפילישער פּעטיציע" צום קייזער. אויף דעם סמך האָט די הויפּט-פאַרוואַלטונג איבער די דרוק-ענינים פאַרבאָטן די רעדאַקציעס פון אַלע צייטונגען צו פאַרעפנטלעכן אַ וועלכע עס איז קאָלעקטיווע דערקלערונג וועגן דער יידן-פראַגע. סאָלאָוויאָוו האָט זיך דאַן געווענדעט מיט אַ פייערדיקן בריוו גלייך צו אַלעקסאַנדער דעם דריטן, ער האָט אָבער באַקומען דורכן מיניסטער אַ שטרענגע עצה — נישט צו מאַכן קיין טומל צוליב די יידן, און ווען נישט, וועט ער אַדמיניסטראַטיוו באַשטראָפט ווערן.

דורך אַן אַרטיקל וועגן דער יידן-פיינטלעכער פּאָליטיק פון אַלעקסאַנדער דעם דריטן, וועלכן דער היסטאָריקער ש. דובנאָוו האָט פאַרעפנטלעכט נאָך דעם פאַלן פונם צאַרישן רעזשים, דערוויסן מיר זיך נאָך איייניקע ביז-אַהער נישט באַקאַנט געוועזענע אינטערעסאַנטע פאַקטן, וואָס האָבן אַ שייכות צו דעם ענין.

נאָכדעם, — אַזוי דערציילט דובנאָוו, — ווי מ'האָט זיך פון דעם אויבנדערמאָנטן פּראָטעסט געמוזט אָפּזאָגן, איז מען געפאַלן אויף דער פאָלגנדיקער כיטרער המצאה: דער באַקאַנטער העב-רעאיש-רוסישער שריפטשטעלער פּ. נ ע ס ק, וועלכער איז געווען סאָלאָוויאָווס לערער פון דער העברעאישער ליטעראַטור, האָט באַשלאָסן אַרויסצוגעבן אַ גאַנץ באַשיידענע אַפּאָלאָגיע פונם יידנטום אונטערן נאָמען „אַ וואָרט דעם באַשולדיקטן". סאָלאָ-וויאָוו האָט אָנגעשריבן צו דעמדאָזיקן ביכל אַן הקדמה, און האָט אויך איבערגעגעבן דעם מחבר צום פאַרעפנטלעכן די בריוו פון טאָלסטאָיען און קאָראָלענקאָ, וועלכע פאַרטיידיקן די יידן. אָבער ווי נאָר דאָס ווערקל איז אַרויס פון דרוק, האָט עס די צענזור תיכף קאָנפיסקירט, און נישט נעמענדיק אין אַכט אַלע השתדלותן און בקשות, האָט זי פאַרברענט אַלע עקזעמפּלאַרן פון דערדאָזיקער אומשולדיקער אַפּאָלאָגיע. אַזוי האָט מען דע-מאָלט פאַרשפּאַרט דעם מויל פון די ווייניקע יידישע מליצי-יושר, און אין דערזעלבער צייט האָט מען געגעבן די פולסטע פרייהייט די מיילער פון אַלע יידן-פרעסער.

———

אָבער דער אין רוסלאַנד דערשטיקטער געשריי פון צער און צאָרן קעגן דער יידישער באַדריקונג, האָט שטאַרק אָפּגע-קלונגען אין אויסלאַנד. דורך אַ קאָנדיפיציאָנעלן בריוו-ווערקסל מיט די יידישע פאָרשטייער אין ענגלאַנד האָט באַראָן גינצבורג געבאַרכט צו דעם, אַז די דאָרטיקע יידישע געזעלשאַפט האָט אויף זיך גענומען די איניציאַטיווע פון פּראָטעסט.

דעם 5-טן נאָוועמבער האָט דער „טיימס" פאַרעפנטלעכט אַ בריוו פון דעם סעקרעטאַר פונם לאָנדאָנער רוסיש-יידישן קאָמיטעט, ג. דזשאָזעף, מיט אַ הייסן אויפרוף צו די פּאָליטישע-טוער פון ענגלאַנד, אַז זיי זאָלן זיך אָננעמען פאַר די גע-רודפטע יידן. אין דעם בריוו ווערט געזאָגט, אַז די רוסישע

רעגירונג לייקנט אפילו אָפּ אָפיציעל דעם פאַקט, דאָס עס גרייטן זיך נייע רעפּרעסיעס קעגן יידן, אָבער פאַקטיש ווערן אָנגעווענדט אַלע פריערדיקע רעפּרעסיעס אַזוי ברייט און מיט אַזאַ אכזריות, דאָס דער ייד פון תּחום איז געגליכן צו איינעם, וועלכער ליגט געפאַנגען אין אַ שטייגל, וואָס אירע ווענטלעך קוועטשן זיך אַלץ מער צונויף, באופן, אַז דער אומגליקלעכער בלייבט פאַרמויערט. „דאָס רוסישע געזעץ זאָגט: אַ ייד מעג וואוינען דאָ, און נישט דאָרטן, אָבער וואו ער זאָל נישט וואוינען, דאַרף ער נישט לעבן, דאַרף ער נישט האָבן קיין מיטלען צום לעבן. דאָס איז — אַ טויט-אורטייל, וואָס ווערט זיך גאַנץ רואיק אַרויסגעטראָגן איבער הונדערטער טויזנטער מענטשלעכע וועזנס, אַ פאַלשער אורטייל איז עס, וועלכער איז פאַרדעקט מיט כיטרע פאָרמולעס פון געזעצן". דער מחבר פאַרענדיקט זיין בריוו מיט דעם פאָלגנדיקן אויפרוף: „צי קאָן די ציוויליזירטע אייראָפּע, צי קאָנען די קריסטן פון ענגלאַנד קוקן אויף דידאָזיקע לאַנגזאַמע ענויים, אויף דעמדאָזיקן אומבלוטיקן מאָרד און שווייגן?"

דערדאָזיקער אויפרוף פונם יידישן קאָמיטעט און די נייע טרויעריקע ידיעות, וואָס זענען אָנגעקומען פון רוסלאַנד און פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין „טיימס". האָבן דערוועקט די ענגלישע פּאָליטישע טוער איינצואָרדנען אַ פּראָטעסט-מיטינג. דריי און אַכציק פאָרשטייער פון דער העכסטער ענגלישער געזעלשאַפט האָבן זיך געווענדט צום לאָרד-מער מיט דער בקשה צו אָרגאַניזירן דידאָזיקע פאַרזאַמלונג. גראָד איז דער דעמאָלטיקער לאָנדאָנער לאָרד-מער געווען אַ קריסט, און ער האָט תּיכּף געגעבן זיין הסכּם צונויפצורופן דעם מיטינג.

דעם 10-טן דעצעמבער 1890 איז אין דעם אומגעהויער גרויסן זאַל פונם לאָנדאָנער מאַגיסטראַט פאָרגעקומען דערדאָזיקער מיטינג מיט דעם אנטייל פון צוויי טויזנט מענטשן. דער לאָרד-מער, וועלכער איז געווען דער פאָרזיצער פונם מיטינג, האָט זיך אין זיין ערעפנונגס-ריידע באַמיט ווי ווייט מעגלעך ווייכער צו מאַכן די שאַרפקייט פון פּראָטעסט, אויף וויפל ער

איז געווענדט קעגן דער אָפיציעלער רוסלאַנד. „איך קאָן זיך נישט פאָרשטעלן, — האָט ער געזאָגט, — אַז דער רוסישער קייזער, אַלס גוטער צערטלעכער פאָטער, זאָל זיך נישט באַציען וואוילגעניגט צו אַלע זיינע אונטערטאַנען. די האָפענונגען פון די רוסישע יידן זענען ביי היינטיקן טאָג קאָנצענטרירט אויף זיין מאַיעסטעט, דעם רוסישן קייזער. מיט איין פעדער-שטריך קאָן ער בטל מאַכן אַלע געזעצן, וועלכע דריקן זיי אַזוי גרויזאַם". דער לאָרד-מער האָט אויסגעדריקט זיין ווונטש, אַז אַלעקסאַנדער דער דריטער וועט באַפרייען די יידן, ווי זיין פאָטער האָט באַפרייט די פויערים. די אַלע ווייטערדיקע רעדנער האָבן געשילדערט אין ריכטיקע פאַרבן די בירגערלעכע קנעכטשאַפט פון די רוסישע יידן. דער קאַרדינאַל-מאַנינג, וואָס האָט צוליב זיין קראַנקהייט נישט געקאָנט אנטייל-נעמען אין מיטינג, האָט צוגעשיקט אַ לאַנגן בריוו, וועלכער איז איבערגעלייענט געוואָרן פאַרן עולם. דער טעם, אַז מען דאַרף זיך נישט מישן אין דער אינערלעכער פאָליטיק פון אַ פרעמדער מלוכה—האָט געשריבן דער קאַרדינאַל — איז צום ערשטן מאָל אויסגעדריקט געוואָרן אין דעם אַלטן קינשן אויסרוף: צי בין איך דער היטער פון מיין ברודער ?". עס עקזיסטירט אַן איינציקע „יידישע ראַסע", וואָס איז צושפרייט איבער דער גאַנצער וועלט. און דער ווייטיק, וועלכן מען פאַראורזאַכט דעם רוסישן טייל פון דערדאָזיקער ראַסע. פילט אויך איר ענגלישער טייל. מען טאָר נישט שווייגן, צוקוקנדיק זיך, ווי זעקס מיליאָן מענטשן זענען גלייכגעשטעלט מיט פאַרברעכער. באַזונדערס ווען דידאָזיקע מענטשן געהערן צו א פאָלק, וואָס האָט „כמעט אַ פיר-טויזנט-יעריקע הייליקע געשיכטע".

דער ערשטער אָראַטאָר פון מיטינג, דער הערצאָג פון וועסטמינסטער, האָט אויסגערעכנט אַלע צרות פון די רוסישע יידן און האָט פאָרגעלייגט דעם עולם אָנצונעמען אַ פראָטעסט-רעזאָלוציע: „מיר לייענען אין דער געשיכטע פון דעם יידישן פאָלק, אז גאָט האָט הארט געמאַכט דאָס הארץ פון פרעה מלך מצרים און ער האָט נישט געוואָלט באַפרייען די יידן ; די

רעטונג איז דאָך אָבער נאכהער פאָרט געקומען דורך משהן". נאָך די גלענצנדע רעדעס פון דעם עפיסקאָפּ ריפּאָן און גראַף מיס, איז אָנגענומען געוואָרן אַ רעזאָלוציע, וועלכע באַדויערט טיף די ליידן, וואָס די יידן אין רוסלאַנד שטייען אויס דורך די דראַקאָנישע אויסנאַמס-געזעצן. אויסערדעם איז אָנגענומען געוואָרן דער באַשלוס איבערצוגעבן דעם רוסישן קייזער אינם נאָמען פון די לאָנדאָנער בירגער און מיט דער אונטערשריפט פונם לאָרד-מער אַ בריוו מיט אַ בקשה מבטל צו מאַכן אַלע אויס-נאַמס-געזעצן און רעכט-באַגרענעצונגען, וועלכע דריקן זיינע יידישע אונטערטאַנען און גלייכשטעלן זיי אין זייערע רעכט מיט אַלע איבעריקע בירגער.

מיר גיבן דאָ איבער די אינטערעסאַנטערע שטעלן פון דעם בריוו, וועלכן דער מאַגיסטראַט פון דער ענגלישער רע-זידענץ-שטאָט האָט געשיקט צו אַלעקסאַנדער דעם דריטן לטובת די רוסישע יידן:

"...מיר, לאָנדאָנער בירגער, ווענדן אונז מיט גרויס יראת הכבוד צו אייער קייזערלעכער מאַיעסטעט און בעטן אייך אונ-טערטעניגסט, איר זאָלט זיך באַציִען גנעדיק צו די געדריקטע. געשרייען פון יאוש האָבן זיך צו אונז דערטראָגן פון טויזנטער יידן, וועלכע ליידן אין אייער גרויסער מלוכה, און מיר, ענג-לענדער, אויס גרויס מיטלייד צו אַלע ליידנדע, ווענדן אונז צו אייער מאַיעסטעט מיט דער בקשה, איר זאָלט אויף זיי רחמנות האָבן און געבן זיי אייער קייזערלעכע הילף. פינף מיליאָן אונטערטאַנען פון אייער מאַיעסטעט זיפצן אונטער דעם שווערן יאָך פון באַגרענעצונגען און אויסנאַמס-געזעצן. די קינדער פון יענעם פאָלק, פון וועלכן ס'זענען אַרויס אַלע רע-ליגיעס — אונזערע און אייערע, — און בכלל יעדער רעליגיע אויף דער וועלט, וואָס אנערקענט דעם איינציקן גאָט,—מענטשן, וועלכע זענען מיט לייב און לעבן צוגעבונדן צו זייער אַלטער אמונה און צו די פאָרמען פון זייער קולט, די יידן אין אייער אימפּעריע זענען אונטערגעוואָרפן אַזעלכע געזעצן, וועלכע לאָזן בישט לעבן און אָפּציִען דעם אָטעם... צונויפגעשטיקט אין ענגע

גרענעצן אינמיטן פון אייער אומגעהויער גרויסער מלוכה, זענען זיי אַפּילו אין דידאָזיקע גרענעצן געצוואונגען צו וואוינען באַזונדערס אין די שטעט, וועלכע זענען איבערפולט מיט אָרעמע לייט און אומגליקלעכע; זיי איז פאַרבאָטן יעדע באַוועגונגס-פרייהייט; יעדער געשעפט, וואָס זיי מאַכן, שטויסט זיך אָן אויף רעכט-באַגרענעצונגען; זיי טאָרן נישט נעמען אין אַרענדע קיין ערד און דאַרפן בכלל נישט האָבן קיין שום שייכות צו לאַנדווירטשאַפט; זייערע עקזיסטענץ-מיטלען זענען אַזוי באַגרענעצט, אַז זיי האָבן נישט פונוואַנען צו לעבן. און זיי זענען געדריקט נישט בלויז אין וואוינרעכט און אין האַנדל. מען דערווייטערט זיי פון הויכער בילדונג, מען לאָזט זיי צו אין די שולן נאָר אין זייער אַ קליינעם פּראָצענט, וועלכער איז נישט צוגעפּאַסט צו זייערע באַדערפעענישן און צו זייערע שטרעבונגען. זיי קאָנען זיך נישט באַשעפטיקן מיט פרייע פּראָפעסיעס אַזוי ווי אַלע אַנדערע אונטערטאַנען פון אייער מאַיעסטעט, זיי קאָנען זיך נישט דערדינען צו אַ העכערן ראַנג אין מיליטער, ווי גרויס זייערע פאַרדינסטן זאָלן נישט זיין...

„גרויסער קייזער! מיר, וועלכע זענען געוואוינט אָפּגעבן כבוד אַלע רעליגיעס, וועלכע האַלטן די גלויבנס-פרייהייט פאַר אַ צייכן פון אמתער רעליגיאָזיטעט, בעטן אייך, איר זאָלט מבטל מאַכן דידאָזיקע אַלע געזעצן, וואָס דריקן אַזוי די יידן, גיט זיי דאָס גליק פון גלייכבאַרעכטיקונג. אין אַלע לענדער, וואו די יידן זענען גלייכבאַרעכטיקט, לעבן די פעלקער גליקלעך. מיר בעטן אייך אָפּצושאַפן דידאָזיקע ספּעציעלע געזעצן און רעפּרעסיעס, וועלכע דריקן און שטיקן אייערע יידישע אונטערטאַנען...

„קייזער! אייער קייזערלעכע שוועסטער, אונזער קייזערין און קעניגין, באַגריגדעט איר הערשאַפט אויף דער ליבע פון איר פאָלק, זעענדיק אין זיין גליק איר אייגן גליק. זאָל אויך אייער קייזערלעכע מאַיעסטעט שעפּן אין דער ליבע פון אייערע אונטערטאַנען קראַפט און גליק, פאַרגרעסערנדיק דורך דעם נאָך מער די קראַפט פון אייער מעכטיקער אימפּעריע".

דערדאָזיקער מעמאָריאַל, וועלכער איז געווען אונטערגע-

שריבן פונם לאָרד־מער סאַוואָרי, איז דעם 24-טן דעצעמבער אָפּגעשיקט געוואָרן קיין פּעטערבורג און אַ צוגעלייגטן בריוו אויפן נאָמען פונם גענעראַל-אַדיוטאַנט ריכטער, דער פאַרוואַלטער פון דער קייזערלעכער קאַנצעלאַריע, מיט דער בקשה, אָפּצוגעבן דעם דאָקומענט אַלעקסאַנדער דעם דריטן. קיין תשובה אויפן מעמאָריאַל האָט דער לאָנדאָנער לאָרד-מער פונם רוסישן קייזער נישט באַקומען, מ'האָט אָבער געגעבן פון רוסלאַנד אַן אינדי-רעקטן ענטפער דורך דער פאַרקויפטער פּרעסע. דער אויסלענ-דישער אָפּיציאָז פון דער רוסישער רעגירונג, די בריסעלער צייטונג „נאָרד", וואָס איר פּראָפעסיע איז באַשטאַנען אין ווייס מאַכן די שוואַרצע פּאָליטיק פון אירע אונטערקויפער, איז אַרויס מיט אַן אַרטיקל, אין וועלכן ס'האָט זיך אויסגעגאָסן דער גאַנצער צאָרן פון די פּעטערבורגער מלוכה־ספערן. „קיינמאָל האָט זיך די יידן נישט געלעבט אַזוי גוט אין רוסלאַנד, ווי איצט — אַזוי האָט געלייגט דער אָפּיציאָז — און פונדעסטוועגן האָבן זיי זיך נאָך קיינמאָל אַזוי שטאַרק נישט באַקלאָגט ווי דווקא היינט. וואָס זאָל זיין דערפון די סבה? די סבה ליגט אין די באַזונ-דערע אייגנשאַפטן פון די יידן: אַ ייד איז קיינמאָל מיט קיין זאַך נישט צופרידן. וואָס מער מען גיט אים, אַלץ מער פאַר-לאַנגט ער. אומזיסט האָט דער לאָנדאָנער מיטינג געפאָדערט רעליגיאָנס־פרייהייט פאַר די רוסישע יידן; קיינעם אין רוסלאַנד פאַלט גאָרנישט איין צו שטערן זיי פון זייער רעליגיע. די בירגערלעכע באַגרענעצונגען אָבער הויבן גאָרנישט אָן צו דריקן די יידן, וועלכע עס לעבט זיך אין רוסלאַנד אַזוי גוט, דאָס אפילו זייערע עמיגראַנטן אין אַמעריקע פאַנטאַזירן וועגן צוריק-קערן זיך אַהיים".

דורך אַזעלכע מיטלען האָט מען געוואָלט פאַרטומלען אין אויסלאַנד דעם אמת וועגן דעם יידישן מצב אין רוסלאַנד. די מיטלען האָבן אָבער נישט געהאַט קיין דערפאָלג, צום ווייניקסטן אין ענגלאַנד, וואו די עפנטלעכע מיינונג האָט זיך נישט געלאָזן נאַרן, און די בלעטער האָבן נישט אויפגעהערט צו באָמבאַרדירן די רוסישע רעגירונג פאַר איר דראַקאָנישער באַציאונג צו די

יידישע אונטערטאַנען. נאָר ווייניק יידן אין רוסלאַנד, כמעט געציילטע, האָבן דעמאָלסט געוואוסט, אַז דער גאַנצער אויפטו איז געווען איינער פון די מיטלען, דורך וועלכן באַראָן גינצבורג האָט געגלויבט ווייכער צו מאַכן די רוסישע פּאָליטיק בנוגע יידן. און באמת זענען אַ קורצע צייט נאָך דעם לאָנדאָנער מיטינג אַ ביסל שוואַכער געוואָרן אין רוסלאנד די רעפּרעסיעס געגן יידן, באופן, אַז ס'האָט געוועזט געמאַכט דעם איינדרוק, דאָס מ'קלערט זיי שוין לאָזן צו-רו. ס'איז אָבער געווען אַ ביטערער טעות. אין יאָר 1891 זענען אָנגעשטאַנען פאַר די רוסישע יידן נאָך ערגערע טעג, וועלכע האָבן זיך אָנגעהויבן מיט דעם מאָסקווער גירוש. באַראָן גינצבורג איז דאַן אַריינגעפאַלן אין אַ שרעקלעכן יאוש.

פאַר די לעצטע עטלעכע יאָר, באַזונדערס נאָך די ערשטע פּאָגראָמען, האָט דער פּרעסטיזש פון באַראָן גינצבורג אָנגעהויבן ביסלעכווייז צו פאַלן אין דער פּראָווינץ. ס'האָט דאַן אויסגעבראָכן צווישן די רוסישע יידן אַ גרויסע באַוועגונג פון עמיגראַציע; דער עולם האָט אָבער גענומען לויפן אין אומאָרדנונג, און דאָס האָט געבראַכט גרויס שאָדן. אַ טייל פון דער יידישער פּרעסע איז דעמאָלסט אַרויס מיט דעם פאָרשלאַג, אַז מען זאָל זיך משתדל זיי פאַר דער רוסישער רעגירונג וועגן אַן ערלויבניש צו גרינדן באַזונדערע קאָמיטעטן, וועלכע זאָלן אָנפירן מיט דער עמיגראַציע. דערדאָזיקער פאָרשלאַג איז אין זיין צייט אונטערשטיצט געוואָרן כמעט פון דער גאַנצער יידישער פּראָווינציעלער אינטעליגענץ. געוויינלעך האָט זיך דידאָזיקע אינטעליגענץ געווענדט נישט צו קיין אַנדערן, ווי נאָר צום באַראָן גינצבורג מיט דער בקשה, אַז ער זאָל די זאַך פאָרלעגן דער רעגירונג. הבאַראָן גינצבורג האָט אָבער די בקשה אָפּגעוואָרפן, און איז נאָך אַרויסגעטראָטן אַלס שאַרפער קעגנער פון דער

עמיגראַציע. ער האָט געטענהט, דאָס ער וויל נישט געבן די שונאי ישראל קיין אויסרייד, אַז יידן האַלטן זיך פאַר פרעמדע אין דער מדינה און זיי זענען יעדע רגע קאַפּאַבעל צו אַנטלויפן. באַראָן גינצבורג האָט נאָך דעמאָלסט פעסט געגלויבט, אַז נאָר ווען יידן וועלן זיך אַרויסווייזן פאַר הייסע פאַטריאָטן, וועט די מלוכה מיט זיי האָבן אײנזען, און וועט זיי סוף כל סוף גלייכשטעלן אין זייערע רעכט. דעמדאָזיקן געדאַנק האָט באַראָן גינצבורג אַרויסגעזאָגט אויך אויפן צוזאַמענפאָר פון די יידישע פראָווינציאַלע עסקנים, וועלכער איז דאַן פאָרגעקומען ביי אים אין וואוינונג. צוליב דעמזעלביקן טעם איז ער געווען אַ גרויסער קעגנער אויך פון ישוב ארץ־ישראל, און קיינער, אַפילו דער באַוואוסטער ביאַליסטאָקער רב ר׳ שמואל מהליווער, וועלכן ער האָט תמיד אַרויסגעוויזן גרויס אַכטונג, האָט אין דעם פרט אויף אים נישט געקאָנט ווירקן. ער האָט געהאַלטן, אַז קיום זוכן יידן פאַר זיך אַן אַנדער לאַנד, שניידן זיי דורך דעם אונטער דעם צווייג אויף וועלכן עס זיצן מיליאָנען יידן. דאָס אַלץ האָט געבראַכט צו דעם, אַז מען האָט אין דער פראָווינץ אויפגעהערט צו קוקן אויפן באַראָן גינצבורג ווי אויף דעם איינציקן פאָלקס־פירער. מ׳האָט אָנגעהויבן אנבצודערקענען, אַז זיין פאָליטיק האָט באַנקראָטירט, אַז זיין קאַמף פאַר די יידישע רעכט איז נאָר אַן אומזיסטע כּחות־פאַרשווענדונג. באַראָן גינצבורג האָט עס געוואוסט און געפילט, דאָך איז ער געבליבן פעסט ביי זיין פאָליטיק און ביי זיינע שתדלנות־מעטאָדן און ביי זיינע האָפענונגען...

נאָך דער מאָסקווער גירוש אָבער האָט זיך שוין באַראָן גינצבורג אַליין אָנגעהויבן צו פילן גאַנץ אַנטטוישט. ער האָט זיך איבערצייגט, אַז די רוסישע מלוכה שטיצט זייער די יידישע עמיגראַציע און קיין פאַטריאָטיזם מצד די יידן וועט איר דערפון נישט אָפּהאַלטן. אויף דעם האָבן באַוויזן די פאָלגנדיקע פאַקטן: אין דעם באַריכט פונם פאָדאָליער גובערנאַטאָר איז געזאָגט געוואָרן, אַז עס איז זייער ווינטשנסווערט, דאָס די יידן זאָלן פאַרלאָזן רוסלאַנד. אויף דעם האָט דער קייזער

אָנגעמערקט: „און אויך זייער נוצלעך". אויף דעם פאָרשלאַג פונם אַדעסער גראַדאָנאַטשאַלניק, אַז די יידן, וואָס עמיגרירן פון לאַנד, זאָלן נישט האָבן דאָס רעכט קיינמאָל צוריקקערן קיין רוסלאַנד, האָט דער קייזער אונטערגעשריבן: „זייער ריכטיק". מיט אַ באַזונדער צופרידנהייט האָט זיך די רוסישע רעגירונג אָנגעכאַפּט אָן דעם פאָרשלאַג פון דער „יידישער קאָלאָניזאַציאָנס-אַסאָציאַציע", וועלכע איז געגרינדעט געוואָרן אין לאָנדאָן אין יאָר 1891 דורך באַראָן הירש, אַרויסצופירן פון רוסלאַנד אינם משך פון פינף און צוואַנציק יאָר דריי מיליאָן מיט צוויי הונדערט פופציק טויזנט יידן.

דער נאָמען פונם באַראָן הירש איז שוין דאַן געווען באַקאַנט דער רוסישער רעגירונג מיט וועלכער ער האָט נאָך פריער געפירט אונטערהאַנדלונגען, וואָס האָבן אין זייער צייט נישט באַזונדערס געשמעקט די יידנפרעסערישע אַדמיניסטראַטאָרן. באַראָן הירש האָט דעמאָלט באַשלאָסן מנדב צו זיין פופציק מיליאָן פראַנק אויף צו גרינדן אין רוסלאַנד פּראָפעסיאָנעלע שולן, האַנדוועקער-וואַרשטאַטן און לאַנדווירטשאַפטלעכע פערמעס לטובת די יידן. ער איז געווען גאַנץ זיכער, אַז די רוסישע רעגירונג וועט אָננעמען מיט פרייד דיזאָזיקע קאָלאָסאַלע נדבה, וועלכע האָט דעם צוועק אויפצובויען די פּראָדוצירנדע קרעפטן פון דער מדינה און דעם וואוילשטאַנד פון די אָרימע מאַסן. ער האָט אָבער אַ טעות געהאַט, ס'האָט זיך דאָ געהאַנדלט וועגן פאַרבעסערן דעם מצב פון די יידן, בעת אין די מלוכה-ספערן האָט מען פון זיי געוואָלט אינגאַנצן פטור ווערן. אין פעטערבורג האָט מען די באַפולמעכטיקטע פון דעם באַראָן הירש פאָרגעלייגט, אַלס תנאי קודם למעשה, אַז דאָס געלט זאָל איבערגעגעבן ווערן נישט די יידישע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס נאָר דער רוסישער רעגירונג, וועלכע וועט זיי פאַרברויכן לויט ווי ביי איר וועט אויסקומען עס האָט זיך דאַן געפונען. איינער אַזעלכער, וואָס האָט געגעבן די באַפולמעכטיקטע פונם באַראָן הירש די שענדלעכע עצה, צו געווינען פאַר דער זאַך די סימפּאַטיע פון פאָביעדאָנאָסצעוו דורך דעם, וואָס זיי וועלן שענקען

אַ מיליאָן פראַנק פאַר זיין ליבלינגס־אַנשטאַלט: די קלויסטער־שולן. דער סוף איז אָבער געווען, אַז די „מתנה" האָט מען אָנגענומען, און דעם פאָרשלאַג פון באַראָן הירש האָט מען אָפּגעוואָרפן.

אָט דער פאַקט. און נאָך אייניקע אַזעלכע, האָבן דעם באַראָן גינצבורג געעפנט די אויגן אויף דער ווירקלעכקייט און ער האָט שוין אָנגעהויבן מודה צו זיין, אַז גערעכט זענען געווען יענע, וואָס האָבן געפונען די עמיגראַציע אַלס איינציקער מיטל צו פאַרהיטן די רוסישע יידן פון אַ פולשטענדיקע רואין. גינצבורגן איז נאָך באַשערט געווען איבערצולעבן די ברענענ־דיקע באַליידיקונגען, וועלכע עס האָבן געהאַט אויסצושטיין די עטלעכע יידישע פאָרשטייער, וואָס זיי איז אויסגעקומען צו אונטערהאַנדלען מיט דער רוסישער רעגירונג, וועגן דער פראַגע בנוגע דער יידישער עמיגראַציע.

דאָס איז געווען בעת דער באַראָן הירש האָט באַשלאָסן אָפּצוגעבן אַ גרויסן קאַפּיטאַל פאַר די נויטן פון דער יידישער עמיגראַציע און האָט צוליב דעם צוועק אַרויסגעשיקט קיין רוסלאַנד, אַלס באַפולמעכטיקטן דעם ענגלענדער ארנאלד אוואַייט, אַ מיטגליד פונם ענגלישן פּאַרלאַמענט צו פירן אונטערהאַנד־לונגען מכח דעם ענין מיט די רוסישע מלוכה־לייט. אוואַייט איז קומענדיק קיין פעטערבורג באַלד אָנגענומען געוואָרן אויף אַן אוידיענץ ביי פאָביעדאָנאָסצעוון און ביי אייניקע מיניסטאָרן. דאָס איז געשען גראָד אין דער צייט פונם מאָסקווער גירוש, בעת אין אַמעריקע און אייראָפּע האָט מען געדונערט מיט די שאַרפסטע פּראָטעסטן קעגן דער רוסישער רעגירונג: די פעטער־בורגער יודאָפאָבען האָבן זיך דאַן געקאָכט פון צאָרן און פאַר־דרוס און האָבן זייער גאַנצן כעס און פאַרביטערונג אויסגע־גאָסן אין זייערע געשפּרעכן מיט די יידישע פאָרשטייער, די באַפולמעכטיקטע מצד דעם באַראָן הירש, און באַזונדערס מיט אוואַייטן. ווי אוואַייט האָט נאָכהער דערציילט, האָט מען אים דאַן אין די פעטערבורגער מלוכה־ספערן אָפּגעשילדערט דעם טיפ פונם רוסישן יידן אַלס געמיש פון „באַטריגער און פראָצענטניק".

אין זיין געשפרעך מיט אואייטן האָט פּאָביעדאָנאָסצעוו גיפטיק באַמערקט: „דער ייד איז אַ פּאַראַזיט; זייט אים מרח׳ק פונם לעבעדיקן אָרגאַניזם, אין וועלכן ער לעבט און אויף וועמענס חשבון ער שפּייזט זיך, און זעצט אים איבער אויף אַ פעלזן, — וועט ער תיכף אונטערגיין". נאָך אַזעלכע סאָרטן דערקלערונגען, מיט וועלכע די רוסישע מיניסטאָרן האָבן געוואָלט באַרעכטיקן זייער שיטה צו פאַרפייניקן די פינף מיליאָן „פּאַראַזיטן", האָבן זיי זיך דערקלערט גרייט מיטצוהעלפן אַרויסצופירן זיי פון רוסלאַנד; זיי האָבן אָבער דערביי געשטעלט דעם באַדינג, אַז אינם משך פון צוועלף יאָר זאָלן אַרויסגענומען ווערן פונם לאַנד נישט ווייניקער פון דריי מיליאָן יידן. נאָכדעם ווי דער ענג־לישער דעלעגאַט האָט זיי פאָרגעלייגט דעם פּלאַן פון באַראָן הירש, לויט וועלכן ס׳וועלן אַרויסגעפירט ווערן פון רוסלאַנד דריי מיט אַ פערטל מיליאָן יידן ערשט אין משך פון פינף און צוואַנציק יאָר, האָבן די רוסישע מיניסטאָרן מיט דעם מסכים געווען. דידאָזיקע גלענצנדע פּערספּעקטיוו פּטור צו ווערן אויף אַזאַ לייכטן אופן פון יידן, האָט די רוסישע מלוכה־לייט אַזוי שטאַרק דערפרייט, דאָס בעת די פראַגע האָט זיך באַהאַנדלט אין מיניסטאָרן־קאַבינעט האָט דער ים־מיניסטער טשיכאַטשעוו פאָרגעלייגט, אַז די רעגירונג זאָל צוצאָלן דעם באַראָן הירש עטלעכע רובל פאַר יעדן עמיגראַנט מיט דעם תנאי, אַז אין משך פונם ערשטן יאָר זאָלן אַרויסגעפירט ווערן פון רוסלאַנד נישט ווייניקער פון הונדערט דרייסיק טויזנט מאַן, באופן, אַז די אָנגעגעבענע צאָל פון דריי מיט אַ פערטל מיליאָן זאָל פאַנאַנדערגעוואָרפן ווערן ריכטיג אויף 25 יאָר! מיט גרויס חשק האָט דאַן די רעגירונג געגעבן איר הסכם צו גרינדן די יידישע קאָלאָניזאַציע־געזעלשאַפט (יק"א) אין פּעטערבורג מיט אָפּטיילונגען אין דער פּראָווינץ. די עמיגראַנטן האָט מען מבטיח געווען אַרויסצוגעבן אומזיסטע פּעסער און באַפרייען זיי פון מיליטער־דינסט. נאָר בתנאי, דאָס זיי זאָלן זיך שוין קיין רוסלאַנד קיינמאָל נישט צוריקקערן.

מיט דער באַטייליקונג פונם באַראָן גינצבורג אין די אַלע

אַרבעטן, וואָס זענען אָפּגעטון געוואָרן, אום אַרויסצובאַקומען די ערלויבעניש אויף דער גרינדונג פון דער געזעלשאַפט „יק״א״, האָט זיך פאַרענדיקט זיין העכער צוואנציק-יעריקע שתדלנישע טעטיקייט. און אָפּגעשלאָסן האָט זיך ביי אים דידאָזיקע טעטי־קייט מיט אַ שטאַרקן יאוש געפיל און אַ גרויס ווייטאג אין האַרצן. אַזוי פיל געשטריטן, אַזוי פיל כחות אַוועקגעלייגט, און אין דער אונטערשטער שורה האָבן אפשר עפּעס פון דעם גע־נאָסן יחידים, אָבער דער כלל אינגאַנצן געמומען איז פאַרבליבן עלנד ווי געווען. דאָס האָט געבראַכט דערצו, אַז ביסלעכווייז האָט זיך באַראָן האָראַץ גינצבורג אָנגעהויבן מרחיק צו זיין פון פּאָליטישער כלל-אַרבעט. און פון דעמאָלסט אָן האָט ביי אים די שתדלנות אָנגענומען אַ רעליגיעזן כאַראַקטער. אייניקע מאָל איז אים אויסגעקומען משתדל צו זיין זיך מיט דערפאָלג לטובת דער באַרימטער וואָלאָזשינער ישיבה, אויף וועלכער ס׳האָבן זיך נישט איינמאָל דערוועקט קטרוגים אין די העכערע מלוכה־ספערן. און זי האָט זיך שוין געהאַלטן ביים פאַרמאַכן. אַ גרויסן, אויב נישט דעם גרעסטן טייל אין דער אַרבעט האָט ער געמומען בעת ס׳איז שוין געווען נאָענט דערביי, אַז מ׳זאָל אסרן אין רוסלאַנד די יידישע שחיטה. לויט ווי ס׳האָבן דאַן איבערגעגעבן מקורבים פון באַראָן גינצבורג, האָט ער די גאַנצע צייט, וואָס ס׳האָט זיך גערעדט וועגן דער גזירה פון דער שחיטה, נישט גערוט און איז געווען דורך און דורך פאַר־שלונגען אין דעם ענין; ער האָט זיך צונויפגעשריבן וועגן דער פראַגע מיט צענדליקער רבנים און גאונים, און האָט צולעצט אַראָפּגעבראַכט קיין פּעטערבורג דעם באַרימט געוואָרענעם דאָקטאָר רעמבא, וועלכער האָט פאַרהאָלפן דער יידישער שחיטה צו איר אַנטגילטיקן נצחון. די פּראָווינציעלע אָרטאָדאָקסיע האָט דאַן געהאַלטן שטאָל און אייזן, אַז געראַטעוועט די רוסישע יידן פון דער שרעקלעכער גזירה, וואָס האָט אויף זיי געשוועבט, איז געווען נישט קיין אַנדערער, ווי נאָר דער באַראָן האָראַץ גינצבורג.

———————

אין די אַזוי גערופענע „פרייע טעג" פונם יאָר 1905, בעת די יידישע יוגנט האָט זיך צום ערשטן מאָל עפנטלעך באַטייליקט אין דער אַלגעמיינער באַוועגונג קעגן דער עקזיס־טירנדער אָרדנונג, איז באַראָן גינצבורג געווען אויף איר דער־פאַר שטאַרק אַנגעשטויסן. דער אַלטער שתדלן, וועמענס האַרץ עס האָט אַזוי אָפט געבלוטיקט צוליב דעם צאַרישן רעזשים, איז דאָך פאַרבליבן לאָיאַל קעגן דעמדאָזיקן רעזשים, און די זעלבע לאָיאַליטעט האָט ער פאַרלאַנגט אויך פון דער יידישער יוגנט. „מיט געוואַלד וועט מען ביי רוסלאַנד גאָרנישט פועלן — אַזוי פלעגט ער תמיד זאָגן — און מיט גוטן, וועט מען זיך נאָך אפשר עפעס דערשלאָגן". בשעת ס'האָבן אויסגעבראָכן די אָקטאָבער־פּאָגראָמען, האָט ער געהאַלטן פאַר אַ צייכן — אַזוי דערציילט מען — אַז זיין פּאָליטישער חוש האָט אים נישט אָפּגענאַרט...

פאַר די וואַלן צו דער ערשטער גאָסודאַרסטווענער דומע, בעת די יידישע גאַס האָט זיך אַ ריר געטון מיט לייטן גלייך, און ס'זענען אין איר אַרויפגעשוואומען נייע כלל־טוער מיט אַ סך ברייטערע השגות, און דידאָזיקע טוער זענען אַרויסגעטראָטן אויף די דעמאָלסטיקע פּעטערבורגער גרויסע אַלגעמיינע פּאָלי־טישע מיטינגען, אַלס קעמפער פאַר די רעכט פונם יידישן פאָלק, איז שוין באַראָן האָראַץ גינצבורג געווען כמעט אינגאַנצן אַ פאַרגעסענער. קיינער פון די עסקנים, הן פון די פּעטערבורגער און הן פון די פּראָווינציעלע, האָט נישט געפונען פאַר זיין חוב אַריינצוגיין צום באַראָן אום צו עצהן זיך מיט אים מכח דער ניי־געשאַפענער לאַגע. מען דערציילט, אַז דעם באַראָן האָט דאָס זייער געקרענקט...

———————

מיט דעם אַריינגאַנג פון די יידישע דעפּוטאַטן אין דער ערשטער גאָסאָדאַרסטווענער דומע, אין יאָר 1906 האָט זיך אָפּגעשלאָסן די תקופה מיט שתדלנות אין דער געשיכטע פון די רוסישע יידן.